STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00250

SOVYET RUSLAND

N. Chanin

Permanent preservation of this book was made possible by
Gerald A. Axelrod
in memory of
Shirley Karlin Axelrod

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. כאַנין.

סאָוויעט רוסלאַנד

ווי איך האָב איהר געזעהן

פאַרלאַג „וועקער“
ניו יאָרק, 1929

Copyright 1929
N. Chanin

אינהאַלט

זייט

דער ערשטער אריינפאָהר 3

וואָס אַן אויסלענדישער גאַסט זעהט אין רוסלאַנד, און וואָס עס זעהט אַן אייגענער מענש 12

אין די אידישע שטעט און שטעטלאַך 30

פון וואָס אידען מאַכען איצט א לעבען 49

צעהן טעג אין מאָסקווע 56

אויף די ארבייטס־בירזשעס צווישען די ארבייטסלאָזע . . . 69

אויף די פאַבריקען 81

די וואוינונגען 91

אָדעס 100

די אידישע בעלי־מלאכות 105

וואָס איך האָב געזעהן אין די אידישע קאָלאָניעס 116

בירא־בידזשאַן 138

צווישען רוסישע פויערים אין דאָרף 146

די רויטע ארמיי 159

קולטור אויף דער אידישער גאַס 167

די אלגעמיינע און אידישע קינדער־שולען 189

דער יונגער דור 201

אינטערעסאנטע באגעגענישען 211

מיין באגעגעניש מיט ראָזע'ן 227

אויפ'ן וועג צום גרענעץ 237

א סך־הכל פון מיינע איינדרוקען 246

דער ערשטער אַריינפאָהר

מיין בענקשאַפט נאָך רוסלאַנד. — די רוסישע גרענעץ. — ענדליך אין מינסק. — וואָס איך האָב געפונען אין מיין שטאָט.

ווען איך בין פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס דעלעגאַט צום אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין ברוסעל און צום צוזאַמענפאָהר פון „בונד" אין פוילען, איז דאָס פאַר מיר געווען אַן אונגעהויער גרויסע פרייד און אַ כבוד, פון וועלכען איך האָב זיך געפיהלט גליקליך. אָבער איין געפיהל האָט מיר מיין פרייד פאַרשטערט.

איך וועל זיין אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, בעלגיען, פוילען און וועל ניט קאָנען זיין אין רוסלאַנד. וואָס נעהנטער ס'איז געקומען דער טאָג פון מיין אָוועקפאָהרען קיין אייראָפּע, אַלץ שטאַרקער איז ביי מיר געוואָרען דער דורשט צו זיין אין רוסלאַנד.

איך בין פון רוסלאַנד אַנטלאָפען קיין אַמעריקע אַלס פאָליטישער עמיגראַנט מיט 17 יאָהר צוריק, אָבער די גאַנצע צייט האָב איך געלעבט מיט רוסלאַנד. אין רוסלאַנד האָב איך איבערגעלעבט מיין יוגענט, איך האָב זיך באַטייליגט אין דער רוסישער רעוואָלוציע פון יאָהר 1905, איך האָב פאַר רוסלאַנד געליטען, געווען פאַרשיקט אין קאַטאָרגע, געשמידט אין קייטען, איך האָב דורכגעמאַכט אַלע פייניגונגען פון אָריאָלער קאַטאָרזשנעם צענטראַל.

רוסלאַנד האָט מיר געגעבען אַ נייעם גאָט, אַ נייעם גלויבען, נייע אידעאַלען. פאַר אַ נייעם מענשען געמאַכט. מיט רוסלאַנד זיינען נאָך איצט פאַרבונדען ביי מיר די שענסטע מאָמענטען פון מיין לעבען.

פאַר די 17 יאָהר, וואָס איך לעב אין אַמעריקע, האָט רוסלאַנד דורכגעמאַכט איהר גרויסע רעוואָלוציע, מיט וועלכער עס זיינען נאָך אפילו איצט פאַרנומען די בעסטע מוחות פון דער גאַנצער וועלט.

פריינד און פיינד ריידען אַלע טאָג וועגען דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דעם לאַנד, מיט וועלכען איך בין גייסטיג אַזוי ענג פאַרבונדען און וואָס איז פאַר מיר איצט אַזוי ווייט. צעהן יאָהר

אז איך לייען אַלע טאָג אין די צייטונגען אַזעלכע פאַרשידענע באַ־ריכטען וועגען דעם לאַנד פון מיין יוגענט, וועגען מיין היימאַט.

יעדען מאָל לייענענדיג די ווידערשפּרעכליכע באַגייסטערטע אָדער געגנערישע אַרטיקלען וועגען רוסלאַנד, פלעג איך טראַכטען, „ווי כאַפּט מען זיך אַריין אין רוסלאַנד אויף אַ וואָך אָדער צוויי צו באַזוכען אַ רייהע שטעט, שטיל אָהן פּאַראַד, פון קיינעם אַפילו ניט באַמערקט, דורכגעהן די גאַסען, זעהן די מענשען, אַן אַטעם טאָן מיט זייער לעבען, זעהן אַלץ מיט מיינע אייגענע אויגען!“

ווען איך בין געקומען אין פּוילען, וועלכע גרענעצט זיך מיט רוסלאַנד, איז ביי מיר דער דורשט צו פאָהרען קיין רוסלאַנד גע־וואָרען נאָך שטאַרקער.

אָט קאָן מען מיט דער האַנט דערלאַנגען דאָס לאַנד, וואָס איך ליב אַזוי שטאַרק, וואָס איך וויל אַזוי עקשנות'דיג זעהן. גאָט מיינער, ווי פליהט מען אַהין? איך האָב ניט גערוהט, ביז עס האָט זיך מיר איינגעגעבען צו קריגען אַן ערלויבניש פון דער סאָוועט־רעגירונג צו באַזוכען רוסלאַנד. ווען איך האָב די ערלויבניש גע־קראָגען איז מיין האַרץ געווען פול מיט דאַנקבאַרקייט צו דער רוסישער רעגירונג.

אָט זיץ איך שוין אויף דער באַהן, וועלכע פיהרט מיך נאָך רוסלאַנד. עס ברויזט אין האַרצען אַ ים מיט געפיהלען און איבער־לעבונגען. איך דערמאָן זיך די שטעט, וואו איך האָב אַמאָל אין די צאַרישע צייטען געאַרבייט אַלס בונדיסט. עס לויפען דורך אין מיינע ערינערונגען אַזויפיל מענשען, וועלכע איך וועל איצט באַ־געגענען. איך דערמאָן זיך סיביר, קאַטאָרגע און די פאַרשידענע מענשען, וואָס איך האָב אין מיין לעבען באַגעגענט, און וואָס האָבען געפיהרט אַ מאַרטירער־לעבען, כדי זייער לאַנד זאָל זיין פריי. איצט טראָגט מיך דער צוג אין יענעם לאַנד. מיט אַמאָל ווערט מיר אומעטיג אויפ'ן האַרצען. איך דערמאָן זיך, אַז איך פאָהר קיין רוסלאַנד, וואו איך האָב אָפּגעלעבט אַזוי שטורמדיג 27 יאָהר. איך האָב זיך איצט דערמאָנט, אַז איך האָב ניט קיין איין אדרעס צו אַן אַמאָליגען פריינד אָדער באַקאַנטען. איך פאָהר אַליין, אַן עלענ־דער. וואוהין? צו וועמען? אָבער איך קום שנעל צו זיך, איך ווער מונטער, איך זאָג צו זיך: וועמען דאַרף איך? איך פאָהר אין רוסלאַנד, אין מיין לאַנד, אין די שטעט פון מיין יוגענט, וואו אַלץ — די מענשען, די גאַסען, די הייזער, אַפילו די שטיינער פון

ברוק זיינען מיר אזוי נאָהענט, אזוי גוט באקאנט. איך וועל געהן אין די פאבריקען, אין די רעסטאָראַנען, איבער די הייזער צווישען אונבאקאנטע. איך וועל זעהן, הערען, און איך וועל קריגען אן ענט־פער אויף די אַלע פראגען, וואָס עגבערן מיין מארך, צורייסען מיין הארץ און די הערצער פון אנדערע. ביי אַזעלכע מחשבות האָט מיך דער צוג געבראכט צו דער רוסישער גרענעץ, צו דער סטאנציע „נע־גאָרעלאָיע". דעם גרענעץ זיינען מיט מיר אריבער אינגאנצען נאָך דריי מענשען. איך בין דורכגעפאָהרען די גרענעצען פון אנדערע לענדער. אומעטום זיינען געווען געפאַקטע צוגען, עס האָט געקאָכט, געברויזט. נאָר די גרענעץ פון רוסלאנד איז פאר'יתומ'ט, פאראור־מערט. איך געה ארויין מיט מיין באגאזש אויף דער „טאמאָזשנער" סטאנציע, איך פיהל זיך גליקליך, ווען מיינע פיס שטעהען שוין פעסט אויף דער רוסישער ערד.

דער וואקזאל איז א הילצערנער, אינווייניג זעהר הויך, גוט באלויכטען, אויף דער וואנד, אנטקעגען דער טיר, דורך וועלכער מען געהט אריין, הענגט א גרויסע בילד פון לענינ'ען, און ביי די זייטען הענגען בילדער פון ריקאָוו'ן און קאלינינ'ען. אין דער הויך אויף רויטע לענטעס, זיינען אויפגעשריבען פארשיידענע אויפשריפ־טען, אַזעלכע ווי „ארבייטער פון אַלע לענדער פאראייניגט אייך", „ארבייטער פון דער וועלט העלפט אונז בויען דעם סאָציאַליזם", „פארטיידיגט די סאָציאַליסטישע רעפובליקען", און אז. וו. מיין גאנצער וועזען ווערט ארומגעכאפט מיט אזא ווארימקייט.

איז דאָס א חלום, אָדער א ווירקליכקייט? אין דעם געוועזע־נעם לאנד פון צארען זאָלען איצט זיין אַזעלכע אויפשריפטען, אזא שעהנע פראכטפולע דעקאָראציע! איך בין א געפּלעפטער. אָט געהט צו דער אימיגראציע־באאמטער, זעהר העפליך קוקט ער דורך מיין באגאזש, שטעלט מיר א פּאָר פראגען און לאָזט מיר דורך. מיין הארץ טונקט זיך אין פרייד, אין גליק. איך געה דערנאָך אריין צוריק אין א וואגאָן, וועלכער דארף מיך אין פערציג מינוט ארום ברענגען אין מינסק. אין וואגאָן איז ריין, ער ווערט באלויכטען פון א סטערינאָווער ליכטעל, ביים אריינגאנג שטעהט אן אייזעלע, וועלכע איז רויט־אָנגעברענט און ווארימט דעם וואגאָן. די ווארימ־קייט איז א שטיקענדע. אָט בין איך שוין אין מינסק, אין דער שטאָט פון מיין קינדהייט. וויפיל שעהנע יוגענט־עראינערונגען!

אין דער שטאָט האָבען מיר זיך מיט קאָזאַקען געשלאָגען. דאָ אין דער שטאָט איז פאַר מיינע אויגען מיין בעסטער חבר, דוד דער שטעפּער, דער׳הרג׳עט געוואָרען פון אַ קאָזאַצקער קויל לעבען דער אידישער באָלניצע (שפּיטאָל), אויף יענער טייל פון גובערנאַטאָר־סקער גאַס, וואָס פיהרט צו ליאַכאָוועקע, צו די לאָדקעס.

דאָ האָבען מיר, כמעט נאָך גאָר קינדער (דער שרייבער פון די צייל׳ען און נאָך זעקס חברים — פיר פון זיי געפינען זיך איצט אין אַמעריקע), געוואָרפען די ערשטע באָמבע אויף דעם רוסישען צאַרישען גובערנאַטאָר קורלאָוו׳ן, וועמעס נאָמען עס האָט ג.ע־וואָרפען אַ שרעק אויף דער אידישער באַפעלקערונג פון מינסק. אָט אין דער מינסק פאָהר איך איצט.

געקומען בין איך אהין איינס אַזייגער ביינאַכט. די שטאָט שלאָפט, אין דרויסען רעגענט, לעבען וואָקזאַל שטעהט איין איז־וואָשטשיק. איך כאַפּ אַ קוק אויף דעם פערדעל, אויפ׳ן וועגעל, אויף דעם איזוואָסטשיק, עס געהט מיר דורך אַ קעלט. דאָס פערדעל דאַר, פאַרמאַטערט, דאָס וועגעל צובראָכען, דער איזוואָסטשיק איינגעוויקעלט אין שמאַטעס. איך בעט דעם איזוואָשטשיק, ער זאָל מיך אוועקפיהרען אין אַ גאַסטיניצע (האָטעל) און ער פאַרפירדט מיך אויף זאַכאַראָווער גאַס, ניט ווייט פון באַגאַדעלנער, אין בעל־גייסקי האָטעל, אָדער ווי מען רופט עס אין רוסיש „בעלגייסקיע מעבלירָאָוואַניע קאָמנאַטי“. דאָס פערדעל ריהרט זיך לאַנגזאַם. איך פרעג ביים איזוואָשטשיק: „ווי לעבט זיך אייך?“ ער ענטפערט מיר און פאַרשלאָפען, ניט גערן: „שלעכט, ברודער. ניטאָ קיין פרנסה. מען קריגט ניט קיין ברויט צו קויפען, קיין האָבער פאַר׳ן פערד. גאָט ווייסט, ווי מיר וועלען דעם לאַנגען ווינטער דורכלעבען“.

דער רעגען אין גאַס, דאָס שלעפּען זיך פון פערדעל, דער טרויעריגער קול פון איזוואָסטשיק, די טויטע שטילקייט פון דער שטאָט, — דאָס אַלץ וואַרפט מיך אַריין אין אַ מרה־שחורה.

אָט בין איך שוין אין האָטעל. עס געהט אַרויס אַ קריסטין, אַ פאַרשלאָפענע, די אויגען האַלב־פאַרמאַכטע, שטעלט זיך אוועק אַנטקעגען מיר, עפענט אויף אַ מויל, ציהט זיך אויס, און דערלאַנגט אַ געגעניץ. איך פרעג צי זי האָט אַ צימער. זי ענטפערט, אַז יאָ, שליסט אויף דעם צימער און לאָזט מיך אַריין. איך ליג אין בעט, די אויגען מאַכען זיך ניט צו. מיט מיין ניט־שלאָפען וויל איך די נאַכט פאַרטרייבען. זאָל שוין שנעלער טאָג ווערען, ווען איך וועל

קאָנען לויפען אין גאַס, זעהן די שטאָט, זעהן מענשען. אָבער די נאכט ציהט זיך לאַנגזאַם. אַט פאַנגט שוין אביסעל אָן צו טאָגען, דער זייגער האַלט שוין באַלד זעקס. איך טו זיך שנעל אָן, וואַש זיך אפילו ניט איין, ווייל אין צימער איז קיין וואַסער ניטאָ, און לויף ארויס פון מיין האָטעל־צימער.

אַט געה איך דורך זאכאראָווקער גאַס, די גאַס, וואו די בונ־דישע בירזשע איז געווען. איך געה דורך גובערנאַטאָרסקע גאַס. די גאַסען שלאָפען, אַלץ ארום איז שטיל. אַט בין איך אויפ'ן הויכען מארק. איך זעה פון ווייטען אויפ'ן ראָג פון שול־גאַס אַ גרויסע „מענשען־ליין". מיט דעם אימפּעט פון אַ הונגעריגען, וואָס יאָגט זיך נאָך אַ שטיקעל ברויט, וועלכען ער האָט פון ווייטען דערזעהן, יאָג איך זיך צו יענעם פּלאַץ, וואו די מענשען שטעהען. די גרויסע „מענשען־ליין" ווערט באַוואכט פון צוויי רייטענדע סאָלדאַטען פון דער ג. פּ. או. (אמאָליגע טשעקא). ניט ווייט פון דער רייה, אינ־מיטען פון הויכען מארק, שטעהט אַ פּאָליציאַנט. די רייה שטעהט אומגעקערט מיט'ן פּנים צו אַ געשעפט, וואו ס'שטעהט אָנגעשריבען „ספּירטנאיאַ לאַווקאַ" (אַ קראָם פון ספּירט). די רייה ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, די מענשען וואָס שטעהען אין רייה זיינען האַלב־פארשלאָפענע, בייזע. איך קוק אויף דער קראָם און טראַכט: „וואָס איז דאָ?" ביי אַ קראָם פון שנאַפּס שטעהען שוין פאַרטאָג אַזויפיל מענשען, מענשען פון פארשיידענעם עלטער און געשלעכט. איך געה צו צום פּאָליציאַנט און פרעג איהם, וואָס דאָס איז פאַר אַ רייה. ער ערקלערט מיר, אַז דאָס שטעהען זיי און וואַרטען, ביז וואַנען דער קאָאָפּעראַטיוו וועט זיך עפענען, און זיי וועלען קאָנען קויפען ספּירט פאַר די קאָך־מאַשינקעס. איך פרעג דעם פּאָליציאַנט: „ווען עפענט זיך דאָס געשעפט?" זאָגט ער מיר, אַז אַכט אין דער פריה. הייסט עס, אַז מענשען קומען מיט צוויי שעה פריהער, אַז זיי שטעהען אויף פאַרטאָג, צו שטעלען זיך אין רייה, כדי צו קריגען אביסעל ספּירט אויף אָפּצוקאָכען עסען אויף זייערע מאַשינקעס. איך שטעה און וואַרט. דער זייגער איז שוין אַכט. דאָס געשעפט עפענט זיך. די מענשען ווערען נערוועז, מען פאַנגט זיך אָן צו שטופּען, מען זידעלט זיך. עס ווערט אַ קריגעריי צווישען אַ מאַן און אַ פרוי, וועלכע האָט זיך געוואָלט אריינרייסען אין רייה. עס ווערט אַ לייכטער געשלעג. די רייטענדע סאָלדאַטען לויפען צו, נעמען זיי ביידע פאַנאַנדער, און מיט די פערד גלייכען זיי אויס

די רייה. איך זעה אין רייה אַ הויכע, שלאַנקע פרוי מיט אַן אינטע־ליגענטען פּנים. איך געה צו איהר צו און טו ביי איהר אַ פרעג: „פאַרוואָס לויפט מען אַזוי פריה נאָך דעם ספּירט?“ זי ענטפערט מיר האַלב־פאַרשעמט: „נעכטען זיינען מיר אַ גאַנצען טאָג גע־שטאַנען אין „אָטשערעד“ נאָך ברויט, נאָך אַ שטיקעל פיש, אַ ביסעל קאַרטאָפעל. דאַרף מען אָבער דערצו האָבען ספּירט אויף וואָס צו קאָכען. שטעהען מיר היינט צו קריגען ספּירט“. „אָבער פאַרוואָס אַזוי פריה?“ פרעג איך. „ווייל ניט אַלעמאָל איז דאָ גענוג ספּירט פאַר אַלעמען. איילט מען זיך, יאָגט מען זיך, מען וויל זיין צווישען די ערשטע“, ענטפערט זי מיר. זי רעדט ווייטער שוין ניט צו מיר, נאָר צו זיך אַליין, אַז איך זאָל הערען: „אין חיות האָט מען זיך פאַרוואַנדעלט. מיר האָבען זיך שוין אפילו אויפגעהערט צו שעמען, שטענדיג אין „אָטשערעד“, שטענדיג הערען די קריגערייען. שווער דאָס אַריבערצוטראָגען. אַלע טאָג אָטשערעד, אָטשערעד און אָטשערעד“.

איך וויל געפינען באַקאַנטע, אָבער ווי אַזוי? קיין אַדרעסען האָב איך ניט. פון מינסק בין איך שוין 23 יאָהר אַוועק. מיר איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק: אויף שלאָס־גאַס האָב איך אַמאָל געהאַט נאָהענטע באַקאַנטע פון דער באַוועגונג. מיר טומעלט זיך אין מוח דער נאָמען פון דעם הויז, וואו זיי האָבען געוואוינט, און איך פאַל אויף אַ פּלאַן: איך וועל אַרויפגעהן אויף דעם הויף, קלאַפּען אין די טירען און פרעגען ביי די שכנים, אפשר ווייסען זיי פון מענשען מיט דעם און דעם נאָמען.

צי איך וועל זיי געפינען, צי ניט, דערווייל וועל איך זיין אין הייזער, זעהן ווי מען לעבט, ריידען מיט מענשען, אויסגעפינען די שטימונג. מיט דעם געדאַנק געה איך אַוועק אין שלאָס־גאַס. איך האָב די גאַס דערקענט. איין זייט גאַס איז האַלב אָפּגעברענט. אויף דער צווייטער זייט גאַס זיינען דיזעלבע הייזער, אָבער אָפּ־געלאָזען, אָנגעבויגען, די פענסטער אויסגעבראָכענע. און איך קוק אויף דער גאַס, וועלכע איך האָב אַמאָל זעהר גוט געקענט, און יעדער שטיינדעלע דערצעהלט מיר פון יסורים, מאַטערניש, עלענד און נויט. איך געה צו צו אַ הויז, קלאַפּ אָן אין דער ערשטער טיר. עס געהט אַרויס אַ פרוי, אָנגעטאָן זעהר אָרים, אַרומגערינגעלט מיט אַ פּאָר קינדער, וועלכע קוקען אויף מיר מיט פאַרוואונדערטע, שוואַרצע, טיפע אידישע אויגעלעך, קוקען אויף מיין הוט, אויף

מיין ווייסען קאָלנער, אויף מיין פּאַלטאָ, אויף די אויסגעפּוצטע שיך, שטעהען קינדעריש־צוטומעלט. איך פרעג די פרוי, צי ווייסט זי אפשר ניט, וואו עס וואוינען איצט די און די, וועלכע האָבען אמאָל געוואוינט אין דעם הויף. איך ערקלער איהר, אַז איך בין נאָר־וואָס געקומען פון אמעריקע, כ׳בין שוין פון מינסק אוועק 23 יאָהר. איך וויים, אַז דאָ דאַרפען זיך געפינען מיינע אייגענע, אָבער כ׳האָב ניט זייער אדרעס. אפשר האָט זי געהערט פון זיי, אפשר קאָן זי מיר געבען אַ שפּור, ווי אַזוי זיי צו געפינען. זי ענטפערט מיר, אַז זי וואוינט אין דעם געגענד ניט לאַנג, אָבער דאָ אין דער דריטער טיר אויף דער שאַלקע וואוינט אַן אַלטע שכנ׳טע, אפשר וועט זי מיר קאָנען ארויפפיהרען אויף אַ וועג. איך געה אוועק אהין. מען לאָזט מיך אריין אין צימער. איך דערצעהל די זעלבע געשיכטע, אָבער זי ווייסט אויך ניט. זי האָט קינדער אין אמעריקע, אפשר קען איך זיי, אפשר האָב איך געהערט פון זיי. זי ציינט מיר אַן אדרעס. די קינדער וואוינען אין סט. לואיס. איך פרעג ביי איהר, ווי מען לעבט, וואָס עס טוט דער מאַן, און זי ענטפערט, אַז ער געהט ארום איבער די גאַסען. ניטאָ וואָס צו טאָן. האנדלען לאָזט מען ניט, וואו צו ארבייטען אין ניטאָ, הונגערט מען, און ווען ניט די קינדער פון אמעריקע, זאָלען געזונט און גליקליך זיין, וואָלטען מיר שוין לאַנג פון הונגער געשטאָרבען. דערווייל האָט זיך אויפ׳ן הויף צוזשען די שכנים פארשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַן אמעריקאַנער דאָקטאָר איז דאָ ביי דער און דער שכנה אין הויז. אַלע שכנות פון הויז מיט זייערע קינדער האָבען מיך ארומגע־רינגעלט. יעדערע פון זיי האָט קרובים אין אמעריקע, יעדערער וויל וויסען, יעדערער וויל פרעגען. איין מאַן, אַ יאָהר 33, אין אָפּגע־ריסענע קליידער, פרעגט ביי מיר, ווי לעבען עפּעס אידען אין אנ־דערע לענדער, צי אויך אַזוי אָרים אויך אַזוי פארצווייפעלט, אָהן האָפנונג אויף אַ בעסערען מאָרגען, און וואָס זאָגט מען, — וויל ער וויסען, וועגען אונזער ראָסיי אין אויסלאַנד? דענקט מען, אַז עס וועט ביי אונז אמאָל בעסער ווערען? מיינט מען, אַז מיר וועלען אין ראָסיי אויפהערען צו לעבען ווען עס איז ווי שנאָרער, ווי בעטלער, פארהונגערטע, פארמאַטערטע, אָדער עס איז גאָר קיין האָפנונג ניטאָ? איך קוועטש מיט די פּלייצעס. מיר ווילט זיך געבען טרייסט און האָפנונג די אומגליקליכע מענשען, וועלכע רינג־לען מיך ארום. נאָר וואָס קאָן איך זיי זאָגען, ווי קאָן איך זיי

טרייסטען? איך כאַפּ אַ קוק אויף מיין זייגער — עס איז שוין עלף. איך האָב אַליין ניט באַמערקט, ווי איבער צוויי שטונדען זיינען ביי מיר שוין אויף דעם הויף פאַרלוירען געגאַנגען און איך האָב נאָך אַלץ ניט געפונען די אדרעסען פון מיינע באַקאַנטע. איך פרעג נאָך אַמאָל, אפשר קאָן מיר אימיצער זאָגען, וואו איך קאָן זיי געפינען. זאָגט צו מיר איין פרוי: „געהט אריין אין דעם צווייטען הויף. דאָרט וואוינט דער אַמאָליגער בעל־הבית פון די הייזער, אפשר וועט ער אייך קאָנען זאָגען". און איך בין אריין אין צווייטען הויף.

די קינדערלאַך זיינען מיר נאָכגעלאָפען, האָבען מיר געצייגט, וואו דער איד וואוינט. אריין אין הויז, האָב איך באַגעגענט אַן אַלטינקע פּאָר־פאָלק אין אַ קליינעם, פאַרשטיקטען צימער. אויפ'ן פּאָדלאָגע פויזען ארום צוויי קליינע קינדערלאַך, איינגעשמוצטע, און די אַלטינקע פאַדיעט ארום זיי ארום. דער אַלטער שטעלט אַן אויף מיר אַ פּאָר אויגען, און איך פרעג איהם וועגען מיינע באַ־קאַנטע. די פאַמיליע געדענקט ער ניט. הויב איך איהם אָן צו דערצעהלען, מיט וואָס די עלטערן האָבען זיך באַשעפטיגט. קען ער זיי. איינע פון זיינע טעכטער, די מאַמע פון די צוויי קינדערלאַך, איז אוועקגעגאַנגען מיט צוויי שעה צוריק. אפשר וועט זי קריגען אַ פּאָר ארשין מולטע אויף אויפצונייען די קינדערלאַך אַ פּאָר וואַ־רימע העמדעלאַך. „וואַרט אויף. זי וועט באַלד קומען. זי ווייסט וואו זיי וואוינען". איך זעץ זיך אוועק. עס קומען מענשען פון די שכנה'שע דירות, עס הויבט זיך אָן דערזעלבער געשפּרעך וועגען קרובים אין אַמעריקע, און פאַרוואָס מען העלפט זיי ניט, פאַרוואָס מען לאָזט זיי אויסשטאַרבען. דער אַלטינקער וויינט זיך פאַנאַנדער, בעט אַז איך זאָל זאָגען זיינע קינדער אין אַמעריקע, ווי אומגליקליך זיי לעבען, וואָס פאַר אַ שרעקליכען עלטער זיי האָבען. דעם פאָטער פון די צוויי קינדערלאַך האָט מען מיט צוויי וואָכען צוריק פאַר־שיקט פאַר האַנדלען, — פאַר ספּעקולאַציע, הייסט עס. דער אַלטער זאָגט מיר: „מיינט ניט, אַז מיין איידעם איז אַ גנב. ער האָט געוואָלט זיין אַ געטרייער טאַטע צו זיינע קינדער. ארבייטען איז ניטאָ וואו, די קינדער בעטען עסען, האָט ער גענומען קויפען און פאַרקויפען, האָט מען איהם פאַרשיקט. איצט זיינען די קינדערלאַך ביי מיר, און מיר הונגערען אַלע צוזאַמען".

צוויי אזייגער איז געקומען די טאָכטער פון „אָטשערעד“ מיט פיר אַרשין מולטע. די טאָכטער האָט מיר געגעבען דעם אדרעס פון מיינע באַקאַנטע, און איך בין צו זיי אוועק.

ווארום מען האָט מיך גערופען „דער אַמעריקאַנער דאָקטאָר“, ווייס איך נישט. שולדיג אין דעם זיינען מסתמא מיינע קליידער, וועלכע האָבען אין זייערע אויגען געבלישטשעט, ווי בריליאַנטען, אין פאַרגלייך מיט די שמאַטעס, וואָס זיי האָבען אויף זיך געטראָגען.

וואָס אַן אויסלענדישער גאַסט זעהט אין רוסלאַנד, און וואָס עס זעהט אַן אייגענער מענש

ווי אַזוי מען צייגט אַן אויסלענדער רוסלאַנד. — די מוסטער־פאַבריקען און מוסטער־שולען אין מאָסקווע. — דער מוזעאום פון דער רעוואָלוציע. — דער באַריהמטער „ציט“. — די אַנדער זייט פון דעם מעדאַל. — די „אָטיטער־רעדען“, די וואָקזאַלען און באַהנען. — אין „גובערנאַטאָרס הויז“ אין מינסק. — אַ געשפּרעך מיט אַן אינזשינער.

ווען איינער פאָהרט אין רוסלאַנד, און ער קען ניט די שפּראַך פון לאַנד, ווען גלייך אויפ'ן רוסישען גרענעץ זעצט ער זיך אַריין אין דעם פּראַכטפולען אינטערנאַציאָנאַלען וואַגאָן, און פאָהרט גלייך אין מאָסקווע און קוקט דעם גאַנצען וועג אויף רוסלאַנד דורכ'ן פענסטער פון וואַגאָן, מוז ער צו זיך זאָגען פאָלגענדעס:

„וואָס וויל מען פון רוסלאַנד? פויערים אַרבייטען אויף די פעלדער. פערד, בהמות און שעפּסען געהען אַרום רוהיג און פּי־טערען זיך. דער צוג טראָגט זיך דורך דורך פויערשע דערפער, אַלץ איז שטיל, געמיטליך, פון וויטען גאַנץ אנגענעם“.

קומט ער אין מאָסקווע, באַגעגענט איהם שוין אַ רעגירונגס־פאַרטרעטער, פיהרט איהם אַוועק אין האָטעל „סאַוואָי“, אָדער האָטעל „אינטערנאַציאָנאַל“, וואו אַלץ איז אַזוי שעהן, גוט. אונטען אין האָטעל געפינט זיך אַ שעהנער רעסטאָראַן, מען גיט איהם עסען זעהר געשמאַקע רוסישע געקעכץ. ווען ער רוהט זיך אָפּ, פיהרט מען איהם אַוועק אין דער געזעלשאַפט „וואָקס“. דאָס איז אַ געזעלשאַפט, וועלכע שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון דער סאָוועט־רעגירונג, און וועמעס אויפגאַבע עס איז צו באַקענען די אייראָ־פּייער און אַמעריקאַנער מיט די שעהנע אויפטואונגען פון דער סאָוועט־רעגירונג.

די געזעלשאַפט געפינט זיך אויף ניקיטאָווסקער גאַס, נומער זעקס. איהר פאָהרט צו צו דער פּראַכטפולער הויז. ווען איהר געהט אַריין אינווייניג, באַגעגענט איך אַ שווייצאַר, שעהן אויסגעפּוצט,

נעמט פון אייך ארונטער אייער פאלטא, אייער העט, אייערע קאַלאָשען, פארנייגט זיך צו אייך זעהר העפליך. אויס געוואוינהייט ווילט איהר איהם געבען א „טיפ", נעמט ער ניט.

איהר געהט ארויף א שטאָק העכער, באגעגענט אייך מאדאם קאמענעוו, אָדער איהר געהילף, מענשען מיט אן אייראָפּייאישער בילדונג. זיי רעדען אויף עטליכע שפּראכען זעהר פליסיג, זיינען זעהר שעהן אָנגעטאָן, מען קאָן אפילו זאָגען מיט גלאנץ. מען פארברענגט מיט אייך א האלבע שטונדע, מען האלט פאר אייך א גאנץ אינטימע רעדע, א מין שמועס וועגען דעם וואָס רוסלאנד איז אמאָל געווען, אין די צייטען פון די צארען. און געווען איז אמאָל גאנץ שלעכט, און עס איז דאָ א סך שלעכטס צו דערצעהלען.

דערנאָך דערצעהלט מען וועגען דעם, וואָס די סאָוועט־רעגירונג טוט איצט, וואָס זי פארנעמט זיך צו טאָן. מען דערצעהלט, ווי אזוי מען שטערט דער סאָוועט־רעגירונג אין דער ארבייט, סאַי אין אויסלאנד, סאַי אינוועניג אין לאנד. און ווען איהר זיצט און הערט דאָס, מאכט דאָס אויף אייך א געוואלדיגען איינדרוק. דערנאָך, אויב איהר זענט אן ענגלענדער אָדער אן אמעריקאנער, פיהרט מען אייך אריין אין א צימער, וואו עס זיצט א יונגע מיידעל, מיט בלאָנדע האָר און שעהנע טיפע, בלויע אויגען. דער אָפּיס אינוועניג איז פּראכטפול אויסגעשטאַט. עס ווערט ארום אייך געשאפען אן אטמאָספערע פון אויסערגעוועהנליך גרויסער אנגענעמליכקייט און גייסטיגען פארגעניגען. (פאר די דייטשען און פראנצויזען זיינען דאָ אנדערע צימערען.) זי, די מיידעל, באשטימט, אייגענטליך, וואָס איהר אלס גאסט דארפט זעהן אין מאָסקווע און אין רוסלאנד בכלל.

דער ערשטער פלאץ, וואוהין מען שיקט אזא גאסט, איז דער „ציט", וועלכער געפינט זיך אויף פּעטראָווסקי 34. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער „ציט"? (צענטראלע אָויספאָרשונג פון ארבייט). דאָס איז א גרויסע פאבריק, וואו מען לערענט ארבייטער מעטאלטאָקעריי, שלאָסעריי, טשיערטיאָזש (צייכענען). די סטודענטען לערנען זיך דאָרטען דריי יאָהר. עס קומען אהין אריין אזעלכע שילער, וואָס האָבען געענדיגט אן עלעמענטאר־שול.

איהר טוט א קוק אויף דער פאבריק און איהר וואונדערט זיך. איהר זעהט א פּראכטפולע ריינע געביידע מיט גרויסע פענסטער, וואָס בליסטשען פון קלאָרקייט. דורך די פענסטער קומט אריין אין

פאַבריק אַ זונען־שיין. די אַרבייטער שטעהען אין גאַנצע ריינע אַרבייטס־קליידער. אַלע פערציג מינוט קלינגט דאַס עלעקטרישע גלעקעל, און די אַרבייטער צוזעצען זיך אויף זייערע שטולען, רוהען זיך אָפּ צעהן מינוט. עס קלינגט ווייטער דאָס גלעקעל, און זיי שטעלען זיך צו דער אַרבייט. מען פיהרט אייך אַריין אין אַ כעמי־שער לאַבאָראַטאָריע, וועלכע געפינט זיך לעבען דער פאַבריק. כע־מיקער זיצען דאָרטען און אַרבייטען, פאָרשען. און אָט איז אַ צווייטע, אַ אַנאַטאָמישע לאַבאָראַטאָריע. דאָרטען ציינט מען אייך באַריכטען, ווי אַזוי די אַרבייט ווירקט אויף יעדען אַרבייטער פיזיש. ווען איהר געהט אַרויס פון דער פאַבריק, זענט איהר פאַר'שיכור־'ט, און איהר זאָגט צו זיך אַליין: „עס איז אין ערגעץ ניטאָ נאָך אַזא לאַנד, וואו אַרבייטער זאָלען האָבען אַזעלכע באַקוועמליכקייטען, וואו די גאַנצע פאַבריק־פאַרוואַלטונג, די דאָקטוירים, די כעמיקער פון דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע, די פאָרשער אין דער אַנאַטאָ־מישער לאַבאָראַטאָריע, אפילו דער „דזשעניטאָר“ אין פאַבריק, זאָלען נאָר רעדען און טראַכטען וועגען דעם, ווי אַזוי דאָס לעבען פון די אַרבייטער בעסער און לייכטער צו מאַכען“.

פון דאָרטען פיהרט מען אייך אַוועק אין אַ צווייטער פאַבריק. דאָס איז די אַמאָליגע זעהר רייכע און ערפאָלגרייכע א י נ ע ם ' ס קאָנפעקטען, טשאָקאָלאַד און קאַקאָ־פאַבריק. אין דער פאַבריק אַר־בייטען 35 הונדערט אַרבייטער. פאַר דעם באָלשעוויזם איז דער פאַבריקאַנט פון אָט די פאַבריקען אַ מיליאָנער געוואָרען. אָבער דער אויסלענדער, וואָס קומט זעהן די פאַבריק, ווייסט ניט וועגען דעם, און מען דערצעהלט דאָס איהם ניט. די פאַבריק איז זעהר שעהן אויסגעשטאַט, מאָדערן אַוועקגעשטעלט, ריין. די אַרבייטער שטעהען ביי די מאַשינען, קנעטען דעם טשאָקאָלאַד. איהר ווייסט גאָר ניט וועגען זייער צופרידענהייט, אָדער אומצופרידענהייט. איהר זעהט, אַז עס דרעהען זיך מאַשינען, אַרבייטער איילען זיך, טוען זייער אַרבייט. מען גיט אייך פאַרזוכען די קאָנפעקטען, וועלכע זיינען זעהר און זעהר געשמאַק. מען פיהרט אייך אַריין אין קאָנטאָר און מען ציינט אייך באַשטעלונגען פון אַמעריקע, פראַנקרייך, דייטש־לאַנד, כינע, יאַפּאַן. און איהר טראַכט ביי זיך: „ס'איז דאָך אויס־געצייכענט!“

פון דאָרטען פיהרט מען אייך אַוועק זעהן אַ בילדונגס־אַנ־שטאַלט, אַן עלעמענטאַר־שול (אַן אָנפאַנגס־שול), אָדער אַן אוני־

ווערזיטעט. עס איז דאָ איין עלעמענטאַר־שול, וועלכע מען ציינט פאַר אַלע געסט. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס איז שוין איינמאָל אַ פּאָבליק־סקול, איינע פון די מאָדערנסטע שולען אויף דער וועלט.

דערנאָך פיהרט מען אייך אין „קרעמל", אין דעם געוועזענעם פּאַלאַץ פון די צאַרען. דאָרטען זעהט איהר שוין רעגירער. זיי זיינען אין שוואַרצע בלוזקעס, איינפאַך אָנגעטאָן. זיי געהען מיט אייך אַרום איבער די פּאַלאַצען. יעדער איינער, וועמען איהר באַגעגענט דאָרטען, רעדט צו אייך, ווי אָן אייראָפּייער. דאָס אַליין איז שוין זעהר וויכטיג, ווייל די אַלע אויסלענדער, וועלכע פאָהרען זעהן רוס־לאַנד און האָבען רוסלאַנד פריהער ניט געקענט, האָבען זיך שטענדיג פאָרגעשטעלט, אַז דער רוס איז אַן „אַזיאַט", אַ ווילדער. און דאָ זעהט ער גאָר פאַר זיך אמת ציוויליזירטע אייראָפּייער!

מען פיהרט אייך אַריין אין דעם מוזעאום פון דער רעוואָלוציע. פריהער אין די צימערען פון די „דעקאַבריסטען". דאָס זיינען די ערשטע העלדישע אָפּיצירען, וואָס האָבען נאָך מיט איבער הונ־דערט יאָהר צוריק, אין דעצעמבער פון יאָהר 1825, אַזוי מוטיג אַרויסגעטראָטען געגען דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען. איהר זעהט דאָרטען די פּאָרטרעטען פון די העלדען, מיט זייערע שריפטען, מיט זייערע אויפרופען. פון דאָרטען געהט איהר אַריין אין דער אָפּטיילונג פון דער העלדישער „נאַראָדנאַיא וואָליא", וועמעס פיהרער עס זיינען געוועזען סאָפיא פּעראָווסקאַיא, זשעליאַבאָוו און אַנדערע. דאָס זיינען הייליגע נעמען, הייליגע מענשען. איהר געהט ווייטער. איהר זעהט אַ שעהנעם ביוסט פון פּלעכאַנאָוו'ן. פון דעם צימער, וואו עס שטעהט זיין מערקווירדיג־שעהנער ביוסט, הויבט זיך אָן די מאָדערנע באַוועגונג אין רוסלאַנד. פאַר אייערע אויגען געהט דורך די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דער „בונד". איהר געהט פון צימער צו צימער, אייער הארץ איז פול מיט פרייד, פול מיט גליק. איהר קומט אַריין אין דער לעצטער אָפּטיילונג, „קאַטאָרגע און סילקע" (פאַרשיקונג). איהר זעהט די קייטען, וועלכע אַ סך פון אונז האָבען אַמאָל געטראָגען. איהר זעהט סטאַטועז, וועלכע פאַרקערפּערען אין זיך יענע צייט פון מאַרטירערטום, אין וועלכער עס האָבען געלעבט די רוסישע אינטעליגענץ און דער בע־סערער טייל פון דער רוסישער אַרבייטערשאַפט.

דאָס אַלץ צו באַזוכען אין מאָסקווע דאַרף נעמען אַ צעהן־פופצעהן טעג. איהר ווערט פון דעם אַלעמען אַזוי פאַרכאַפּט און פאַרטומעלט, אַז איהר געהט אַרום און רעדט צו זיך אַליין: „ווי אונגערעכט זיינען די, וואָס קריטיקירען די סאָוועט־רעגירונג".

עס פאַרשטעהט זיך, אַז די אַלע, וואָס פאָהרען דערנאָך אַוועק פון רוסלאַנד, וואָס קוקען אויף רוסלאַנד דורך די מוזעאומס, דורך די „סעמפּעל־פּעקטאַרים", וואָס מען האָט זיי געוויזען, דורך די געשפּרעכען מיט אָנגעזעהענע טוער, דורך באַזוכען רעגירונגס־אינ־סטיטוציעס, אַלס אויסלענדישע געסט, מוזען זיי אַלע אַוועקפאָהרען פון רוסלאַנד באַגייסטערטע. און דאָס, וואָס זיי שרייבען דאַן וועגען רוסלאַנד, איז ניט קיין ליגען. דאָס איינציגע, וואָס איך קען זאָגען וועגען זיי, איז — אַז זיי האָבען רוסלאַנד ניט געזעהן.

אָבער ווען עס פאָהרט אין רוסלאַנד אַ מענש, וואָס קען יע די רוסישע שפּראַך, וואָס קען גוט דאָס רוסישע לעבען, וואָס ווייס ווי זיך פאַנאַנדערצוקלייבען אין אַלץ, איז שוין גאָר אַנדערש. אַזאַ מענש געהט אַליין אין די „סטאָלאָוועקעס" (רעסטאָראַנען), וואו די אַרבייטער עסען. ער געהט אין פאַבריקען, און ניט גראָד אין די, וואוהין די רעגירונג פיהרט איהם. דאָרטען רעדט ער מיט די אַר־בייטער. ער פאָהרט אין דאָרף, אין דעם קליינעם שטעטעל, ער געהט אויפ'ן מאַרק, באַגעגענט זיך מיט באַקאַנטע, קאָמוניסטען און ניט־קאָמוניסטען. מען באַגעגענט איהם אָהן פאַראַדען, קיינער פאַרבט זיך פאַר איהם ניט צו, קיינער קנייפּט ניט די באַקען, כדי צו ווייזען איהם די פאַרב. אַזאַ מענש מוז קומען פון רוסלאַנד אַן ענטוישטער און מוז אָפּגעבען ניט קיין גוטען באַריכט וועגען רוסלאַנד.

און אויך ער זאָגט אונז דעם אמת.

ער שטעלט זיך אַוועק די זעלבע פראַגען, וואָס ווערען אויפ־געהויבען אין די טעגליכע צייטונגען אין רוסלאַנד: „וואָס וועט זיין פון די אייביגע „אָטשערעדס" (לאַנגס פון מענשען, וואָס שטעהען און וואַרטען)? וואָס וועט זיין פון דעם, וואָס די פאַב־ריקען אַרבייטען ניט, וואָס עס זיינען ניטאָ גענוג שולען פאַר קינדער, און אין די שולען, וואו מען לערענט יאָ, לערענט מען שלעכט. עס איז אויפגעבויט געוואָרען אַ רעגירונגס־אַפּאַראַט, אָבער ער אַרבייט ניט, א. אז. וו.?"

יעדע מינוט פון מיין זיין אין רוסלאַנד האָב איך אויפ'ן רו־סישען לעבען געקוקט ניט ווי איינער, וואָס וויל מאַכען עקספּערי־מענטען אויפ'ן געזונט און לעבען פון אַנדערע. איך האָב זיך כסדר געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי וואָלט איך דערביי געפיהלט? און אָט אַזוי און ניט אַנדערש וועל איך באַשרייבען וואָס איך האָב געזעהן אין רוסלאַנד.

איך בין געפאָהרען ניט מיט קיין אינטערנאַציאָנאַלען עקספּרעס, נאָר מיט אַ געוועהנליכער באַהן אין דריטען קלאַס, מיט דעם פאָלק. מיין ערשטער אָפּשטעל איז געווען ניט מאָסקווע, נאָר מינסק, באָ־ריסאָוו, קרופּקע, און פון דאָרט האָב איך אָנגעפאַנגען זעהן דעם טאָג־טעגליכען לעבען פון רוסלאַנד.

* * *

ווען איהר שטעלט זיך אָפּ אויף גרויסע און קליינע סטאַנציעס אין רוסלאַנד, וואַרפט זיך אייך גלייך אין די אויגען דער אונטערשייד פון אַ רוסישען וואָקזאַל ביז אַן אייראָפּעאישען, אפילו ביז אַ פּוי־לישען וואָקזאַל, וועלכער האָט מיט צעהן יאָהר צוריק באַלאַנגט צו רוסלאַנד. און איהר שטוינט איינפאַך פון דעם אונטערשייד.

דער וואָקזאַל פון אָרשע איז איינער פון די גאָר גרויסע וואָק־זאַלען אין רוסלאַנד. איך האָב דאָרטען פאַרבראַכט זעקס שעה צייט. איך האָב געוואָלט געבען אַן ענטפער זיך אַליין אויף דער פראַגע, וואָס טוען דאָ די הונדערטער פּויערים, מיט זייערע ווייבער און קינדער, וועלכע ליגען אויפ'ן שמוציגען, פאַרשפּיגענעם דיל? זיי שלאָפען און כראָפּען דאָרטען אויף זייערע בעקיבעס. און וואָס טוען זיי דאָרטען ניט? עס קומט אָן אַ פּאָיעזד (טרעין). עס הויבען זיך אויף צוויי מענשען און פאָהרען מיט דעם פּאָיעזד אוועק. אַלע איבעריגע בלייבען ליגען. קומט אַ צווייטער פּאָיעזד, הויבען זיך אויף נאָך דריי מענשען און פאָהרען אוועק, און די איבעריגע בלייבען.

איך בין צוגעגאַנגען צום נאַטשאַלניק פון דער סטאַנציע (סטיי־שאָן־מאַסטער) און איהם אַ פרעג געטאָן: „אויף וועמען וואַרטען דאָ די פּויערים?" און ער האָט דאָס מיר ערקלערט:

„זיי פאָהרען, — האָט ער געזאָגט, — אין פאַרשידענע גע־גענדען, צוליב פאַרשידענע זאַכען. אָבער זיי פאָהרען מיט אַ טאָ־וואַרנעם (פרעיט) וואַגאָן, וועלכער וועט ערשט קומען מיט אַכט שעה שפּעטער. די פּויערים פון די דערפער און די באַפעלקערונג פון די שטעטלאַך, וואָס ליגען אַ פּאָר צעהנדליג מייל פון דער סטאַנ־

ציע, קומען שטענדיג מיט א טאָג פריהער, מיט א נאַכט פריהער, און זיי ליגען דאָ און ווארטען, ביז וואַנען דער פּאָיעזד וועט קומען".

דאָס זעלבע האָב איך געטראָפּען אין אָדעס, אין קיעוו, אין מינסק, אין באָריסאָוו, אין קרופּקע, אין טאָלאָטשין, אין סמאָלענסק, אין קאַזאַטין, אין נאָוואָגאָראָד־וואָלינסק און אויף אלע אנדערע סטאַנציעס, אויף וועלכע איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. ווען איך פלעג אריינגעהן אין בופעט פון א וואָקזאָל, פלעג איך אלע מאָל געפינען, אז אן אָנגעקומענער גאַסט קען זיך דאָ ניט אוועקזעצען ביי א טיש. די טישען זיינען אומעטום שטענדיג געווען פארנומען פון די פּויערים, אָדער בכלל פון דער באַפעלקערונג פון דעם געגענט ארום דער סטאַנציע. דער בופעט פון וואָקזאָל איז איצט אין רוסלאַנד פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א טראַקטיר.

ווען א פּויער פלעגט אמאָל וועלען טרינקען שנאַפּס, פלעגט ער געהן אין „מאָנאָפּאָלקע" (רעגירונגס־קראָם, וואָס פלעגט פארקויפען בראַנפען) און זיך קויפען א פלעשעל. ער פלעגט א קלאַפּ טאָן מיט דער האַנט, כדי די פּראָבקע זאָל ארויספליהען. דעמאָלט פלעגט ער זיך אוועקשטעלען אין גאַס און אויסטרינקען דעם שנאַפּס. היינט געהט דאָס צו אנדערש. היינט געהט מען אויפ'ן וואָקזאָל.

עס זיינען דאָ די זעלבע „מאָנאָפּאָלקעס" מיט די זעלבע פלעשלאך. אָבער לעבען די „מאָנאָפּאָלקעס" טרינקט מען ווייניג. צו וואָס דאַרף מען טרינקען לעבען „מאָנאָפּאָלקע", וואו מען דאַרף זיך קויפען א גאַנץ פלעשעל און שטעהן אין גאַס און טרינקען, אז אויפ'ן וואָקזאָל פארקויפט מען דאָס אין גלעזלאך, און מען קאָן זיצען אין וואַרימקייט, ביי א טיש אין בופעט, פּיפּקען די ליולקע, וואָס איז אָנגעפילט מיט מאַכאָרקע (אזא מין שלעכטער טאַבאַק) און פאַרברענגען מיט'ן שכן? עס איז דעריבער אוממעגליך געוואָרען פאַר א דורכפאָהרער זיך אָפּצושטעלען אויף א רוסישען וואָקזאָל. אן איינציגער אויסנאַהם איז דער וואָקזאָל אין מאָסקווע. דאָרטען איז אלץ אייראָפּעאיש. דאָרטען לאָזט מען ניט ליגען די פּויערים. אהין קומען די אייראָפּעאישע געסט. דאָרטען איז מען דעריבער שטרענג. איהר וועט דאָרטען געפינען אלצדינג, וואָס אן אייראָפּעאישער וואָקזאָל דאַרף האָבען פאַר דורכפאָהרער.

אויף די הויפּט־ליניעס פון רוסלאַנד געהען די באַהנען פּינקטליך, אפילו מיט אן אייראָפּעאישער שנעלקייט. גאַנץ אנדערש איז, ווען מען דאַרף פאָהרען אויף זייטיגע ליניעס. דאָרטען געהען שוין

די צוגען ניט פּינקטליך, און דערצו אויסערגעוועהנליך לאַנגזאַם. איך האָב פון קיעוו געדאַרפט פאָהרען קיין שעפּעטאָווקע. דער שנעלצוג געהט אַהין נאָר דריי מאָל אַ וואָך, און וואַרטען אויפ'ן שנעלצוג איז מיר געווען אוממעגליך. פון קיעוו קיין שעפּעטאָווקע נעמט מיט'ן שנעלצוג אַכט שעה. איך האָב גענומען אַ לאָקאַל־צוג, וועלכער געהט אויף אַן אַנדער וועג און שלעפּט זיך אַרום צוואַנציג שעה. מיר האָט זיך געוואָלט טעלעגראַפיש לאָזען וויסען מיינעם אַ באַקאַנטען, ווען איך קום אָן אין שעפּעטאָווקע. איך האָב געוואָלט אויסגעפינען, ווען מיין צוג קומט. איז דאָס מיר געווען אוממעגליך. ווען איך בין געקומען אויפ'ן וואָקזאַל איז די אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ געווען פאַרמאַכט, ווייל די פרוי, וואָס גיט די אינפאָרמאַציע, איז דערוויל אַוועקגעגאַנגען עסען וועטשערע. איך געה צו צו אַ נאָסילשטשיק (פּאָרטער, טרעגער) און פרעג איהם, ווען דער צוג קומט אין שעפּעטאָווקע. ער הויבט אויף דעם קאָפּ פאַרטראַכטערהייט צו דער סטעליע און דערנאָך טוט ער מיר אַ זאָג: „ניע אָפּיציאַלנאָ וו'דיעסיאַט אוטראָם" (דאָס מיינט: „ניט אָפּיציעל, צעהן אזייגער אינדערפריה"). קוק איך איהם אָן און פרעג איהם נאָך אַמאָל: „איך וויל וויסען אָ פּ י צ י ע ל, ווען דער פּאָיעזד קומט אָן". זאָגט ער מיר גוטמוטיג, אַז ער וועט דאָס באַלד אויס־געפינען. אין פינף מינוטען אַרום קומט ער צו מיר צוגעהן און זאָגט מיר: „אָפּיציאַלנאָ, וו'טשאַס טרידצאַט" (אָפּיציעל, איינס דרייסיג). אין זיך האָב איך אָנגעהויבען צו לאַכען און פרעג אין שפּאַס, אָבער מאַך דערביי זעהר אַן ערנסטע מינע: „אָבער, זאָג מיר, ווען קומט פּאָרט דער פּאָיעזד אין שעפּעטאָווקע?" מיין פראַגע האָט דעם נאָסילשטשיק צוטומעלט. ער האָט אויפגעהויבען נאָכאַמאָל די אויגען צו דער סטעליע, האָט אַ טראַכט געטאָן און האָט מיר אויף מיין פראַגע געענטפערט: „דאַ טשאָרט יעווּאָ זנאַיעט!" (דער טייוועל ווייסט איהם).

* * *

ווען איך בין געקומען אין מינסק, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער „ציק" (צענטראַלער אויספיהר־קאָמיטעט), דער העכסטער אַנשטאַלט פון דער ווייס־רוסישער רעגירונג, געפינט זיך אין דעם אַמאָליגען גובערנאַטאָרס הויז. איך האָב געוואָלט, ערשטענס, זיך זעהן מיט אַן אָנגעזעהענעם טוער פון דער ווייס־רוסישער רעגירונג, און צווייטענס, זיין אין דעם הויז, וואו עס איז אַמאָל געזעסען דער

ברוטאַלער רעאַקציאָנערער גובערנאַטאָר קורלאָוו. און איצט זיצען דאָרט פאַרטרעטער פון אַן ארבייטער און פויערים רעגירונג. אין אַזעלכע מאָמענטען ווערט אַ מענש סענטימענטאַל און וויל אַזאַ זאַך זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען.

איך האָב גענומען זוכען פאַרבינדונגען. מיינער אַ באַקאַנטער האָט אָפּגערופען אויפ׳ן טעלעפאָן אַן אָנגעזעהענעם קאָמוניסט, אַ מיטגליד פון „ציק", און ביי איהם געפרעגט, צי עס איז מעגליך פאַר איהם צו טרעפען זיך מיט מיר. דער קאָמוניסט האָט צוגעשטימט, און מיר האָבען געמאַכט אַן „אַפּאָינטמענט" אויף דריי אַזייגער ביי־טאָג אין זיין אָפיס, אין דעם געוועזענעם גובערנאַטאָרס הויז. אָבער ווי וועלען מיר אַהין אריינגעהן? ביים טיר פון הויז שטעהט דאָך אַ מיליציאַנט, און מען דאַרף האָבען אַ קאַרטעל מיט אימיצענס אַן ערלויבניש אריינצוקומען. דער קאָמוניסט האָט אונז געזאָגט, אַז ער וועט איבערלאָזען ביים מיליציאַנט אַ באַפעהל, אַז ווען עס וועט דריי אַזייגער קומען חבר כאַנין פון אַמעריקע, זאָל דער פּאָליציאַנט מיך אריינלאָזען. מיט אַ קלאַפּענדען הארצען האָב איך געוואַרט אויף דער שטונדע. אַ ברויזענדער ים פון עראינערונגען, וואָס זיינען ביי מיר געווען פאַרבונדען מיט יענעם הויז, האָבען פון דאָס ניי אין מיר אויפגעלעבט.

אין „גובערנאַטאָרס הויז" זיינען אַמאָל געזעסען אונזערע גרעסטע שונאים און מיר האָבען זיך מיט זיי דעמאָלט פאַרמאָסטען אין כחות. ניט איינמאָל האָבען מיר שטילערהייט, אָהן דעם וויסען פון בונדישען קאָמיטעט, געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי דאָס הויז צו פאַרניכטען, צוזאַמען מיט דעם גובערנאַטאָר, מיט אַלץ און מיט אַלעמען, וואָס געפינט זיך דאָרטען. איך דערמאָן זיך אָן איינצעל־הייטען, ווי אַזוי אַ גרופּע פון זעקס יונגע לייט האָבען זיך איינמאָל צוזאַמענגעקליבען אין קליינעם גאָרטען פון מארק, אַנטקעגען גובער־נאַטאָרס הויז, שפּעט ביינאַכט, ווען קיינער וועט די גאַס ניט דורכ־געהן, און האָט פון דאָרט געוואָרפען אַ באָמבע אין „גובערנאַטאָרס הויז". דאָס האָט געזאָלט זיין אַ נקמה פאַר די צוויי חברים, וואָס זיינען דעמזעלבען טאָג געשאָסען געוואָרען אויף באָגאָדעלנער גאַס אין צייט פון אַ דעמאָנסטראַציע.

איך דערמאָן זיך אָן דעם בילד, ווען די באָמבע האָט אויפגע־ריסען. קיינער פון אונז האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט די קראַפט פון אַ באָמבע, ווען זי רייסט אויף. צוטומעלטע, דערשראָקענע זיינען

מיר אַלע זיך צולאָפּען אין פאַרשידענע ווינקעלאַך פון שטאָט. די גאַנצע שטאָט איז אויפגעוועקט געוואָרען. יעדער איינציגער האָט מיט שרעק ארויסגעקוקט אויף דער גאַס, צו זעהן וואָס אין שטאָט האָט פּאַסירט. אויף מאָרגען האָבען מיר געלייענט אין די צייטונגען, אַז זיבען רעגירונגס־באַאמטע האָבען געליטען פון דער אויפגעריסענער באָמבע.

איך דערמאָן זיך, ווי אויף מאָרגען נאָך דעם ווי מיר האָבען די באָמבע געוואָרפען, און דער קאָמיטעט פון „בונד" האָט זיך וועגען דעם דערוואוסט, איז צו אונז געקומען אסתר, די איצטיגע אַנגעזעהענע קאָמוניסטקע, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון בונדישען קאָמיטעט אין מינסק. זי האָט אויף אונז געשריען פאַר דעם פאַרברעכען, וואָס מיר זיינען באַגאַנגען, וואַרפענדיג די באָמבע אָהן דער ערלויבניש פון קאָמיטעט. זי האָט אונז נאָך אמאָל דערמאָנט, אַז דער „בונד" איז געגען טעראָר אַלס אַ מיטעל פון נקמה, און אַז אויב מיר וועלען דאָס נאָך אמאָל טאָן, וועט מען אונז פון „בונד" אויסשליסען.

איך דערמאָן זיך, ווי מיר האָבען צווישען זיך געלאַכט, ווען אסתר איז פון אונז אַוועק. מיר האָבען אַלע געפיהלט, אַז אויך אסתר איז אין דער טיפעניש פון הארצען געווען צופרידען, וואָס מיר האָבען די באָמבע געוואָרפען, און באַזונדער צופרידען איז זי געווען מיט דער העלדישקייט פון די זעקס אינגלאַך, וואָס האָבען געהאַט דעם מוט אַליין צו באַשליסען צו געהן אויף אַזאַ געוואַגטער „שטיקעל ארבייט".

יענע נאַכט איז קיינער ניט געשלאָפען. די גאַנצע שטאָט האָט געוואַרט אויפ'ן פריהמאָרגען, ווען מען וועט אויסגעפינען, וואָס עס האָט פּאַסירט. אַז עפּעס וויכטיגעס האָט פּאַסירט, דאָס האָבען אַלע געפיהלט. איך מיט נאָך איינעם זיינען אַנטלאָפען אין סאַדאָווער גאַס צו צוויי באַקאַנטע בונדיסטקעס, אויף אַן אומלעגאַלער קוואַרטיר. דאָרט האָבען מיר געדאַרפט אָפּזיצען די גאַנצע נאַכט. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען די גליקליכע אויגען פון די צוויי בונדיסטקעס, ווען זיי האָבען אונז אַריינגעלאָזען אין זייער וואוינונג. אין זייערע אויגען האָבען מיר דעמאָלט אויסגעזעהן, ווי העלדען פון אַ שעהנער לעגענדע. ווען מיר האָבען זיי דערצעהלט אַלע איינצעלהייטען, געדענק איך, ווי זיי זיינען געזעסען אינגאַנצען פאַרגליווערט, נאָר די אויגען און די מיילער האָבען זיך באַוועגט.

זיי האָבען געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס מיר האָבען אַרויסגעזאָגט. זיי זיינען געווען איבערגליקליך, וואָס דעם גובערנאַטאָרס הויז איז אויפגעריסען געוואָרען פון אַ באָמבע, און וואָס די העלדען, וועלכע האָבען דאָס געטאָן, געפינען זיך איצט צוזאַמען מיט זיי.

עראינערונגען וועגען דעם אַלעמען און וועגען נאָך און נאָך זאַכען פון אַמאָל האָבען געברויזט אין מיין מוח. אָבער אָט איז שוין דער זייגער דריי. איך שטעה שוין אין קאָרידאָר און זאָג דעם מיליציאַנט, אַז מיין נאָמען איז כאַנין. דער פּאָליציאַנט ציהט זיך אויס אין דער פּאָזע פון אַ מיליטער־מענשען און ציינט מיר העפליך, וואו עס געפינט זיך דער צימער פון דעם קאָמוניסט, צו וועלכען איך געה איצט.

דער צימער איז אויפ׳ן דריטען פלאָר. איך געה איבער די שטיגען, קוק אויף אַלע זייטען, און אַ מאָדנע ווארימקייט נעמט מיך אַרום. איך פארגעס אַלצדינג אויף דער וועלט. איך פארגעס, וואָס איך האָב געזעהן אין דער פריה גרויסע „אָטשערעדעס" (לאַינס) פון מענשען, וואָס האָבען געוואַרט אויף ברויט מיט אויסגעמאַטערטע, פארצווייפעלטע פּנים׳ער; איך פארגעס וועגען דער חרוב־געוואָרענער שטאָט מינסק, וועגען די שמאַטעס, אין וועלכע מענשען געהען אָנגעטאָן, וועגען דער ארבייטסלאָזיגקייט און פארצווייפלונג. איך טראַכט איצט וועגען איין זאַך: אָט איז דאָס הויז, וואָס איז אַמאָל פאַר אונז געווען די פארקערפּערונג פון אונזער גאַנצער שׂנאה, פון אונזער גאַנצען האַס. אָט דאָ אין הויז האָט מען אונטערגעשריבען דעם טויט־אורטייל פאַר דעם יונגען גימנאַזיסט פּוליכאָוו, וועלכער האָט אין יאָהר 1906 אַ צווייטען מאָל געוואָרפען אַ באָמבע אין דעם זעלבען גובערנאַטאָר קורלאָוו, און די באָמבע האָט ניט אויפגעריסען. איך דערמאָן זיך די באַשרייבונגען פון די אומלעגאַלע צייטונגען, און וואָס עס האָבען דערצעהלט די פּאָליטישע אַרעסטאַנטען אין מינסקער טורמע, ווי העלדיש פּוליכאָוו איז געגאַנגען צום טויט, ווי ער האָט אויסגעשריען: „איך שטאַרב פאַר פרייהייט, אָבער איך גלויב, אַז אַ פריי רוסלאַנד וועט קומען!" איך טראַכט, אַז ווען פּוליכאָוו וואָלט געלעבט, וואָלט ער אפשר אויך געווען צווישען די טויזענדער און טויזענדער רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וואָס זיינען איצט פארטריבען פון רוסלאַנד. אָבער ער וואָלט זיך אפשר געפרעהט, וואָס די אַלע קורלאָווס, וואָס האָבען אַזוי פיל העלדישע קינדער פון רוסישען פאָלק פארמאַטערט און אומגעבראַכט,

זיינען פארטריבען געוואָרען פון זייער ממשלה און וועלען שוין מעהר צוריק קיינמאָל ניט קומען.

איך באַטראַכט די מענשען, וואָס געפינען זיך איצט אין גוּבערנאַטאָרס הויז. דאָס זיינען אַלץ פּנים׳ער פון פאָלקס-מענשען, נאָר אמאָל ווארפט זיך דורך דער פנים פון אַן אינטעליגענט. אַלע זיינען אָנגעטאָן אָרים און איינפאַך. עס ברויזט אין זיי לעבען, זיי ארבייטען, קאָכען זיך, האַווען, זוכען וועגען, ווי אַזוי צו מאַכען דאָס לעבען אין לאַנד בעסער און מענשליכער. אמת, דאָס גיט זיך זיי ניט איין, אָבער אַז זיי האָבען אזא פאַר׳עקשנ׳טען פארלאַנג, דאָס האָב איך געפיהלט אין יעדען איינציגען פון זיי. ווען איך האָב זיך נאָר באַגעגענט מיט די קאָמוניסטען אין רוסלאַנד. אפשר אָט די איינגע׳עקשנ׳טקייט זייערע מאַכט זיי בלינד, מאַכט זיי אומפעהיג צו קוקען מיט ניכטערע אויגען אויף דער ביטערער ווירקליכקייט אַרום זיי. אפשר א דאַנק זייער עקשנות איינצופיהרען אין לאַנד אַן אָרדנונג, צו וועלכער דאָס רוסישע פאָלק איז נאָך ניט דערוואַקסען, האָט זיי פאַרוואַנדעלט אין מענשען שטרענגע, מענשען פאַרביטערטע און אויך גרויזאַמע. אָבער וועגען דעם טראַכט איך ניט איצט, שפּאַצירענדיג איבער די קאָרידאָרען און צימערען פון דעם אמאָליגען „גובערנאַטאָרס הויז“.

איך טראַכט אין אַלגעמיין וועגען אמאָל און היינט. אמאָל איז דאָס געווען דאָס הויז פון רוסישען צאַריזם, אמאָל וואָלט מען מיך קיינמאָל אהער ניט אריינגעלאָזען. היינט געה איך אַרום פראַנק און פריי איבער די צימערען. אין יעדען צימער הענגט א בילד פון קאַרל מאַרקס, פון לענין און אַנדערע. דאָס האָט אויף מיר א מערקווירדיגע ווירקונג, אַן אַנגענעהמע וואַרימקייט נעמט מיך אַרום. און אָט בין איך שוין אין צימער פון דעם קאָמוניסט, מיט וועלכען איך דאַרף איצט שמועסען.

די פענסטער פון צימער געהען אַרויס צום „פּרייהייטס סקווער“. אנטקעגען איז דער סאָד. איך זעה פון פענסטער יענע באַנק, אויף וועלכער מיר זיינען געזעסען, איידער מיר האָבען געוואָרפען די באָמבע. איך געה אַרויס אויפ׳ן באַלקאָן. אָט זעה איך דעם אמאָליגען דענקמאָל פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. דעם קאָפּ פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען האָט מען אַרונטערגענומען. אַנשטאַט דעם זעה איך א טאַבלעט (א ברעטעל), וואו עס איז אָנגעשריבען מיט גרויסע גאָלדענע בוכשטאַבען „הירש לעקערט“. דאָס איז דער

נאָמען פון דעם העלדישען אידישען שוסטער־אינגעל, וועלכער איז אויפגעהאנגען געוואָרען, נאָכדעם ווי ער האָט גענומען נקמה אָן דעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן־וואהל'ען פאַר שמייסען זיינע חברים־בונדיסטען אין דער ווילנער פּאָליציי.

* * *

איך זיץ מיט דעם קאָמוניסט אין זיין צימער און דערצעהל איהם, וואָס איך האָב שוין פאַר דער קורצער צייט געזעהן אין שטאָט. איך רעד וועגען דעם מאַנגעל אין ברויט, דעם מאַנגעל אין רויהע מאַטעריאַלען, וועגען דער אָרימקייט אין שטאָט, וועגען די „דעקלאַסירטע" אידען און זייער פאַרצווייפעלטער לאַגע. איך פרעג זיין מיינונג וועגען דעם. אונזער גאַנצער געשפּרעך איז געווען זעהר אַן אינטימער. אין די ענטפערס פון דעם קאָמוניסט האָב איך ניט געפיהלט קיין אָפיציעלען טאָן, קיין „קאַזיאָנשטשינע", קיין קאָמוניסטישע באָמבאַסטיק. אנטקעגען מיר איז געזעסען אַ 26־ אָדער 27־יעהריגער אידישער יונגערמאַן, אַן אינטעליגענט לויט זיין פּראָפעסיע, אַ קינד פון רייכע עלטערען פון ברעסט־ליטאָווסק (בריסק), וואָס באַלאַנגט איצט צו פּוילען.

אין מיין שמועס מיט איהם האָב איך אין איהם דערפיהלט דאָס „פּינטעלע איד". ער מאַכט ניט אוועק מיט'ן האַנט די שרעקליכע פאַרצווייפעלטע לאַגע, אין וועלכער דער קאָמוניזם האָט אוועקגעשטעלט די אידישע מאַסע אין די שטעט און שטעטלאַך. ער זעהט די מאַטערניש, ער זעהט די נויט, דעם פיזישען אונטערגאַנג פון דעם פאָלק, פון וועלכען ער איז אַ קינד. ער ערקלערט מיר, וואָס די רעגירונג קלייבט זיך צו טאָן, און וואָס עס קאָן געטאָן ווערען, כדי די לאַגע טיילוויז בעסער צו מאַכען. ווען ער רעדט וועגען דער אַלגעמיינער לאַגע פון רוסלאַנד, פיהלט זיך אין זיין טאָן אַן ערנסטקייט. ער שיסט ניט מיט פראַזען. ער ערקלערט ניט מיט אַ פעסטען טאָן, אַז דאָס, וואָס מען טוט איצט, איז אַ זיכערער וועג פאַר אַלע שווערע פּראָבלעמען, אַז דאָס וועט ראַטעווען דעם רוסישען פאָלק.

דער קאָמוניסט, מיט וועלכען איך האָב גערעדט, איז אויך טעטיג אין דער באַוועגונג פון אידישער קאָלאָניזאַציע. איך האָב ביי איהם געפרעגט, וואָס ער דענקט וועגען ביראָ־בידזשאַן. ער איז אַ גרויסער אנהענגער פון ביראָ־בידזשאַן, אָבער ער איז זיכער, אַז מען האָט זיך אַביסעל צוגעאיילט מיט'ן שיקען אידישע קאָלאָ־

ניסטען אין אַזאַ ווייטער געגענד, אויף ערד, וואָס איז נאָך פון קיינעם ניט באַארבייט געוואָרען. אָבער פאַרפאַלען, זאָגט ער צו מיר, די אַרבייט איז שוין אָנגעפאַנגען, און ניט קוקענדיג אויף די מעגליכע קרבנות, וואָס די פּיאָנירען וועלען דאַרפען ברענגען, וועט מען די אַרבייט מוזען ווייטער פיהרען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווען מען וואָלט ניט געוועזען אַזוי איבעראיילט, וואָלט מען מיט דעם געלט, וואָס מען גיט אויס אויף בירא־בידזשאַן, געקענט אויסטריי־קענען די סלוצקער בלאָטעס, און מען וואָלט געקענט באַזעצען אין וויים־רוסלאַנד נייע צעהן טויזענד אידישע פאַמיליעס. ער גיט מיר אויך איבער דעם איצטיגען פּלאַן פון דער וויים־רוסישער רעגירונג אויסצוטריקענען בלאָטעס אין אַ גאַנצער געגענד פון וויים־רוסלאַנד, און צו באַזעצען דאָרטען אידישע און ניט־אידישע קאָלאָניסטען.

געזעגענענדיג זיך מיט דעם קאָמוניסט, האָב איך געהאַט דאָס געפיהל, אַז איך האָב פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה מיט אַ מענשען, וועמעס הארץ עס פיהלט דעם אומגליק פון לאַנד, דעם אומגליק פון דער אידישער פאָלקס־מאַסע, און עקשנות'דיג זוכט ער אַ וועג, ווי אַזוי זיי צו העלפען.

* * *

איך פאָהר אין באַהן. מיט מיר אויף דערזעלבער באַנק זיצט אַן אייזענבאַהן־אינזשינער. מיין רייזע דאַרף זיין אַ לאַנגע. איך מאַך זיך באַקוועם אין וואַגאָן (קאַר). נאָך מיין אויסזעהן דער־קענט מען שוין, אַז איך בין אַן אויסלענדער. ער פרעגט ביי מיר, צי איך פאַרשטעה רוסיש. איך ענטפער איהם, אַז יאָ. עס נעמט ניט לאַנג, און מיר פאַרפיהרען צווישען זיך אַ געשפרעך. ער וויל וויסען וועגען אַמעריקע. איך דערצעהל איהם. איך וויל פון איהם זיך דערוויסען וועגען רוסלאַנד, אָבער ער לאָזט זיך וועגען דעם אין קיין געשפרעך ניט אריינציהען. איך פיהל, אַז ער האָט מורא. אַזוי געהען אַריבער שטונדען, ביז איך געוויין ענדליך דעם אינזשינערס פּולען צוטרוי. ביז איצט האָט ער געשוויגען, און איך האָב צו איהם גערעדט וועגען אַמעריקע. איצט שווייג איך, און ער רעדט צו מיר וועגען רוסלאַנד.

„ניין", זאָגט ער, „אַזוי וועט רוסלאַנד ניט אויפגעבויט ווערען. אַלץ געהט געגען דער רעגירונג, און ניט דערפאַר, ווייל מיר ווילען איהר ניט העלפען. נאָר ווייל זי לאָזט ניט, אַז מען זאָל איהר העלפען.

„אַט, זאָגט ער, בין איך אַן אינזשינער, אַן אָנגעשטעלטער אויף אַן אייזענבאַהן־ליניע אין אוקראַינע. איך דין שוין דאָ צוואַנציג יאָהר. איך בין נאָך ניט קיין אַלטער מאַן. איך קען נאָך אין דער אַרבייט ניצליך זיין, אָבער מען לאָזט ניט, מען שטערט מיר. ווען איך וואָלט מיט אייך געקענט אַריינגעהן צו מיר אין הויז, וואָלט איך אייך געוויזען, וויפיל אָנערקענונג איך האָב געקראָגען שריפטליך פון די אייזענבאַהן־באַאַמטע פון מיין ליניע אין די אַמאָליגע צאַרי־שע צייטען. איך האָב זיך קיינמאָל אין פּאָליטיק ניט געמישט. איך האָב ליב געהאַט מיין אַרבייט, און דער דאָזיגער אַרבייט האָב איך אָפּגעגעבען מיין גאַנצען לעבען, מיין גאַנצע ענערגיע, מיין גאַנצען מאַרך. אויף וויפיל „פּאָליטיק" עס איז צו מיר דערגאַנגען אין די אַמאָליגע צייטען, האָב איך סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג, כאָטש איך האָב זיך אין איהר ניט באַטייליגט און בין מיט איהר ניט געווען באַקאַנט ווי געהעריג. אָבער דאָס האָט מיר ניט געשטערט צו זיין טריי דער אייזענבאַהן, ביי וועלכער איך האָב געדינט.

„ווען די באָלשעוויקעס האָבען איינגענומען אוקראַינע, בין איך געבליבען אויף דערזעלבער שטעלע און האָב געאַרבייט מיט דער־זעלבער טרייהייט, מיט דערזעלבער איבערגעבענהייט, ווי פריהער. אָבער די גאַנצע צייט פיהל איך, אַז מען האָט צו מיר קיין צוטרוי ניט, אַז איך בין אונטער אַ חשד, און איך ווייס ניט פאַרוואָס.

„איך אַרבייט היינט, ניט זייענדיג זיכער, וואָס מיט מיר וועט זיין מאָרגען. דאָס פּאַראַליזירט מיין אַרבייט. עס נעמט ביי מיר צו דעם ווילען. איך פיהל, אַז איך בין אַן איבעריגער, און אַזוי פיהלען זיך אַלע אָנגעשטעלטע, אויב זיי זיינען ניט קיין קאָמוניסטען. זיי ווילען יעדען איינציגען מאַכען פאַר אַ פּאָליטיקער, אָבער ניט אַלע קענען זיך באַשעפטיגען מיט פּאָליטיק. מיר איז פּאָליטיק פרעמד. איך בין ווייט דערפון, ניט דערפאַר, ווייל איך וויל ניט, נאָר ווייל איך קען ניט. איך בין פאַר דעם ניט געבאָרען.

„אַט האָט מען צו מיר צוגעשטעלט אַ „קאָמסאָמאָליעץ" (אַ מיטגליד פון „קאָמסאָמאָל", קאָמוניסטישע יוגענד־אָרגאַניזאַציע). ער דאַרף אויפפּאַסען אויף מיין אַרבייט. פון איהם, האָפען זיי, וועט אַרויסקומען דער אינזשינער און אויך דער פּאָליטיקער, וועל־כער וועט שפּעטער פאַרנעמען מיין פּלאַץ. אין דער טיפעניש פון מיין האַרצען טראָג איך אַ שנאה צו איהם, ווייל איך פיהל, אַז ער

איז דער, אין וועמעס הענט עס ליגט מיין גאנצער שיקזאל, מיין גאנץ לעבען. איך טהו די ארבייט, און ער קריגט די אנערקענונג, כאָטש ער האָט קיין ערפאהרונג ניט, ער ווייסט אָפטמאָל אפילו ניט גענוי, וועגען וואָס עס האנדעלט זיך.

„מיין ארבייט זעהט קיינער ניט, זי ווערט פארשריבען אויפ'ן קרעדיט פונ'ם „קאָמסאָמאָליעץ". איך פיהל, אז איך בין גאָרניט. איך האָב אזוי פיל יאָהרען געדינט אויף דער אייזענבאהן־ליניע, אזוי פיל אויפגעטאָן, אזוי פיל אמביציעס זיינען ביי מיר געווען, און אמביציעס ניט פון א קרענקליכען, ערנגייציגען מענשען, נאָר פון א מענשען, וועלכער קען גוט זיין פאך, און דאך בין איך איצט אָן איבעריגער. איצט דארף מען מיין ארבייט, מען דארף מיין מארך, מען וויל מיר פארוואנדלען אין א מאשין, וואָס האָט ניט קיין הארץ, וואָס האָט ניט קיין געפיהלען, און איך קען זיך ניט אונטערגעבען. און דערפאר לאָזען זיך ביי מיר ארונטער די הענט. די קאָמוניסטען זאָגען, אז מיר זיינען „אינדוסטריעלע סאָבאָטאָזש־ניקעם", אז מיר שטערען סיסטעמאטיש דער אינדוסטריע, אז מיר זיינען קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען. אָבער, גלויבט מיר, זאָגט ער, אז דאָס איז א ליגען. מיר זיינען דאָס ניט, מיר ווילען זיין טריי דער רעגירונג. מיר ווילען זיין טריי אונזער ארבייט, אָבער מען לאָזט אונז ניט.

„איהר לייענט צייטונגען אלע טאָג. איהר קענט דאך רוסיש, — זאָגט ער צו מיר — באמערקט איהר ניט אלע טאָג ארטיקלען אין די רוסישע צייטונגען, אז די „קאָמסאָמאָלצעס" דארפען ווערען פאך־ספעציאליסטען און פארנעמען די פלעצער פון די ספעציאליסטען, וואָס שטעהען איצט ביי דער ארבייט, ווייל מיט אונז איז מען ניט זיכער?

„זיי, די קאָמוניסטען — זאָגט ער צו מיר — ווילען בויען דאָס לאנד מיט דער אומערפאהרענער יוגענט, וועלכע, לויט איהר גאנצען כאראקטער און טעמפעראמענט, קען זיך ניט איינשפאנען אין וואָגען פון לעבען. די יוגענט ביי אונז, מסתמא פונקט ווי ביי אייך — זאָגט ער צו מיר — איז קאפריזנע, ניט געשטעלט, איז יוגענטליך אוואנטיוריסטיש, קאָן ניט איינזיצען אויף איין פלאץ, וויל ניט און קען ניט זיין פראקטיש. מיט איהר קאָן מען קיין לאנד ניט בויען. איך געדענק — זאָגט ער וויטער — די צייט, ווען איך בין געווען א קינד. ווער האָט זיך דאָס געזאָרגט וועגען מאָרגען?

וואו איך האָב געטאָגט, האָב איך ניט גענעכטיגט. אָבער שפּעטער, ווען איך בין עלטער געוואָרען, האָב חתונה געהאַט, איינגעאָרדענט זיך, האָב איך גענומען בויען מיין אייגענעם לעבען מיט טאַלק און מיט רעכענונג, און בויענדיג אזוי מיין אייגענעם לעבען, האָב איך אויך געבויט דאָס לעבען פון לאַנד.

„ווען איך זאָג עפּעס צו דעם „קאָמסאָמאָליעץ״, וועלכען מען האָט אוועקגעשטעלט אויפצופּאַסען אויף מיר; ווען איך זאָג איהם עפּעס א זאַך אין פאַרבינדונג מיט דער אַרבייט, און ער וויל מיר ניט פאָלגען, ענטפערט ער מיר גלייך: „וואָס ווייסט איהר? איהר זענט דאָך שוין אַן אָפּגעלעבטער. איהר און די אייעריגע וועלען דאָך באַלד אויסשטאַרבען״. דאָס זאָגט ער צו מיר, וועלכער איז נאָך קיין 45 יאָהר ניט אַלט! און ער פיהלט גאָר ניט, אַז אין דעם ליגט טאַקע רוסלאַנדס אומגליק. אַ לאַנד ווערט ניט געבויט פון דער 18- אָדער 20-יעהריגער יוגענט. אַ לאַנד ווערט געבויט פון מענשען אין דער עלטער פון 25 ביז 60 יאָהר. זייער אייגענע לעבענס-ערפאַהרונג באַשאַפט יעדען פּראָגרעס און אויפבליה פון אַ לאַנד. מיט דעם, וואָס די רעגירונג האַלט אין איין שרייען, אַז זי האָט צו אונז קיין צוטרוי ניט, אַז מען דאַרף אויף אונזער אָרט אוועקשטעלען אַנ-דערע — דאָס אַלץ פּאַראַליזירט אונזער טעטיגקייט, פּאַראַליזירט אונזער ענערגיע און אונזער ווילען.

„דער גרעסטער פאַכמאַן איז ניט מעהר ווי אַ מענש און מוז אין זיין אַרבייט באַגעהן פעהלערען, מאַכען טעות'ן. ווען אַ קאָ-מוניסט מאַכט אַ טעות אין זיין אַרבייט, האָט ער פאַר קיינעם קיין מורא ניט. קיינער וועט איהם ניט באַשולדיגען אין קאָנטר-רעוואָ-לוציע. פאַר זיי, פאַר די קאָמוניסטען, עקזיסטירט אַ כלל, וואָס איז געוואָרען אַ קאָמוניסטישער שפּריכוואָרט: „מיר לערנען זיך אויף אונזערע טעות'ן״. אָבער ווען עס מאַכט אַ טעות אין זיין אַרבייט איינער, וואָס איז ניט קיין קאָמוניסט, באַשולדיגט מען איהם אין קאָנטר-רעוואָלוציע, אין אומטרייהייט צו דער רעגירונג, און ער קאָן פאַר דעם פאַר'משפּט ווערען צום טויט. אין אַזאַ אַטמאָספערע קאָן קיינער ניט אַרבייטען, דאָס פאָלק קאָן ניט שאַפען, און די בעסטע, אינטעליגענטסטע און פעהיגסטע מענשען פון לאַנד קאָנען ניט זיין ניצליך. זיי האָבען מורא צו ענטוויקלען זייער פעהיגקייט. זיי האָבען מורא צו מאַכען עקספּערימענטען, ערפינדונגען, ווייל טאָמער

וועט זיך דאָס ניט איינגעבען, וועט מען זיי נאָך אפשר איבערגעבען צום געריכט און באַשולדיגען אין פאַרראַט.

„איהר האָט וואהרשיינליך געלייענט — זאָגט ער צו מיר — וועגען דעם פּראָצעס פון די אינזשינערען אין דעם „דאָנעצער באַסיין" (אַ קוילען־געגענד אין אוקראַינע), וועלכער האָט אָנגעמאַכט אַזאַ טומעל איבער'ן לאַנד, דאָס עס האָט אָנגעוואָרפען אַ מורא אויף אַלע „ספּעצען" (ספּעציאַליסטען, פאַכמענער) פון דער רוסישער מלוכה־ווירטשאַפט. יעדער איינער פון אונז — זאָגט ער צו מיר — האָט געפיהלט, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע פון קליינינקע מענשעלאַך, וועלכע האָבען געוואָלט דורך דעם דערהויבען ווערען אין די אויגען פון דער רעגירונג. אמת, פעהלערען זיינען דאָרט באַגאַנגען געוואָרען, אָבער דאָס זיינען מענשליכע טעות'ן. קיינער האָט יענע טעות'ן פריהער ניט געפּלאַנט, כדי צו שעדיגען דער רעגירונג אָדער דער אינדוסטריע. דער פּראָצעס האָט אַרויפגעוואָרפען אַן אימה אויף אַלע אָרענטליכע מענשען, וואָס האָבען טריי און איבערגעבען געדינט אין זייער פאַך, דער ארבייט, וואָס זיי האָבען ליב געהאַט. קיין גרויסע טובה פאַר דער רוסישער ווירטשאַפט איז יענער פּראָצעס ניט געווען".

ווען איך האָב זיך מיט איהם געזעגענט, האָב איך געפיהלט, אַז מיט מיר איז געפּאָהרען ניט קיין שונא פון לאַנד, נאָר אַ מענש, וואָס וויל רוהיג ארבייטען און ניצליך זיין דעם לאַנד, אָבער דער גייסט ,וועלכען די קאָמוניסטען האָבען אריינגעבראַכט אומעטום, שטערט דעם מענשען, לאָזט איהם ניט טאָן גוט זיין ארבייט און ניצליך זיין.

אין די אידישע שטעט און שטעטלאך

דער אויסזעהן פון די מענשען. — אויף די גאסען. — אין די הייזער. — נאדלען, טשוועקעס און מולטע. — א פאבריק אין קרופקע. — דער פינאנס־אינספעקטאר און די עפעל. — די ארימע „פריצ'טע". — עלעקטריק אויף די גאסען און פינסטערניש אין די הייזער. — אהרן דער מלמד באזיגט די „טשעקא". — מען מאכט איבער מיר „שהחיינו".

ווען איך בין ארומגעגאנגען איבער די גאסען פון די רוסישע שטעט און שטעטלאך און האב געזעהן די אפגעריסענקייט פון די מענשען, די שמאטעס, מיט וועלכע עס איז כלומר'שט פארדעקט זייער קערפער, בין איך געווען זיכער, אז דאס קומט פון דעם, וואס די מענשען פארדינען ניט גענוג און האבען ניט מיט וואס צו קויפען א גאנצען בגד. ווען איך האב זיך אבער מעהר צוגעקוקט, געקומען רעדען מיט מענשען וועגען זייער נאקעטקייט, האב איך אויסגעפונען, אז זייערע קליינע פארדינסטען זיינען טאקע אויך אן אורזאך פון זייער נאקעטקייט, אבער ניט די הויפט־אורזאך. די הויפט־אורזאך פון דער נאקעטקייט און אפגעריסענקייט איז דאס, וואס עס איז ניט קיין מאנופאקטור, קיין געצייג, קיין געוואנט, פון וואס צו מאכען קליידער.

אין די אמאליגע צייטען האבען די שטעט לאדז און ביאליסטאק, און אויך אייניגע אנדערע שטעט פון פוילען, פארזארגט רוסלאנד מיט מאנופאקטור. איצט זיינען די שטעט מיט דער הויכער וועב־אינדוסטריע אפגעזונדערט געווארען פון רוסלאנד, און געבליבען זיינען בלויז די געגענדען פון מאסקווע און נאך א פאר אנדערע מאנופאקטור־געגענדען, און זיי קענען ניט צושטעלען גענוג מאנו־פאקטור פאר דעם רוסישען מארק. און ווען זיי וואלטען אפילו גע־קענט, פעהלט אין רוסלאנד רויה־מאטעריאל.

וועגען די אורזאכען, פארוואס עס פעהלט אין רוסלאנד רויה־מאטעריאל, וועל איך דערצעהלען אין די קומענדיגע ארטיקלען. איך וועל דערצעהלען די געשפרעכען, וואס איך האב געהאט מיט

אַנגעזעהענע מענשען, וועלכע קענען די עקאָנאָמישע רוסלאַנד אויס־געצייכענט.

דער מאַנגעל אין רויה־מאַטעריאַל איז אַזוי גרויס, אַז גאַנצע פאַבריקען ארבייטען ניט.

ווען איך בין געגאַנגען איבער די גאַסען פון מינסק, בין איך געווען דער איינציגער, וואָס האָט געטראָגען אַ הוט, אַ ווייסען קאָלנער און אַ גאַנצען פּאַלטאָ. און גאַנצע גאַסען פון מענשען פלעגען זיך אָפּשטעלען קוקען אויף מיר, ווי איינער זאָגט: „פון וואַנען האָט ער זיך אָפּגעריסען אהער?" אַ סך האָבען וואהרשיינליך געקוקט אויף מיר מיט קנאה. ווען איך פלעג דערזעהן, אַז מענשען שטעלען זיך אָפּ אין גאַס און קוקען אויף מיר, פלעגט מיר ווערען אַזוי אומאַנגענעהם, אַז איך פלעג זיך שעהמען פאַר זיך אַליין.

אין דער שטאָט ד. בין איך אָנגעקומען עלף אַזייגער אינדער־פריה. די שטאָט האָב איך זעהר גוט געקענט. איך האָב אַמאָל דאָר־טען, אין מיינע קינדער־יאָהרען, געלערענט אין תלמוד־תורה. שפּע־טער, ווען איך בין געוואָרען אַ בעל־מלאכה, האָב איך דאָרטען גע־ארבייט אַלס קירזשנער און געווען אַקטיוו אין דער בונדישער אָר־גאַניזאַציע. אין דער שטאָט האָבען מיך אַלע געקענט און איך האָב אַלעמען געקענט.

ווען אַ פּאָר אידישע ארבייטער און אינטעליגענטען האָבען גענומען אָרגאַניזירען אין יענער שטאָט דעם „בונד", איז אונזער גאַנצע ארבייט געטאָן געוואָרען ביי אַן אָרימען שניידער אין הויז. דער שניידער האָט געהאַט זיבען טעכטער, און אַלע האָבען געאַר־בייט אויף אַ פאַבריק. דער טאַטע האָט געוואוסט, אַז מיר זענען „ציצעליסטען".

אַמאָליגע טאַטעס, וועלכע האָבען געהאַט אַ סך טעכטער, זיי־נען געווען צופרידען, וואָס יונגע בחורים קומען אריין אין זייער הויז. עס האָט זיך אונז דעריבער איינגעגעבען אין דעם הויז אַזוי איינצוואָרדענען זיך, אַז אפילו דער טאַטע און די מאַמע זענען אריינ־געצויגען געוואָרען אין אונזער שטילער און באַהאַלטענער ארבייט. שפּעטער איז דאָס הויז פאַר מיר געוואָרען ניט נאָר אַ פּלאַץ פון אַן „אומלעגאַלער קוואַרטיר" (אַ געהיימער אָרט פון אַ רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע אין אַמאָליגען רוסלאַנד), נאָר אַ היים. איך בין פון אַלעמען דאָרטען באַטראַכט געוואָרען ווי אַן אייגען קינד. יעדען מאָל, ווען איך פלעג אַרעסטירט ווערען, פלעגען די עלטערע טעכטער

שיקען אין טורמע צו מיר עסען, די אַלטע מאַמע פלעגט אָפטמאָל דורכגעהן פאַרביי מיין טורמע־פענסטער, כדי איך זאָל זי זעהן.

איצט זיינען שוין כמעט אַלע קינדער פאַרהייראַט, און די מעהרסטע פון זיי געפונען זיך אין אמעריקע. דער אַלטער שניידער איז שוין לאַנג געשטאָרבען. אין דער שטאָט ד. איז פאַרבליבען די עלטערע טאָכטער, צוזאַמען מיט דער אַלטער מאַמען. די מאַמע קריגט שטיצע רעגעלמעסיג פון אמעריקע, און איהר עלטער וואָלט גאָר ניט געוועזן אַזאַ שלעכטע, ווען פאַר דעם געלט, וואָס מען שיקט איהר, וואָלט זי געקענט קויפען די פּראָדוקטען, וועלכע זיינען נויטיג פאַר אַ מענשען, און זי וואָלט פאַרשפּאָרט צו זיין הונגעריג און אַרומגעהן נאַקעט און באָרוועס.

קומענדיג אין דער שטאָט, בין איך פאַרפאָהרען אין אַן אכסניה, און גלייך אַרויס אין גאַס. אין שטעטעל האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז נחום דער קירזשנער איז געקומען פון אמעריקע.

ווען איך בין געקומען צוריק אין אכסניה, האָב איך דאָרט גע־טראָפען די אַלטע פרוי, וועלכע האָט זיך אין גאַס דערוואוסט, אַז איך בין דאָ. איך האָב זי דערקענט, זי מיך — ניט. ווען איך האָב זי דערזעהן, בין איך מיט דער גרעסטער פרייד צו איהר צוגעלאָפען, געוואָלט זיך אַרומכאַפּען קושען מיט איהר, פּונקט ווי אַ קינד פאַלט אויפ'ן האַלז פון זיין מוטער, וועלכע ער האָט שוין ניט געזעהן 23 יאָהר.

איך בין מיט איהר אריין צו מיר אין צימער פון דער אכסניה. זי האָט מיר גענומען דערצעהלען וועגען איהר לעבען, וועגען איהרע צרות, און ריידענדיג אַזוי מיט מיר, האָט זי געזאָגט:

— זעהסט, נחום'קע, צו וואָס מיר האָבען זיך דערלעבט. איך געה אַרום נאַקעט, ווי אַ שנאָרערקע, ווי אַ בעטלערקע, ווי איינע, וועלכע געהט אַרום אין די הייזער און קלייבט נדבות. אָבער איך בין ניט קיין בעטלערקע. מיינע קינדער, זאָלען זיי געזונט און שטאַרק זיין, שיקען מיר פון אמעריקע גענוג. אַט האָב איך צוואַנציג דאָלאַר. דאָס האָב איך נאָר וואָס געקראָגען פון מיינע קינדער אין אמעריקע. איך וויל קויפען פינף אַרשין מולטע (פלאַנעל), אויפ־צונייהען זיך אַ קלייד. עס קומט דער ווינטער, עס איז אַזוי קאַלט. האָב איך קיין מולטע ניט וואו צו קויפען. אַזוי ווי דו ביסט דאָך פון „זייערע" (דאָס האָט זי געמיינט צו זאָגען, אַז איך בין דאָך אַ

סאָציאַליסט, מסתמא אַ גאַנצער שמעלקע ביי די קאָמוניסטען), טאָ זעה קריג פאַר מיר די מולטע, איך וועל פאַר דעם באַצאָהלען.

און נאָך איידער איך האָב איהר עפּעס געזאָגט, האָט זי ווייטער גערעדט:

— זאָג, נחום׳קע, האָב איך זיך דאָס פאַרדינט, אַז מען זאָל מיר ניט פאַרקויפען קיין פינף אַרשין מולטע, אַז איך זאָל אַרומ־געהן נאַקעט? איך האָב די „ציצעליסטען" אַלעמאָל אין מיין הויז אריינגעלאָזען, איך פלעג באַהאַלטען אייערע טריפ׳ענע פּעקעלעך, איהר האָט ביי מיר געטאָגט און גענעכטיגט, פאַר וואָס קומט דאָס מיר, אַז מען זאָל מיר דאָס ניט פאַרקויפען?

איך האָב געקוקט אויף דער אַלטער פרוי און האָב געטראַכט, מיט וואָס פאַר אַ ווערטער ערקלערט מען איהר, אַז זי האָט ניט קיין מולטע ניט דערפאַר, ווייל מען וויל איהר ניט פאַרקויפען, נאָר ווייל אין לאַנד איז קיין מולטע ניטאָ. איך האָב אויך געזוכט ווער־טער, מיט וועלכע איהר צו ערקלעהרען, אַז ניט איך און ניט מיין סאָציאַליזם זענען שולדיג אין דעם, וואָס דאָס נויטיגסטע, וואָס אַ מענש דאַרף האָבען, פעהלט אין רוסלאַנד. אָבער אַזוינע ווערטער האָב איך פאַר איהר, פאַר דער גרויער אַלטער זקנה, ניט געקענט געפינען.

די סצענע ביי דער באַגעגעניש מיט דער אַלטער פרוי איז געווען פאַר מיר דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון דער נויט, פון דער הילפ־לאָזיגקייט, אין וועלכער עס געפינט זיך יעדער איינצעלנער בירגער פון רוסלאַנד.

* * *

אין אַ געוויסער רוסלענדישער שטאָט געפינט זיך מיינער אַן אַלטער קרוב. ווען מיר איז באַוואוסט געוואָרען דער פאַקט, אַז איך פאָהר אין רוסלאַנד, האָט זיך מיר געוואָלט איהם ברענגען עפּעס אַ מתנה. איך האָב אין וואַרשע געקויפט אַ גוטען וואַרימען סוועטער, און ווען איך בין געקומען אין דער שטאָט, אין וועלכער ער געפינט זיך, האָב איך איהם די מתנה אַוועקגעגעבען. דערביי איז געשטאַנען זיין פרוי, אַן איינפאַכע אידענע. זי הויבט אָן מיר צו דאַנקען פאַר דעם סוועטער. „אָבער, גיט זי צו, וואָס פאַר אַ טובה דו וואָלסט מיר געטאָן, ווען אויפ׳ן אָרט פון סוועטער וואָלסטו אונז געבראַכט צעהן נאָדלען צו אַ זינגער מאַשין!" איך קוק זי אָן און פאַרשטעה זי ניט: צעהן נאָדלען צו אַ זינגער מאַשין קאָסטען אין אַמעריקע

אכט סענט. פאַר דעם סוועטער האָב איך אין פּוילען באַצאָהלט א שעהנע פּאָר דאָלאַר. איז דער ווערטה פון צעהן נאָדלען אין רוס־לאַנד גרעסער איידער דער ווערטה פון אזא גוטען סוועטער ? דאָס האָט פאַר מיר באַלד אויפגעדעקט די גרויסע נויט אין רוסלאַנד. עס איז איצט אין רוסלאַנד גאָרנישט ניטאָ — ניט קיין מאַנופאַק־טור, ניט קיין לעדער, ניט קיין באַוועל. דאָס לאַנד געהט אויס אָהן די נויטיגסטע אַרטיקלען. דאָס לאַנד האָט אויך ניט קיין נאָדלען.

די אָרגאַניזאַציע „אָרט" איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער צווישען די אידישע קוסטאַרען — בעלי־מלכות, שניידער, זאָקען־מאַכער, א. אז. וו. — צוליב דעם, וואָס זי ברענגט נאָדלען פון אויסלאַנד און באַזאָרגט מיט זיי די אידישע בעלי־מלאכות. איך בין געוועזען אין איין שטאָט אין א זאָקען פאַבריק, וואו עס ארבייטען ארום 150 בעלי־מלאכות, און די פאַבריק האָט ניט געאַרבייט נאָר צוליב דעם, ווייל עס זענען קיין נאָדלען ניט געווען. דער „אָרט" רעכענט פאַר נאָדלען צו א זאָקען־מאַשין פיר קאָפּיקעס א נאָדעל. אין דער צייט ווען אויף דער „שוואַרצער בירזשע" צאָהלען די זעל־בע בעלי־מלאכות פאַר די זעלבע נאָדלען, אויב מען קריגט זיי נאָר, 43 קאָפּיקעס א נאָדעל. איך האָב געשטעלט די פראַגע צו מאַנכע פיהרער פון די בעלי־מלאכה'שע ארטעלען (קאָאָפּעראַטיוועז), ווי אזוי די נאָדלען קומען אויף דער „שוואַרצער בירזשע", און דער ענטפער איז געווען דער פאָלגענדער : עס זענען דאָ צוויי מעגליכ־קייטען. איינע איז, אז מען שמוגעלט דאָס אריין אין קאָנטראַבאַנדע. דאָס איז אין רוסלאַנד זעהר א שווערע, כמעט אַן אוממעגליכע זאַך. די צווייטע מעגליכקייט איז, אז די ספּעקולאַנטען פון דער „שוואַר־צער בירזשע" קויפען אָפּ דאָס ביסעל נאָדלען, וואָס רוסלאַנד קריגט יאָ אריין פאַר די קאָאָפּעראַטיוועז, און די אָנגעשטעלטע פון די קאָ־אָפּעראַטיוועז קריגען דערפאַר א באַדייטענדען כאַבאַר. אין יעדער שטאָט, אין וועלכער איך בין געקומען, איז די פראַגע פון נאָדלען געווען די ברענענדסטע. אין איין אוקראַינישער שטאָט, וואו עס געפינט זיך אַן אָפּיס פון „אָרט", האָט מען ערהאַלטען א בריף פון מאָסקווער „אָרט", אז עס ווערען ארויסגעשיקט 15 טויזענט נאָד־לען פאַר זאָקען־מאַשינען. די נייעס וועגען דעם האָט זיך פאַר־שפּרייט איבער'ן שטאָט, און דער אָפּיס איז באַלאַגערט געוואָרען פון מענשען, וואָס האָבען געבעטען נאָדלען. א מערקווירדיגע זאַך: עס ווערען אָפּגעשטעלט פעקטאָרים, און בעלי־מלאכות, וואָס קריגען

שוין דעם רויה־מאַטעריאַל, קאָנען ניט ארבייטען, ווייל דאָס לאַנד האָט קיין נאָדלען ניט. אין די אמאָליגע צייטען וואָלט זיך דער בעל־מלאכה געוואָרפען אהער און אהין, ער וואָלט ניט גערוהט, ער וואָלט אָנגעווענדעט אַלע „סקימס", ער וואָלט אפילו אין אויסלאַנד גע־פאָהרען צו ברענגען נאָדלען, אבי זיין שאַפּ זאָל ארבייטען. איצט אָבער געהט דער בעל־מלאכה ארום מאַכטלאָז, אַ פאַרלוירענער, ווייל ער ווייסט, אז אויב ער וועט ענערגיש זוכען נאָדלען וועט איהם זיין ענערגיע עפּענען אַ גלייכען וועג אין טורמע, ווייל דאָס וועט הייסען „ספּעקולאַציע". מוז ער זיצען און וואַרטען אין קיעוו, אין אָדעס, אין בערדיטשעוו, ביז וואַנען מאָסקווע וועט וועגען איהם אַ טראַכט טאָן, ביז וואַנען מאָסקווע וועט זיך וועגען איהם דערמאָנען.

ווען איך בין געווען אין בערלין און אָפּגעגעבען אַ באַריכט דער צענטראַלער „אָרט"־פאַרוואַלטונג וועגען דעם שרעקליכען מאַנגעל אין נאָדלען, און אויף מיין פאַרלאַנג האָט גלייך די „אָרט"־פאַרוואַל־טונג באַשלאָסען צו לייהען ערגעץ פינף טויזענט דאָלאַר און גלייך אויף מאָרגען ארויסשיקען נאָדלען קיין רוסלאַנד, האָב איך געפיהלט אז מיט דעם האָב איך געראַטעוועט טויזענטער מענשען, וועלכע געהען ארום פאַרלוירענע, האָבען ניט די מעגליכקייט צו ארבייטען, נאָר צוליב דעם, ווייל עס זענען קיין נאָדלען ניטאָ.

* * *

איהר פאָהרט איבער די קליינע שטעטלעך פון ווייס־רוסלאַנד, און איהר זעהט נייע, אוועקגעשטעלטע הייזער, אין וועלכע קיינער וואוינט ניט, ווייל עס איז נאָך ניטאָ קיין דאַך אויף זיי, עס פעהלען פענסטער. און ווען איהר הויבט אָן צו פרעגען, פאַרוואָס מען ענ־דיגט דאָס ניט, ענטפערט מען אייך:

— עס זענען נישטאָ קיין טשוועקעס! . . .

וואַלד איז דאָ גענוג, בערוועניעס האָט מען געמעגט אָנזעגען, מאַך אויף צו לייגען צווישען די בערוועניעס, כדי עס זאָל אָנהאַלטען וואַרימקייט, איז אויך דאָ. האָבען די קריסטען און אויך אפילו די אידען גענומען בויען הייזער, אָבער פאַרענדיגען זיי האָט מען ניט געקענט, ווייל עס פעהלען טשוועקעס.

רוסלאַנד קען זיך בויען אָהן צעמענט, אָהן ציגעל, אָבער זי קען זיך ניט בויען אָהן טשוועקעס. און טשוועקעס קען מען ניט מאַכען, ווייל עס איז ניטאָ אין רוסלאַנד גענוג מעטאַל. עס זיינען אויך ניטאָ

גענוג פאַבריקען, וועלכע זאָלען צושטעלען גענוג טשוועקעס פאַר דער רוסישער באַפעלקערונג.

* * *

ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, איז אין אונזער שטעטעל קרופּקע געקומען צופאָהרען אַ רייכער איד און האָט געעפענט אַ „ליעסאָפּילנעם זאַוואָד" (דאָס איז אַ פאַבריק, וואו מען זעגט האָלץ). אין דער פאַבריק האָט מען אויך אויסגעאַרבייט שטעק־לעך פאַר שוועבעלאַך. דער איד איז ביי אונז אין שטעטעל רייך געוואָרען.

דאָס שטעטעל שטעהט אינמיטען וואַלד, ביי אַ ברעג פון אַ טייך, וועלכער פאַלט אַריין אין דעם טייך בעריאָזע, און דער טייך בעריאָ־זע פאַלט אַריין אין דניעפּער. פלעגט אונזער שטעטעלע שיקען אויסגעאַרבייטע געהילץ קיין אוקראַינע. פון דער פאַבריק האָבען ביי אונז אין שטעטעל געמאַכט אַ לעבען אַ הונדערט פאַמיליעס, קריסטען און אידען. ווען דער באָלשעוויזם איז געקומען, איז די פאַבריק נאַציאָנאַליזירט געוואָרען (אָפּגענומען געוואָרען פאַר דער רעגירונג) און איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דעם ווייס־רוסישען וואַלד־קאָמיטעט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די פאַב־ריק איז דורכדעם רואינירט געוואָרען, האָט אָנגעהויבען אַרבייטען אויף גרויסע דעפיציטען, און מיט צוויי יאָהר צוריק האָט דער ווייס־רוסישער וואַלד־קאָמיטעט באַשלאָסען די פאַבריק אינגאַנצען צו פאַרמאַכען און די מאַשינען איבערפיהרען אין דער שטאָט באָרי־סאָוו און אַוועקלייגען אין אַ סקלאַד. און אַזוי האָט מען געטאָן. די אַרבייטער, וועלכע זיינען אין דער פאַבריק געווען באַשעפטיגט, האָבען אָנגעהויבען שיקען פּראָשעניעס (ביטעס) קיין מאָסקווע. אויך דעלעגאַציעס זיינען קיין מאָסקווע געפאָהרען זיך קלאָגען אויף דעם ווייס־רוסישען וואַלד־קאָמיטעט. און אַזוי האָט זיך די געשיכטע געצויגען און געצויגען, און עס איז אַלץ צו קיין טאָלק ניט געקומען.

ווען איך בין איצט געווען אין שטעטעל, איז דאָרטען אויך גע־ווען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון מאָסקווע, וועלכע איז אַרונטערגע־קומען אונטערזוכען, פאַרוואָס מען האָט אויפגעגעבען די פאַבריק. און די קאָמיסיע האָט באַשלאָסען, אַז די פאַבריק האָט מען נ י ט ג ע ט אָ ר ט אויפגעבען, און מען דאַרף זי צוריק איינאָרדענען. איצט פיהרט מען די מאַשינען צוריק פון באָריסאָוו קיין קרופּקע, און מען אָרדענט איין די פאַבריק פון דאָס ניי.

אַט אַזוי ווערט איצט געפיהרט די עקאָנאָמישעווירטשאַפט פון רוסלאַנד.

* * *

די שטייערען (טעקסעס) אין רוסלאַנד אויף אַלצדינג זיינען אומגעהויער גרויס. אָבער ניט די פראַגע פון שטייערען וויל איך איצט באַריהרען.

ווען איינער פאַרקויפט עפּעס אויפ'ן מאַרק, מוז ער פאַר דעם צאָהלען שטייער. און דער פאַרקויפער טוט אַלצדינג, כדי אַרויסצודרעהען זיך פון צאָהלען. ווען איך בין געוועזן אין דער שטאָט באָריסאָוו, האָבען די אידען פון די אַרומיגע שטעטלעך געבראַכט גאַנצע וועגענער עפּעל צו פאַרקויפען. האָט זיי באַגעגענט די באָריסאָווער פּאָליציי, מיט דעם פינאַנץ־אינספּעקטאָר אין דער שפּיץ, האָט די וועגענער עפּעל פאַרכאַפּט, זיי אָוועקגעפיהרט צו זיך אויפ'ן הויף און זיי גענומען אַראָפּשיטען. ווען די אידען האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי אָנגעהויבען וויינען, זיי האָבען געבעטען דעם אינספּעקטאָר, ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבען, ער זאָל זיי ניט אומגליקליך מאַכען, און זאָל זיי די עפּעל צוריק אָוועקגעבען.

גראָד אין יענער צייט האָט מיך באַגעגענט אין גאַס מיינער אַ באַקאַנטער און האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע. ער האָט מיר געהייסען שנעלער לויפען צום אינספּעקטאָר אויפ'ן הויף, צו זעהן דאָס בילד. איך בין געקומען אויפ'ן פּלאַץ, דערזעהן די סצענע, דערהערט דאָס געוויין פון די אָרימע אידען, מיט לאַנגע בערד, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, נעבעכדיגע. זיי זיינען געשטאַנען און זיך געבעטען ביים פינאַנץ אינספּעקטאָר, וועלכער איז געוועזן נאָך כמעט אַ אינגעל, און האָט געטראָגען אַ פּאָר שטיוועל, אַ לעדערנע קורטקע. די אומגליקליכע אידען האָבען געבעטען, אַז ער, דער אינספּעקטאָר, זאָל אויף זיי רחמנות האָבען און זיי ניט אומגליקליך מאַכען. דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שרעקליכען איינדרוק.

דאָרטען אויפ'ן פּלאַץ האָב איך אויסגעפונען פאָלגענדעס: פּונקט ווי אין די אַמאָליגע צייטען, דינגען אויך איצט אידען אָפּ סעדער זומער־צייט. זיי באַארבייטען די סעדער, היטען טאָג און נאַכט, אַז קיינער זאָל קיין עפּעל ניט אַרונטעררייסען פון אַ בוים, און ווען די עפּעל ווערען פאַרטיג, ווערען זיי אַראָפּגענומען און מען פיהרט זיי אַוועק אין דער גרויסער שטאָט צום פאַרקויפען. פאַר דעם, וואָס די אידען פאַרקויפען די עפּעל, דאַרפען זיי צאָהלען

שטייערן. די אידישע „ארימעטא“ (ארימע לייט) טוען אלצדינג, די שטייערן ניט צו צאהלען. זיי פארקויפען די עפעל און פארשווינדען. מען קלאגט זיי אין געריכט, זיי ווערען באשטראפט מיט זיצען דריי אדער פיער טעג אין טורמע. מיט דעם פלעגט זיך ביז איצט ענדיגען די גאנצע געשיכטע.

דער פינאנץ־אינספעקטאר האט זיך ארומגעזעהן, אז די שטראף וואס מען גיט די ארימע עפעל־פעדלער, פארגרעסערט ניט די זאמ־לונגען פון די שטייערן; פארקעהרט, אידען זיינען גאר טיילווייז צופרידען, וואס אנשטאט צו צאהלען געלט, זיצען זיי בעסער דריי אדער פיער טעג אין „קוטוזקע“ (טורמע).

ווארט דער אינספעקטאר איצט אפ אלע אינדערפריה אויף די וועגען, דורך וועלכע די עפעל ווערען אריינגעפיהרט, און ער פאר־כאפט די עפעל און גיט זיי ניט אוועק צום עפעל־פעדלער, ביז ער, דער עפעל־פעדלער, צאהלט ניט אפ אין פאראוים די שטייערן, וועלכע מען לייגט אויף זיי ארויף. פאר דעם פעדלער איז דאס די גרעסטע גזרה. ערשטענס, האט ער ניט קיין געלט צו צאהלען; צווייטענס, ווייסט ער ניט, צי ער וועט די עפעל קענען פארקויפען.

איך בין דארטען געשטאנען, ביים אינספעקטאר אויפ'ן הויף, און האב געשטוינט. מיך האט געוואונדערט ניט דאס, וואס די ארימע אידען האבען ניט מיט וואס צו צאהלען, ניט זייער אויסער־ליכער ווילדער אויסזעהן, ניט זייער ארימקייט, ניט די שמאטעס, וואס זיי טראגען אויף זיך. איך האב געשטוינט פון דעם, וואס אויפ'ן הויף פון אינספעקטאר שטעהען פינף אדער זעקס וועגען מיט עפעל, באוואכט פון פאליציי מיט'ן אינספעקטאר אין דער שפיץ, עם קאכט זיך דאס שטעטעל, אידען ווײנען, לויפען ארום ערגעץ לייהען דאס געלט, און קענען זיך קיין עצה ניט געבען. די גאנצע שטייערן, וואס מען דארף צוזאמענקלייבען, איז דריי רובעל, אין אמעריקאנער געלט איז דאס אינגאנצען $1.50.

* * *

די „ארט“ ארגאניזאציע האט געשלאסען מיט דער סאוועטען רעגירונג אן אפמאך וועגען אריינלאזען פריי, אהן שטייערן, מא־שינען אין רוסלאנד, ווען די מאשינען ווערען געשיקט פון מענשען אין אמעריקע, וועלכע ווילען העלפען זייערע קרובים אין רוסלאנד. דער אפמאך איז איינער פון די וויכטיגסטע, וואס א אידישע הילפס־

אָרגאַניזאַציע האָט ביז איצט געשלאָסען מיט דער סאָוועטען־רע־גירונג.

יעדער איד אין רוסלאַנד האָט אַ רעכט אויסצומאַכען אַן אַפּ־ליקאַציע דורך דעם „אָרט" צו דער סאָוועט־רעגירונג, אַז זיינער אַ קרוב וויל איהם שיקען אַ מאַשין פון שניידעריי, שטריקעריי און אַז. וו. פון אַמעריקע. דער „אָרט" שיקט איבער די אַפּליקאַציע צום „גע־זערד". דאָס איז די אָפּטיילונג פון דער סאָוועט־רעגירונג, וועלכע האָט צו טאָן מיט אידישער קאָלאָניזאַציע און מיט העלפען אידישע בעלי־מלאכות.

דער „געזערד" שיקט זיין פאַרטרעטער צו אונטערזוכען די געזעלשאַפטליכע לאַגע פון דעם, וואָס האָט די אַפּליקאַציע פאַר דער מאַשין געמאַכט. און ווען אַלץ איז אין אָרדנונג, ווערט דאָס אוועק־געשיקט צו דעם אַמעריקאַנער "אָרט„ און דער אַמעריקאַנער „אָרט" רופט דעם קרוב פון דעם אַפּליקאַנט און מאַכט מיט איהם די נויטיגע „אַראַנדזשמענטס", ווי אַזוי די מאַשין צו קויפען און אַרויס־שיקען.

אין אַ געוויסער אוקראַינישער שטאָט, אין אָפּיס פון „אָרט", האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף דעם פאָלגענדען פאַקט:

אַ פרוי, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען גאַנץ פאַרמעגליך, איז איצט זעהר אָרים. זי טוט פאַרשידענע אַרבייטען. דער מאַן איז ביי איהר מיט עטליכע יאָהר צוריק געשטאָרבען, איז זי איצט די ערנערע־רין פון די קינדער. האָט זי אויסגעמאַכט אַן אַפּליקאַציע פאַר אַ טרי־קאָטאַזש (שטריקעריי) מאַשין. איהר אַפּליקאַציע איז אוועק צום „געזערד". דער פאַרטרעטער פון „געזערד" איז געקומען אין הויז פון דער פרוי צו אונטערזוכען איהר „סאָציאַלע לאַגע" (דאָס הייסט, צו וואָס פאַר אַ קלאַס זי געהערט). ווען ער האָט געפּענט די טיר און געפרעגט אויף דער און דער „בירגערין", האָט די קריסטין פון הויז געענטפערט, אַז די „באַרינע" (פּריצ'טע, אָדער בעל־הבית'טע) איז ניטאָ אין הויז. ער האָט שוין ווייטער גאָרניט אונטערזוכט.

דערפאַר אַליין, וואָס די קריסטין האָט זי אָנגערופען „באַרי־ניע", האָט מען איהר אָנטזאָגט צו באַוויליגען אַ מאַשין, ווייל זי איז דאָך גאָר אַ „בורזשויקע", מיט „בורזשואזע" פיהרונגען.

ווען איך האָב גערעדט מיט דער פרוי, האָט זי מיר דערצעהלט פאָלגענדעס:

מיט צוואַנציק יאָהר צוריק, ווען זי איז געווען פאַרמעגליך, האָט זי אין הויז אַריינגענומען אַ ניאַניע (אַן אַם). די ניאַניע האָט ערצויגען איהרע קינדער. זי איז פאַר דער צייט ביי איהר אין הויז אַלט געוואָרען. די ניאַניע באַטראַכט די קינדער פאַר איהרע אייגענע. זי איז אַן אַלטמאָדישע קריסטין, אַ פּאָלקס־מענש, וואָס האָט טריי און איבערגעגעבען געדינט אין הויז, געהאָדעוועט די קינדער. מישקע און סאָניע זיינען ניט די קינדער פון דער מאַדאַם. די ניאַניע באַטראַכט זיי פאַר א י ה ר ע קינדער. די ניאַניע איז מיט דער פאַמיליע צוזאַמענגעוואַקסען געוואָרען, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איצט הונגערט מען, איז ביי דער פרוי ניטאָ קיין האַרץ די ניאַניע אַוועקצושיקען.

פון אַלטער געוואוינהייט רופט די ניאַניע דער פרוי, דער בעל־הבית'טע איהרער, „באַריניע". די פרוי האָט שוין פון דעם אַ סך אומאַנגענעהמליכקייטען געהאַט. זי האָט דער ניאַניע שוין ניט איינמאָל געבעטען זי ניט צו רופען „באַריניע". די ניאַניע זאָגט דאָס איהר צו, אָבער ווען עמיצער פרעגט זיך אויף איהר, פאַרגעסט די ניאַניע, אַז מען טאָר ניט זאָגען „באַריניע", און זי האָט אויך אין דעם איצטיגען פאַל אַרויסגערעדט „באַריניע" ניט־ווילענדיג — „די באַריניע איז איצט אין דערהיים ניטאָ". דער פאַרטערעטער פון „געזערד" האָט זיך דערפאַר ענטזאַגט צו באַוויליגען איהר אַן ערלויבעניש צו באַקומען די טריקאָטאַזש־מאַשין.

די איצטיגע אָרימע פרוי איז גרייט צו פאַרגעסען, אָדער זי האָט שוין פאַרגעסען, אַז זי איז אַמאָל געווען רייך. זי וויל איצט אַרבייטען. דורך איהר אַרבייט און דורך דער מאַשין, וואָס מען וועט איהר שיקען פון אַמעריקע, וועט אויך דאָס לאַנד פּראָפּיטירען. אָבער זי קען קיין מאַשין ניט קריגען, נאָר צוליב דעם, ווייל די אַלטע ניאַניע, וועלכע לעבט שוין אין הויז צוואַנציג יאָהר, האָט פון איהר אַלטער געוואוינהייט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט'ן וואָרט „באַריניע".

* * *

אין איינגע שטעטלאַך האָב איך געזעהן איינגעפיהרט עלעקטריק, און דאָס איז פאַר מיר געווען דער גרעסטער וואונדער. איך האָב דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויסען אויפטו פון דער סאָוועט־רעגירונג. איך פלעג אָפט לייענען אין די צייטונגען וועגען דעם, אַז די סאָוועט רעגירונג האָט עלעקטריפיצירט גאַנץ רוסלאַנד. אָבער ווען איהר בלייבט אויף אַן אָווענט אין שטעטל, באַמערקט איהר,

אז אויפ'ן גאַס ברענט טאַקע אַן עלעקטרישער לאַמפּ, אָבער אין די הייזער איז קיין עלעקטריק ניטאָ.

איך האָב פאַנאַנדערגעפרעגט די אידען, פאַרוואָס זיי פיהרען ניט איין קיין עלעקטריק ביי זיך אין די הייזער, זייערע ענטפערס האָבען אויפגעדעקט פאַר מיר א שטיק פון דעם רוסישען לעבען, פון דער רוסישער אָפּגעלאָזענקייט. פאַר עלעקטריק אין הויז צאָלט מען 80 קאָפּיקעס א לעמפּעל, עס מאַכט ניט אויס, וויפיל עלעקטריק מען ברענט אויס. אין די קליינע שטעטלאַך וואוינען די מענשען אין די הייזער גאַנץ גראָס. יעדער איינוואוינער פון שטעטעל האָט זיין איי־גענע הויז, וואָס באַשטעהט פון א קיך, אַן עס־צימער און א שלאָף־צימער. איינפיהרען עלעקטריק אין יעדען צימער באַזונדער וועט דאַרפען קאָסטען 2 רובעל מיט 40 קאָפּיקעס א מאָנאַט, דאָס איז לויט זייערע מעגליכקייטען א סך טייערער, איידער ביי אונז אין אַמערי־קע. און דאָס קאָנען זיי זיך ניט פאַרגינען, זיי האָבען ניט פון וואַנען. אויב, ווידער, איינפיהרען נאָר איין לעמפּעל, איז די פראַגע וואו? דערפאַר זיינען די גרעסטע צאָל הייזער אָהן עלעקטריק. עס ברענט נאָך דאָס לעמפּעלע מיט קעראָסין, וואָס מען קאָן אַרומטראָ־גען אין האַנט פון איין צימער אין צווייטען און מען קאָן עס אַוועק־שטעלען אויפ'ן פענסטער, ווען מען דאַרף ביינאַכט אַרויסגעהן.

דאָך אין די אידישע הייזער קאָנט איהר נאָך באַמערקען כאָטש איין לעמפּעל. איך בין אַוועק אויף דער גוי'אישער גאַס, און איך האָב דאָרטען ניט געקאָנט געפינען אפילו איין הויז, וואו עס זאָל ברענען אַן עלעקטריש לעמפּעל. אין די גוי'אישע הייזער ברענט נאָך דאָס לעמפּעלע פון אַמאָל, אָהן א גלאָז, מיט א קנייטעל, וואָס רויכערט זיך און פאַררויכערט דאָס גאַנצע הויז. אָבער ווער ווען אַרט דאָס, אַז דאָס פאָלק באַנוצט ניט קיין עלעקטריק? אבי מען קאָן דערצעהלען דער וועלט, אַז רוסלאַנד ווערט עלעקטריפיצירט.

* * *

איך האָב אַלעמאָל אויסגערעכענט צו בלייבען אויף שבת אין א קליין שטעטעל. מיר האָט זיך געוואָלט זעהן, אויף וויפיל דאָס גייסטיגע אידישע לעבען האָט זיך געענדערט אין שטעטעל. די אידען אין דער גרויסער שטאָט האָב איך שוין געזעהן. אויסערליך זיינען קיין גרויסע ענדערונגען ניט פאָרגעקומען. שבת זיינען די געשעפטען אָפען, אידען און קריסטען געהען אַרום איבער די קאָ־אָפּעראַטיווע געשעפטען און קויפען זאַכען, אויב דער קאָאָפּעראַטי־

ווער געשעפט האָט נאָר צו פאַרקויפען. קיין עלטערע און מיטעל־יעהריגע אידען האָב איך אין די קאָאָפעראַטיווען פון דער גרויסער שטאָט ניט געזעהן. אויב איך האָב געזעהן אידען, איז דאָס געווען מעהרסטענס די יונגוואַרג. אויף אַלע גאַסען זיינען שבת זעהר פיל מענשען געגאַנגען שפּאַצירען, דערביי האָט מען אָבער געטראָגען די וואָכעדיגע קליידער. די אַמאָליגע שבת'דיגע שטימונג האָט מען אין שטאָט ניט געפיהלט. ווען איך בין אריינגעגאַנגען אין די שולען, האָב איך געפונען עלטערע און מיטעליאָהרעגע אידען ביים דאַווענען, יונגעלייט זיינען דאָ אויך געווען, אָבער ניט זעהר פיל.

גאַנץ אַנדערש זעהט אויס דאָס קליינע שטעטעל. דאָרטען, ווען עס קומט שבת, געהען דער טאַטע מיט דעם זוהן אין שול. מען דאַ־ווענט, ווי אין די אַמאָליגע גוטע צייטען. אין הויז שטעהען די לייכ־טער מיט געבענשטע ליכט, דער טיש איז שבת'דיג געגרייט, מען מאַכט קידוש, כאָטש ניט אויף חלה, נאָר אויף שוואַרץ ברויט. אַלץ זעהט אויס, ווי עס וואָלט אין דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד גאָרניט פאָרגעקומען. דאָס איז אָבער נאָר אין הויז. אין גאַס פיהלט איהר, אַז עס איז וואָכעדיג. דער מאַרק, וואו די קראָמען פלעגען אמאָל זיין שבת פאַרמאַכט, האָט איצט שבת אַן אַנדער אויסזעהן. אמאָל פלעגט דאָס גאַנצע שטעטעל אידען שפּאַצירען אויף דער הויפּט־גאַס פון שטעטעל און איבער'ן מאַרק, היינט איז שוין שבת ניט אַנדערש פון יעדען אַנדערען טאָג. די פּאָר קאָאָפעראַטיווע גע־שעפטען פון שטאָט זיינען שבת אָפען, די פויערים קומען שבת איינ־קויפען און פאַרקויפען, און דאָס שטעטעל זעהט אויס ווי אין אַ וואָכעדיגען טאָג.

אין שול געפינט איהר אפילו גענוג אידען. זיי דאַווענען, זיי בעטען גאָט, ווי אין די אַמאָליגע צייטען, אָבער ווען זיי געהען ארויס פון שול, זעהט איהר ניט אויף זיי יענע רוהיגקייט, יענעם לאַנגזאַ־מען געמיטליכען געהן פון שול גרופּענווייז, ווען אויף אַלעמען פלעגט רוהען די שבת'דיגע שכינה. מען געהט דורך די גאַס שנעל, אין זייער געהן שנעל אַהיים פיהלט מען, אַז זיי ווילען ניט קוקען אויף דער גאַס, וואָס הארמאָנירט ניט מיט זייער שבת'דיגער, רע־ליגיעזער שטימונג.

און פרום איז מען איצט מעהר ווי אמאָל. דאָס איז לייכט צו פאַרשטעהן. אַלעמען לעבט זיך איצט זעהר שלעכט, און וואָס

ערגער דאָס לעבען, אַלץ מעהר וואַרט מען אויף דעם נס מן השמים, אויף אַ נס פון דעם גאָט, צו וועלכען מען איז מתפלל.

אין איין שטעטעל האָב איך געזעהן אַ חתונה. די אידישע חתונה האָט זיך אויך אינערליך ווייניג געענדערט. אַמאָל פלעגען אפשר שפּילען מעהר קלעזמער, און די חופּה פלעגט זיין אויפ'ן שול-הויף. פון דער חופּה פלעגט מען מיט כלי-זמר פיהרען חתן-כלה. היינט איז דאָס שטילער, באַשיידענער, אָבער די חתונה האָט דעם זעלבען רעליגיעזען אינהאַלט, וואָס זי האָט געהאַט אַמאָל.

אָן אויסנאַהם זיינען בלויז די „קאָמסאָמאָלצעס“. זיי באַנו-גענען זיך מיט אַרויסנעמען אַ רעגיסטראַציאָנס-ערלויבעניש, אַ לאַיסענס, אָדער אַריינבערענגען אַ מעלדונג וועגען דעם, אַז די און די האָבען באַשלאָסען צו לעבען צווישען זיך אַלס מאַן און ווייב. די אידען אין שטעטעל רופען דאָס מיט ביטערען שפּאָט: „זיי האָבען זיך אָפּ-געשריבען“. אָבער די צאָל אידישע קאָמוניסטען אין די קליינע שטעטלעך איז אויסערגעוועהנליך קליין. היינט-צו-טאָג, אין קליי-נעם שטעטעל, ווען איינער ווערט אַ קאָמוניסט אָדער אַ „קאָמסאָ-מאָליעץ“, מיינט דאָס, אַז ער קלערט וועגען אַ תכלית, ווייל דאָס מאַכט מעגליך צו קריגען אַ שטעלע ביי דער רעגירונג. אָבער אַזוי ווי אַלע שטעלעס זיינען פאַרנומען, זיינען אויסער די אָנגעשטעלטע אין שטעטעל כמעט ניטאָ מעהר קיין קאָמוניסטען. אָן אויסנאַם איז נאָר די פּיאָנערען-גרופּע אין דער שולע, וועלכע ווערט געפיהרט פון דעם לעהרער אָדער פון דער לעהרערין.

* * *

עס איז געווען אַ צייט, ווען די סאָוועטען-רעגירונג האָט גע-פיהרט אָן איינפאַכען פיזישען קאַמף מיט רעליגיע. די מלוכה האָט צוגענומען בתי-מדרשים, רוסישע קלויסטערס, קאָסטיאָלען און אַלערליי רעליגיעזע אינסטיטוציעס. אין יענע צייטען האָבען די אי-דישע קאָמוניסטען אויף דער אידישער גאַס געפיהרט דעם קאַמף געגען דער אידישער רעליגיע מיט מעהר ברען און ביטערקייט, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרען אויף דער גוי'אישער גאַס. חדרים האָט מען פאַרמאַכט, מלמדים פאַר'משפּט און רבנים פאַרשיקט. היינט האָט די רעגירונג גענומען פיהרען אַ מילדערען קאַמף געגען רעלי-גיע אין רוסלאַנד. דער קאַמף באַשטעהט אין שטענדיגער אַנטי-רע-ליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. אויך אויף דער אידישער

גאס איז דער קאמף איצט א סך רוהיגער, שטילער געוואָרען. אי־דישע חדרים ווערען ניט פאַרפאָלגט. אָבער דאָך איז די צאָל חדרים א סך קלענער געוואָרען. טאַטע־מאַמע פיהלען, אז דורך דעם חדר וועט דאָס קינד ניט קענען ווערען קיין בעל־מלאכה און ניט קיין אינ־טעליגענט. כדי צו מאכען דאָס קינד ניצליך פאר'ן לעבען, דאַרף מען איהם לערנען וועלטליכע לימודים. אידישע טאַטע־מאַמע ווילען, אז זייערע קינדער זאָלען קענען אריינגעהן אין די רעגירונגס־שולען, עס מאַכט ניט אויס צי דאָס זיינען רוסישע אָדער אידישע שולען. אָבער גלייכצייטיג לערנט מען דאָס קינד אויך א ביסעל „אידיש־קייט" — דאַוונען, זאָגען תהלים, א. אז. וו.

* * *

אין דעם אידישען שטעטעל זיינען אזעלכע זאכען, ווי שפּיאָ־נאַזש און מסירה, אַלעמאָל געווען א זעלטענע זאַך. די צאַרישע רעגירונג אין רוסלאַנד האָט זיך אין אזעלכע זאכען אין דעם קליינעם שטעטעל ניט גענויטיגט. דאָס שטעטעל איז אַלעמאָל געווען רוהיג, און מען האָט קיין ספּעציעלע אויפזיכט איבער איהר ניט געדאַרפט האָבען. איך געדענק, אמאָל בין איך געקומען אין מיין שטעטעל „אונ־לעגאַל". איך האָב מורא געהאַט, אז דער אוריאַדניק אָדער פּריס־טאַוו (שטעטעלשע פּאָליציי־באאַמטע) זאָלען זיך פון דעם ניט דער־וויסען. האָב איך אויסגעמידען צו טרעפען זיך מיט אימיצען פון די אידען אין שטעטעל. ניט קוקענדיג אויף דעם, איז כמעט דאָס גאַנ־צע שטעטעל מיר געקומען אָפּגעבען שטילערהייט שלום־עליכם. איך האָב זיך דערפאַר שטאַרק ניט געשראָקען, ווייל איך האָב געוואוסט, אז די אידען וועלען דעם אוריאַדניק אָדער פּריסטאַוו וועגען דעם ניט לאָזען וויסען.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס שטעטיל היינט. עס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין די שטעטלעך ספּעציעלע אָפּטיילונגען פון דער „גע־פּע־או" (געוועזענע „טשעקא"), און דאָס גאַנצע שטעטעל האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין א נעץ פון שפּיאָנען. איין איד פאַרדעכטיגט און באַשולדיגט דעם צווייטען שטילערהייט, אז ער האָט צו טאָן מיט דער „גע־פּע־או". די באַשולדיגונגען דערגעהן אָפט ביז לעבער־ליכקייט.

אָט איז, צום ביישפּיל, אזא כאַראַקטעריסטישער פאַל. א איד איז גע'משפּט געוואָרען דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט באַ־

צאָהלען קיין שטייערען. ער האָט איינפאך ניט געהאט מיט וואָס צו באצאָהלען די שטייערען. האָט ער געקראָגען צעהן טעג טורמע. א צווייטער איד האָט זיך גע'משפט מיט זעקס וואָכען שפּעטער אויך פאר ניט האָבען צו באצאָהלען קיין שטייערען, און דער געריכט האָט איהם באפרייט מיט דער וואָרנונג, אַז אויב ער וועט דאָס צווייטע מאָל ניט צאָהלען קיין שטייערען, וועט ער באשטראָפט ווערען. האָט מען אין שטעטעל אָנגעהויבען חקירה'ן זיך: פאר וואָס עפּעס האָט מען איין אידען געגעבען צעהן טעג טורמע, און דעם צווייטען באפרייט? מסתמא באלאנגט דער צווייטער צו דער „גע־פּע־או". און דאָס שטעטעל האָט שוין מורא פאר יענעם אידען.

ווען איך האָב געזעהן דעם אידען, האָב איך איינפאך געלאכט, וואָס מען קען אויף איהם זאָגען, אַז ער האָט צו טאָן מיט דער „גע־פּע־או". אָבער מסירות פון איין אידען אויפ'ן צווייטען זיינען איצט א גאנץ אָפטע ערשיינונג, און פאר וואָס צו מסר'ן איז אויך דאָ א סך. איינער האָט מעהר ברויט. א צווייטער האָט געקראָגען דאָלאַ־רען פון אמעריקע און זיי אויסגעביטען אויף דער שווארצער ביר־זשע. א דריטער האָט געקראָגען א פּאָסילקע (פּעקעל) און האָט עס פארקויפט צו אנדערע, א. ז. וו.

ווען איך בין געקומען אין די שטעטעלעך, פלעגט מיך יעדער איד וואָרענען, אַז איך זאָל ניט רעדען מיט דעם און דעם, אַז איך זאָל זיין פאָרזיכטיג. און צוליב וואָס איך זאָל זיין פאָרזיכטיג, האָב איך ניט געוואוסט, און עס האָבען אויך ניט געוואוסט די אידען וואָס האָבען געוואָרענט.

* * *

ר' אהרן איז שוין א איד פון א יאָהר זיבעציג. זינט מען האָט אויפגעהערט צו פארפאָלגען די חדרים, האָט ער צוריק געעפענט זיין חדר. געלערנט האָבען ביי איהם א צעהן אינגלאך. שכר־לימוד האָבען ניט אלע געצאָהלט, ווייל ניט אלע האָבען געהאט פון וואנען, אָבער דאך האָט ר' אהרן געהאט א באשעפטיגונג, און האָט פון צייט צו צייט געהאט א שטיקעל ברויט. האָט ר' אהרן א פּלימעניק אין דעם זעלבען שטעטעל, און ביידע האָבען קרובים אין אמעריקע, האָט ר' אהרן'ס פּלימעניק די אדרעסען צו די קרובים און וויל זיי ר' אהרנ'ען ניט געבען, ווייל ער האָט מורא, אַז אויב ער וועט זיי געבען ר' אהרנ'ען, וועט מען איהם אליין שיקען וועניגער.

האָט זיך אָנגעהויבען אַ קריג צווישען ר׳ אהרנ׳ען און זיין פּלימעניק. איז אוועק דער פּלימעניק אין „גע־פּע־או״ און האָט גע־מסר׳ט, אַז ביי ר׳ אהרנ׳ען אין חדר לערענט מען געגען דער סאָוועט רעגירונג. האָט די שטאָטישע מאכט ארעסטירט ר׳ אהרנ׳ען און דעם חדר פאַרמאַכט. ווען מען האָט אין „גע־פּע־או״ דערזעהן ר׳ אהרנ׳ען, האָבען זיך אַלע פאַנאַנדערגעלאַכט, און מען האָט איהם באפרייט. אָבער זיין חדר איז געבליבען פאַרמאַכט. האָט ר׳ אהרן געשריבען „פּראָשעניעס״ (ביטעס) אין מאָסקווע, אַז מען זאָל איהם ערלויבען עפענען דעם חדר, און אין אַ יאָהר שפּעטער האָט ער גע־קראָגען אַן ענטפער, אַז מען האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַר־מאַכען זיין חדר. אויף דעם גרונד, וואָס מען האָט ניט געהאַט קיין רעכט, האָט ר׳ אהרן צוריק זיין חדר געעפענט, און דער אַלטער ר׳ אהרן, דער זיבעציג־יאָהריגער מלמד, געהט איצט ארום איבער׳ן שטעטעל ווי אַ זיגער: ער האָט באַזיגט די „גע־פּע־או״ און זיין פּלימעניק, און ער איז צוריק מלמד.

* * *

צוליב דער זעהר באַגרענעצטער צייט, וואָס איך האָב געקענט פאַרברענגען אין רוסלאַנד, האָב איך אין שטעטעלע כאַלאָפּעניץ, וואו איז בין געבוירען געוואָרען, געקענט זיין נאָר פערצעהן שעה. איך בין געקומען אהין פינף פאַרנאַכט, און אויף מאָרגען זיבען אין דער פריה האָב איך שוין געמוזט אַוועקפאָהרען. אמת, דאָס שטעטעל איז ניט גרויס, און אין צוויי שעה האָב איך געקענט דורכ־געהן אַלע גאַסען, זעהן די וויכטיגע פּלעצער, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט מיינע קינדער־יאָהרען, זעהן די קרובים און פריינט.

אין דעם הויז, וואו איך בין פאַרפאָהרען, האָבען מענשען מיט מיר פאַרבראַכט ביז פיער אַ זייגער פאַרטאָג. זיי האָבען מיר דער־צעהלט וועגען זייער לעבען, נאָכגעפרעגט זיך אויף זייערע קינדער אין אַמעריקע, האָבען מיך מקנא געווען, וואָס איך פאָהר אוועק און זיי מוזען פאַרבלייבען דאָרטען. פיער אַ זייגער זיינען זיך אַלע צור־גאַנגען פון הויז. מיט דריי שטונדען שפּעטער האָב איך שוין גע־דאַרפט אוועקפאָהרען, און נאַטירליך האָב איך שוין שלאָפען ניט געקענט. זעקס אַ זייגער אין דער פריה, איך טו אַ קוק אין פענסטער, איך זעה עס געהט אַ געמיינדע אידען. ווען זיי האָבען זיך דער־נעהנטערט צום הויז, אין וועלכען איך בין געשטאַנען, האָב איך

דערזעהן, אז דער אָנפיהרער פון די אידען איז דער אַלטער משה דער קירזשנער.

משה דער קירזשנער איז היינט אַ איד אין די נײַנציגער. לויט נאָך זײַנע יאָהרען איז ער נאָך גאַנץ געזונט און זעהט אויס ניט שלעכט. זיי זײַנען אַלע אַרײַן צו מיר אין הויז. איך בין צו־געגאַנגען צו ר' משה'ן און איהם דערלאַנגט אַ ברייטען שלום־עליכם. און ווען ר' משה האָט גענומען מײַן האַנט אין זײַנער, האָט ער אויפ'ן קול גענומען מאַכען אַ ברכה. איך האָב זיך אַביסעל צוטו־מעלט. איך האָב ניט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. מיר איז ניט געווען באַקאַנט דער אידישער מנהג, אז ווען מען דערזעהט אַ „פנים חדשות", אַ נײַעם מענשען, אָדער אפילו אַ מענשען, וועמען מען האָט ניט געזעהן אַ לאַנגע צייט, דאַרף מען מאַכען „שהחיינו". ווען ר' משה האָט געענדיגט די ברכה, האָבען אַלע אידען אויפ'ן קול אויסגעשריען „אָמן".

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די אידען, וואָס האָבען געדאַווענט מיט'ן ערשטען מנין, האָבען זיך דערוואוסט, אז איך בין אין שטאָט, האָבען זיי באַשלאָסען אָפּצו־פּטר'ן דאָס דאַווענען אויף גיך און מיך געהן זעהן. דאָס איז ניט געווען בלויז נײַגעריגקייט צו זעהן דעם אינגעל, וואָס איז אַוועק פון זייער שטעטעל מיט דרייסיג יאָהר צוריק, וועמעס טאַטען און זיידען זיי האָבען גוט געקענט, און איצט איז ער געקומען צוריק פון אַ ווייטען לאַנד. זיי האָבען דורך מיר געוואָלט זעהן זייערע אייגענע קינדער, וועלכע געפינען זיך אין דעם זעלבען לאַנד, אין אַמעריקע. קוקענדיג אויף מיר, האָבען זיי זיך געוואָלט פאָרשטעלען, ווי אזוי זייערע קינדער זעהען אויס, ווי אזוי זייערע קינדער לעבען.

די צייט איז נישט געשטאַנען אויפ'ן אָרט. אַט פאָהרט צו מיר צו די פוהר מיט דעם אַגראָנאָם פון „אָרט", און מיר דאַרפען שוין אוועקפאָהרען. איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן וואָגען, און מיר האָבען זיך פאַרנומען אין וועג. די גאַס איז געווען פול מיט בלאָטע, דאָס אויסגעמאָגערטע פערדעל האָט זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם געשלעפּט און דאָס גאַנצע שטעטעל איז מיר נאָכגעגאַנגען. אַלע האָבען גע־וויינט, בעטענדיג, איך זאָל אָפּגעבען אַ גרוס זייערע קינדער און קרובים אין אַמעריקע. די גאַנצע פּראָצעסיע האָט אויסגעזעהן ווי אַ לויה. אַט זײַנען מיר שוין הינטערן שטאָט, און דער עולם געהט נאָך אַלץ נאָך מײַן וואָגען. ווען מײַן שטעטעלע איז שוין געלעגען

ווייט פון מיר, ווען איך האָב פון דערווייטענס געזעהן די שטרוי־ענע דעכער פון די הייזער אויף דער גוי׳אישער גאַס און דעם צלם פון קלויסטער, האָט מיך דעמאָלט פאַרדראָסען, וואָס איך בין אזוי ווייניג געווען אין מיין שטעטעלע, אזוי ווייניג מיט מענשען פאַר־בראַכט, אזוי ווייניג דערצעהלט זיי וועגען דעם לעבען פון זייערע קינדער. און אויפ׳ן הארצען איז מיר געוואָרען אומעטיג.

פון וואָס אידען מאַכען איצט אַ לעבען

„יעדער איינער מוז אַרבייטען'' איז טאַקע אַ גערעכטע פאָדערונג, אָבער מען גיט ניט קיין אַרבייט. — איבער אַ העלפט פון שטעטעלשע אידען לעבען פון דעם, וואָס אַמעריקאַנער קרובים שיקען זיי. — דריי יאָהר סיביר פאַר פאַרקויפען אַביסעל וואַרע אויף קליידער. — אַ טרעוואָגע אין „טשעקא'' צוליב אַ פּאָר קאַלאָשען און צוויי פּאָר זאָקען.

איך געה אַרום איבער די שטעט און שטעטלעך פון ווייס־רוס־לאַנד און אוקראַינע און פרעג זיך:

פון וואָס לעבען דאָ אידען?

האַנדעל איז איצט אין רוסלאַנד ניט פאַרבאָטען, נאָר מען לעגט אַרויף אויף דעם הענדלער אַזעלכע שטייערען (טעקסעס), אַז ער מוז אויפהערען צו האַנדלען; וואָרים ער וועט מוזען געהן אין טורמע פאַר ניט קענען באַצאָהלען די שטייערען צו דער רעגירונג.

אין אַלע לענדער ווייס יעדער איינער, וויפיל שטייערען ער וועט דאַרפען צאָהלען, ווייל מען צאָהלט אַזוי פיל וויפיל דער געזעץ האָט פאָראויס באַשטימט פאַר אַלעמען. צי די שטייערען זיינען גערעכטע צי ניט, איז אַן אַנדער פראַגע, אָבער קיין רעגירונגס־באַאמטער אין איירָאָפּא האָט ניט קיין רעכט צו באַשטימען פאַר איינעם מעהר שטייערען און פאַר אַ צווייטען ווייניגער. גאַנץ אַנדערש איז דער שטייערען־סיסטעם פאַר הענדלער אין רוסלאַנד.

מען האָט געפיהרט אַ קאַמף געגען טראָצקי'ן, ווייל ער האָט געוואָלט אָפּשאַפען דעם „נעפּ“ (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס האָט ערלויבט פּריוואַטען האַנדעל) אין שטאָט און דעם „קולאַק“ (דעם רייכען פּויער) אין דאָרף. אָבער סטאַלין, וועלכער האָט גע־פיהרט דעם קאַמף געגען טראָצקי'ן, האָט אַליין גענומען געהן אין טראָצקי'ס דרכים און דורכפיהרען טראָצקי'ס פּלענער. אָבער גע־טאָן האָט ער דאָס אויף זעהר אַ ביטערען וועג. ער האָט ניט ער־קלערט דעם „נעפּ“ פאַר אומגעזעצליך אין לאַנד, נאָר ער האָט דורכ־געפיהרט אַ נייעם געזעץ וועגען שטייערען פאַר געשעפטס־לייט. יעדער אָרטיגער פינאַנץ־אינספּעקטאָר האָט באַקומען דאָס רעכט

ארויפצולעגען אויף די געשעפטסלייט אזא שטייער, ווי ער וועט גע־פינען פאר נויטיג.

גלייכצייטיג איז ארויס א באפעהל צו די אינספעקטארען, אז די שטייערען, וואס זיי וועלען ארויפלעגען, זאלען זיין אזוי גרויס, אז די „נעפ"־לייט זאלען ניט קענען אויסהאלטען און זאלען מוזען אויפגעבען זייערע געשעפטען. און אזוי איז טאקע געווען.

אין דעם קליינעם אידישען שטעטעלע, וואו דער אידישער קא־מיסאר איז געטריי צו דער סאוועט־רעגירונג מעהר ווי די סאוועט־רעגירונג איז צו זיך אליין, האט מען אריינגערעכענט צווישען די „נעפ"־לייט די ארימע בייגעל־בעקערין, דעם קאפיקענעם עפעל־פאר־קויפער און נאך אזעלכע „בורזשויעס", און מען האט אויף זיי ארויפ־געלעגט אזא רעגירונגס־שטייער, אז זיי האבען געמוזט צומאכען זייערע אויך מיר געשעפטען . . . דער סוף איז, אז די אידישע באפעלקערונג געהט אויס פון הונגער, געהט אראפ פון זינען פון ארומגעהן לעדיג.

די סאוועטען־רעגירונג האט פראקלאמירט דעם יושר'דיגען געדאנק, אז לעבען האבען א רעכט נאר די, וואס ארבייטען. אלע מענשען דארפען ארבייטען. אויס געשעפט, אויס ספעקולאציע, אויס האנדעל — ארבייטען! איז דער רוף טאקע א יושר'דיגער. אבער איידער א רעגירונג גיט ארויס אזא רוף, אזא באפעהל, אז אלע מוזען ארבייטען, דארף די רעגירונג אנגרייטען פאבריקען, וואו די מענשען זאלען קענען ארבייטען.

האט אבער די רעגירונג ניט גענוג פאבריקען פאר די ארביי־טער, וועלכע האבען שוין פריהער געארבייט, און עס קאן גאר קיין רייד ניט זיין וועגען שאפען ארבייט פאר נייע ארמייען ארבייטער. אין יעדער גרויסער און קליינער שטאט פון רוסלאנד זיינען דא אויף דער בירזשע פון ארבייטסלאזע צעהנדליגע טויזענטער אלטע איינגעפונדעוועטע ארבייטער, וועלכע האבען ניט קיין האפנונג צו קריגען ארבייט. און קיינעם קאן גאר ניט איינפאלען אריינצונעמען נייע ארבייטער אין די פאבריקען.

און אויב די רעגירונג האט ניט צוגעגרייט קיין ארבייט פאר די מענשען און האט דערביי אוועקגענומען ביי זיי זייער פריהער־דיגע באשעפטיגונג, מיינט דאס, אז די מענשען זיינען פאר'משפט אויף א הונגער־טויט.

ביי אידען אין רוסלאַנד איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אזא דראַנג נאָך ארבייט, ווי עס איז איצט. אידישע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבען אמאָל געהערט צום בורזשואזען קלאַס, צו די אזוי־גערופענע „שעהנע שטאָט־בעלי־בתים", וועלכע האָבען זיך אמאָל מיט פיזישער ארבייט געשעהמט, ביי וועמען אַ שניידער אָדער, זאָל גאָט אויסהיטען, אַ שוסטער אין דער משפחה איז געווען אַ פלעק, זיינען איצט גליקליך, ווען זייערע קינדער קאָנען זיך לערנען אַ ארבייט. נאָר וואָס איז די פעולה, אַז עס איז ניטאָ וואו צו לערנען זיך אַן ארבייט און וואו צו ארבייטען. עס געהען ארום מענשען אין זייערע בעסטע יאָהרען און זוכען ארבייט, זאָל זיין וואָס־ניט־איז, און קאָנען קיין ארבייט ניט קריגען. אין אנדערע לענדער וואָלט אזא דראַנג נאָך ארבייט געווען אַ גליק פאַר'ן לאַנד און פאַר די מענשען, אָבער היינט אין רוסלאַנד איז דאָס פארקעהרט. אין שטאָט איז ניטאָ צו וואָס זיך צו נעמען. פופציג פּראָצענט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג זיינען פּאַראַזיטען אויפ'ן קערפּער פון רוסלאַנד, און זיי זיינען אַליין אין דעם ניט שולדיג! שולדיג אין דעם איז די רעגירונג, די סיסטעם.

וואָס אנבאַטרעפט די אידען, איז לויט די עקזיסטירענדע געזעצען יעדער איד אין רוסלאַנד, אויסער די אידישע פּויערים, ארבייטער און באַאמטע, אַ פאַרברעכער. וואָרים ער טוט אַלץ, וואָס ער טאָר ניט טאָן לויט דעם לאַנד־געזעץ.

מען דאַרף אַליין זיין אין דער אידישער שטאָט און שטעטעל פון רוסלאַנד, כדי צו זעהן וואָס אמעריקאַנער קרובים טוען פאַר זייערע פריינד און נאָהענטע אין סאָוועט־רוסלאַנד. עס איז זיכער, אַז ווען ניט די קרובים אין אמעריקע, וואָלטען די רוסישע אידען אויסגעגאַנגען פון הונגער.

וואו איך פלעג זיך נאָר באַגעגענען מיט אַ אידען און פרעגען איהם, פון וואַנען ער לעבט, פלעג איך הערען דעמזעלביגען ענטפער: „די קרובים פון אמעריקע שיקען מיר געלט".

אין דער שטעטעל ד., וועלכע איך האָב אמאָל זעהר גוט געקענט, האָב איך באַשלאָסען צו געהן אין פּאָסט־אָפיס און אויסגעפינען, וויפיל אידען, און ווי אזוי, זיי קריגען שטיצע אין אמעריקע. בין איך אריין אין פּאָסט־אָפיס, צוגעגאַנגען צום נאטשאַלניק (דירעקטאָר, פּאָסטמייסטער) איהם געצייגט מיינע דאָקומענטען און האָב ערקלערט, אַז איך בין געקומען פון אמעריקע צו שטודירען די

אידישע לאגע און פון וואס אידען לעבען. אזוי ווי מען האט מיר געזאגט, אז דאס שטעטעל לעבט פון דעם, וואס אמעריקע שיקט, וויל איך אויסגעפינען אין פאסט־אפיס אויף וויפיל דאס איז אמת.

דער נאטשאלניק, א גוטמוטיגער קריסט אין פופציגער, האט מיך אויפגענומען זעהר פריינדליך. ער האט מיך אוועקגעזעצט לעבען זיך און האט מיט מיר פארפיהרט א שמועס וועגען אמעריקע. הויפטזעכליך האט ער געוואלט פון מיר אויסגעפינען מיט אלע איינ־צעלהייטען, ווי אזוי עס ארבייטען די פארד־פאבריקען. פון זיין טיפען אינטערעס אין די פארד־פאבריקען האט זיך מיר זעהר גע־וואלט לאכען, אבער איך האב זיך געמוזט איינהאלטען.

איך בין געווען אפשר א צעהן מאל אין דיטראיט, מישיגען, וואו עס געפינען זיך די פארד־פאבריקען, און קיין איין מאל בין איך ניט געווען אין יענע פאבריקען. איך האב קיין צייט ניט גע־האט. זאגען דעם נאטשאלניק, אז איך האב די פאבריקען ניט געזעהן און ווייס ניט ווי זיי ארבייטען, האב איך ניט געטארט. דער נא־טשאלניק וואלט מיר גאר ניט געגלויבט, אז איך בין אן אמערי־קאנער. האב איך איהם געמוזט „דערצעהלען“, ווי אזוי די פאב־ריקען פון הענרי פארד ארבייטען.

פארוואס האט זיך מיין נאטשאלניק אזוי אינטערעסירט מיט פארד'ן? ווייל אלע טאג שרייבען די סאוועטישע צייטונגען, אז רוסלאנד געהט איינפיהרען דעם זעלבען סיסטעם פון אינטענסיווער (פארשטארקטער) ארבייט ווי ביי פארד'ן.

דער נאמען „פארד“ איז איצט אין רוסלאנד זעהר פאפולער. וועגען מארקס'ן ווייס מען נאך אלץ גאנץ ווייניג, אבער וועגען פארד'ן — אהא! די סאוועטען־רעגירונג וויל ניט ענטוויקלען איהר ווירטשאפט אזוי ווי אנדערע לענדער — לאנגזאם, שריט ביי שריט, בויען פריהער א פונדאמענט, דערנאך ווענט און שפעטער א דאך. זי האט אויף דעם קיין געדולד ניט. עס וואלט דאך געהייסען געהן אויף די אלטע אויסגעדראשענע וועגען. דאס וואלט געווען ניט פרא־לעטאריש. מען וויל זיין אריגינעל, פאנגט מען אן צו בויען פון דאך. דערפאר טאקע בויט מען אין גאנצען ניט. און דערפאר קומט אויס, אז אלץ וואס מען בויט היינט, ווערט ערקלערט פאר א דורכפאל מארגען. די סאוועט־רעגירונג וויל ניט וויסען פון דעם, אז פארד איז ניט געווארען פארד איבער־נאכט, אז עס איז געווען א לאנגער, לאנגזאמער פראצעס, טריט ביי טריט. מען וויל באלד „פארדייזירען“

רוסלאַנד. און אַז מען רעדט שטענדיק אין לאַנד וועגן פּאַרד'ן, איז מיין נאַטשאַלניק גליקליך, וואָס ענדליך האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַן „אַמעריקאַנער", כמעט אַ „פּאַרטנער" פון פּאַרד'ן, און פון איהם וועט ער ענדליך אויסגעפינען אַלצדינג.

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט פּאַרד'ן, איז ער אוועק צום אַלמער און פון דאָרטען אַרויסגענומען אַ באַרג מיט קוויטאַנציעס פון פּערזאָנען, וואָס קריגען געלט פון אַמעריקע. מיר זיינען איבער־געגאַנגען פון אידען צו אידען, פון הויז צו הויז, און איך האָב אויס־געפונען, אַז 60 פּראָצענט פון שטעטעל קריגען רעגעלמעסיגע שטיצע פון אַמעריקע. אמת, די סומען זיינען זעהר קליינע — צו פיר און פינף דאָלאַר. צוויי אידען אין שטעטעל קריגען צו צעהן דאָלאַר אַ מאָנאַט. צו איינעם פון די צוויי אידען בין איך אוועק אויסגעפינען, ווי אַזוי ער לעבט דורך מיט דער קליינער סומע געלט.

* * *

צו ר' חיים'ן אין הויז בין איך געקומען, ווען עס איז שוין געווען פינסטער. ר' חיים האָט געוואוסט, אַז איך בין געקומען פון אַמעריקע. נאָר אַז איך זאָל קומען צו איהם אין הויז, איז פאַר איהם געווען אַן איבעררּאַשונג.

איך זאָג צו איהם:

— ר' חיים, איך קום נאָר־וואָס פון פּאָסט. דאָרטען האָב איך אויסגעפונען, אַז איהר קריגט פון אַמעריקע רעגעלמעסיג צעהן דאָלאַר אַ מאָנאַט, וויל איך וויסען, ווי קענט איהר לעבען מיט צעהן דאָלאַר.

— איז דאָס טאַקע אַזאַ לעבען, — ענטפערט מיר ר' חיים.

— אָבער דאָך? טוט איהר אפשר נאָך עפּעס? אפשר פאַר־דינט איהר עפּעס אויסער דעם? — פרעג איך ר' חיים'ן.

דער איד האָט זיך אַביסעל פאַרטראַכט און דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט:

— איהר פרעגט ביי מיר, צי איך טו נאָך עפּעס? וואָס זאָל איך טאָן? צו אַרבייטען בין איך שוין צו אַלט, און ווען איך וואָלט געווען אינגער, וואָלט איך ניט געהאַט וואו צו אַרבייטען. מיינע פינף קינדער, מיידלאַך, וואָלטען גערן געאַרבייט, אָבער ס'איז דען דאָ וואו צו אַרבייטען? די יונגע מענער פון אונזער שטעטעל, וועלכע קריגען ניט קיין שטיצע פון אַמעריקע, ווילען אַרבייטען. זיי מוזען אַרבייטען. זיי געהען אויס פון הונגער. האָבען זיי דען

וואו צו ארבייטען? אלע טאג בעט איך ביי גאט צוויי זאכען: ערשטענס, אז מיינע קרובים אין אמעריקע זאלען ניט שטארבען, ווייל, זאל גאט אויסהיטען, אויב דאס זאל פאסירען, שטארבען מיר צוזאמען מיט זיי. צווייטענס, אז די אמעריקאנער רעגירונג זאל אנהאלטען דעם אפמאך מיט דער סאוועט־רעגירונג, אז די געלט, וואס מען שיקט אונז פון אמעריקע, זאל מען אויסצאהלען אין אמעריקאנער דאלארען.

— וואס ארט דאס אייך אין וואס פאר א געלט די באנק וועט אייך אויסצאהלען? — האב איך געפרעגט ר׳ חיים׳ן.

— איהר האט דאך מיך פריהער געפרעגט פון וואנען איך לעב, — מאכט ער צו מיר, — איז אט פון דעם טאקע לעב איך.

און אט וואס דער איד האט מיר דערצעהלט.

„פארשטעהט איהר מיך, אין אונזער שטעטעל זיינען קיין פריי־וואטע געשעפטען ניטא. אלץ איז פארמאכט. עס איז דא נאר איין קאאפעראטיווער קראם. אין קאאפעראטיוו קענען קויפען נאר די, וואס האבען א קאאפעראטיווען ביכעל, וועלכער קאסט 15 רובעל. א ביכעל גיט מען נאר די ארבייטער, פויערים און באאמטע. אזוי ווי די גרעסטע צאהל אידען זיינען ניט קיין ארבייטער, ניט קיין פויערים און ניט קיין באאמטע, האבען זיי ניט וואו צו קויפען קיין עסענווארג, ווען אפילו זיי האבען געלט. איז וואס טוט מען? קויפט מען ברויט און קארטאפעל זונטאג ביים פויער אויפ׳ן מארק. דער פויער רעכענט זעהר טייער. צום ביישפיל, א פוד ברויט אין דער קאאפעראטיווער קראם קאסט 1 רובעל מיט 40 קאפיקעס. דאס איז דער לאנד־פרייז. דער פויער אויפ׳ן מארק רעכענט פאר דעם זעלבען פוד 5 און 6 רובעל. איז אבער אונזער גליק, וואס דער פויער האט ניט קיין צוטרוי צום רוסישען רובעל. ווען ער זעהט אן אמעריקאנער דאלאר, ווערט ער א פארכאפטער, און פאר׳ן דאלאר גיט ער מיר א פוד ברויט, און אט פון דעם מאך איך א לעבען. דערפאר בעט איך גאט, אז מען זאל אונז די געלט אויס־צאהלען אין דאלארען.

„איצט“, זאגט ווייטער ר׳ חיים, „האט שוין דער פויער מורא צו ברענגען ברויט אויפ׳ן מארק.

— פארוואס? — פרעג איך.

„פארשטעהט איהר מיך. זיי, די קאמוניסטען, האבען אונז געקענט צוברעכען, מאכען אונז פאר בעטלער. אבער דעם פויער

ברעכען קאָן מען ניט. זיי, די קאָמוניסטען, ווילען אז דער פויער זאָל דעם ברויט ברענגען צו דער רעגירונג. די רעגירונג צאָהלט דעם פויער פאר א פוד ברויט 1 רובעל מיט 20 קאָפּיקעס. אויפ'ן פריוואטען מארק קאָן דער פויער קריגען 6 רובעל א פוד, פיהרט ער ניט זיין תבואה צו דער רעגירונג, האָט די קאָאָפּעראַטיווע קראָם ניט גענוג ברויט צו פארקויפען. געהן צום פויער אין דאָרף און אָפּנעמען ביי איהם די תבואה, ווי מען פלעגט דאָס טאָן אמאָל, האָט די רעגירונג מורא. טוט מען איצט אנדערש. עס געהען ארום שפּיאָנען פון דער „טשעקא" איבער דעם מארק און מען היט וויפיל כאַריטאָן האָט פארקויפט תבואה. אויב כאַריטאָן האָט פארקויפט 5 פוד תבואה און האָט פאר דעם אָפּגענומען 30 רובעל, געהט דער פינאַנץ־אינספּעקטאָר און לעגט אויף איהם ארויף א האַנדעלס־שטייער פון 50 רובעל. כאַריטאָן מוז באצאָהלען. דורכדעם וויל מען איהם צווינגען צו ברענגען זיין קאָרן צו דער רעגירונג. אָבער כאַריטאָן גיט זיך ניט אונטער".

צעהן טעג אין מאָסקווע

די „לאַינס״ פון מענשען ביי די שפּייז־קראָמען. — די נויט, וואָס מען זעהט אויף די גאַסען. — דער פּראַכטפולער מיליטערישער פּאַראַד אויפ׳ן „רויטען סקווער״ לכבוד דעם 11־יעהריגען יובילעאום פון דער סאָוועטען־מאַכט. — אין די אַרבייטער־קוואַרטאַלען. — „איך האָב שוין מעהר קיין כח ניט צו זיין אַ קאָמוניסט״.

מיט דער גרעסטער הארצקלאַפּעניש בין איך געפאָהרען אין מאָסקווע, אין דער אמאָליגער שטאָט פון „פערציג מאָל פערציג קלויסטערס״, אין דער שטאָט, וואו אידען האָבען אמאָל ניט גע־טאָרט וואוינען, און היינט פאָהרען אהין אידען פון אידישע שטעט און שטעטלאך.

אין מאָסקווע בין איך אויך געווען זיכער, אז איך וועל זיך באַגעגענען מיט זעהר אַ סך אַלטע באַקאַנטע, קאָמוניסטען און ניט־קאָמוניסטען.

מיין אויסרעכענונג איז געווען אזא. ביז מאָסקווע בין איך געגאַנגען אין די גאַסען, אין די פאַבריקען, געזעהן זיך מיט אזעלכע מענשען, וואָס פאַרנעמען זיך ניט מיט פּאָליטיק, נאָר זיי אַרבייטען, זוכען אַרבייט, ווילען האָבען אַ רוהיגען מענשליכען לעבען. אָבער אין מאָסקווע וועל איך זיך ערשט באַקענען מיט די ערפאָלגען אָדער דורכפאַלען פון עלף־יעהריגען קאָמוניזם אין רוסלאַנד. איך וועל זיך מיט דעם באַקענען ניט דורך צייטונגס־אַרטיקלען, נאָר דורך גע־שפּרעכען מיט מענשען. אזוי האָב איך מיר געטראַכט, פאָהרענדיג קיין מאָסקווע. און אָט האָט מיך די באַהן געבראַכט אויף דעם מאָסקווער וואָקזאַל.

דער מאָסקווער וואָקזאַל איז זעהר אַ ריינער, גאָרניט צו פאַר־גלייכען מיט די איבעריגע וואָקזאַלען אין רוסלאַנד. איך געה צו אין וואָקזאַל צו אַ צייטונגס־טישעל קויפען אַ צייטונג און זעה, אז דער אייגענטימער פון „טישעל״ איז אַ איד מיט אַ טיפּיש־אידישען פּנים און אַ שעהנע שווארצע באָרד. איך בעט ביי איהם די רוסישע צײַ־טונגען אויף אידיש. איך פרעג ביי איהם, פאַרוואָס עס איז ניטאָ

דער „עמעס“ אויף זיין „סטענד“. דער „עמעס“ — דאָס איז די אידי־שע צייטונג, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון די קאָמוניסטען. ער ענטפערט מיר אויף אַ זעהר גוטען אידיש, אַז ערשטענס, בעט מען ביי איהם קיינמאָל ניט דעם „עמעס“, און צווייטענס, האָט קיינער פון דער „עמעס“־אַדמיניסטראַציע איהם ניט געבעטען צו האָבען די צייטונג צום פאַרקויף.

דער איד האָט אויף מיר געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק. איך האָב זיך גלייך דערמאָנט אויף דער אַמאָליגער אידישער רעכט־לאָזיגקייט. אַמאָל האָבען דאָ אידען ניט געטאָרט וואוינען. און היינט, ווי נאָר איהר קומט אָן אין מאָסקווע, שטעהט אויפ'ן וואָקזאַל אַ איד מיט אַ שעהנעם „צייטונגס־סטענד“.

דער טאָג איז געווען זעהר אַ שעהנער. עס איז געווען אַן אנגע־נעמער פריהמאַרגען, די לופט איז געווען אַ ריינע, אַ טרוקענע. אַרויסגעהענדיג פון וואָקזאַל מיט מיין „סוט־קייס“ אין האַנט, בין איך צוגעגאַנגען צו אַ „טעקסי“ און געפרעגט דעם „דראַיווער“, אין וואָס פאַר אַ האָטעל מ'קאָן פאַרפאָהרען, עס זאָל ניט קאָסטען טייער. דער טעקסי־מאַן ענטפערט מיר, אַז אַלע האָטעלען באַלאַנגען צו דער רעגירונג, און די פרייזען זיינען אומעטום אומגעפעהר דיזעלבע. ער ראַט מיר, איך זאָל צופאָהרען אין האָטעל „אינטערנאַציאָנאַל“. דאָס איז ניט ווייט פון וואָקזאַל, אויף דער טווערסקאַיאַ גאַס, לעבען פּושקינ'ס בולוואַר.

מיט מאָסקווע בין איך געווען אַביסעל באַקאַנט. איך האָב גע־וואוסט אומגעפעהר, ווי ווייט דער האָטעל איז פון וואָקזאַל. ריידענ־דיג אַזוי מיט דעם טעקסי־מאַן, האָב איך דערזעהן, אַז די טעקסי האָט ניט קיין זייגער. האָב איך ביי איהם גלייך אַ פרעג געטאָן, וויפיל ס'וועט מיר קאָסטען צופאָהרען. זאָגט ער מיר, אַז פינף רובעל. איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס פאָהרען אין אַ טעקסי קאָסט אַזוי טייער. האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָס ביליגסטע, וואָס ער קאָן פאַר מיר מאַכען, איז דריי רובעל. איך האָב זיך ענטזאָגט צו פאָרען אין טעקסי.

איך האָב געפרעגט ביים פּאָרטער (נאָסילשטשיק), פאַרוואָס טעקסים קאָסטען אַזוי טייער. ער האָט מיר געענטפערט, אַז דאָס זיינען פּריוואַטע טעקסים. רעגירונגס־טעקסים זיינען אין שטאָט פאַראַן זעהר ווייניג. עס איז זעהר שווער זיי צו קריגען אפילו אויף

די וואָקזאַלען. ער האָט מיר גערעטען צו נעמען בעסער אַן איזוואָס־טשיק, וואָס וועט מיך צופיהרען פאַר אַ רובעל.

איך בין צוגעגאַנגען צום איזוואָסטשיק, אָבער ער האָט אויך געבעטען דריי רובעל. און ער מאַכט צו מיר: „יעדער איינער וויל פאָהרען פאַר האַלב אומזיסט. אָבער ווען דער איזוואָסטשיק דאַרף געהן קויפען האָבער פאַר דעם פערד, ברויט און קליידער פאַר דער פאַמיליע, רייסט מען פון איהם די הויט". און ער מאַכט ווייטער צו מיר: „וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דאָס ביי אַן אויסלענדער, ביי אַ טוריסט (אַ רייזענדען), נאָך אַ רובעל? מיך, דעם איזוואָסטשיק, אָבער, קאָן דער רובעל ראַטעווען. טאָ דינגט זיך מיט מיר ניט, גראַזשדאַנין (בירגער), לאָזט מיר פאַרדינען".

נאָך אַזעלכע טענות פון דעם איזוואָסטשיק, האָב איך זיך אַרויפגעזעצט און געפאָהרען מיט איהם צום האָטעל. אָבער מיר זיינען געפאָהרען פון האָטעל צו האָטעל און קיין צימער ניט גע־קאָנט קריגען. איך בין געפאָהרען צוריק צום וואָקזאַל, איבערגעלאָזט מיין „סוט־קייס", באַצאָהלט דעם איזוואָסטשיק פאַר אַרומשלעפּען זיך מיט מיר ניט דריי רובעל, נאָר פינף, און בין אַוועק איבער'ן שטאָט. איך האָב אָפּגערופען אויפ'ן טעלעפאָן דעם אָפיס פון „אַרט" און זיי האָבען מיר קוים מיט צרות געקראָגען אַ צימער אין האָטעל „סאַוואָי". דער האָטעל איז אַ גאַנץ ריינער, די באַדינונג איז זעהר גוט. אָבער מיט אַלע זיינע באַקוועמליכקייטען איז ער נאָך ווייט פון אַ דורכ־שניטליכען האָטעל אין אַמעריקע. איך האָב געצאָהלט פאַר'ן צימער, מיט אַלע עקסטראַס, פערצעהן רובעל אַ טאָג. אויף אַמעריקאַנער געלט מאַכט דאָס אויס זיבען דאָלאַר.

פאַר אַ טוריסט, וואָס וויל לעבען זעהר באַשיידען, קאָסט דאָס לעבען אין רוסלאַנד אַזוי טייער, אַז ווען מען וואָלט מיר וועגען דעם דערצעהלט אין אַמעריקע, וואָלט דאָס מיר אויסגעקומען אומגלויבליך.

* * *

איך האָב אוועקגעשטעלט מיינע זאַכען אין האָטעל און בין אַוועק איבער די גאַסען. איך שפּאַציר איבער טווערסקאַי פּראָספּעקט. עס וואַרפען זיך מיר אין די אויגען שעהנע געשעפטען פון אַל־דאָס־גוטס. לעבען די געשעפטען באַמערק איך ניט קיין „לאַינס" מיט מענשען. מען געהט איבער די גאַסען, עס פאָהרען איזוואָסטשיקעס, עס לויפען טראַמוואַיען, עס וואַרפען זיך אפילו אין די אויגען

א פּאָר גוטע „באָסעס“, וואָס זיינען געפּאַקט מיט מענשען. דעם ערשטען אויגענבליק האָבען די הויפּט־גאַסען אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוועהנליך גוטען איינדרוק.

ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט א פּאָר פון מיינע באַקאַנטע האָב איך זיי געזאָגט, ווי איך באַוואונדער דעם גוטען אויסזעהן פון מאָסקווע. איינער פון זיי האָט מיר אויף דעם באַמערקט, אַז איך קאָן ניט האָבען קיין באַגריף וועגען מאָסקווע, שפּאַצערענדיג נאָר איבער די גאַסען און קוקענדיג אויף די „ווינדאָו־שאָוס“ פון די געשעפטען. „אויב דו ווילסט זעהן מאָסקווע“, זאָגט ער צו מיר, „שטעה אויף פיר אַזייגער פאַרטאָג, געה אין די אַנדערע גאַסען, וועסטו זעהן די גרויסע „לאַינס“ ארום די געשעפטען פון יעדער איינציגער גאַס. דו וועסט זעהן די נויט פון מאָסקווע, ווי די מענשען זיינען פאַרצווייפעלט, ווי מען שלאָגט זיך און מען קריגט זיך צו פאַרכאַפּען א נעהנטערען פּלאַץ אין „לאַין“. געה, זאָגט ער, אַריין בייטאָג אין די גרויסע געשעפטען פון מאָסקווע, וואו מען פאַרקויפט קליידער, דער אויסערליכער איינדרוק איז, אַז דאָרטען איז אַלץ דאָ. אָבער דו וועסט זעהן, אַז מען וועט דיר דאָרטען גאָרניט פאַרקויפען, ווייל די פּאָליצעס זיינען פּוסט“.

אויף מאָרגען בין איך אַרויס אין גאַס פיר אַזייגער פאַרטאָג. מאָסקווע איז נאָך געשלאָפען. עס איז געווען קאַלט. אויף די גאַסען איז נאָך געווען פינסטער. ווען איך בין געקומען אויף טווערסקאַיאַ, אויף דער הויפּט־גאַס פון מאָסקווע, זיינען שוין פרויען, איינגעטוליעט אין זייערע פּאַטשיילעס, מענער מיט פאַרשלאָפענע פּנימ׳ער, דערוואַקסענע קינדער, מידע, זיינען געשטאַנען אין לאַין לעבען די געשעפטען פון ברויט, פּוטער, פלייש און אַנדערע פּראָדוקטען. ביי די לאַינס האָב איך זיך ניט געוואָלט אַרומדרעהען ווי א זייטיגער מענש. ערשטענס, דערעסט עס, און מען ווערט שרעקליך מיד. צווייטענס, דוכט זיך דיר, אַז די וואָס שטעהען אין לאַין, קוקען אויף דיר מיט פאַראַכטונג. האָב איך זיך אויך אָוועקגעשטעלט אין „לאַין“.

איך בין אין די לאַינס פון מאָסקווע געשטאַנען שטונדען־לאַנג. איך האָב געזעהן און געפיהלט וויפיל צער, וויפיל ביטערקייט עס געפינט זיך אין הארצען פון יעדען איינעם, וואָס דאַרף שטונדען־לאַנג שטעהן צו קריגען ברויט. יעדער מענש ווערט פאַרוואַנדעלט אין א חיה, ער וואָלט וועלען איינשלינגען דעם צווייטען, כדי צו

זיין נעהנטער צום קאונטער פון געשעפט, וואו ברויט ווערט ארויס־געגעבען. שטעהענדיג אין ליין, פיהלט מען צו וואס א מענש קאן דערפיהרט ווערען. עס שפרינגט ארויס די חיה אין דעם מענשען, עס מאכט ניט אויס, ווער דער מענש איז, צי אן אינטעליגענט, אדער אן ארבייטער.

ווען איך בין געשטאנען אין ליין, האב איך געוואוסט, אז ניט איך קאן עפעס קויפען, ניט איך דארף עפעס קויפען, און ניט מען וועט מיר עפעס פארקויפען ווייל צו קויפען דארפט איהר זיין א מיטגליד פון דעם קאאפעראטיוו, ביי וועמעס ליין איהר שטעהט. זעהר אפט, ווען עס פלעגט קומען צו מיין נעקסט, און מען פלעגט ביי מיר פארלאנגען מיין קאאפעראטיוו־ביכעל, וואס איך האב ניט געהאט, פלעגט מיר דער פארקויפער זאגען, אז איהם פארדריסט זעהר, אבער ער קאן מיר גארניט פארקויפען אהן א ביכעל. פלעג איך אוועק אין א צווייטער גאס, אין א צווייטער ליין, און הערען די שטימונגען דארטען. און פון די דרייסיג טעג, וואס איך בין געווען אין רוסלאנד, האב איך וועניגסטענס צעהן פריהמארגענס פארבראכט שטעהענדיג אין די ליינס אין פארשידענע שטעט.

די ליינס מאכען א פיינליכען איינדרוק. איך בין דורכגע־פאהרען פראנקרייך, בעלגיען, דייטשלאנד, פוילען — לענדער, וואס האבען אזוי שטארק געליטען אין דער מלחמה, האבען שוין אן דער מלחמה כמעט פארגעסען. זיי זיינען אויפגעבויט געווארען. איהר קאנט דארטען אלץ קריגען. רוסלאנד איז דאס איינציגע אומגליק־ליכע לאנד, וואו דער מענש טראכט נאר וועגען איין זאך, וועגען קריגען א שטיקעל שווארצען ברויט, וועגען קריגען אן איינפאכען בגד אויף צודעקען זיין נאקעטען לייב. און יעדעס מאל, ווען איך בין געגאנגען איבער די גאסען און געזעהן „אטשערעדעס", ליינס, האב איך געטראכט, ווי אומגליקליך דאס לאנד איז. וואס איז די פעולה, וואס עס הענגען איבעראל גרויסע פלאקאטען מיט אויפ־שריפטען וועגען גרויסע מענשליכע אידעאלען, אז דעם מענשען פעהלט דאס איינפאכסטע, דאס נויטיגסטע, וואס א מענש דארף האבען, ער זאל קאנען טראכטען וועגען א העכערער מענשליכער ענטוויקלונג, ער זאל קאנען בויען זיין לאנד פאר דעם גליק פון זיין פאלק.

* * *

ווען אימיצער וויל פון רוסלאנד אוועקפאהרען מיט א הייליגער

באגייסטערונג, אהן ענטוישונגען, זאל ער קיין רוסלאנד ניט פאהרען אין געווענליכע צייטען, אין „וואכעדיגע טעג". זאל ער קומען אהין פאר א יום־טוב, און דערביי זאל ער זיך ניט אפשטעלען אין קיין אנדער שטאט, אויסער מאסקווע. אין א יום־טוב זיינען אלע מאסקווער גאסען באפוצט מיט רויט. די שטאט־רעגירונג גיט אויס אוצרות מיט געלט צו מאכען די שטאט פארבען־רייך, אז אלץ זאל בליסטשען, דאס אויג זאל פארכאפט ווערען, אייער גאנצער וועזען זאל פון דער ווארימקייט זיך פיהלען שטאלץ און גליקליך.

און איהר דארפט זיך ניט אפשטעלען אין רוסלאנד אויף מארגען נאך דער פייערונג, ווען דאס לעבען נעמט אן זיינע וואכעדיגע פארמען. איהר דארפט באלד נעמען א צוג און אוועקפאהרען אין אן אנדער לאנד. דעמאלט וועט בלייבען ביי אייך דער בעסטער איינדרוק וועגען רוסלאנד.

איך בין געקומען אין מאסקווע צעהן טעג פאר דער פייערונג פון דער אקטאבער־רעוואלוציע. זעקס טעג פון די צעהן האב איך געזעהן גרויסע לאינס. די שטאט־רעגירונג האט געטאן אלצדינג, אז די „לאינס" אפצושאפען. צעהנדליגער וואגאנען מיט סחורה זיינען געבראכט געווארען קיין מאסקווע פון אלע עקען לאנד. די גרוזטשיקעס (די ארבייטער, וואס לאדען סחורה) האבען געארבייט טאג און נאכט ארויסצונעמען די סחורות פון די וואגאנען און זיי צו ברענגען אין די קאאפעראטיווע געוועלבען, כדי אפצושאפען דעם „אטשערעד", וואס וועט פארשטערען דעם יום־טוב. דאס איז דער שטאט־רעגירונג געלונגען. פיר טעג פאר דער פייערונג האט מען אויפגעהערט צו זעהן די לאינס. די געשעפטען זיינען געווען אפען טאג און נאכט, מען האט אלץ געקאנט קריגען, אויסער קליידער.

מיר האט זיך איינגעגעבען צו קריגען אן ערלויבניש צו זיצען דעם 7טען נאוועמבער אויף דער פלאטפארמע פון „קראסנאיא פלאשטשאד" (רויטער סקווער), לעבען קרעמל. און פון דארטען זעהן דעם גרויסען פאראד. אויף דער פלאטפארמע זיינען געזעסען דיפלאמאטען פון אלע לענדער, וועלכע האבען שוין די סאוועט־רעגירונג אנערקענט. מעהר פון אלץ האבען זיך געווארפען אין די אויגען די פארטרעטער פון די אזיאטישע לענדער. ס'זיינען אויך געזעסען די אנגעזעהענסטע טוער פון דער קאמוניסטישער פארטיי, קארעספאנדענטען פון אלע צייטונגען, פון אלע וויכטיגע לענדער.

דער „רויטער סקווער“ איז געווען פארנומען מיט אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי, שעהן אויסגעפּוצט. איהר האָט דאָרטען געזעהן סאָלדאַטען פוסגעהער, אויף פערד, די גאַנצע אַרטילעריע, קאַנאָנען אויסגעשייערטע, ריינע. אויפ׳ן סקווער איז אויך געווען א שעהן אויסגעפּוצטער פרויען־באַטאַליאָן אויף פערד, א ספּעציע־לער באַטאַליאָן אַרבייטער אויף ווייסע פערד מיט ביקסען אויף זייערע פּלייצעס. די זון האָט יענעם טאָג געשיינט, האָט אַלעמען אַזוי געוואָרימט. צעהן אַזייגער אינדערפריה האָט זיך דער פּאַראַד אָנגעפאַנגען.

קאַלינין, דער פּרעזידענט פון דער סאָוועט־רעפּובליק, א יאָהר 55 אַלט און קליין אין וואוקס, איז צוגעפאָהרען אין א שעהנעם אויטאָמאָביל. דער פיהרער פון פּאַראַד, אַן אָפיצער, ווען ער האָט דערזעהן פון ווייטען אָנקומענדיג קאַלינינ׳ען, האָט זיך געלאָזען לויפען מיט זיין פערד אַנטקעגען צו באַגעגענען איהם. צולויפענדיג צו איהם, האָט ער איהם סאַלוטירט און אָפּגעגעבען וועגען עפּעס א ראַפּאָרט. דערנאָך האָט מוזיק אָנגעפאַנגען צו שפּילען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. אַלע, וואָס זיינען געזעסען אויף דער פּלאַט־פאָרמע, האָבען זיך אויפגעשטעלט. די אַרמיי האָט דעם „אינטער־נאַציאָנאַל“ סאַלוטירט, און דאָס בילד איז געווען וואונדערבאַר, פּראַכטפול.

* * *

אין אייער מוח זיינען דורכגעלאָפען געדאַנקען וועגען דער אַמאָליגער „קראַסנאַיאַ פּלאָשטשאַד“, וועגען קרעמל, וואו עס זיינען אַמאָל געזעסען בלוטיגע צאַרען. און היינט שטעהט דערזעלבער קרעמל, אָבער אַנדערע מענשען — מענשען, וואָס האָבען זיך אוועקגעשטעלט געגען דעם לעבענסשטראָם, פיהרען מיט דער גרעס־טער עקשנות א קאַמף מיט דער גאַנצער וועלט, כדי איינצופיהרען אין רוסלאַנד אַן אָרדנונג, וואָס זאָל גליקליך מאַכען די מענשהייט. ווען דער פּאַראַד האָט זיך געענדיגט אויפ׳ן „רויטען סקווער“, בין איך אוועקגעגאַנגען איבער די גאַסען. די גאַסען זיינען געווען גע־פּאַקט מיט מענשען. יונגע „קאָמסאָמאָלצעס“ (מיטגלידער פון קאָ־מוניסטישען יוגענט־פאַרבאַנד) האָבען טאַנצענדיג מאַרשירט איבער די גאַסען מיט האַרמאָניקלאָך אין די הענט. אין דעם טאָג האָב איך זיך געפיהלט ווי דער גליקליכסטער מענש, ווי איינער, וועמעס א גאָר הייליגער חלום איז פאַרווירקליכט געוואָרען.

פאַרנאַכט, דעמזעלבען טאָג, בין איך אַוועק איבער די ארביי־טער־קוואַרטאַלען. אויסער דער אויסגעפּוצטקייט פון די גאַסען, האָט דאָ קיינער גאָרניט געקאָנט באַמערקען. מענשען זיינען גע־גאַנגען איבער די גאַסען רוהיג, איינפאַך, ווי אין אַ וואָכעדיגען טאָג. איבער די גאַסען האָבען אויך אַרומגעמאַרשירט רייטענדע סאָל־דאַטען פון דער „ג. פּ. או." (געוועזענע „טשעקא"). זעהר אָפט האָבען זיך געוואָרפען אין די אויגען מענשען שכור'ע. אין איין פּלאַץ האָב איך געזעהן צוויי שכור'ע ארבייטער, וואָס האָבען זיך געשלאָגען, קייקלענדיג זיך אויף דעם טראָטואַר.

מיט אַ פּאָר טעג פאַר דעם יום־טוב האָבען זיך איבער מאָסקווע געטראָגען קלאַנגען, אַז אין טאָג פון יום־טוב וועלען די ארבייטער־קוואַרטאַלען רעוואָלטירען, און דערפאַר זיינען די ארבייטער־קוואַר־טאַלען געווען באַוואַכט מיט רייטענדער פּאָליציי. אָבער דער יום־טוב איז אַריבער זעהר רוהיג.

יע, ווען אייך ווילט זיך זעהן רוסלאַנד אין אַ יום־טוב, וועט אויף אייך רוסלאַנד מאַכען אַ געהויבענעם איינדרוק. עס ווערט אָבער טרויעריג אויפ'ן הארצען, ווען איהר שפּאַצירט איבער די גאַסען און קוקט זיך צו צום איצטיגען רוסישען לעבען אין די וואָ־כעדיגע טעג.

* * *

מיט אַנדריי'ען האָב איך זיך אין יאָהר 1910 באַגעגענט אין אַלעקסאַנדראָווער קאַטאָרזשנעם צענטראַל. ער איז געווען פאַר'־משפּט אויף זעקס יאָהר קאַטאָרגע פאַר געהערען צו דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָס טורמע־לעבען האָט אונזביידען זעהר שטאַרק באַפריינדעט.

ביים פאַך איז ער געווען אַ דאָרפס־לעהרער. ער איז אַ זוהן פון אַ פּויער, און זעהר אַן אָרענטליכער. זיין געדאַנקען־גאַנג איז זעהר אַ גראַדער. ער האָט קיינמאָל וועגען לעבען ניט פילאָזאָפירט. אפשר דערפאַר איז ער אין יענער צייט געוואָרען אַ גרויסער אנ־הענגער פון לעניב'ען.

איך האָב זיך מיט איהם צושיידט אין יאָהר 1912. די גאַנצע צייט, ביז דעם יאָהר 1917, האָבען מיר זיך רעגעלמעסיג דורכגע־שריבען. ווען עס האָט אויסגעבראָכען די באָלשעוויסטישע רעוואָ־לוציע, איז ער געווען אויף דער זייט פון די קאָמוניסטען. ער האָט צוזאַמען מיט זיי געאַרבייט מיט זיין גאַנצער ענערגיע, מיט זיין

גאַנצער אויפריכטיגקייט. כאָטש פון יאָהר 1917 האָבען מיר זיך ניט דורכגעשריבען, דאָך האָב איך געוואוסט, אז ער געפינט זיך אין מאָסקווע, איז דער פיהרער און פאַרוואַלטער פון א מאָסקווער פאַבריק, ארבייט מיט לייב און לעבען פאַר׳ן קאָמוניזם.

ווען איך בין איצט געוועזן אין מאָסקווע, איז דאָרט פאָרגע־קומען א פאַרזאַמלונג פון דער „געזעלשאַפט פון פּאָליטישע קאַ־טאָרזשניקעס“. איך בין אַוועק צו יענער פאַרזאַמלונג. איך האָב געוואוסט, אז איך וועל דאָרטען באַגעגענען א סך פון מיינע אַלטע באַקאַנטע, און דורך זיי וועל איך זיך קאָנען באַקענען מיט די שטי־מונגען, וואָס הערשען צווישען די, וואָס האָבען זיך מקריב געווען פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע.

די פאַרזאַמלונג איז גערופען געוואָרען לכבוד דער עלף־יעהרי־גער פייערונג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

ווען איך בין אריין אין האָל, איז שוין די פאַרזאַמלונג געווען געעפענט. עס האָט גערעדט איינער, וואָס איז געווען געשיקט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דאָס איז געווען ריינשטיין, וועלכער האָט אמאָל געלעבט אין באָפאַלאָ און איז דאָרט געווען אן אנגע־זעהענער טוער ביי די ס. ל. פּ.

ווען ריינשטיין האָט געענדיגט ריידען, האָבען זעהר ווייניג זיין רעדע אַפּלאָדירט. עס איז געווען ווייניג באַגייסטערונג, כאָטש ער האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגען דעם באָלשעוויזם, און וועגען דעם, וואָס די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט ביז איצט אויפגעטאָן. ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיגט, האָב איך דערזעהן אין א ווינקעלע זיצענדיג אַנדריי׳ען. מיט פרייד בין איך צו איהם צוגע־גאַנגען, ווי צו אן אַלטען, נאָהענטען באַקאַנטען.

די באַגעגעניש איז פאַר אונז ביידען געווען אן אומערוואַר־טעטע, און צוליב דעם אויך זעהר און זעהר א וואַרימע. נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך הארציג צוקושט, האָב איך ביי איהם אָנגעהויבען פרעגען, ווי ער לעבט און וואָס ער טוט.

איך בין געווען זיכער אז ער איז נאָך א קאָמוניסט. צו מיין איבערראַשונג גיט ער צו מיר א זאָג: „איך האָב שוין קיין כח ניט צו זיין א קאָמוניסט“.

עס איז געווען פאַר אונז אוממעגליך צו פיהרען א לענגערען שמועס אין דעם פּלאַץ, וואו עס זיינען געווען אַזויפיל באַקאַנטע אונזערע. איך האָב איהם איינגעלאַדען צו זיך אין האָטעל. איך

האָב פאַרבראַכט מיט איהם ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב פאַר זיך דערזעהן אַ מענשען אַ צובראָכענעם, אַן ענטוישטען, אַ מענשען, וועלכער האָט געהאַט אַ גלויבען און האָט איהם איצט פאַרלוירען.

איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל מיר אַלץ דערצעהלען וועגען זיין ערפאַהרונג און אויך די אורזאַכען פון זיין ענטוישונג. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ נאָהענטען מענשען אויפצועפענען פאַר איהם דאָס האַרץ.

ער האָט זיך געווענדעט צו מיר:

„ביי אייך באַשולדיגט מען די באָלשעוויקעס אין דעם, וואָס רוסלאַנד קאָן ניט קומען צו זיך. מען באַשולדיגט דעם רוסישען פאָלק, וואָס ער האָט איבערגעגעבען די פיהרערשאַפט פון לאַנד צו די קאָמוניסטען. אָבער עס איז אַ גרויסער טעות. דער באָלשעוויזם איז געקומען צוליב די טעות'ן פון דער קערענסקי־רעגירונג. ווען דער צאַר איז אַרונטערגעוואָרפען געוואָרען, האָבען אַלע אין לאַנד געוואָלט, אַז די מלחמה זאָל זיך וואָס שנעלער ענדיגען, און דאָס חרוב־געוואָרענע לעבען פון רוסלאַנד זאָל צוריק ווערען נאָרמאַל. די דאַמאָלסדיגע רעגירונג, מיט קערענסקי'ן אין דער שפּיץ, האָבען די מלחמה אָפּשטעלען ניט געוואָלט. זיי האָבען געהאַלטען, אַז רוסלאַנד טאָר ניט פאַרראַטען די „עלאַיס".

„דאָס רוסישע פאָלק איז געווען פאַרהונגערט, פאַרמאַטערט, און האָט פון דער גאַנצער פּאָליטיק ניט געוואָלט וויסען. די סאָל־דאַטען פון שלאַכטפעלד האָבען זיך געריסען אַהיים. די קערענסקי־רעגירונג האָט זיך מיט דעם ניט גערעכענט. די באָלשעוויקעס האָבען אין יענער צייט גערעדט צום פאָלק, אַז די קאַפּיטאַליסטען און די פּאָמיעשטשיקעס זיינען שולדיג אין זייער איצטיגען אומגליק, אַז די מלחמה מוז אָפּגעשטעלט ווערען אום יעדען פּרייז. דאָס פאָלק איז אַוועק נאָך די באָלשעוויקעס.

„שפּעטער האָבען די באָלשעוויקעס אָנגעפאַנגען איינצופיהרען דעם סאָציאַליזם, דעם אידעאַל, פאַר וועלכען דו און איך און טויזענטער אַנדערע האָבען אַזויפיל געליטען. זיי האָבען זיך אונטער־גענומען צו פאַרווירקליכען יענעם אידעאַל, וועלכער איז פאַר אונז געווען אַ ווייטער חלום.

„צו אונז האָט עס אַלץ אַזוי שטאַרק אַפּעלירט.

„אונזערע הערצער זיינען געווען פול מיט גליק, מיט פרייד. מיר האָבען דעמאָלט ניט געקאָנט באַגרייפען, אז ניט דאָס רוסישע פאָלק, ניט די רוסישע ווירטשאַפט איז אימשטאַנד צו נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע אויפגאַבע, צו זיין די ערשטע אין דער וועלט איינצופיהרען דעם סאָציאַליזם.

„צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס האָב איך געאַרבייט אויף פאַרשיידענע געביטען. איך האָב געדינט בלינדערהייט דער „טשעקאָ", איך בין געווען גרייט צו פאַרניכטען, אפילו דערשיסען מיינע נאָהענטסטע.

„די צייט פון פאַר'שכור'ונג איז אַריבער. מיר האָבען געמוזט אָנהויבען צו בויען דאָס לאַנד און אַ סך פון אונז האָבען דערזעהן דעם אָפּגרונד, ביי וועלכען מיר געפינען זיך.

„אויף די פאַבריקען, אויף וועלכע מיר אַרבייטען, — האָט ער צו מיר ווייטער געזאָגט, — איז קיין אָרדנונג ניטאָ. אַלץ איז אָפּגעלאָזען. איין האַנט ווייסט ניט פון דער צווייטער.

„אַלץ איז ביי אונז לויז און פויל. די פעהיגע מענשען, וועלכע וואָלטען געקאָנט פאַרוואַלטען אַ פאַבריק, ווערען ניט צוגעלאָזען, אויב זיי זיינען ניט קיין קאָמוניסטען. אונזער פאַבריק ליידעט פון דעם זעהר אַ סך.

„די גרעסטע צאָהל פון די באַאַמטע זיינען אומפעהיג פאַר זייערע עמטער. עס איז אמת, אז די אַרבייטער האָבען אַ סך פּריווילעגיעס, זיי קריגען געהאַלט אַ געוויסע צייט, ווען זיי זיינען קראַנק, אַרבייטסלאָז. אָבער אונזער אָרימע אינדוסטריע קאָן דאָס אַלץ ניט פאַרטראָגען.

„די פּאַרטיי־מיטגלידער זיינען אַממעהרסטען באַאַמטע פון די פאַבריקען. אום ניט צו פאַרלירען זייערע פּאָסטענס, זיינען זיי געהאָרכזאַם צו די, וואָס האָבען די מאַכט אין דער פּאַרטיי. קיינער האָט ניט אין זינען דאָס רוסישע פאָלק, די ענטוויקלונג פון רוסלאַנד. אַלע האָבען אין זינען נאָר זיך אַליין.

„פאַר אָרענטליכע מענשען ווערט דאָס לעבען ענג, און מען מוז אַנטלויפען. עס איז ניטאָ קיין כח צו טראָגען אויף זיך דעם קאָמוניזם.

„מיר האָבען געאַרבייט און אַלץ געהאָפט, אז עס וועט בעסער ווערען, אז אונז וועט זיך פאַרט איינגעבען בייצוקומען אונזער שווערע עקאָנאָמישע לאַגע, אונזער נויט, אונזער נאַקעטקייט. אָבער

די לאַנגע ווערט אַלץ ערגער. די רייסעניש אין דער פּאַרטיי, די גע־גענזייטיגע באַשולדיגונגען זיינען העסליך. מען וואַרפט זיך פון איין עקספּערימענט צו אַ צווייטען, מען רעכענט זיך ניט מיט דעם, וואָס יעדער ניט־איינגעגעבענער עקספּערימענט קאָסט דעם פאָלק אַזוי־פיל ליידען, אַזויפיל בלוט; דאָס פאָלק איז אויסגעמאַטערט, האָט ניט קיין כח צו רעוואָלטירען. ער איז אַפּאַטיש, גלייכגילטיג. און אָט מיט דער פאָלקס־אַפּאַטיע, מיט זיין גלייכגילטיגקייט באַנוצט זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און הערשט איבער׳ן לאַנד. געגען דער הערשענדער מאַכט אין דער פּאַרטיי טאָר מען קיין וואָרט ניט זאָגען, מען מסר׳ט איינער אויף׳ן צווייטען. מוסרים זיינען אונטער אַזוינע באַדינגונגען דאָ אַ סך.

„עס איז אמת, אַז עס זיינען אויך דאָ אַ סך שעהנע זאַכען, גוטע זאַכען. נעמט, צום ביישפּיל, אַזאַ פאַל: מען שיקט יעדען זומער אויף וואַקאַציע דריי אָדער פיר אַרבייטער פון יעדער פאַבריק אויף קאַווקאַז, אָדער אין קרים. אין יענע פּלעצער, וואו עס האָבען אַמאָל פאַרבראַכט די קייזערליכע פאַמיליע, מיניסטאָרען, רייכע פּריצים, רוהען דאָרטען היינט אַרבייטער. אָדער מען רופט צו לאַנד־קאָנפערענצען די פּויערים פון דאָרף, אַרבייטער פון פאַבריק, וועלכע באַשליסען דעם שיקזאַל פון לאַנד. מען פאַרפיהרט זיי אין די שענסטע האָטעלען, אין די פּאַלאַצען פון די אַמאָליגע רייכע.

„די גרעסטע צאָהל פון די, וואָס קומען צו די קאָנגרעסען, קאָנען זיך ניט פאַרנאַנדערקלייבען אין די פראַגען, צוליב וועלכע מען רופט זיי. זיי קאָנען ניט לייענען, ניט שרייבען, און צוליב דעם זיינען זיי ניט פעהיג זעלבסטשטענדיג צו באַטראַכטען די פאַרפלאָנ־טערטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פראַגען פון דער מלוכה.

„היינט געהען זיי נאָך טראָצקי׳ן, מאָרגען — נאָך סטאָלינ׳ען, איבערמאָרגען — נאָך אַן אַנדערען; עס הענגט אָפּ אָן דעם, ווער עס האָט די מאַכט, די פּאַרטיי־מאַשין אין זיינע הענט.

„יאָ, עס זיינען דאָ שעהנע זאַכען ביי אונז אין לאַנד, אָבער מיר צאָהלען פאַר זיי אַ צו־גרויסען פּרייז. מיט די שעהנע זאַכען וועלען מיר ניט קאָנען אַרויסקריכען פון דעם טעמפּען ווינקעל, אין וועלכען דער קאָמוניזם האָט אונז אַריינגעפיהרט. און דערפאַר בין איך אַוועק.

„איך אַרבייט איצט אויף אַ וואָקזאַל אַלס „גרוזטשיק“. די אַרבייט פאַלט מיר שווער, אָבער איך בין צופרידען, מיין געוויסען

איז ריין. איך טראָג ניט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דאָס שלעכטס, וואָס עס ווערט ביי אונז געטאָן".

ווען ער האָט צו מיר גערעדט, האָבען זיינע אויגען אויף מיר ניט געקוקט. זייער בליק איז געפאַלען אין א ווינקעל פון מיין האָטעל־צימער. ער איז א ווילע אַנטשוויגען געוואָרען, און דערנאָך האָט ער ווייטער געזאָגט:

„ווען איך טראַכט זיך אריין אין די פאַרגאַנגענע זיבען יאָהר, וואָס איך האָב זיך באַטייליגט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע איז אויסגעווייקט אין בלוט פון פאָלק און אין טעות'ן, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט פאַרברעכענס, שעהם איך זיך פאַר זיך אליין. איך טראַכט אָפטמאָל, אז א מענש האָט דראָטענע נערוועז, אויב ער קאָן דאָס אַלץ אריבערטראָגען און ער געהט פון זינען ניט אראָפּ.

„יאָ, כאַנין, דו ביזט געווען א גליקליכער, וואָס דיר איז ניט אויסגעקומען דורכצומאַכען דאָס, וואָס מיר האָבען דורכגעמאַכט. איצט בין איך רוהיג. איך שטעה אָן א זייט. איך ווייס, אז איך מאַך ניט די לאַגע בעסער מיט דעם. איך ווייס, אז איך בין גע־וואָרען א לעבעדיגער מת. אָבער איך קאָן זיך ניט העלפען, אזוי איז דאָס".

ווען איך האָב געהערט דעם מאָנאָלאָג פון מיין גוטען, אַלטען חבר, האָט מיך שטאַרק געדריקט זיין צעוואָרפענקייט. צוואַוויי טאָגט האר'ץ, זיין צו־בראָכענקייט. ער איז אָבער ניט דער איינציגער אין רוסלאַנד, וועמען דאָס הארץ טוט וועה. אויף דעם קערפּער פון רוסישען פאָלק ווערט געמאַכט דער אומגליקליכער עקספּערימענט. אָבער דאָס איז שוין דער ביטערער שיקזאַל פון דעם רוסישען פאָלק. פריהער האָט דער צאַריזם געשטערט זיין פרייער שעפערישער ענטוויקלונג. און ווען נאָך אזא לאַנגער קנעכטשאַפט האָט פאַר איהם א שיין געטאָן די פרייהייט, די גרויסע מעגליכקייט פון א פרייער, שעפערישער ריס־לאַנד, זיינען געקומען אויף איהם אַנדערע שווערע רעגירונגס־פאַר־מען, וואָס דריקען זיין קערפּער און צוברעכען זיין שעפערישען גייסט.

אויף די אַרבייטס-בירזשעס צווישען די אַרבייטסלאָזע

פאַבריקען אַרבייטען, אָבער די נויטיגע אַרטיקלען פעהלען. — מען האָט געהאַלטען אין איין אויסראַטען די קליינע בעלי־מלאכות אַלס „בורזשויעס“. — ניטאָ מעהר קיין גאָלד. — דער ווערט פון דעם רוסישען רובעל אין רוסלאַנד. — גאַרבערס און שניידערקעס אַלס וועיטערס.

פאַר די לעצטע פאַר יאָהר לייענען מיר פון צייט צו צייט באַריכטען אין די סאָוועטישע צייטונגען, אַז די פּראָדוקציע פון די רוסישע פאַבריקען האָט זיך שוין איצט אויפגעהויבען צו אַ העכערען צושטאַנד, איידער זי איז געווען פאַר דער מלחמה.

מיט ציפערען און פאַקטען ווערט דערוויזען, אַז די סאָוועטישע בעל־הבית'ישקייט איז אַן ערפאָלג. די סאָוועטישע פיהרערשאַפט ענטוויקעלט דאָס לאַנד, ענטוויקעלט די פּראָדוקציע, און עס איז נאָר אַ פראַגע פון צייט, און אַלץ וועט זיין אויסגעצייכענט.

איך האָב באַזוכט איינינגע פאַבריקען און האָב גערעדט מיט מענשען, וועלכע זיינען זעהר גוט באַקאַנט מיט דעם עקאָנאָמישען לעבען פון רוסלאַנד. אַלע גיבען צו, אַז די פּראָדוקציע אויף די איצטיגע פאַבריקען האָט דערגרייכט צוריק דעם צושטאַנד פון פאַר דער מלחמה.

אויף מיין פראַגע, מיט וואָס ערקלערט זיך דאָס, וואָס אין רוסלאַנד פעהלען פּראָדוקטען, האָב איך געקראָגען פאַרשיידענע ענטפערס. די אָנהענגער פון די קאָמוניסטען זיינען, פאַרשטעהט זיך, געווען זעהר פאַראינטערעסירט, אַז ביי מיר זאָל בלייבען אַ גוטע מיינונג וועגען דער פאָלקס־ווירטשאַפט אין עקאָנאָמישען לעבען אין רוסלאַנד. זיי האָבען מיר געגעבען דעם פאָלגענדען ענטפער:

די באַפעלקערונג, ספּעציעל די פויערשע געברויכט איצט אַ סך מעהר פּראָדוקטען, ווי זי האָט געברויכט פאַר דער מלחמה. דער פויער האָט געקראָגען מעהר ערד, ער איז באַפרייט געוואָרען, זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז בעסער געוואָרען, פאַרברויכט איצט דער פויער אַ סך מעהר שטאָטישע פּראָדוקטען, איידער ער האָט גע־

ברויכט פאַר דער מלחמה. צוליב דעם איז דאָס דער מאַנגעל פון פּראָדוקטען אין לאַנד אַזוי גרויס.

איך ווייס ניט, אויף וויפיל דער ענטפער איז אַ ריכטיגער. פאַר דער קורצער צייט, וואָס איך בין געווען אין רוסלאַנד, האָב איך אין ערגעץ ניט געקאָנט באַמערקען, אַז דער פּויער איז ווירקליך רייכער געוואָרען. איך בין דורכגעפאָהרען אַ סך דערפער אין ווייס־רוסלאַנד און אין אוקראַינע, ספּעציעל אין ווייס־רוסלאַנד. איך האָב דאָרטען געזעהן די פּויערים אַרומגעהענדיג אין לאַפּטשעס, טראָגענדיג צוריסענע קליידער, וועלכע זיי מאַכען זיך אַליין אויף. אין זייערע שטיבער האָב איך באַמערקט זעהר ווייניג ענדערונגען. די־זעלבע צובראָכענע פענסטער, פאַרשלאָגען מיט קינעלאַך, דיזעלבע „פּאַלאַטען" (ערטער אויף צום שלאָפען), אנשטאט בעטען.

איך בין דורכגעפאָהרען דערפער פון ווייס־רוסלאַנד אין נאָוועמבער, ווען דער ווייס־רוסישער הערבסט, די קעלט און דער רעגען קריכען אריין אין די ביינער און נעמען אייך דורך. איך האָב געזעהן, ווי פרויען און קינדער ארבייטען באָרוועסע אויפ'ן פעלד, נעמען ארונטער קאַרטאָפעל, און די פיס זיינען ביי זיי צושפּאָלטען פון קעלט. אין דאָרף האָב איך געזעהן, ווי קליינע קינדער לויפען ארום באָרוועסע אין בלאָטע, און עס איז געווען שווער פאַנאַנדער־צושיידען צווישען דעם קינד און דעם חזיר'ל, ווען ביידע זיינען אַרומגעלאָפען אין גאַס. אויף וויפיל מיר איז אויסגעקומען אריינצוקוקען אין דעם לעבען פון פּויער אין דאָרף, האָב איך ניט באַמערקט, אַז דער פּויער זאָל איצט געברויכען פיל מעהר פּראָדוקטען. ווי ער האָט אַמאָל געברויכט. אָבער אפשר איז דער ווייס־רוסישער פּויער אַן אויסנאַהם. אפשר לעבען די פּויערים אין טיף־רוסלאַנד בעסער.

איך האָב אויך געקראָגען אַן אַנדער ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס עס פעהלען אין רוסלאַנד פּראָדוקטען, און מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז דער ריכטיגער ענטפער. איך האָב איהם געהערט פון מענשען, וואָס זיינען ניט קיין קאָמוניסטען, וואָס שטימען ניט איין מיט אַלצדינג, וואָס די סאָוועט־רעגירונג טוט, אָבער דאָך האַלט איך, אַז זיי זיינען ניט קיין שונאים פון סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס איינציגע וואָס זיי ווילען איז, אַז די סאָוועט־רעגירונג זאָל בעסער ווערען. אָט ווי זיי ערקלערען, פאַרוואָס עס פעהלען אין רוסלאַנד אַלערליי פּראָדוקטען.

רוסלאנד איז ניט קיין אינדוסטריעל אנטוויקעלט לאנד. פון די אלע ארטיקלען, וואס דאס רוסישע פאלק געברויכט, ווערט א קליינע צאהל אויסגעארבייט אין דער מאדערנער קאפיטאליסטישער פאבריק. מעהרסטענס ווערען די ארטיקלען צוגעשטעלט פון דעם קוסטאר, דעם קליין־בעל־מלאכה. עס איז אמת, אז די גרויסע זייף־פאבריקען גיבען היינט ארויס וויפיל זיי האבען ארויסגעגעבען אין די יאהרען 1912, 1913 און 1914. אבער דערפאר זיינען אין יענע צייטען אויך געווען צושפרייט איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון רוסלאנד א סך קליינינקע זייף־פאבריקלאך. אויף רוסיש רופט מען זיי "מילאווארקעס". וויפיל זיי פלעגען אויסארבייטען, האט די רעגירונג קיינמאל ניט רעגיסטרירט, אבער די קליינע פאבריקלאך פלעגען צושטעלען זייף פאר די נאהענטע און די ארומיגע דערפער.

דאס זעלבע איז מיט גארבעריי. די גרויסע גארבער־פאבריקען גיבען איצט ארויס מעהר אויסגעארבייטע פעל, איידער זיי האבען ארויסגעגעבען פאר דער מלחמה. אבער דערפאר זיינען אין יעדער שטאט געווען קליינע גארבער־קוסטארען, וועלכע האבען אויסגע־ארבייט מעהר פעל פאר רוסלאנד, איידער עס האבען אויסגעארבייט די גרויסע פאבריקען. דער עקאנאמישער פונדאמענט פון רוסלאנד איז געווען דער קליינער בעל־מלאכה, און דער קליינער פאבריקאנט, — דער שניידער, דער שוסטער, דער גארבער, דער בלעכער, דער שמיד, דער סטאליער, דער זייף־מאכער. זיי האבען צוגעשטעלט אן אויסערגעוועהנליך גרויסע צאהל פון אלערליי נויטיגע ארטיקלען פאר דעם רוסישען שטאטישען און דארפישען געברויך.

אבער די עקאנאמישע פאליטיק פון דער סאוועט־רעגירונג האט רואינירט, פארניכטעט דעם וויכטיגען פראדוצירער, דעם קליינעם בעל־מלאכה און פאבריקאנט.

א בעל מלאכה, וואס האט געהאט א לערן־אינגעל און אן אר־בייטער, איז פון דער סאוועט־רעגירונג באטראכט געווארען פאר א בורזשוי. אויסער וואס ער האט דעם לערן־אינגעל און דעם ארביי־טער געדארפט צאהלען א גרויסען פרייז פאר דער ארבייט און גרויסע קראנקען־פארזיכערונג, האט מען נאך אויף איהם ארויפגעלייגט אזעלכע גרויסע שטייערען, אז דער קוסטאר האט איינפאך ניט גע־קאנט עקזיסטירען.

דער קוסטאר (בעל־מלאכה), וואס האט א לערן־אינגעל און אן ארבייטער, ווערט באטראכט פאר א בורזשוי. מען שטעלט איהם

אוועק אין דעם קלאַס פון רעכטלאָזע, זיינע קינדער ווערען ניט אריינגענומען אין די שולען. אַלע טייטלען אויף איהם מיט די פינגער. מען זוכט איהם צו פאַרניכטען. אָבער צוזאַמען מיט איהם האָט מען אויך פאַרניכטעט דעם וויכטיגסטען קוואַל פון פּראָדוקציע אין רוסלאַנד.

ווען אימיצער פון זיין פאַמיליע ווערט קראַנק קאָן ער ניט קריגען קיין מעדיצינישע הילף, די שפּיטאַלען זיינען פאַר איהם און זיין פאַמיליע פאַרשלאָסען.

אָט פאַרוואַס מיר זעהען, אַז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די גרעסערע פאַבריקען ארבייטען איצט אוים פּראָדוקטען, פיליי כט מיט צעהן, צוועלף פּראָצענט מעהר פון פריהער, פעהלען דאָך אין רוסלאַנד פּראָדוקטען. עם פעהלען די נויטיגגסטע ארטיקלען פון דעם טאָג-טעגליכען געברויך.

די דאָזיגע ערקלעהרונג שיינט מיר צו זיין אַ ריכטיגע. איך וועל פאַר אַ ביישפּיל ברענגען אַ פאַל, וועלכען איך האָב אַליין אונטערזוכט. אין איינעם פון די וויים-רוסישע שטעטלאַך, וואָס איך האָב אין די אַמאָליגע יאָהרען זעהר גוט געקאַנט, זיינען געווען צוואַנציג שוסטערם. די צוואַנציג שוסטערם האָבען באַשעפטיגט אַמווייניגסטענס 40 מענשען, צוואַנציג לערן-איינגלאַך און צוואַנציג ארבייטער. דאָס מיינט, אַז 60 מענשען האָבען אויסגעארבייט אין שטעטעל שוכווארג פאַר דעם פּויער און פאַר דער שטאָטישער באַפעלקערונג. פון צייט צו צייט פלעגען זיי, די שוסטער, ארויספיהרען שוך-ווארג אויף די יארידען אין ווייטערע שטעטלאַך און דערפער. היינט איז אין דעם זילביגען שטעטעל דאָ איין „קוסטאַר-קאָאָפּעראַטיוו", וועלכער באַשעפטיגט נאָר 10 שוסטער, און קיין אַנדערע שוסטער זיינען דאָרט ניטאָ.

אין דער שטאָט באָריסאָוו האָבען זיך אַמאָל געפונען אַ 35-40 קירזשנער (קעפּמייקערם). זיי פלעגען מאַכען היטלען פאַר די פּויערים, פלעגען דאָס פאַנאַנדערפיהרען אויף די יארידען. היינט איז אין באָריסאָוו דאָ איין קירזשנער-קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער באַשעפטיגט ארום צעהן בעלי-מלאכות. אין דער זעלבער שטאָט באָריסאָוו זיינען אַמאָל געוועזן ביי אַ 75-80 שניידער. היינט איז דאָ נאָר איין קוסטאַר-קאָאָפּעראַטיוו פון שניידער, וועלכע באַשעפטיגט אַ צוועלף בעל-מלאכות. די מאַשינעריע פון שניידעריי און שוסטעריי איז אין די קוסטאַר-קאָאָפּעראַטיוווען דיזעלבע, וואָס מיט צוואַנציג יאָהר צור-

ריק. זיי ארבייטען היינט ניט אויס צעהן אָדער פופצעהן מאָל אזוי פיל, וויפיל מען האָט אויסגעארבייט אמאָל. דערפאַר איז אזא שרעק־ליכער מאַנגעל אין פּראָדוקטען אין רוסלאַנד.

די קליינע שטעט און דערפער דאַרפען איצט וואַרטען אויף די פּראָדוקטען, וואָס ווערען אויסגעאַרבייט אויף דער גרויסער פאַב־ריק. די גרויסע פאַבריק איז אָבער ניט אַנטוויקעלט גענוג, אַז זי זאָל קאָנען באַפרידיגען די נויטען און באַדערפענישען פון דער גאַנצער רוסישער באַפעלקערונג. ווען אפילו עס וואָלט געווען גענוג רויה־מאַטעריאַלען פאַר די פאַבריקען, וואָלט רוסלאַנד נאָך אַלץ געמוזט דורכלעבען דעם קריזיס, וועלכען זי לעבט דורך איצט.

די רוסישע רעגירונג פיהלט דעם טעות, וואָס זי האָט געמאַכט פאַר די עלף יאָהר פון איהר עקזיסטענץ, האַלטענדיג אין איין פאַר־ניכטען און פאַרפאָלגען דעם „קוסטאַר“, דעם בעל־מלאכה. זי נעמט איצט אָן אַלע מיטלען, כדי צו פאַרבעסערען די „קוסטאַר“־פּראָדוק־ציע. אָבער אין פאַרלויף פון די לעצטע צעהן יאָהר האָט מען די קליין־פּראָדוקציע, די מלאכות, אזוי גרינדליך פאַרניכטעט, אַז ביי דעם בעסטען ווילען קאָן דאָס שוין איצט די סאָוועט־רעגירונג צוריק ניט אויפבויען.

רוסלאַנד וואָלט געקאָנט עקאָנאָמיש געראַטעוועט ווערען, ווען אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען זאָלען אריינקומען מיט זייערע קאַפּי־טאַלען און העלפען ענטוויקלען דאָס לאַנד, און אויך ווען די רוסישע רעגירונג וואָלט געקראָגען גרויסע הלואות, אָדער גרויסע קרעדיטען, ספּעציעל אין אַמעריקע. אָבער ווי עס זעהט אויס, זיינען די אויס־זיכטען פאַר דעם אויסערגעוויינליך קליינע. אפילו די רעגירונגען, וועלכע האָבען שוין רוסלאַנד אַנערקענט טוען ניט קיין גרויסע גע־שעפטען מיט רוסלאַנד. די רוסישע רעגירונג גיט די אויסלענדישע קאָמפּאַניס אַלערליי „קאָנצעסיעס“, שלאָגט זיי פאָר גוטע באַדינגונ־גען, אָבער די דאָזיגע אויסלענדישע „קאָנצעסיעס“ אַנטוויקלען ניט רוסלאַנד, נאָר פאַרקערט, זיי פאַרניכטען דאָס לאַנד.

איך וועל ברענגען אַ ביישפּיל. די סיבירער גאָלד־שאַכטען זיינען געווען אין די הענט פון ענגלענדער. דאָס איז געווען נאָך אין די צארישע צייטען. אמת, די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען זיינען טאַקע רייך געוואָרען, זיי האָבען פון רוסלאַנד אַרויסגעפיהרט פאַרמעגענס, אָבער זיי האָבען דערביי אויך אַנטוויקעלט די אינדוסטריע. זיי האָ־

בען דאָס געטאָן נאָר צוליב דעם, ווייל זיי האָבען געגלויבט, אַז זיי קאָנען פון די שאַכטען ציהען קאַפּיטאַלען זייער גאַנץ לעבען.

מיט אַ גאַנץ אַנדערען געפיהל קומען איצט קיין רוסלאַנד די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטישע קאָמפּאַניס. זיי זיינען ניט זיכער, זיי האָבען ווייניג צוטרויען, זיי גלויבען ווייניג אין אַ לאַנגער עקזיס־טענץ פון דער איצטיגער אָרדנונג אין רוסלאַנד. דעריבער פיהרען זיי זיך אויף אין רוסלאַנד, ווי רויבער. זיי קומען צו לויפען און כאַ־פּען אַריין וואָס זיי קאָנען. זיי טראַכטען ניט וועגען זייער מאָרגען, אָדער וועגען דעם מאָרגען פון רוסלאַנד. זיי טראַכטען נאָר וועגען זייער היינטיגען רויב. עס איז דעריבער קלאָר, אַז די איצטיגע קאַ־פּיטאַליסטישע קאָמפּאַניס, וואָס קומען קיין רוסלאַנד פון אַנדערע לענדער, בויען ניט דאָס לאַנד, נאָר פאַרניכטען עס.

ביז אומגעפעהר מיט צוויי יאָהר צוריק האָט די סאָוועט־רע־גירונג געהאַט גענוג גאָלד אויף צו קויפען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע די פּראָדוקטען, וועלכע פעהלען אויס אין רוסלאַנד, אָבער דאָס גאָלד האָט זיך אויסגעשעפּט. אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָהר האָט די רוסישע רעגירונג געשיקט קיין אויסלאַנד גענוג ברויט און פוטערוואַרג (פּאַרס). מיט דעם האָט זי זיך געביטען מיט איי־ראָפּע און אַמעריקע און האָט איינגעקויפט אַרטיקלען, אין וועלכע רוסלאַנד האָט זיך גענויטיגט. היינט קאָן רוסלאַנד קיין ברויט ניט אַרויספיהרען. און די פוטער־אינדוסטריע איז מיט דעם אָפּשאַפונג פונ'ם „נעפּ" אויך אומגעהויער פאַרקלענערט געוואָרען. („נעפּ" איז די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס לענין האָט איינגעפיהרט אין יאָהר 1921, און וואָס האָט ווידער ערלויבט פּריוואַט־האַנדעל). דעריבער האָט מען איצט ניט מיט וואָס צו קויפען אין אויסלאַנד די נויטיגע סחורות. זיינען טאַקע פּוסט די פּאָליצעס פון די קאָ־אָפּעראַטיוועו, און די נויט פון דער באַפעלקערונג איז אויסערגע־וויינליך גרויס.

* * *

ווען מען דאַרף אין פּוילען אַריבערפאָהרען דעם רוסישען ג־ע־נעץ, דאַרף מען פאַר דעם האָבען אַ ספּעציעלע ערלויבעניש פון דער פּוילישער רעגירונג, אפילו ווען איהר האָט שוין די אָפיציעלע פּוי־לישע וויזע.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון פּוילישען אויסערן־מיניסטעריום, וואו איך האָב געקראָגען די ספּעציעלע ערלויבעניש, איז צו מיר צו־

געגאַנגען אַ יונגערמאַן און געזאָגט צו מיר אַזוי: „איך האָב געזעהן, אַז איהר האָט אַרויסגענומען אַן ערלויבעניש צו פאָהרען קיין רוס־לאַנד. איהר זייט דאָך אַן אַמעריקאַנער, וואָלט פאַר אייך געוועזן גלייכער, אַז איהר זאָלט דאָ ביי מיר אויסבייטען די דאָלאַרען, ווייל דאָרטען אין רוסלאַנד וועט איהר פאַר די דאָלאַרען קריגען צוויי רו־בעל, און איך בין אייך גרייט צו געבען צוויי רובעל און 75 קאָפּי־קעס פאַר'ן דאָלאַר.

אַז דער רוסישער רובעל איז זעהר ביליג געוואָרען אין אויס־לאַנד, דאָס האָב איך אָהן איהם אויך געוואוסט. איך האָב אָבער אויך געוואוסט, אַז רוסלאַנד איז דאָס איינציגע לאַנד אויף דער וועלט, וואָס לאָזט ניט אַריינברענגען איהר אייגענע וואַליוטע, איהר אייגען געלט אין לאַנד. איהר קאָנט אין רוסלאַנד קויפען מיט אַמע־ריקאַנער, דייטשע, און אפילו פּוילישע געלט, אָבער איהר קאָנט ניט אַריינפיהרען אין רוסלאַנד דעם רוסישען רובעל. אַזוי ווי איך האָב געוואָלט זיין אַ פאָלקאָם געזעצליכער מענש אין רוסלאַנד, האָב איך זיך פון דעם יונגענמאַנס אָנבאָט אָנטזאָגט.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין רוסלאַנד, האָב איך זיך גע־וואונדערט, ווי אַזוי מען ספּעקולירט אין יעדער שטאָט מיט דעם אַמעריקאַנער דאָלאַר. דער ספּעקולאַנט איז אייך גרייט צו געבען פאַר דעם אַמעריקאַנער דאָלאַר דריי רובעל, און ווען דער פּויער דער־זעהט אַ דאָלאַר, איז ער גרייט אוועקצוגעבען אפילו פינף רוסישע רובעל. מיט וואָס ערקלערט זיך דאָס?

עס ערקלערט זיך, ערשטענס, מיט דעם, וואָס די באַפעלקערונג האָט ניט קיין צוטרויען צו דעם רוסישען רובעל, ווייל דער קורס פון רובעל האַלט זיך שטענדיג אין איין בייטען. צווייטענס, דער־פאַר, וואָס די לאַגע אין לאַנד איז אַזאַ צורודערטע, אַז יעדער איינ־ציגער פיהלט, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט מוזען קומען אַן ענ־דערונג. ווען דער פּויער פאַרקויפט זיינע פּראָדוקטען, זעהט ער צו באַקומען אָדער אַ גאָלדענעם טשערוואָנעץ, אָדער אַן אַמעריקאַנער דאָלאַר, און ער באַגראָבט איהם. עס איז מיין פעסטע איבערציי־גונג, אַז אין רוסלאַנד זיינען היינט צו טאָג פאַרהאַן ביי די פּויערים, און אפילו ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג, אַזויפיל פאַרבאַהאַל־טענע גאָלדענע טשערוואָנצעס און אַמעריקאַנער דאָלאַרען, אַז ווען מען זאָל דאָס נאָר קאָנען אַרויסקריגען, וואָלט רוסלאַנד געקאָנט עקאָנאָמיש אויף אַ געוויסער צייט פריייער אָפּאָטעמען. מען ספּע־

קולירט אומעטום מיט'ן דאָלאַר. דער ספּעקולאַנט קויפט ביי איין דעם אַמעריקאַנער דאָלאַר און באַצאָהלט פאַר איהם אַ גוטען פּרייז, און דערנאָך פאַרקויפט ער איהם שטילערהייט צום פייער.

דריטענס, ספּעקולירט די רעגירונגס־באַנק אַליין אויך אויף דער „שוואַרצער בירזשע". די רעגירונגס־באַנק אַליין צאָהלט פאַר דעם דאָלאַר צוויי רובעל מיט פופציג קאָפּיקעס און דריי רובעל. צוליב וואָס ספּעקולירט די רעגירונג? ווענען דעם האָט מיר זעהר אַן ערפאַרענער רוסישער באַנק־אַנגעשטעלטער אין רוסלאַנד דער־צעהלט פאָלגענדעס:

דאָס געלט, וואָס ווערט געשיקט פון אַמעריקע צו אַמעריקאַנער קרובים, דאַרף אויסגעצאָהלט ווערען אין דאָלאַרען. ניט אַלעמאָל זיינען דאָ אין דער באַנק גענוג דאָלאַרען אויף אויסצוצאָהלען די מענשען, צו וועלכע די אַמעריקאַנער קרובים האָבען געשיקט געלט. וואָס זשע טוען די בענק? זיי שיקען אַרויס זייערע אַגענטען אויף דער „שוואַרצער בירזשע", קויפען אַמעריקאַנער דאָלאַרען און צאָה־לען פאַר זיי אַזוי פיל, וויפיל דער קורס פון דער „שוואַרצער ביר־זשע" האַלט.

עס איז נאָך דאָ אַן אַנדער אורזאַך, פאַרוואָס די רעגירונגס־באַנק ספּעקולירט אויף דער „שוואַרצער בירזשע". קיין גאָלד און קיין תבואה אויף צו קויפען פּראָדוקטען אין אויסלאַנד האָט די רע־גירונג ניט. דער אייגענער רובעל ווערט אין אויסלאַנד ניט אָנגע־נומען. די רעגירונג ווייסט, אַז אין רוסלאַנד זיינען באַהאַלטען אַ סך דאָלאַרען, וויל זי דורך דער „שוואַרצער בירזשע" זיי אַריינקריי־גען אין די בענק, און דורך דעם קאָנען קויפען אַרטיקלען אין אויס־לאַנד. דורך דער צורודערטער וואַליוטע, דורך דער ניט־זיכערקייט פון רוסישען רובעל, דורך דעם אומצוטרוי פון דער באַפעלקערונג צו דער רעגירונג און צו איהר געלט, ווערט רוסלאַנד אוועקגעשטעלט אין אַן אויסערגעוועהנליך ערנסטער לאַגע.

* * *

אין יעדען לאַנד, וואו איך בין געווען, האָב איך באַזוכט די פלעצער פון אַרבייטסלאָזע, און יעדער לאַנד האָט נאָך איצט אַ גרויסע צאָהל מענשען, וועלכע זוכען אַרבייט און קאָנען קיין אַרבייט ניט געפינען.

ווען איהר וועט אַריינגעהן אין אַ פּלאַץ, וואו עס געפינען זיך

ארבייטסלאַזע, וועט איהר דאָרטען קיין סך נחת ניט האָבען. יע־דער פּנים איז פאַראומערט, קיינער ווייסט ניט וואָס מאָרגען וועט זיין. מען זוכט ארבייט און מען קען ניט געפינען. אָבער דאָך וועט איהר אין אַלע לענדער געפינען ביי יעדען ארבייטסלאָזען די האָפ־נונג, אַז ניט היינט — איז מאָרגען וועט ער פאַרט קריגען ארבייט.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע אין רוסלאַנד. די ארבייטסלאָזיג־קייט אין רוסלאַנד קומט ניט פון דעם, וואָס עס איז דאָ אַן „איבער־פּראָדוקציע", וואָס מען האָט אויסגעארבייט און צוגעגרייט צופיל סחורות. פאַרקערט, אין רוסלאַנד פעהלען דאָך אַלערליי ארטיק־לען. אָבער די רעגירונג קאָן זיך ניט ספּראַווען מיט'ן בויען און פאַרוואַלטען די פאַבריקען. צוליב דעם איז די ארבייטסלאָזיגקייט דאָרטען אַ האָפנונגסלאָזע. פאַבריקען ווערען צוגעמאַכט, צוליב דעם, ווייל זיי גיבען גרויסע דעפיציטען, אויך צוליב דעם וואָס אין לאַנד פעהלט מאַטעריאַל. ווען אַ פאַבריק ווערט פאַרמאַכט, זיינען די ארבייטער פון דער פאַבריק פאַר'משפּט צו אַ הונגער־טויט, וואָ־רים אין אַנדערע פלעצער קאָנען זיי קיין ארבייט ניט קריגען.

ווען איך בין געווען אין מאָסקווע, האָט מען מיר געזאָגט, אַז אויף דער „בירזשע פון ארבייטסלאָזע" זיינען איצט רעגיסטרירט 150 טויזענט ארבייטער.

אין דער געביידע פון דער בירזשע בין איך געגאַנגען פון צי־מער צו צימער, פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג, פון פּאַך צו פּאַך. איך האָב גערעדט מיט אַ סך ארבייטסלאָזע. אַהין בין איך געקו־מען ניט אין מיין אַמעריקאַנער הוט און ווייסען קאָלנער, נאָר אין אַ העמדעל מיט אַ קעפּ אויפ'ן קאָפּ. און גערעדט האָב איך מיט די מענשען גאַנץ פריי. ניט נאָר האָב איך געקאָנט זיי גוט באַטראַכ־טען אויסערליך, נאָר איך האָב אויך געהאַט אַ מעגליכקייט אריינ־צודרינגען אין דער טיפעניש פון זייער נשמה. איך האָב אומעטום געפונען פאַרצווייפלונג און יאוש. אין ניו־יאָרק אויף דער באַוערי זעהט איהר מענשען מיט אַזאַ אויסזעהן. ארבייטער געהען ארום אָהן ארבייט שוין מעהר ווי צוויי יאָהר. עס איז אמת, אַז די רע־גירונג טהוט אַלצדינג זייער לאַגע צו פאַרבעסערען, אָבער עס איז ווי אַ טראָפּען אין ים. די רעגירונג קאָן די אַלע מענשען ניט אויסהאַלטען.

אין פאַרלויף פון זעקס מאָנאַטען צאָהלט די רעגירונג די אַר־בייטסלאָזע אַ געוויסע סומע געלט וועכענטליך, אָבער די זעקס מאָ־

נאַטען געהען שנעל פּאַראיבער, און אַרבייט איז אוממעגליך צו קריגען.

ווען איך בין געווען אין דער אָפּטיילונג פון לעדער־אַרבייטער, פון שלאָסערס, סטאָליאַרעס, שניידער און אַנדערע עהנליכע פאַכען, האָב איך איבעראַל געזעהן דיזעלביגע פאַרצווייפלונג און שרעקליכע אָרימקייט. איך האָב גענוג זיך אָנגעזעהן די אָפּגעריסענע קליידער פון די אַרבייטער און זייערע אויסגעמאַטערטע פּנים׳ער, אָבער דעם פּיינליכסטען איינדרוק האָבען אויף מיר געמאַכט די אַרבייטער פון די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס.

ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין דער אָפּטיילונג פון בוך־האַלטערס, אינזשינערען און עהנליכע פּראָפעסיעס, האָב איך געזעהן אויף די בענק זיצענדיג מענער און פרויען, מיט אינטעליגענטע פּנים׳ער און מיט אויסגעלאָשענע אויגען. אויף די פּנים׳ער זיינען געווען אויסגעגאָסען מידקייט און פאַרצווייפלונג. ווען איך האָב געפרעגט אַ פאַרטרעטער פון די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, צי עס איז דאָ אַ האָפנונג, אַז די לאַגע זאָל זיך ענדערען צום בעסערען, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דערווייל זיינען אַזוינע האָפנונגען ניטאָ. די לאַגע מוז איצט ווערען ערגער, ווייל די רעגירונג פאַרקלענערט דעם סטעט פון אָנגעשטעלטע אין יעדער פאַבריק און אין יעדען רעגירונגס־אַנשטאַלט. און אויסער די רעגירונגס־פאַבריקען און אויסער די רעגירונגס אינסטיטוציעס, איז קיין אַרבייט ניטאָ וואו צו קריגען.

די זעלבע לאַגע האָב איך באַגעגענט אויף דער „בירזשע פון אַרבייטסלאָזע“ אין קיעוו און אָדעס.

* * *

אין מינסק בין איך, מיט נאָך פינף פון מיינע אַמאָליגע באַקאַנטע, אַריינגעגאַנגען אין אַ „סטאָלאָווקע“ — אַן אַרבייטער־רעסטאָראַנט.

מיר האָבען געוואָלט זיצען געמיטליך פאַרברענגען אַ שטונדע צייט שבת פאַרנאַכט, טרינקען אַ גלאָז טיי און זעהן ווי דער עולם קומט אַריין, עסט און פאַרווײַלט זיך אין רעסטאָראַנט.

יעדען קעלנער, וואָס איז פאַרביי אונז דורכגעגאַנגען, האָבען מיר אָפּגעשטעלט און געגעבען איהם אונזערע באַשטעלונגען, אָבער קיין איינער פון זיי האָט אונז קיין עסען ניט געבראַכט. עס איז

אריבער העכער א שטונדע, און מיר זיינען אלץ געזעסעןביים טישעל אהן א גלאז קאלט וואסער.

דא איז גראד אריינגעקומען אין רעסטאראנט דער פארוואלטער פון די רעסטאראנען אין שטאט. דאס איז א אידישער בחור, א גע־וועזענער שוסטער. ער איז זעהר א פעהיגער און איז זעהר פאפו־לער אין שטאט. ער האט זיך געקענט מיט דער גרופע, וואס איז מיט מיר געזעסען ביי איין טיש, און זיי האבען איהם אויך איינגע־לאדען. מען האט מיך פארגעשטעלט פאר איהם.

אין א שפאס האב איך ביי איהם געפרעגט, צי אין אלע רעס־טאראנען פיהרט זיך אזוי, אז געסט דארפען ווארטען א שטונדע און א האלב און קיין עסען קאן מען ניט קריגען. פארזיכערט ער מיר, אז דא, אין אונזער רעסטאראנט איז די באדינונג זעהר א גוטע, און ער וואונדערט זיך, פארוואס מען האט אונז ביז איצט קיין עסען ניט דערלאנגט. ער רופט צו דעם פארוואלטער פון רעסטא־ראנט און פרעגט ביי איהם, פארוואס מען לאזט מענשען זיצען אזוי לאנג און מען דערלאנגט זיי ניט, וואס זיי ווילען.

ענטפערט דער פארוואלטער:

— עס איז אוממעגליך, חבר, צו פארוואלטען א רעסטאראנט און געבען די געהעריגע באדינונג אונטער די היינטיגע אומשטענ־דען. דער רעסטאראנט, זאגט ער, באשעפטיגט פופצעהן קעלנער, אבער נאר דריי פון זיי זיינען ערפאהרענע און ארבייטען שטענדיג אלס קעלנער. די איבעריגע צוועלף ווערען אלע טאג אריינגעשיקט נייע, זיי זיינען ניט קיין קעלנער, נאר גארבער, שניידער, אדער שוסטער, עס הענגט אפ אן דעם אין וואס פאר א פאך עס זיינען דא מעהר ארבייטסלאזע. זיי קומען אריין, איך ערקלער זיי וואס זיי דארפען טאן, זיי דרעהען זיך ארום א טאג ווי צוטומעלטע, און די מענשען, וואס געהען אריין עסען, זיצען אפ שטונדען־לאנג און קענען קיין עסען ניט קריגען. איך האב שוין אויפגענומען די פראגע, זאגט דער אויפזעהער, מיט דער קאאפעראטיווער פארוואלטונג, אבער מיר זיינען מאכטלאז עפעס צו טאן.

איך פרעג דעם פארוואלטער פון די קאאפעראטיווע רעסטא־ראנען, וועלכער זיצט ביי אונזער טיש:

„מיט וואס ערקלערט זיך, וואס אין דעם רעסטאראנט פון מיין האטעל זיינען די קעלנער ערפאהרענע און די „סוירוויס“ איז זעהר א גוטע, ווען אין די „סטאלאווקעס“, וואו ארבייטער עסען,

זיינען די באַדינגונגען זעהר שלעכטע?" דער ענטפער איז געווען, אַז אין די האָטעל־רעסטאָראַנען עסט אַן אַנדער קלאַס מענשען. זיי דאַרף מען אַנדערש באַדינען. די יוניאָנס, וואָס שיקען די אַרבייטס־לאָזע אַלס קעלנער אין די אַרבייטער־רעסטאָראַנען, ווען קיינמאָל ניט האָבען דעם מוט צו פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל אין די רעסטאָראַנען פון די האָטעלען באַשעפטיגען ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע ווייטערס, און דערפאַר הערשט אין די אַרבייטער־־רעסטאַראַנען אַזאַ אומאָרדנונג.

די צרה איז וואָס קיינער רעכענט זיך ניט מיט די נויטען און באַדערפנישען פון לאַנד, מיט דער צוועקמעסיגקייט פון דער אָדער יענער אונטערנעהמונג. יעדער איינער האָט אין זינען נאָר זיך און זיינע מענשען. די באַאַמטע וואָס האָבען ביי זיך אַרבייטסלאָזע, וואָלטען זיי געשיקט פאַר בוכהאַלטערס, ווען אפילו זיי קאָנען ניט צוזאַמענרעכענען קיין צוויי מאָל צוויי. אָבער אַזוי ווי זיי דענקען, אַז צוטראָגען אַ טעלער זופּ קאָן יעדער איינער, שיקט מען אַלס ווייטערס, גאַרבערס, שניידערקעס, אָדער שוסטער. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער קאָאָפּעראַטיווער רעסטאָראַנט ליידט פון דעם זעהר שטאַרק.

אויף די פאַבריקען.

די פאַבריקען, וואָס האָבען אַמאָל אַריינגעבראַכט מיליאָנען פּראָפיטען, פאַר־לירען היינט געלט. — די רעגירונג קאָן זיך קיין עצה ניט געבען מיט דער גרויסער צאָהל קאָמוניסטישע טשינאָווניקעס, וואָס טוען גאָרנישט.— אַ שטעטעל, וואו דער צאַר האָט געהאַט 8 באַאַמטע, האָט היינט 76.

אויף מיין רייזע אין רוסלאַנד האָב איך אין פאַרשידענע שטעט באַזוכט די פאַבריקען.

אַלע פאַבריקען ארבייטען מיט דער פולער קראַפט. עס איז אַ גרויס לאַנד און אַ מארק, וואו צו פארקויפען די פּראָדוקטען, איז דאָ אַ גרויסער. אַלץ, וואָס מען ארבייט אויס, ווערט צוצוקערט. מען צאָהלט פאַר אַלע ארטיקלען די בעסטע פּרייזען, און דאָך לייגט די רעגירונג צו געלט צו די פאַבריקען.

איך וועל דאָ ברענגען אַ פּאָר פאַבריקען פאַר אַ ביישפּיל.

אין דער פאַבריק „קראַסני אָקטיאַבר" אין מאָסקווע ווערען אויסגעארבייט טשאָקאָלאַד און קאָנפעקטען. דאָרטען ארבייטען פינף און דרייסיג הונדערט ארבייטער. די פאַבריק איז טעכ־ניש זעהר גוט אָוועקגעשטעלט. זי האָט די בעסטע מאַשינערי, גרוי־סע, ליכטיגע געביידעס. די ארבייטער גיבען ארויס אַ סך ארבייט, ווייל אַלע ארבייטען פון שטיק, און דאָך דערלייגט די רעגירונג צו דער פאַבריק געלט!

אין מיין פריהערדיגען קאַפּיטעל האָב איך געזאָגט וועגען דער זעלביגער פאַבריק, אַז זי האָט אַמאָל באַלאַנגט צו דעם פאַבריקאַנט איינעם. די פאַבריק האָט איהם אריינגעבראַכט מיליאָנען פּראָפיטען. איצט ארבייטען דאָרטען אַ סך מעהר מענשען, די פּראָדוקציע איז פארגרעסערט געוואָרען, און דאָך לייגט מען צו געלט. עס ליגט עפּעס אין דער גאַנצער פאַרוואַלטונג פון דער פאַבריק, וואָס מאַכט דער רעגירונג צו דערלייגען געלט. וואָס דער „עפּעס" איז, וועל איך אַ ביסעל שפּעטער ערקלערען.

ווען איך בין געווען אין אָדעס, האָבען מיך די קאָמוניסטישע פיהרער געבעטען, אַז איך זאָל באַזוכען די שיך־פאַבריק, וואו עס

אַרבייטען איבער אַכט הונדערט אַרבייטער; פון זיי אַרום זעקס הונדערט אידישע. איך האָב זייער פאַרלאַנג ערפילט און איך האָב די פאַבריק באַזוכט.

די פאַבריק איז געעפענט געוואָרען פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג אין יאָהר 1920, דאָס הייסט, מיט אַכט יאָהר צוריק.

ווען איך בין געגאַנגען פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג, פון שטאָק צו שטאָק, און איך האָב צוגעזעהן די אַרט און וויזע ווי מען אַר־ בייט, און די שנעלקייט פון דער פּראָדוקציע, האָב איך ביי זיך גע־ טראַכט: מען אַרבייט דאָך דאָ גאָרניט ווי אין רוסלאַנד, נאָר ווי אין אַמעריקע. אַלץ פליהט דאָ, דער שוך געהט פון האַנט צו האַנט, און פאַר אייערע אויגען ווערט פון באַזונדערע שטיקלעך רימען אַ פאַרטיגער שוך. און דער, וואָס קויפט אין רוסלאַנד שיך, באַצאָהלט פאַר זיי אַן אויסערגעוועהנליך הויכען פּרייז.

איך האָב אויף זיך געטראָגען אַמעריקאַנער שיך, פאַר וועלכע איך האָב אין ניו יאָרק באַצאָהלט אַכט דאָלאַר. דער זעלביגער „סטאַיל" שוך, געמאַכט אין דער אָדעסער פאַבריק, קאָסט נײַנצעהן רובעל. אויף אַמעריקאַנער געלט איז דאָס ניין דאָלאַר מיט פופציג סענט. דער שוך איז פון אַ פּראָסטערען לעדער און איז ערגער גע־ מאַכט. די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען כאַפּען די אויסגעאַרבייטע שיך פון די הענט.

אין אַ געשפּרעך מיט דעם פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק האָב איך איהם געפרעגט, צי מאַכט די פאַבריק פּראָפיטען און וואָס עס ווערט מיט די פּראָפיטען געטאָן. האָט מיר דער פאַרוואַלטער גע־ ענטפערט, אַז די גאַנצע אַכט יאָהר האָט מען צו דער פאַבריק צו־ געלייגט געלט. אפשר וועט מען דעם יאָהר מאַכען עפּעס פּראָפיט.

ווען אַזאַ פאַבריק, מיט אַכט הונדערט אַרבייטער, וואָלט זיך געפונען אין ריכטיגע הענט, וואָלט מען פון איהר געמאַכט פּראָפי־ טען אַמווייניגסטען אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר.

איך בין געווען אויף בערמאַן'ס שוועבעל־פאַבריק אין באָרי־ סאָוו. איך האָב אַמאָל די פאַבריק געקאָנט זעהר גוט. עס אַרבייטען אין איהר אַרום זיבען הונדערט אַרבייטער, מיט צוויי הונדערט מעהר ווי עס האָבען געאַרבייט אַמאָל. די מאַשינערי איז איצט אַ סך מאָ־ דערנער. די קעסטעלאַך, אין וועלכע די שוועבעלאַך ווערען געלייגט, פלעגט מען אַמאָל מאַכען מיט דער האַנט. איצט ווערט דאָס אויס־ געאַרבייט אויף אַ מאַשין. די מאַשין גיט אַרויס אין איין האַלבער

שטונדע אזוי פיל קעסטעלאך, וויפיל עס פלעגן אמאל ארויסגעבען צעהן מענשען אין א טאג.

דער פאבריקאנט בערמאן איז אמאל פון דער פאבריק רייך געווארען. צוזאמען מיט דער פאבריק האט ער אויפגעבויט א שטאט. איצט ארבייט די פאבריק מיט דעפיציטען. זי פארלירט יע־דען יאהר געלט. מיט וואס ערקלערט זיך דאס?

עס זיינען פארהאן א סך אורזאכען. אבער די הויפט אורזאך, וואסווארפט זיך אין די אויגען אמשטארקסטען, איז די אויסערגע־וועהנליך גרויסע צאהל אנגעשטעלטע אויף יעדער פאבריק, וואס טוען גארנישט.

איך וועל דא ברענגען עטליכע ביישפילען.

אויף דער פאבריק ס. געפינט זיך אן ארבייטער־קלוב. דער קלוב באשטעהט פון איין גרויסען צימער. אין דעם קלוב קומען אריין די ארבייטער מיטאג־צייט. די צאהל ארבייטער, וואס קומען אין קלוב, איז א גאנץ קליינע. נאך דער ארבייט איז דארטען קיינער ניטא. יעדער איינער לויפט נאך דער ארבייט וואס גיכער אהיים.

דער קלוב־צימער האט א „קלוב־פארוואלטער". דער קלוב־פאר־וואלטער איז געוועהנליך א יונגער בחור, א מיטגליד פון דער קאמו־ניסטישער פארטיי. ער געהט ארום אין א לעדערנע קורטקע און ער טוט גארנישט. מען צאהלט איהם אזוי פיל, וויפיל עס קריגט דער בעסט באצאהלטער ארבייטער אין דער פאבריק. אויסער איהם, האט נאך דער קלוב א באזונדערען דזשעניטאר.

אויף יעדער פאבריק איז פארהאן א „פאבקאם", דאס הייסט, א פאבריק־קאמיטעט, וועלכער דארף אויסגלייכען די סכסוכים, וואס קומען פאר צווישען די ארבייטער און דער פארוואלטונג. דאס איז דאס זעלבע, וואס ביי אונז א שאפ־קאמיטע. אין דער ווירקליכ־קייט איז דער „פאבקאם" די קאמיטע, וואס פאסט אויף, אז די אר־בייטער זאלען זיך ניט בונטעווען. דער „פאבקאם" דינט דער פאב־ריק, און ניט די ארבייטער. דער „פאבקאם" באשטעהט אמוויי־ניגסטען פון זיבען מענשען, וועלכע געהען ארום איבער'ן פאבריק, טוען גארנישט און קריגען באצאהלט אזוי פיל, וויפיל עס קריגט דער העכסט באצאהלטער ארבייטער.

אין יעדער פאבריק געפינט זיך א ביבליאטעק. די צאהל ביכער אין דער ביבליאטעק איז זעהר קליין. איך האב פעסטגעשטעלט אויף איינער פון די פאבריקען, אז פון אכט הונדערט ארבייטער נע־מען נאר פערציג ארבייטער ארויס ביכער צום לייענען.

וויפיל, דענקט איהר, זיינען אין דער ביבליאָטעק פאַרהאַן אָנ־געשטעלטע? — גאַנצע דריי! איהר געפינט דאָ אַ „פאַרוואַלטער" פון דער ביבליאָטעק, ער געהט אַרום און טוט גאָרנישט. עס איז דאָ נאָך איינער, וואָס גיט אַרויס ביכער, עס איז אויך דאָ אַ געהילף צום ביכער־אַרויסגעבער. דאָס זיינען אַלץ מענשען, וואָס קריגען דעם גרעסטען געהאַלט אויף דער פאַבריק.

אָט די אַלע פאַרוואַלטער, די ליידיג־געהער, זיינען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. זיי לעבען אויף דעם חשבון פון דער פאַבריק. דער ביישפּיל מיט דער ביבליאָטעק איז נאָר איינער פון אַסך אַנדערע, וואָס ווייזען, ווי אַזוי די פאַבריקען ווערען גע־פיהרט.

ווען איהר דערזעהט די גרויסע צאָהל אָנגעשטעלטע אויף יע־דער פאַבריק, וואונדערט איהר זיך, צו וואָס דאַרף מען זיי. און אויף דעם מוז מען געבען נאָך אַן ענטפער: דאָס זיינען די קאָמיסאַרען, וועלכע מען מוז האַלטען אויף דער פאַבריק, כדי צו האָבען אַ „טשעק־אַפּ" אויף יעדען אַרבייטער. זיי, די קאָמיסאַרלעך, ווייסען גענוי, וואָס יעדער אַרבייטער טוט אין דער פאַבריק, אין דרערהיים. זיי ווייסען אפילו וואָס יעדער אַרבייטער טראַכט.

ווען אין אַ לאַנד ווערט די ווירטשאַפט געפיהרט מיט שטענ־דיגע פאַרלוסטען, אַזאַ לאַנד קען ניט פּראָגרעסירען, נאָר עס מוז צוזאַמענברעכען.

מען קען זיין דער גרעסטער פריינט פון דער סאָוועט־רעגירונג און ווינשען איהר דעם גרעסטען גליק, אָבער די גליקוואונשען אַליין האָבען ניט קיין שום באַדייטונג. די גליקוואונשען אַליין קענען ניט ענטוויקלען אַ לאַנד און קענען איהר אינדוסטריע ניט געזונט מאַכען.

ווי גרויס עס איז די רעגירונגס־מאַשין אין דאָרף, אין שטאָט און אין דער פאַבריק, קען מען זעהן פון דעם פאָלגענדען פאַקט:

די צאָהל אַדמיניסטראַטיווע רעגירונגס־באַאַמטע אין דעם שטעטעל, וואו איך בין געבוירען געוואָרען צוזאַמען מיט די דערפער אַרום, איז אַמאָל, אין די אַלטע צייטען, געווען אַכט. ווער זיינען זיי געווען? דאָס איז געווען דער פּריסטאַוו, דער אוריאַדניק, צוויי סאָטסקעס, אַ סטאַרשינאַ, צוויי שרייבער און דער אידישער מעש־טשאַנסקי סטאַראָסטע. היינט האָבען מיר אין דעם זעלבען קרייז זעקס און זיבעציג אָנגעשטעלטע, ניט אַריינרעכענענדיג די קאָאָפּע־ראַטיווע פאַרוואַלטער.

איהר קענט זיך פאָרשטעלן דעם געוואַלדיגן אונטערשייד פון אַכט באַאַמטע ביז זעקס און זיבעציג?

דער לעזער וועט פרעגן: ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? טאָ הערט:

אין דעם ראַיאָן זיינען פאַרהאַן דריי און צוואַנציג דערפער. יעדער דאָרף האָט אַ „סעלקאָם", דאָס הייסט אַ דאָרפישען אַדמי־ניסטראַטיווען קאָמיטעט. דער קאָמיטעט האָט אַ פאָרזיצענדען און אַ סעקרעטאַר. ביידע זיינען זיי באַצאָהלטע באַאַמטע. זיי זיינען ניט קיין דאָרפישע פויערים, נאָר צוגעשיקטע „פאַרטייצעס", מיט־גלידער פון דער פאַרטיי. האָט איהר שוין 46 באַצאָהלטע טשינאָוו־ניקעס. הייגט וואו זיינען די פאָליציאַנטען, די מיטגלידער פון דער „גע־פע־או" (געוועזענע „טשעקאַ") און אַנדערע?

ווען איך האָב דעם חשבון געצייגט דעם קאָמיסאַר פון מיין שטעטעל, און איך האָב איהם געפרעגט, ווי קומט עס, אַז די צאַ־רישע רעגירונג איז זיך באַגאַנגען מיט אַכט טשינאָווניקעס, און איהר האָט גאַנצע זעקס און זיבעציג? האָט ער מיר געגעבען אַן אינטערעסאַנטען ענטפער: „די צאַרישע רעגירונג — האָט ער גע־זאָגט — איז טאַקע געפאַלען צוליב דעם, ווייל זי האָט אין אַזאַ שטעטעל, ווי דאָ, געהאַט נאָר אַכט אָנגעשטעלטע".

די סאָוועט־רעגירונג האָט איצט באַשלאָסען צו פאַרקלענערען די צאָהל פון איהרע אָנגעשטעלטע אין די פאַבריקען און אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטען אויף צוואַנציג פראָצענט, אָדער אויף אַ פינפטעל. אָבער דאָס ווערט געטאָן זעהר לאַנגזאַם, ווייל דאָס איז טיילווייז אוממעגליך דורכצופיהרען. און אָט פאַרוואָס: די אָנגע־שטעלטע, סיי אין די פאַבריקען, סיי אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטען, זיינען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. מיט זיי האָט מען מורא זיך צו פאַרטשעפען, ווייל די גאַנצע פאָליטישע און עקאָ־נאָמישע מאַכט פון לאַנד געפינט זיך אין די הענט פון דער קאָמו־ניסטישער פאַרטיי.

די רעגירונג, די פאַראַנטוואָרטליכע פאַרוואַלטער פון די פאַב־ריקען, פיהלען, אַז די לאַגע איז שרעקליך, אָבער זיי זיינען מאַכטלאָז עפּעס צו טאָן.

* * *

מען האָט אונז, אַ גרופּע פון זעקס אַמעריקאַנער, געפיהרט וויזען אַן ערפּאָלגרייכע פאַבריק. די אַלע זעקס אַמעריקאַנער זיינען

געווען רוסישע אידען, און זיי האָבען צווישען זיך גערעדט רוסיש. צווישען אונז איז געווען אַ מיידעל, אַ ניו־יאָרקער קאָמוניסטקע.

ווען מען האָט אונז געפיהרט פון איין אָפּטיילונג צו דער צווייטער, איז די ניו־יאָרקער קאָמוניסטקע געגאַנגען פאָראויס און האָט אונז, די איבעריגע פינף, געגעבען צו פיהלען, אַז רוסלאַנד איז איהר אַמעריקע און איהר ירושלים.

אַזוי ווי מיר געהען אַזוי איבער דער פאַבריק, ווענדעט זיך צו אונז מיט אַ פראַגע אַן אַרבייטער, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ מאַשין. ער פרעגט:

— פון וואַנען קומט איהר, חברים?

די מיידעל, די קאָמוניסטקע, האָט איהם גלייך געענטפערט:

— פון אַמעריקע.

דער יונגער אַרבייטער פרעגט ווייטער:

— נו, זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, ווי לעבט זיך עפּעס די אַר־בייטער ביי אייך אין אַמעריקע?

די מיידעל ענטפערט:

— זעהר שלעכט!

דער אַרבייטער פרעגט איהר ווייטער:

— זייט איהר אַרבייטער? וואָס טוט איהר אין אַמעריקע?

די קאָמוניסטקע ענטפערט, אַז זי איז אַ שניידערקע. רופט זיך אָפּ צו איהר דער אַרבייטער:

— דו זאָגסט, אַז די אַרבייטער אין אַמעריקע לעבט זיך זעהר שלעכט. געפין מיר אין רוסלאַנד איין שניידערקע, וואָס זאָל טראָגען אַ פוטערנעם פאַלטאָ און אַזעלכע גוטע קליידער, ווי דו טראָגסט. געפין מיר איין מיידעל ביי אונז אין רוסלאַנד, — זאָגט דער אַרביי־טער, וואָס זאָל קענען זיך פאַרגינען דורכצופאָהרען זיך קיין אַמעריקע אַ קוק צו טאָן, ווי איהר לעבט דאָרטען.

מיין קאָמוניסטקע איז געוואָרען אַ ביסעלע צוטומעלט. אָבער דאָך זאָגט זי צום אַרבייטער:

— אָבער, חבר, דערפאַר ביסטו דאָך אַ לאַנד פאַר זיך, עס איז דאָך דיין לאַנד!

— וואָס מיר לאַנד, ווען מיר לאַנד! — זאָגט דער אַרביי־טער. — איך דאַרף ברויט, שטיוועל, דאַרף איך. וואָס איז דאָס מיר פאַר אַ לאַנד, ווען איך קריג דאָס אַלץ ניט?

און דער אַרבייטער זאָגט ווייטער צו דער קאָמוניסטקע:

— מיך קענסטו ניט נארען! איך קום, פארשטעהסטו מיך, פון ריאזאן! (דאס איז א מין רוסישער „איך בין פון מיזורי“. די פויערים פון ריאזאנער גובערניע האלטען זיך פאר קלוגע.)

אין דער צייט פון שמועס האבען זיך ארום אונז צוזאמענגע־קליבען א צעהן ארבייטער. ווען אונזער פיהרער, אן אנגעשטעלטער פון פאבריק, האט דאס דערזעהן, איז ער גלייך צוגעלאפען צו אונז און געזאגט: „חברים, וואס דארפט איהר מיט זיי רעדען? איהר ווייסט דאך, אז ארבייטער זיינען אלע מאל אומצופרידען!“

* * *

אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין מינסק, איז גראד אין דער פוילישער שטאט לאדז פארגעקומען דער וועבער־סטרייק. די רוסישע פראפעסיאנעלע פאראיינען (יוניאנס) האבען באשלאסען צו זאמלען געלט פאר די לאדזער סטרייקערס.

לעז איך אין די מינסקער צייטונגען, אז דעם און דעם טאג, צוויי אזייגער, וועט מען אפהאלטען אויף די פאבריקען פארזאמלונ־גען צו גונסטען די לאדזער סטרייקערס.

אין דער אנגעוויזענער שטונדע בין איך אוועק אויף איינער פון די מינסקער פאבריקען.

ווען דער זייגער האט געשלאגען צוויי איז די ארבייט אפ־געשטעלט געווארען, און א פארטרעטער פון דער יוניאן האט גע־רעדט. זיין גאנצע רעדע איז אבער געווען ניט געגען די לאדזער פאבריקאנטען, ניט געגען דער קאפיטאליסטישער רויבעריי, און ניט געגען דער פארבינדענקייט פון די לאדזער פאבריקאנטען, נאר געגען די פוילישע סאציאליסטען, געגען דעם „בונד“ און געגען דעם סא־ציאליסטישען אינטערנאציאנאל. עס איז אויסגעקומען, ווי די אר־בייטער אין לאדז וואלטען געסטרייקט ניט געגען די לאדזער קא־פיטאליסטען, נאר געגען דער פ. פ. ס. (פוילישע סאציאליסטישע פארטיי) און געגען „בונד“.

אבער וויכטיג איז געווען דאס, וואס די פאבריק האט שוין מעהר דעם גאנצען האלבען טאג ניט געארבייט. די ארבייטער האבען צווישען זיך גערעדט, רעדלאך מענשען זיינען געשטאנען אין אלע ווינקעלאך פון דער פאבריק, און צו דער ארבייט האט זיך קיינער ניט צוגערירט. אמת, די ארבייטער ארבייטען פון שטיק, און די פאבריק האט דערביי גארנישט פארלארען. אבער קענט איהר פאר־

שטעהן אזא באלעבאטישקייט, אז צוליב ארויסקריגען פון אן אר־בייטער א רובעל, זאלען פאבריקען דארפען פארלירען א האלבען טאג ארבייט?

די רעגירונג לעגט איצט א סך האפנונגען אויף די פאך־שולען (טרעיד־סקולס), אין וועלכער מען לערענט יונגע מענשען שלאסע־ריי, מעטאל־טאקערייי און סטאליערייי. וויפיל טעכנישע שולען מען זאל ניט עפענען, איז אלץ ניטא גענוג פלאץ פאר דער צאהל שילער, וואס זיינען גרייט צו געהן לערנען זיך א מלאכה.

ספעציעל שטארק פיהלט זיך דער מאנגעל אין אזעלכע שולען אין די שטעט, וואו עס געפינט זיך א גרויסע אידישע באפעלקערונג. די טעכנישע שולען, וואס געפינען זיך דא, זיינען אוועקגעשטעלט זעהר גוט. די רעגירונג טוט אלץ, כדי אויסצוהאלטען און אנצו־פיהרען די שולען, ווי עס באדארף צו זיין.

ווען איך האב באזוכט די שולען אין א גאנצער רייהע שטעט, האט זיך מיר געווארפען אין די אויגען איין זאך:

אין דער שלאסארניע, אין דער מעטאל־טאקארניע, און אין דער סטאליארניע שטעהען מיידלאך און לערנען זיך די אלע פיזיש־שווערע ארבייטען. פון אויבען־אויף מאכט דאס א געוואלדיגען איינדרוק. מיידלאך שטעהען מיט דער זעג, מיט דער האק און מיט'ן הובעל אין סטאליארניע און ארבייטען. עס שטעהען מיידלאך ביים שלאסער־ווארשטאט, מיט פארהארטעוועטע, צוקלאפטע הענט, מיט דעם פנים אויסגעשמירט, האלטען דעם שווערען האמער, דעם שטיק מעטאל און ארבייטען.

צוערשט האט דאס אויף מיר געמאכט אן אומגעהייערען איינ־דרוק. אבער ווען איך האב גענומען אריינטראכטען זיך אין דעם, האב איך מיר געשטעלט די פאלגענדע פראגע:

דריי יאהר נעמט ביז מען ענדיגט די שולע. אין דער פאך־שול נעמט מען אריין, ווען מען איז אלט ניט ווייניגער ווי 14 יאהר. ווען די מיידעל ענדיגט די שול, איז זי אלט 17 יאהר. אין צוויי־דריי יאהר ארום וועט זי חתונה האבען, זי וועט האבען קינדער, און זי וועט שוין ניט קאנען ארבייטען. טא צו וואס פארנעמען זיי איצט דעם פלאץ פון די אינגלאך, וועלכע וואלטען זיך געקאנט אויסלער־נען א פאך און דערנאך ניצליך זיין דעם לאנד זייער גאנצען לעבען?

ווען איך האב די פראגע געשטעלט די פארוואלטער, האט מען מיר געענטפערט, אז פון שטאנדפונקט פון לאנד־ווירטשאפט ביז

איך טאַקע גערעכט. אָבער די סאָוועטען־רעגירונג וויל ווייזען דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, אַז מיידלאַך קאָנען אויך זיין סטאָליאַרעס, שלאָסערס א. אז. וו.

ווען אין אַ לאַנד האָט מען אין זינען ניט די באַדערפעניש פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע, נאָר מען וויל זיין אָריגינעל און זיך אויספיינען פאַר דער וועלט, באַקומט זיך דאָס, וואָס מיר זעהען אין רוסלאַנד: אַ שרעקליכע אַרבייטסלאָזיגקייט און אַ נאָך שרעקליכער מאַנגעל אין אַלצדינג, וואָס איז נויטיג פאַר'ן לעבען.

* * *

איך האָב איהם פריהער ניט געקענט, אָבער איך האָב וועגען איהם אַ סך געהערט. איהם איז מיין נאָמען אויך געווען באַקאַנט. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך געפין זיך אין זיין שטאָט, האָט ער מיך אָפּגערופען אין האָטעל און מיך איינגעלאַדען צו זיך אין הויז. איך האָב גערן די איינלאַדונג אָנגענומען.

מיר האָבען פאַרבראַכט ביי איהם אין הויז אַ פּאָר שטונדען צייט, דערנאָך זיינען מיר אַרוים זעהן די שטאָט. אויף מיין פראַגע, ווי עס לעבט זיך איהם, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איהם לעבט זיך דאָ ניט שלעכט, וויל ער איז אין סאָוועט־רוסלאַנד אַן אָנגעשטעלטער ביי אַן אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע, און זי צאָהלט איהם ניט שלעכט. ווען עס וואָלט נאָר געווען אין רוסלאַנד גענוג פּראָדוקטען צו קויפען, וואָלט ער זיך ניט געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגען. ער ווייזט מיר זיין אָרימען אנצוג, און זאָגט צו מיר: „דו מיינסט, אַז איך האָב קיין געלט ניט צו קויפען אַן אַנדער אנצוג? נאָר וואו קריגט מען דאָס! אין רוסלאַנד זיינען ניטאָ ניט קיין קליידער און ניט קיין וואַארע אויף אויפצונעהען קליידער. אַרויסכאַפּען זיך אין אויסלאַנד און איינקויפען דאָרט וואָס מען דאַרף איז צו טייער, און ניט אַלע־מאָל קאָן מען דאָס אויספיהרען. איז טאַקע זעהר שווער צו לעבען איצט אין רוסלאַנד“.

אַזוי ווי ער האָט מיט מיר גערעדט וועגען זיין אנצוג, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיינעם און האָט מיך געפרעגט, וואָס איך האָב אין אַמעריקע באַצאָהלט פאַר איהם. איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך האָב געקויפט דעם אנצוג מיט אַכט חדשים צוריק פאַר 32 דאָלאַר. האָט ער גענומען בעטען זיך ביי מיר, אַז איך זאָל איהם איבערלאָזען מיין אנצוג. ער וועט מיר געבען זיינעם, און אַזוי שנעל

ווי איך וועל אריינפאָהרען אין פּוילען אָדער אין דייטשלאַנד, וועל איך זיך פאַר דעם געלט קויפען אַן אַנדערען.

אָפּגעבען איהם מיין אַנצוג האָב איך ניט געקענט, ווייל איך האָב נאָך געדאַרפט פאַרברענגען אין רוסלאַנד אביסעל צייט. און איך וואָלט סיי־ווי־סיי ניט גענומען ביי איהם קיין 32 דאָלאַר. ווייל איך האָב שוין דעם אַנצוג אַכט חדשים געהאַט אויף זיך און ער איז שוין געווען שטאַרק אָפּגעטראָגען. האָב איך ערקלערט מיין באַקאַנטען, אַז איך קאָן דאָס ניט טאָן. ער האָט זיך ביי מיר נאָך שטאַרקער געבעטען, האָט מיר פאָרגעשלאָגען פופציג דאָלאַר, אַבי איך זאָל איהם איבערלאָזען מיין אַנצוג. איך האָב געפיהלט, אַז איך וואָלט דעם מענשען געראַטעוועט, ווען איך גיב איהם אָפּ מיין אַלטען אַנצוג, און עס איז מיר געווען אַ גרויסער פאַרדרוס, וואָס איך האָב דאָס פאַר קיין פאַל ניט געקענט טאָן.

די וואוינונגען

אַ דירה אין מינסק. — אַ לענדלאָרד, וועלכער בעט זיך אַלע טאָג ביי דער רעגירונג, זי זאָל איהם מאַכען פּאַר אוים לענדלאָרד. — מען ווייזט די אויסלענדער, אַז מען בויט נייע הייזער. — דער דזשעניטאָר אויבען, דער לענדלאָרד אין בעיסמענט. — חתונה געהאַט און האָבען ניט וואו צו וואוינען צוזאַמען. — די וואוינונגען אין די קליינע שטעטלאך.

אין גאַנץ איירָאפּע איז איצט אַ גרויסער מאַנגעל אין וואוינונגען. צוליב דער מלחמה זיינען אַ סך שטעט חרוב געוואָרען, און צוליב מאַנגעל אין געלט האָבען זיך די הייזער צוריק ניט אויפגעבויט. די שטאָטישע באַפעלקערונג האַלט אין איין וואַקסען. די צאָהל הייזער וואַקסט ניט אַזוי גיך, ווי דער צוּוואוּקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. אין בערלין, אין פּאַריז און אויך אין וואַרשע איז די וואוינונגס־פראַגע זעהר אַן אָנגעווערהטאָגטע. מענשען שטיקען זיך אין ענגע צימערען, עס פעהלען די איינפאַכסטע און נויטיגסטע זאַכען, וואָס אַ הויז דאַרף האָבען, כדי דאָס לעבען פון די מענשען זאָלען זיין מעהר אָדער ווייניגער ערטרעגליך. פונדעסטוועגען ווערען נייע הייזער געבויט סאַי אין וואַרשע, סאַי אין בערלין, און אַלטע הייזער ווערען פאַרריכט, אַזוי אַז די שטאָט זעהט ניט אוים ווי אַ חרוב'ע.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע אין די גרויסע שטעט פון סאָוועט־רוסלאַנד. אין די אַלע שטעט, וואו איך בין געווען, איז דער מאַנגעל אין וואוינונגען אַ מורא'דיגער. אין וואוינונגען, וואו עס האָט פאַר דער מלחמה געוואוינט איין פאַמיליע, וואוינען איצט פינף, זעקס און זיבען פאַמיליעס. אין איין צימער שלאָפען זיבען, אַכט מענשען.

אויף איינער פון די הויפּט־גאַסען פון מינסק שטעהט אַ גרויסער מויער. דער מויער איז מיר געווען באַקאַנט פון די אַמאָליגע צייטען. ער האָט באַלאַנגט צו אַ רייכען אידען אין שטאָט. דער מויער איז איצט אַלט און אָרומגעריסען. גראָד אין דעם מויער וואוינט מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער. ווען איך האָב זיך מיט איהם באַגעגענט, האָט ער מיך איינגעלאַדען צו זיך אין הויז. אריינגע־

הענדיג צו איהם אין צימער, האָב איך דערזעהן צוויי בעטען ביי די זייטען, אַן אינגאַנצען צובראָכענעם טיש אינמיטען און אַ פּאָר הינקענדיגע שטולען. אין דעם צימער וואוינען זעקס מענשען. איך האָב אין יענעם הויז פארבראכט אַ פּאָר שטונדען. פאר דער צייט האָב איך זיך אויך באקענט מיט מיין באַקאַנטענס פרוי, וועלכע האָט מיר זעהר אַ סך דערצעהלט וועגען איהר שווערען און ביטערען לעבען אַלס בעל־הבית'טע.

אויף דעם פלאָר, אויף וועלכען זי וואוינט איצט, זיינען דאָ זעקס צימערען און אַ קיך. אַמאָל האָט דאָרטען געוואוינט איין פאמיליע. איצט וואוינען אין דיזעלבע זעקס צימערען זיבען פא־מיליעס, וועלכע באַשטעהען פון עטליכע און דרייסיג מענשען. די ענגשאַפט איז אַ שרעקליכע. אין דעם פינסטערען קאָרידאָר איז אָנגעלייגט אַלטע באַלעבאַטישקייט פון יעדען איינציגען שכן באַ־זונדער. פאר אַ נייעם מענשען דורכגעהן דעם קאָרידאָר איז איינפאַך אַ געפאהר. פאר די איינוואוינער איז שוין דער וועג אין קאָרידאָר אַן אויסגעטראָטענער, זיי ווייסען שוין ווי צו געהן. מיך האָט מיין אַלטע באַקאַנטע געפיהרט פאר'ן האַנט.

די פרוי זאָגט צו מיר, אַז ווי שלעכט דער צימער זאָל ניט זיין, ווי ענג דאָס לעבען זאָל ניט זיין, דאָך איז דער צימער אַ גן־עדן אין פארגלייך מיט דער קיך. „שטעלט אייך פאָר", זאָגט זי צו מיר, „אַז אין דעם קליינעם קיכעל האָט אַמאָל געקאָכט איין בעל־הבית'טע, און איצט קאָכען זיבען. יעדע איינציגע בעל־הבית'טע האָט איהר קע־ראָסין־אויוועלע, איהר ווינקעלע. מען פלאָנטערט זיך שטענדיג איינע דער צווייטער פאר די פיס. יעדער בעל־הבית'טע דוכט זיך שטענ־דיג, אַז ביי איהר פעהלט אַ ביסעל זאַלץ, אָדער אימיצער האָט ביי איהר צוגענומען אַ שטיקעל שמאַלץ, וואָס איז איבערגעבליבען פון נעכטען. אין קיך זיינען צוליב דער ענגשאַפט שטענדיגע קריגע־רייען. מיר זיינען נערוועז, פארביטערט און דערצאָרענט איינע געגען דער אַנדערער. אונטער אַנדערע אומשטענדען, ביי אַ לייכטערען לעבען, וואָלטען אַ סך פון אונז געווען פריינט צווישען זיך, און היינט זיינען מיר ביטערע שונאים איינע דער צווייטער. און קיינער ווייסט ניט, ווען עס וועט נעמען דערצו אַ סוף".

מיין פריינדס פרוי איז אַן ארבייטער־פרוי. אַמאָל האָבען זיי געוואוינט אין די זייטיגע גאַסען פון שטאָט. היינט האָבען זיי זיך באַזעצט אין צענטער פון שטאָט, אין די אַמאָליגע שענסטע מוי־

ערען. אָבער זייער לעבען איז איצט אַן אומגליקליכער, אַ פאַרצאָ־רענטער, אַ פאַרביטערטער. די פרוי זאָגט צו מיר: „אָפטמאָל טראַכט איך, אַז די נערוועז פון דער רוסישער פרוי זיינען פון שטריק אָדער פון דראָט, ווייל אַניט וואָלטען די גרעסטע צאָהל בעל־הבית׳־טעס אין רוסלאַנד שוין לאַנג געדאַרפט זיין אין משוגעים־הייזער“.

די בעל־הבית׳טע דאַרף פון פאַרטאָג זיך אוועקשטעלען אין „אָטשערעד“ (לאַין) צו קריגען די נויטיגסטע זאַכען פאַר׳ן לעבען. ווען מען קומט פון „אָטשערעד“, דאַרף מען אַריינגעהן אין קיך זיך קריגען, רייסען זיך צווישען זיך ווי די קעץ. „ווען מען פלעגט אמאָל זינגען רייזינ׳ס ליד „אַ געזינד זאַלבע אַכט“, איז דאָס געווען נאָר אַ ווייטע פאָרשטעלונג וועגען דעם, ווי מיר לעבען היינט“.

* * *

אין די ערשטע יאָהרען פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט יעדע רוסישע שטאָט־רעגירונג רעקווייזירט (איבערגענומען) אַלע הייזער ביי די בעלי־בתים. אַ פּאָר יאָהר שפּעטער האָט די רעגירונג די בעסערע הייזער פון שטאָט צוגענומען פאַר זיך, און דאָרטען גע־פינען זיך די רעגירונגס־אַנשטאַלטען. אין אַ סך פון זיי וואוינען רעגירונגס־אָנגעשטעלטע. די איבעריגע האָט זי אוועקגעגעבען צו־ריק צו די בעלי־בתים. יעדער איינער האָט געקראָגען זיין הויז צוריק. ער האָט געדאַרפט זאַמלען דאָס דירה־געלט און דערנאָך צאָהלען שטייערען צו דער רעגירונג.

דעם פּרייז פאַר די דירות פלעגט באַשליסען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די שכנים, און זעלבסטפאַרשטענדליך, פלעגען זיי אוועקשטעלען אַזאַ קליינעם פּרייז, ווי נאָר מעגליך. אָבער אַזוי ווי אַ גרויסע צאָהל שכנים קענען אפילו דעם קליינעם פּרייז אויך ניט צאָהלען, צאָהלען זיי איינגאַנצען ניט. דעם לענדלאָרד איז שווער אויפצומאָנען דאָס דירה־געלט אויך ביי די איבעריגע, וואָס קענען יע צאָהלען. אמת, דער לענדלאָרד האָט אַ רעכט צו ברענגען דעם שכן אין געריכט, אויב יענער צאָהלט ניט. אָבער דער באַלעבאָס איז זעהר אָנגעשראָקען, ער ווייסט, אַז ער וועט דעם משפט אין גע־ריכט פאַרלירען, און דערפאַר משפט ער זיך מיט קיינעם ניט. נאָר ער פאַרלאָזט זיך אויפ׳ן יושר פון שכן. אָבער סוף יאָהר מוז דער באַלעבאָס צאָהלען שטייערען צו דער שטאָט־רעגירונג, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, צי ער האָט, צי ער האָט ניט.

אין איין שטאָט בין איך געקומען צו מיינעם א באַקאַנטען „לענדלאָרד״, וועלכער האָט צוויי זיהן אין אמעריקע, מיטגלידער פון „ארבייטער רינג״. דער לענדלאָרד מיט זיין פרוי זיינען שוין איבער אַכציג יאָהר אַלט, קוים וואָס זיי פּויזען ארום. זיי פּאַרנעמען איין קליינינקען צימער אויפ׳ן אונטערשטען שטאָק צום הויף צו. איך בין דאָרטען געזעסען זעהר ניט לאַנג און האָב באַקומען א קאַפּוועה־טאָג. ווען איך האָב געדאַרפט אוועקגעהן, זאָגט דער אַלטינקער צו מיר: „ווען איהר וועט זעהן מיינע קינדער, בעט זיי, זיי זאָלען רחמנות האָבען און מיר צושיקען 150 דאָלאַר אויף צו באַצאָהלען דער רעגירונג די שטייערען (טעקסעס) פאַר מיינע הייזער. ווייל אויב ניט, וועל איך נאָך דאַרפען שטאַרבען אין טורמע״. איצט איז דאָ א געזעץ אין רוסלאַנד, אז די וואָס צאָהלען ניט אָפּ די שטייערען, ווערען אַרעסטירט און געהאַלטען אין טורמע, לויט דעם באַט־עף פון די שטייערען.

דער אַלטער זאָגט צו מיר ווייטער: „מיינע קינדער ווייסען, אז איך האָב ביי זיי קיינמאָל ביז איצט קיין געלט ניט געבעטען. איך האָב אַלצדינג געטאָן, אויף די עלטערע יאָהרען ניט אָנצו־קומען צו די קינדער, כאָטש איך ווייס אז מיינע קינדער זיינען גוטע. אָבער עס איז מיר געקומען מים עד נפש, און ווען איך וועל ניט קענען דעם יאָהר צאָהלען דער רעגירונג די שטייערען, וועל איך נאָך דאַרפען געהן אין טורמע״. דער אַלטער האָט מיר אויך דער־צעהלט, אז ער געהט צו דער שטאָט־רעגירונג בעטען, אז מען זאָל איהם מאַכען פאַר אוים לענדלאָרד, מען זאָל פון איהם צו־נעמען די הייזער. און די שטאָט־רעגירונג וויל דאָס ניט. ער איז א לענדלאָרד איבערגוואַלד, און מיט גוואַלד זאַמעלט מען ביי איהם שטייערען פאַר הייזער, איבער וועלכע ער איז קיין בעל־הבית ניט.

איך האָב איהם געפרעגט אין שפּאַס: „פאַרוואָס זיינען איי־ערע הייזער אזוי אָפּגעלאָזען און צובראָכען? זאָגט ער צו מיר: „איך פרעג אייך, ווער זאָל זיי פאַרריכטען? קיין דירה־געלט צאָהלט מען ניט, און עס אַרט ניט די שכנים, ווי זיי וואוינען, און דער רעגי־רונג אַרט אויך ניט. אזוי ווערען די הייזער ביי אונז חרוב״. דער אַלטער איז גערעכט. קיין נייע הייזער בויען זיך ניט, אַלטע פאַר־וואַנדלען זיך אין חורבות, און די ענגשאַפט און די אָרימקייט אין די הייזער ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער.

* * *

איינציגע טוריסטען (רייזענדער) ווייזט מען אין רוסלאַנד די נייע הייזער, וואָס די סאָוועט־רעגירונג בויט. אָבער דאָס זיינען „סעמפּעל“־הייזער, אַזוי ווי די „סעמפּעל“־סקולס און „סעמפּעל“־פּעקטאָרים, וואָס מען ווייזט די אויסלענדער. ווען אימיצער קומט צופאָהרען קיין מאָסקווע און פאָהרט פון וואָקזאַל איבער דער הויפּט־גאַס פון שטאָט, טווערסקאַיאַ, דערזעהט ער אַן אויסערגעוועהנליך גרויסע און שעהנע בילדינג, כמעט דורכאויס פון גלאָז, פינף־זעקס שטאָק די הויך. די געביידע פאַרנעמט אַ „סקווער בלאָק“ איהר קוקט אויף דער געביידע און וואונדערט זיך. זי איז געבויט לויט דעם לעצטען וואָרט פון טעכניק. איהר געפינט באַלד אויס, אַז דאָרטען איז די פּאָסט. איהר געהט איבער די פלאָרס און פרעגט זיך אַליין: „צו וואָס האָט מען אויפגעשטעלט אַזאַ שעהנע, ריזיגע פּאָסט־געביידע? דאָס לאַנד ארום איז אַזוי אָרים, די הייזער אַזוי אָפּגעלאָזען, און דאָ נאָדיר אַ שעהנע רעגירונגס־פּאָסט!“

איהר דערמאָנט זיך וועגען דער רייכער און פּראַקטישער אמע־ריקע. דאָ ביי אונז איז פאַרקעהרט. די הייזער זיינען אַזעלכע שעהנע, מיט אַזויפיל לוקסוס, און די פּאָסט־געביידעס זיינען איינ־פאַכע, פּראַקטישע, אָהן אויסערליכען גלאַנץ. דאָס איז דערפאַר, ווייל אַמעריקע וויל קיינעם ניט געפעלען ווערען. מען בויט הייזער נאָר פאַר דער פּראַקטישער באַקוועמליכקייט פון די מענשען. אָבער גאַנץ אַנדערש איז איצט אין רוסלאַנד, און גאַנץ אַנדערש איז די פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג. דאָס ווייניגע, וואָס זי בויט, בויט זי ניט פאַר דער באַקוועמליכקייט, נאָר פאַר די אויסלענדישע טוריסטען.

אָט פאָהר איך אין אָדעס אין אַ נייעם קוואַרטאַל. מען האָט דאָ אוועקגעשטעלט עטליכע בלאָק הייזער פאַר ארבייטער. דאָס זיינען מאָדערנע הייזער, מיט זעהר אַ סך באַקוועמליכקייטען. די עטליכע בלאָקס נייע הייזער האָבען קיין שום באַדייטונג ניט פאַר'ן לאַנד און מאַכען ניט אויף אַ האָר לייכטער די וואוינונגס־פראַגע ביי די אַרבייטער. אָבער דאָך פיהרט מען אַהין די אויסלענדער, צו ווייזען זיי די גרויסע אויפטואונגען פון דער סאָוועט־רעגירונג.

* * *

אין איינע פון די שטעט, וואָס איך האָב באַזוכט, בין איך געווען איינגעלאַדען צו מיינעם אַ פריינד. דאָרטען האָבען זיך דעם אָוונט

געדאַרפֿט צוזאַמענקלײַבן אַ גאַנצע גרופּע מײַנע אַלטע באַקאַנטע און פֿאַרברענגען געמײנשאַפֿטלעך אַן אָוונט. ווען איך בין געקומען אין הויז, זאָגט צו מיר מײַן פֿרײַנד, אַז איהם פֿאַרדריסט זעהר, וואָס ער וועט דעם אָוונט מיט מיר ניט קאָנען פֿאַרברענגען, ווײַל הײַנט איז אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע שכנים פֿון זײַן הויז און ער מוז געהן צו דער פֿאַרזאַמלונג. אָבער דאָס דאַרף מיר ניט שטערען צו פֿאַרברענגען דעם אָוונט אין זײַן הויז. די פֿרוי בלײַבט אין הויז, און עס וועלען אויך קומען אַלע געסט.

מיר האָבען טאַקע פֿאַרבראַכט זעהר אַ אַנגענעמען אָוונט. אַלטע באַקאַנטע, עראינערונגען וועגען אַמאָליגע צײַטען, געשפּרעכען וועגען זייער הײַנטיגען לעבען. איך האָב זיי דערצעהלט וועגען אונזערע געמײנשאַפֿטליכע פֿרײַנד אין אַמעריקע, און בכלל ווי עס לעבען מענשען אין דעם ווײַטען לאַנד.

צוועלף אַזייגער בײַנאַכט איז געקומען מײַן פֿרײַנד פֿון דער פֿאַרזאַמלונג אַ מידער, אַ נערוועזער, און ער האָט אונז גענומען דערצעהלען, וואָס בײַ דער פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען.

די הויז באַלאַנגט ניט צו קײן בעל־הבית, נאָר צו דער שטאָט־רעגירונג, און די רעגירונג באַשטימט די פּרײַזען פֿון די דירות. דער אַמאָליגער באַלעבאָס איז געבליבען וואוינען אין אײנעם פֿון די צי־מערען אויפֿ׳ן דריטען פּלאָר. ער איז איצט ניט מעהר ווי אַ שכן, צאָהלט דירה־געלט מיט אַלעמען גלײַך. נײַן, ער צאָהלט נאָך מעהר פֿון אַלעמען, ווײַל ער באַלאַנגט צו די „דעקלאַסירטע" שיכטען, צו די „בורזשויען".

אין הויז זײַנען אויך דאָ אַ סך פֿון די אַמאָליגע שכנים. אַ טייל פֿון זיי זײַנען אין כעס אויף דעם געוועזענעם באַלעבאָס, און זיי נע־מען איצט נקמה פֿון איהם, פֿאַרוואָס ער האָט אַמאָל אײַנגעמאָנט דאָס דירה־געלט. האָבען עטליכע שכנים גערופֿען איצט אַ ספּעציעלע פֿאַרזאַמלונג פֿון אַלע אײַנוואוינער פֿון הויז, און זיי האָבען אַרײַנגע־בראַכט אַ פֿאָרשלאָג, אַז אַזוי ווי דער „דוואָרניק" (דזשעניטאָר) וואוינט שוין דרײַסיג יאָהר אין קעלער (בײסמענט), שלאָגען זיי פֿאָר, אַז איצט זאָל דער געוועזענער באַלעבאָס זיך אַריבערציהען אין קע־לער, וואו דער דוואָרניק וואוינט, און דער דוואָרניק זאָל פֿאַרנעמען דעם באַלעבאָס צימער. דער דוואָרניק איז אויך געווען בײַ דער פֿאַר־זאַמלונג. ער האָט זיך בײַ די פֿאַרזאַמעלטע געבעטען, מען זאָל איהם ניט אַרויסוואַרפֿען פֿון קעלער. „דרײַסיג יאָהר", האָט ער גע־

טענה'ט, „וואוין איך שוין אין קעלער. דאָרטען זיינען ביי מיר געבוירען געוואָרען אַלע קינדער. אין קעלער האָב איך זיך שוין איינגעוואוינט, יעדער ווינקעלע איז מיינס. איך וויל שוין דאָרטען אויסלעבען די יאָהרען. מיר איז שווער צו קריכען אויפ'ן דריטען פלאָר. לאָזט מיר בלייבען, וואו איך געפין זיך איצט".

דער לענדלאָרד האָט זיך אויך געבעטען. ער האָט גע'טענה'ט: „וואָס האָט איהר צו מיר? פון מיין גאַנצער הויז איז פאַר מיר געבליבען איין קליין צימערעל, פאַר וועלכען איך צאָהל רענט. איך טשעפּע קיינעם ניט. צוליב וואָס דאַרפט איהר זיך אָן מיר נוקם זיין? וועמען וועט עפּעס אַרויסקומען דערפון, וואָס איהר וועט מיך אַריבערפיהרען אין קעלער?" אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. די קאָמוניסטישע „יאַטשייקע" (גרופּע) פון הויז האָט באַשלאָסען, אַז דער דוואָרניק דאַרף וואוינען אויבען, און דער געוועזענער לענדלאָרד — אונטען. און כאָטש אַ סך פון די פאַרזאַמעלטע האָבען געפיהלט, אַז דאָס איז אָן עולה, אַז עס איז ניטאָ קיין שום אורזאַך צו בייטען די וואוינונגען פון לענדלאָרד און דוואָרניק געגען זייער אייגענעם ווילען, אָבער רעדען געגען דעם האָט קיינער ניט געוואַגט, און אַזוי איז עס געבליבען.

נאָכדעם ווי מיין באַקאַנטער האָט דערצעהלט די געשיכטע, זאָגט ער צו מיר: „איך וויים, אַז איהר וועט ניט קענען באַגרייפען אַזאַ לעבען. אויף יעדער זאַך, אפילו אויף צו קריעגן דאָס שטיקעל ברויט, מוזען מיר האַלטען פאַרזאַמלונגען. די פאַרזאַמלונגען קריכען אונז שוין פון האַלז. עס ווילט זיך אויף אַלץ אַ שפּיי טאָן, אָבער מען קען ניט. מיר האָבען מורא. אַלץ איז ביי אונז אַזוי שווער. עס איז ניטאָ קיין מינוט רוה. עס וואָלט זיך וועלען אויף אַ ווייל די נערוועז אויסרוהען, בלייבען מיט זיך אַליין, אָבער מען לאָזט ניט.

* * *

אין אַ פּראָווינציעלער רוסישער שטאָט האָב איך באַגעגענט אַ געוועזענעם בונדיסט, וועלכער איז איצט אַ קאָמוניסטישער פּאַרטייי־מיטגליד. ער האָט זיך אין יעדער שטאָט באַטייליגט זעהר אַקטיוו אין דער אַרבייט פון „בונד". היינט איז ער אַ „ספּעץ" (ספּעציאַליסט, פאַכמאַן) אין זיין טרייד. ער איז אַ לאַנגע צייט געווען אין דער „רויטער אַרמיי", האָט זיך געשלאָגען אויפ'ן פּוילישען פראָנט, האָט ניט איינמאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגען, פון שלאַכטפעלד

איז ער געקומען מיט א פארהארטעוועטען טרוקענעם כאראקטער. אָבער דאָך איז ער זעהר א סימפּאַטישער און גוטער בחור. אונזער באַגעגעניש איז פאַר אונז ביידען געווען אַן אַנגענעמע איבעררא־שונג. איך בין געווען זיכער, אַז ער לעבט שוין לאַנג ניט. איך האָב איהם געקענט פאַר א זעהר געוואַגטען בחור. מיר האָט זיך עפּעס גערוכט, אַז ער איז שוין לאַנג גע'הרג'עט געוואָרען

מיר זיינען געמיטליך געזעסען אין א רעסטאָראַן ביי א טיש און געטרונקען ביר. ער האָט מיר דערצעהלט, וואָס ער האָט דורכ־געמאַכט פאַר דער צייט, און ווי ער לעבט איצט. דערנאָך זאָגט ער צו מיר: „דו ווייסט, נחום, איך האָב שוין חתונה געהאַט“. און ער רופט מיר אָן דעם נאָמען פון א באַקאַנטער מיידעל. „נאָר“, זאָגט ער, „מיר לעבען ניט צוזאַמען“. פרעג איך איהם: „וואָס הייסט, איהר לעבט ניט צוזאַמען?“ ענטפערט ער מיר, אַז ער איז שוין באַלד צוויי יאָהר פאַרהייראַט, און ער וואוינט ביי זיינע עלטערען און זי ביי איהרע עלטערען, ווייל זיי קענען ניט קריגען קיין דירה. אין שטאָט זיינען ניטאָ קיין וואוינונגען. „געהייראַט האָבען מיר טאַקע, — מאַכט ער צו מיר. — אַלע אין שטאָט קענען אונז פאַר מאַן און ווייב, אָבער זי איז ביי איהרע עלטערען, און איך בין ביי מיינע. מיר מוזען וואַרטען, ביז וואַנען מיר וועלען קריגען א דירה, אָדער ביז די שטאָט וועט אָנפאַנגען בויען נייע הייזער“.

* * *

אין דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישען און גייסטיגען לעבען איז אין דעם קליינעם שטעטל ערגער, איידער אין דער גרויסער שטאָט. אָבער אין איין זאַך איז דאָס לעבען אין שטעטל בעסער און נאָר־מאַלער. דאָס איז אין דער וואוינונג־פראַגע. יעדער איינציגער איינ־וואוינער אין דער קליינער שטעטל האָט אַן אייגענע הויז, און די היינטיגע הייזער אין די קליינע שטעטלעך זיינען בעסערע, איידער די אמאָליגע.

גלייך נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָבען די איינוואוינער פון די דערפער און פון דעם קליינעם שטעטל געקענט האַקען אזוי פיל וואַלד, וויפיל זיי האָבען נאָר געוואָלט, ווייל די רע־גירונג האָט ניט געהאַט קיין שום קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפט פון לאַנד. אידען און קריסטען האָבען זיך אָנגעגרייט גענוג בער־וועגעס אויף צו בויען פאַר זיך הייזער. ווען איהר קומט היינט צו פאָהרען אין א שטעטל, וואַרפט זיך אייך אין די אויגען די נייקייט

פון די הייזער. אז מען האָט שוין געבויט הייזער מיט אומזיסטען געהילף, האָט מען אַלצדינג געבויט אויף אַ ברייטען שטייגער. ביי אַ קליינשטעטעלדיגען אידען אין הויז איז אָפּטמאָל ניטאָ קיין טיש, און אַ בעט איז צוזאַמענגעשלאָגען פון ברעטער, אָבער דאָס הויז אַליין איז דערפאַר גרויס און געראַם.

ווען איהר פאָהרט דורך די גרויסע רוסישע שטעט און באַקענט זיך מיט דער לאַגע, מוזט איהר קומען צום שלוס, אז קיין זאַך וועט דאָ די וואוינונגס־פראַגע ניט קענען לייזען. דאָס לאַנד איז שרעקליך פאַראָרימט, דיווירטשאַפט ווערט געפיהרט אָהן אַ טאָלק. די רעגירונג וויל געפעלען ווערען ביי די שכנים, ביי דער מעהרהייט פון דער גרויס־שטאָטישער באַפעלקערונג. מען זוכט אויס אַלץ נייע פאַרפאַלגונגען אויפ'ן הויז־באַלעבאָס, אָבער אַליין קאָן די רעגירונג ניט איבערנעמען און פאַרוואַלטען די הייזער. דאָס מאַכט די וואוינונגס־פראַגע אין רוסלאַנד פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער.

איך פלעג געהן איבער די גאַסען פון מאָסקווע, קיעוו, אָדעס, מינסק אין די פאַרנאַכטיגע שטונדען און פלעג זעהן זעהר אַ סך מענשען שפּאַצירענדיג. מיר דאַכט, אז איצט זעהט מען אויף די גאַסען פון די רוסישע שטעט מעהר מענשען, ווי אַמאָל. איהר וואונדערט זיך און פרעגט, פאַרוואָס געהען אום אַזוי פיל מענשען אין די גאַסען, פאַרוואָס זיינען די שטאָטישע גאַסען אַזוי באַלעבט? ווען איהר געהט אָבער אריין אין די הייזער, ווערט די גאַנצע זאַך פאַר אייך קלאָר.

אין די הייזער איז אַזוי ענג, אַכט ניין מענשען שטיקען זיך אין אַ צימערעל, מען פּלאָנטערט זיך איינער דעם אַנדערען פאַר די פיס, מען רייבט זיך אַ זייט אָן אַ זייט. דעריבער, אז מען ווערט פאַרטיג אין הויז, איז מען גליקליך, ווען מען לויפט אַרויס אויפ'ן גאַס... אין דרויסען איז דאָך פאָרט געראַמער. עס איז איצט אין דער רוסישער הויז שווער צו האָבען אַן אייגען רוהיג ווינקעל, צו בלייבען אַביסעל מיט זיך אַליין, צו לייענען אַ צייטונג, אַ בוך. די ענגשאַפט פון דער דירה טרייבט אַלעמען אַרויס אין גאַס. איך האָב באַגעגענט מענשען, וואָס זיינען שוין טויט־מיד אַרומצוגעהן; פאַרנאַכט איבער די גאַסען. מיט מיר אין מיין האָטעל־צימער זיינען מענשען געזעסען שטונדען לאַנג, דאָרטען איז זיי געווען אַנגענעהם, געראַם און באַקוועם. אָבער אין זייער אייגענעם ענגען, פאַרשטיקטען הויז האָבען זיי מיט מיר ניט געקענט זיצען.

אָדעס

אַ שעהנער האָטעל אין אָדעס, אָבער אָהן בעט־געוואַנט. — ווי זעהט אויס דער אָדעסער פּאָרט? — „דעריבאַסאָווסקאַיאַ", די הויפּט־גאַס פון אָדעס.

אַלע האָטעלען אין סאָוועט־רוסלאַנד געהערען איצט צו דער רעגירונג. פונדעסטוועגען ווערען זיי אין פאַרשידענע שטעט פאַר־שידען פאַרוואַלטעט. אין מאָסקווע בין איך איינגעשטאַנען אין האָ־טעל סאַוואָי, אַ זעהר באַקוועמער און מאָדערנער האָטעל. ווען איהר געהט אריין אין אַ צימער פון יענעם האָטעל, פאַרגעסט איהר גאָר, אַז איהר געפינט זיך אין אַ שטאָט פון גרויסער אָרימקייט און גרוי־סער נויט. גאָר אַנדערש איז אין אָדעס.

ווען איך בין אָנגעקומען אויפ'ן אָדעסער וואָקזאַל, האָבען מיך ארומגערינגעלט זעהר פיל האָטעל־אַגענטען, און יעדער איינער האָט מיך געשלעפּט אין „זיין האָטעל". וואָס מאַכט עס דען אויס, אין וועלכען האָטעל איך וועל פאַרפאָהרען, אַז אַלע האָטעלען באַלאַנגען דאָך צו דער רעגירונג? איך האָב אויסגעקליבען האָטעל „בריסטאָל" דער אַגענט פון „בריסטאָל" האָט מיר ערקלערט, פאַרוואָס מען שלעפּט די קאָסטאָמער אין די פאַרשידענע האָטעלען. „פאַרשטעהט איהר מיך", — מאַכט ער צו מיר — „יעדער איינציגער האָטעל וויל דאָך ווייזען, אַז ער באַצאָהלט זיך, אַז ער האָט אַ גרעסערע איינ־נאָהמע פון אַן אַנדער האָטעל. דערפאַר שיקט יעדער האָטעל מענשען אויפ'ן וואָקזאַל, אריינצוקריגען וואָס מעהר קאָסטאָמער". „און נאָך אַ זאַך, — זאָגט ער, — איהר ווייסט דאָך, אַז אַלע אָנ־געשטעלטע אין האָטעל זיינען פון אמאָליגע צייטען. וואָס מעהר געסט עס זיינען דאָ, אַלץ מעהר טרינק־געלט לאָזען זיי איבער, אַלץ מעהר פרנסה איז דאָ. און פרנסה זוכען איצט אידען אין אָדעס מעהר ווי ווען עס איז פריהער".

האָטעל „בריסטאָל" איז אמאָל געווען איינער פון די בעסערע האָטעלען אין אָדעס. עס זיינען נאָך אין איהם פאַרבליבען סמנים פון אמאָליגען קאָמפאָרט.

דער „פּאָרטער“ האָט מיך אַריינגעפיהרט אין צימער. איך האָב זיך שנעל איבערגעטאָן און בין אַרויס אין גאַס. די בעט אין האָטעל־צימער איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ ספּעציעל דין ווענטעל, און מיר איז גאָרניט איינגעפאַלען אַ קוק צו טאָן צי די בעט איז געמאַכט. אין צוויי שטונדען אַרום בין איך געקומען פון גאַס צוריק אין האָטעל. איך טהו אַ קוק אויפ'ן בעט, זי שטעהט אָהן אַ מאַטראַץ און אָהן בעטגעוואַנט. איך קלינג דעם גלעקעל, און עס קומט אַריין אין צימער די אויפזעהערין פון האָטעל. איך זאָג איהר, אַז מיין בעט האָט ניט קיין מאַטראַץ. פרעגט זי מיך, צי איך האָב עס באַשטעלט. איך האָב צוערשט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט מיט דעם. איך האָב געדענקט, אַז זי פרעגט מיך, צי איך האָב דאָס שוין געזאָגט, אויסער איהר, נאָך אימיצען אין האָטעל. איך האָב איהר געענטפערט, אַז איך האָב קיינעם ניט געזאָגט וועגען דעם. ערקלערט זי מיר, אַז פאַר אַ מאַטראַץ און פאַר בעטגעוואַנט דאַרף מען עקסטרא באַצאָהלען.

מיר איז דאָס אויסגעקומען ווילד: וואָס הייסט, מען דאַרף נאָר באַשטעלען בעטגעוואַנט און עקסטרא באַצאָהלען פאַר דעם? קען מען דען שלאָפען אָהן בעטגעוואַנט? ערקלערט זי מיר ווייטער, אַז בעטגעוואַנט איז אַ לוקסוס, פאַר וועלכען מען דאַרף באַצאָהלען צוויי רובעל מיט זעכציג קאָפּיקעס. ניט אַלע ווילען זיך מיט דעם לוקסוס באַנוצען. אָט, זאָגט זי, קומען צופאָהרען אַהער אַרבייטער און פויערים, וועלכע מען רעכענט פאַר אַ האָטעל־צימער זעהר אַ ביליגען פּרייז. אָבער קיין בעטגעוואַנט קריגען זיי ניט, סיידען זיי ווילען דערפאַר עקסטרא צאָהלען. און עס קומען אַהער „נעפּליינט“, „פּריוואַטע געשעפטסלייט“ אָדער אויסלענדישע טוריסטען, און זיי ווילען האָבען בעטגעוואַנט, אָרדערען זיי, און מען גיט זיי דאָס, און זיי באַצאָהלען דערפאַר.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע נייעס. אין אָדעסער האָטעל האָב איך זיך ערשט דערוואוסט, אַז עס איז אַ לוקסוס צו שלאָפען אויף אַ מאַטראַץ, אַז אַזאַ לוקסוס קען אין אָן אָדעסער האָטעל האָבען נאָר אַ „נעפּמאַן“ אָדער אַ טוריסט, אָבער אַן אַרבייטער אָדער אַ פויער קען דעם דאָזיגען לוקסוס ניט האָבען. ער קען זיך באַגעהן אָהן דעם. נאָכדעם ווי זי האָט דאָס מיר ערקלערט, האָב איך זי געבעטען אָרדערען פאַר מיר בעטגעוואַנט, און איך בין אַרויס פון האָטעל.

צוריק בין איך געקומען דריי א זייגערביינאכט. ווען איך בין אריין אין צימער, האָב איך דערזעהן, אז די בעט שטעהט נאָך אַלץ א לעדיגע. איך בין ארונטערגעגאנגען אונטען צום נאכט־אַנגעשטעל־טען, וואָס איז געזעסען ביים שרייבטיש א פארשלאָפענער, און האָב איהם ערקלערט, אז איך האָב ניט אויף וואָס צו שלאָפען. פרעגט ער מיך אויך: „האָט איהר באשטעלט בעטגעוואנט?" ווען איך האָב איהם געענטפערט, אז יאָ, האָט ער מיר ערקלערט, אז איהם פאר־דריסט זעהר, אָבער דער אויפזעהער פון בעטגעוואנט, דער וואָס האָט די שליסלען צום סקלאַד, איז שוין אוועק אהיים, און ער קאָן קאָן פאר מיר גארניט טאָן. איך האָב איהם אָנגעפאנגען בעטען, אז ער זאָל מיר טאָן די טובה און זעהן, אפשר קען ער ערגעץ קריגען א מאט־ראַץ, איך וועל איהם פאר זיין טרחה באצאָהלען. ווי נאָר ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „באצאָהלען", האָט ער מיר געהייסען געהן צוריק אין צימער און וואַרטען א ווײַלע, און ער וועט זעהן וואָס ער קען טאָן. עס האָט גענומען א שטונדע צייט, ביז וואנען ער האָט מיר צוזאמענגעשלעפּט א מאטראַץ, א ליילעך, א קישעלע און א קאָלדרע. געטראָגען האָט ער דאָס אין צימער אײנציגווייז. קענטיג, אז ער האָט איבערגעזוכט דעם גאַנצען האָטעל, ביז וואנען ער האָט דאָס פאר מיר געקראָגען.

איך בין געווען זעהר אויסגעמאַטערט פון א גאַנצער נאַכט פאָהרען אין באַהן און א גאַנצען טאָג ארומלויפען איבער'ן שטאָט. אָבער בייז בין איך ניט געווען. איך האָב זיך נאָר געשעמט פאר זיך אַליין, וואָס אין אָדעס, וואָס האָט פארמאָגט אזוי פיל שעהנע האָטעלען, וועלכע איז געווען אפשר די איירָאָפּעאישסטע שטאָט אין רוסלאַנד, ווערט איצט איינער פון די שענסטע האָטעלען פארוואַל־טעט אויף אַזאַ אומפעהיגען און ווילדען אופן.

* * *

איך מוז זאָגען, אז איך בין פריהער קיינמאָל אין אָדעס ניט געווען. דאָך האָב איך אָדעס זעהר גוט געקענט. איך האָב אזוי פיל געהערט וועגען דער שטאָט, אז איך האָב זיך קלאָר פאָרגעשטעלט, ווי זי זעהט אויס. זעהר א סך האָב איך געהערט וועגען אָדעסער פּאָרט, וועלכער פארבינדט רוסלאַנד דורך דעם שווארצען ים מיט דער גאַנצער וועלט. איך געדענק דעם פּאָרט און זיין לעבעדיגקייט פון די באַשרייבונגען אין פארבינדונג מיט דעם „פּאָטיאָמקין"־אויפ־שטאַנד אין 1905. איך געדענק דעם פּאָרט פון דערצעהלונגען פון

מיינע אַמאָליגע פריינט, וועלכע האָבען אין אָדעס געלעבט און האָ־בען אָדעס זעהר גוט געקענט. זיי פלעגען אַלעמאָל רעדען וועגען דעם אָדעסער פּאָרט, ווי וועגען אַ געגענד, וואָס ברויזט, וואָס איז פול מיט קומענדע און אוועקפאָהרענדע שיפען. איך האָב מיט אומ־געדולד געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט צו זעהן דעם פּאָרט.

איך האָב פאַרגעשלאָגען מיינער אַ באַקאַנטער, אַז מיר זאָלען צוגעהן זעהן דעם פּאָרט, און די באַקאַנטע האָט מיר גלייך געזאָגט, אַז איצט איז ביי דעם פּאָרט ניטאָ וואָס צו זעהן, ער איז אָפּגע־שטאָרבען, אַז ער שטעהט אַ וויסטער, אַ פאַר׳יתום׳טער, אַ פאַראור־מערטער. אָבער מיר זיינען אַהין אַוועק.

שטעלט אייך פאָר, אַז אויסער אונז ביידען איז ביים ברעג ים קיינער ניט געווען. אויפ׳ן ים האָב איך ניט נאָר ניט געזעהן קיין שיף, נאָר ביי די ברעגען זיינען אפילו ניט געווען קיין לאָדקעס. אַלץ איז געווען טויט און וויסט. אָט שטעהט אויפ׳ן ברעג פון ים דער אַמאָליגער פּאַלאַץ פון פירשט שערעמעטיעוו. היינט שטעהט דער פּאַלאַץ אַ חרוב׳ער, מיט אויסגעבראָכענע פענסטער, אויסגעריסענע שטיקער ווענט. איהר קוקט אויפ׳ן פּאַלאַץ, און עס פאַרדריסט אייך, ניט וואָס דער קניאַז (פירשט) איז דאָרט איצט ניטאָ, נאָר וואָס די אַלע שעהנע פּאַלאַצען זיינען ניט אויסגענוצט געוואָרען און ניט פאַר־וואַנדעלט געוואָרען אין פּאַלאַצען פאַר ארבייטער, נאָר מען האָט זיי חרוב געמאַכט. און מיט דעם, וואָס מען האָט חרוב געמאַכט די אַלע שעהנע און ניצליכע זאַכען, האָט מען אויך חרוב געמאַכט דאָס לאַנד.

* * *

דעריבאַסאָווסקאַיאַ איז די הויפּט גאַס פון אָדעס.

אָדעס איז בכלל זעהר שעהן געבויט. די גאַסען זיינען ברייטע, גלייכע, און אַ סך בוימער שטעהען ביי די זייטען. די שטאָט מאַכט דעם איינדרוק פון אַ שעהנעם בולוואַר. אַ סך מענשען, וואָס זיי־נען אַליין ניט געווען אין אָדעס פריהער, האָבען אָבער אַ סך געהערט וועגען דער שעהנער און רייכער גאַס „דעריבאַסאָווסקאַיאַ“. זי האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהרע שעהנע געשעפטען, מיט׳ן גרויסען עולם, וואָס האָט שטענדיג שפּאַצירט איבער איהר.

צום ערשטען מאָל בין איך אויף „דעריבאַסאָווסקאַיאַ“ געגאַנ־גען ביי טאָג. די היינטיגע געשעפטען אויף יענער גאַס זיינען אַלץ רעגירונגס־קאָאָפּעראַטיוועז. אריינגעהענדיג אין די געשעפטען, האָב

איך געזעהן פּאַליצעס ,וואָס זיינען געווען טיילווייז ליידיג. עס פעהלט דאָס נויטיגסטע. צום צווייטען מאָל בין איך ארויס אויף דער הויפּט־גאַס אין אָווענט. און מיין גאָט, וואָס פאַר אַן אומעט עס איז דאָ! די גרעסטע צאָהל פון די אַמאָליגע געשעפטען זיינען היינט פארמאַכט. די גאַס איז פּוסט. זעהר ווייניג מענשען שפּאַצירען. אויף יעדען איינעמס פּנים זעהט איהר זאָרג און אומעט. איך פלעג זיך פרעהען, ווען איך פלעג באַגעגענען אַ גרופּע יונגווארג. מיט זייער זאָרגלאָזיגקייט און פרעהליכקייט האָבען זיי פאָרט געבראַכט אין גאַס כאָטש אַ ביסעל לעבען.

אויף מאָרגען אינדערפריה בין איך אריין אין אַ רעסטאָראַן. דער רעסטאָראַן ווערט איצט פּארוואַלטעט פון אַ קאָאָפּעראַטיוו פון אַמאָליגע קעלנער. די טישען זיינען אַלטע, אָבער דאָך טראָגען זיי נאָך סמנים פון דער אַמאָליגער רייכקייט. די ווענט זיינען פאַר־לאָזענע, אָבער עס הענגען נאָך בילדער, וואָס דערמאָנען די אַמאָליגע שעהנע אויסשטאַטונג.

איך האָב זיך אָוועקגעזעצט ביי אַ טיש, און גלייך איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ קעלנער. איך האָב ביי איהם געבעטען עפּעס צו עסען. דאָס איינציגע, וואָס ער האָט מיר געקענט געבען, איז געווען אַ גלאָז טיי, אָדער קאַפע, און שווארצען ברויט מיט פּוטער. איך האָב גע־בעטען נאָך עפּעס צו דעם. אפשר איז דאָ אַ שטיקעל פּארמער־קעז? האָט ער מיר געענטפערט, אז עס איז גאָרניט נישטאָ.

און איך האָב ביי זיך געטראַכט: אָט דאָס איז איצט רוס־לאַנד, דאָס לאַנד פון פּויערים! אָט דאָס איז אוקראַינע, וואָס האָט מיט איהר תבואה געשפּייזט אייראָפּע; אוקראַינע, דאָס לאַנד פון די אומענדליכע סטעפּעס, וואו עס האָבען זיך אַמאָל געפּיטערט אזוי פיל פיה! אָט דאָס איז איצט אוקראַינע, דאָס לאַנד פון מילך און פּוטער! אין אוקראַינע איז די לעבעדיגסטע שטאָט געווען אָדעס, וואָס האָט געשפּרודעלט מיט לעבען און איז געווען פול מיט לוקסוס. און אָט אין דער אָדעס איז היינט נישטאָ קיין שטיקעל פאַר־מער־קעז אויף פריהשטיק.

ווען איך בין אָוועקגעפאָהרען פון אָדעס, האָב איך מיר גע־טראַכט, אז אויב אימיצער וויל זעהן, ווי רוסלאַנד איז חרוב געוואָ־רען, איז איהם גענוג צו זעהן דעם חורבן פון אָדעס. דורך אָדעס קען ער זעהן גאַנץ רוסלאַנד.

די אידישע בעלי-מלאכות

די האָפענונג אויף מאַשינען פון אַמעריקע. — די קאָאָפּעראַטיוועז אין מאָסקווע, אָדעס, קיעוו, באָריסאָוו. — זלמן דער שניידער וויל זיין אַן אַרבייטער פאַר זיך אַליין.

אין דעם אידישען לעבען פון די גרעסערע שטעט אין סאָוועט־רוסלאַנד שפּילען איצט אַ באַדייטענדע ראָלע די אידישע לייה־און־שפּאַר־קאַסעס. זיי ווערען אין אַ גרויסער מאָס אונטערשטיצט סיי פון דעם „אַגראָדזשאָינט“ סיי פון דעם „אָרט“. אין די מעהרסטע שטעט באַשעפטיגען זיך ארום די לייה־און־שפּאַר־קאַסעס די אַמאָליגע אידישע געזעלשאַפטליכע טוער, וועלכע מען האָט ניט געקאָנט פאַרטרייבען פון אידישער געזעלשאַפטליכער אַרבייט.

זעלטען ווער פון זיי וויל מיט אייך רעדען וועגען דער פּאָליטישער זייט פון דעם לעבען אין סאָוועט רוסלאַנד. איך האָב ביי עטליכע געלעגענהייטען געפּרואווט פאַרפיהרען מיט זיי אַ שמועס וועגען דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, אין וועלכער דאָס גאַנצע לאַנד געפינט זיך, אָבער סאַי די פיהרער פון לייה־און־שפּאַר־קאַסעס, און סאַי פונ׳ם „אָרט“ ווילען מיט אייך וועגען דעם ניט רעדען. אויף די פראַגען, וואָס איך האָב זיי אַלעמען געשטעלט, פראַגען, וואָס האָבען ניט קיין דירעקטע שייכות צו זייער אַרבייט, האָבען זיי מיר גלייך געענטפערט, אַז זיי און זייערע אינסטיטוציעס האָבען פאַר זיך נאָר איין אויפגאַבע, און דאָס איז: צו העלפען דער הילפלאָזער אידישער באַפעלקערונג. אַזוי גרויס איז זייער מורא צו רעדען איבער אַלגעמיינע פראַגען, וואָס האָבען טיילווייז אַ שייכות אויך צו זייער טעטיגקייט, אַז ביי מיר פלעגט דאָס אַרויסרופען אַ ווידער־געפיהל. זעלטען איהר זאָלט טרעפען אַ קאָמוניסט צווישען די פיהרער פון די אויבען־דערמאָנטע אינסטיטוציעס, איינשליסענדיג דעם אייראָפּעאישען „אָרט“. אָבער ווען מיר פלעגט אויסקומען מיט זיי צו רעדען וועגען דער שרעקליכער לאַגע, אין וועלכער די אידען געפינען זיך, וועגען דעם מאַנגעל אין ברויט און פּראָדוקטען אין לאַנד, פלעגען זיי אַלעמאָל אויסזוכען אַלערליי תירוצים, ווי אַזוי דאָס אַלץ צו

פֿאַרענטפֿערען. און מיט דעם, פֿאַרשטעהט זיך, אויך פֿאַרענטפֿערען די סאָוועט־רעגירונג. איך האָב געפֿיהלט, אַז יעדער איינער פֿון זיי וויל, אַז איך זאָל אוועקפֿאָהרען פֿון רוסלאַנד מיט אַ גוטער מיינונג ניט נאָר וועגען זייער אַרבייט, נאָר אויך וועגען דעם סיסטעם, וועגען דער רעגירונג פֿון לאַנד.

די לייה־און־שפּאָר־קאַסעס זיינען אין די שטעט אַן אויסערגעוועהנליך גרויסער ערפֿאָלג. אַ סך געוועזענע געשעפֿטס־מענשען, וואָס האָבען אָפּגעשפּאַרט פֿון פֿריהער אַ ביסעל געלט, האָבען דאָס ניט געוואָלט אַריינטראָגען אין די רעגירונגס בענק. זיי איז געווען באַקוועמער אַריינצוטראָגען זייערע געלטער אין די לייה־און־שפּאָר־קאַסעס, כאָטש אַזעלכע קאַסעס האָבען אויך די ערלויבניש פֿון דער רעגירונג, און די רעגירונג האָט דעם פֿולען קאָנטראָל איבער זיי. אויסער דעם זיינען די לייה־און־שפּאָר־קאַסעס ספּעציעל פֿאַרבונדען מיט די „קוסטאַרען“, די בעל־מלאכות. זיי, די לייה־און־שפּאָר־קאַסעס, קויפֿען פֿון דער רעגירונג פֿאַר די „קוסטאַרען“ רויה־מאַטעריאַל, נעמען דערנאָך צו פֿון די „קוסטאַרען“ די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען און פֿאַרקויפֿען זיי צו די רעגירונגס־קאָאָפּעראַטיווען.

פֿאַר אַ פּריוואַטען מענשען איז אין רוסלאַנד זעהר שווער צו קריגען רויה־מאַטעריאַל, ווייל די רעגירונג קאָן איהם ניט קאָנטראָלירען. זי האָט מורא, טאָמער וועט דער מענש מיט'ן רויה־מאַטעריאַל ספּעקולירען. דערפֿאַר גיט זי דעם רויה־מאַטעריאַל נאָר צו די לייה־און־שפּאָר־קאַסעס, און זיי זיינען שוין פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר אַלץ, וואָס זיי קויפֿען פֿון דער רעגירונג. די לייה־און־שפּאָר־קאַסעס זיינען די פּאַקטישע פּאַרמיטלער צווישען די „קוסטאַרען“, וועלכע אַרבייטען אויס דעם פּראָדוקט, און די רעגירונגס־קאָאָפּעראַטיווען, וועלכע פֿאַרקויפֿען די אַרטיקלען צום קונה. ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין „טרוד־קרעדיט“ אין מאָסקווע, האָב איך דאָרטען געפֿונען אַן אויסערגעוועהנליך קאָכעדיג אידיש לעבען. מענשען אין די הונדערטער האָבען געבראַכט זייערע פּראָדוקטען, פֿאַרשריבען דאָס אין די ביכלאַך און צוריקגעקראָגען דעם נויטיגען רויהען מאַטעריאַל ווייטער צו אַרבייטען.

אין מאָסקווע געפֿינען זיך איצט אַרום ניין טויזענט אידישע „קוסטאַרען“, וועלכע אַרבייטען אויס פֿאַרשידענע אַרטיקלען, — מעטאַליסטען, שניידער, גאַרבער, שוסטער, האָלץ־אַרבייטער, סוועטער און זאָקען־אַרבייטער און אַנדערע. אָהן די לייה־און־שפּאָר־

קאָסעס קענען זיי זיך ניט אַ קער טאָן. און דערפאַר איז אין די לייה־און־שפּאָר־קאַסעס אַזוי לעבעדיג, און זיי אַרבייטען מיט אַזאַ גרויסען ערפאָלג.

די טוער פון די לייה־און־שפּאָר־קאַסעס איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. די „יעווסעקציע" (אידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) האָט מורא פאַר יעדער אידישער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, ווייל אַזאַ טעטיגקייט קען פון דער „יעווסעקציע" ניט קאָנטראָלירט ווערען. זיי, די „יעווסעקען", (אידישע קאָמוניסטען) טוען אַלצדינג, דעריבער, צו שטערען יעדע אידישע געזעלשאַפטליכע אַרבייט. די אַלגעמיינע רעגירונג איז איצט זעהר שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער קוסטאַר־פּראָדוקציע, אין דער אַרבייט פון בעל־מלאכות, זי פאַרשטעהט די באַדייטונג פון די אידישע און ניט אידישע „קוסטאַרען". די רוסישע רעגירונג האָט גאַנץ אַנדערע באַציהונגען צו דער אידישער „קוסטאַר"־אינדוסטריע, ווי עס האָבען די אידישע קאָמוניסטען. און דערפאַר קאָנען די אידישע קאָמוניסטען צופיל ניט שטערען און ניט שעדיגען דער אידישער „קוסטאַר"־באַוועגונג. איך האָב פריהער געזאָגט, אַז אַ גרויסע הילף גיט דער „קוסטאַר"־באַוועגונג צווישען אידען דער „אַגראָ־דזשאָינט" און דער „אָרט". זייער הילף באַשטעהט אין פאָלגענדעס: מיט דער ערלויבעניש פון דער סאָוועט־רעגירונג פיהרען זיי אריין פון אויסלאַנד רויה־מאַטעריאַל און גיבען דאָס צו די לייה־און־שפּאָר־קאַסעס, וועלכע צוטיילען דאָס צווישען די „קוסטאַרען". זיי פיהרען אויך אריין פאַר די אידישע „קוסטאַרען" די נויטיגע מאַשינעס, וועלכע מאַכען די אַרבייט פון „קוסטאַר" לייכטער און דעם אויסגעאַרבייטען פּראָדוקט בעסער.

* * *

ווען איך בין געווען אין מאָסקווע, האָט מיר איינער פון די פאַרטרעטער פון „טרוד־קרעדיט" דערצעהלט, אַז מיט אומגעפעהר אַ דריי וואָכען צוריק האָט דער „אָרט" געגעבען דעם „טרוד־קרעדיט" פאַר זיבען טויזענט פינף הונדערט דאָלאַר וואָל. זיי האָבען דאָס פאַרקויפט צו די „קוסטאַרען" און האָבען דערפאַר גענומען פופצעהן טויזענט דאָלאַר. ווען די „קוסטאַרען" האָבען געבראַכט די פאַרטיגע אַרטיקלען אויסגעאַרבייט פון דעם וואָל, האָבען זיי אָפּגענומען ניין און צוואַנציג טויזענט דאָלאַר. דער פאַרטיגער אַרטיקעל איז צו די קאָאָפּעראַטיווען פאַרקויפט געוואָרען אַ סך ביליגער, איידער דער־

זעלבער ארטיקעל פון באוועל, וואס מ'קויפט איין אין רוסלאנד. און דער ארטיקעל, וואס ווערט אויסגעארבייט פון די רוסישע באוועל, איז א סך אן ערגערער, איידער דער ארטיקעל, וואס איז געמאכט פון דעם אויסלענדישען באוועל. פאר די 50 פראצענט ריוח, וואס דער „טרוד־קרעדיט" האט געמאכט ביים פארקויפען די באוועל, איז געקויפט געווארען נאך רויה־מאטעריאל אין אויסלאנד, כדי צו געבען א מעגליכקייט דעם אידישען „קוסטאר" צו ארבייטען.

איך האב איינמאל געפרעגט איינעם פון די „קוסטארען", צי עס פארדריסט איהם ניט, וואס דער „טרוד־קרעדיט" רעכענט פאר דעם רויה־מאטעריאל צוויי מאל אזוי פיל. און ער האט געענטפערט, אז כאטש דער „טרוד־קרעדיט" האט פאר'ן באוועל גערעכענט טייערער מיט פופציג פראצענט, איז ער דאך ביליגער איידער דער ערגערער באוועל, וואס מען קויפט אין רוסלאנד. און ארבייטען מיט דעם אויסלענדישען באוועל איז א סך בעסער. עס ארבייט זיך שנעלער, דעם ארטיקעל קאן מען אויך שנעלער פארקויפען און פארקויפען דערצו ביליגער. און דער אידישער „קוסטאר" האט צוגעגעבען: „ווען דער „טרוד־קרעדיט" וואלט גענומען טייערער און וואלט דאס געלט פארטאן אויף עפעס אנדערע זאכען, וואלט דאס אונז געוויס פארדראסען. אבער מיר ווייסען דאך, אז זיי טוען דאס צוליב דעם, כדי אונזער לאגע זאל פארבעסערט ווערען. דערפאר זיינען מיר דעם „טרוד־קרעדיט" אזוי דאנקבאר פאר דער אמת גוטער און געטרייער ארבייט, וואס ער טוט פאר אונז".

אין מאסקווע ארבייט, אויסער דעם „טרוד־קרעדיט", אן עהנליכע געזעלשאפט מיט'ן נאמען „סאמאדעיאטעלנאסט". אין דער ארגאניזאציע „טרוד־קרעדיט" באלאנגען מעהרסטענס „קוסטארען", וואס זיינען פריהער געווען געשעפטס־מענשען, הײנט רופט מען זיי דארטען „דעקלאסירטע עלעמענטען", דאס הייסט, מענשען, וואס געהערען ניט צו קיין באשטימטען קלאס. אין דער „סאמאדעיאטעלנאסט" ווידער זיינען אנגעשלאסען די אמאליגע בעל־מלאכות. אבער ביידע לייה־און־שפאר־קאסעס טוען די זעלביגע ארבייט. דער „טרוד קרעדיט" איז א סך ערפאלגרייכער אין דער ארבייט, ווייל אן דער שפיץ פון דער ארגאניזאציע שטעהען מענשען, וואס זיינען ערשט ניט לאנג צוריק געווען געשעפטסמענשען, און זיי ווייסען בעסער, ווי זיך א קער צו געבען, ווי אזוי צו מאכען זייער געזעלשאפט פאר אן ערפאלג.

די גרעסטע אידישע „קוסטאר"־געזעלשאפט געפינט זיך אין אָדעס. זי הייסט „פאָרם קוסט קרעדיט". זי איז פארבונדען מיט ארום זעקס טויזענט אידישע פאמיליעס, וועלכע ארבייטען אויס זייערע ארטיקלען ביי זיך אין הויז. זיי טאָרען אָבער ניט באשעפ־טיגען ניט קיין ארבייטער, ניט קיין לערן־אינגלאך. אָן דער שפּיץ פון דער געזעלשאפט שטעהען אויסגעשפּראָכענע קאָמוניסטען, און זיי קריגען א סך קרעדיט סיי ביי דער אלגעמיינער רעגירונגס־באנק פון אוקראינע, סיי ביים „אגראָ־דזשאָינט" און אויך ביי דער „איקא". די ארום זעקס טויזענט „קוסטארען" ארבייטען מיט די לאנד־קאָאָפּעראטיוון, פאר וועלכע זיי ארבייטען אויס א גאנצע ריי ארטיקלען. פון דעם אלעמען מאכען די אידישע „קוסטארען" א נישקשה'דיגען לעבען.

* * *

אין אָדעס איז דאָ נאָך א „קוסטאר"־געזעלשאפט, וואָס פאר־טרעט די „קוסטאר"־קאָאָפּעראטיוון. איהרע קאָאָפּעראטיוון זיינען גאנץ גוט אוועקגעשטעלט געוואָרען, און די הילף, וואָס די קאָאָפּע־ראטיוון קריגען, איז אן אומגעהויערע. די „קוסטאר"־קאָאָפּעראָ־טיוון זיינען א סך ארויסגעהאָלפען געוואָרען פון דעם „אָרט". לויט אן אלטען אָפּמאך פון „אָרט" מיט דער סאָוועט־רעגירונג, האָט דער „אָרט" געקענט אריינברענגען א גאנצע רייהע מאשינען פאר די „קוסטאר"־קאָאָפּעראטיוון און זייער פּראָדוקציע פארבעסערען און פארגרעסערען. די „קוסטאר"־קאָאָפּעראטיוון אין די גרויסע שטעט מאכען ניט קיין שלעכטען איינדרוק. זיי זיינען א וויכטיגע קראפט אין דעם אידישען לעבען פון לאנד. אלע געזעלשאפטליכע אידישע טוער, סיי קאָמוניסטען, סיי ניט קאָמוניסטען, נאָר וועמעס הערצער זיינען ניט גלייכגילטיג צום לעבען פון די אידען אין לאנד, האָבען זיך צוזאמענגעקליבען ארום דער „קוסטאר"־באוועגונג, און זיי טוען די ארבייט מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט. זיי זעהען אין דער אנטוויקלונג פון דער „קוסטאר"־באוועגונג צווישען אידען א לינדערונג פון דער שרעקליכער לאגע, אין וועלכער די אידען אין רוסלאנד געפינען זיך.

פון א סך קאָמוניסטען און קאָמוניסטישע סימפּאטיקער, מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען צו רעדען וועגען דער אידישער נויט, פלעג איך הערען אלץ איין ענטפער: „מיר קאָנען זיך ניט העלפען, מיר בויען קאָמוניזם, און דאָס איז אן אָרדנונג, וועלכע דער היינ־

טיגער דור קען ניט באנעמען. וואָס שנעלער דער דור וועט אויס־שטאַרבען, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר רוסלאַנד". ווען איך פלעג הערען דעם ענטפער, פלעגט אַ שווידער דורכגעהן איבער מיין לייב. איך פלעג טראַכטען, ווי שרעקליך עס איז, ווען אַ רעגירונג דאַרף זיצען און וואַרטען ביז וואַנען אַ גאַנצער דור וועט אויסשטאַרבען, כדי זיי זאָלען קאָנען זיין ערפאָלגרייך. אָבער אויסערדעם פלעג איך טראַכטען, ווי גרויזאַם מענשען זיינען דאָס געוואָרען אין רוסלאַנד. אַליין איז מען זאַט געוואָרען, און פאַר די, וואָס הונגערען, וואָס זו־כען אַרבייט און קאָנען עס ניט קריגען, פאַר זיי איז דאָ איין ענט־פער: זאָלען זיי וואָס שנעלער אויסשטאַרבען! מיר איז אָבער געווען זעהר אָנגענעהם צו באַגעגנען זיך מיט די פראַקטישע טוער פון די קאָאָפעראַטיווען, קאָמוניסטען און ניט־קאָמוניסטען, וועלכע געהערען ניט צו יענעם סאָרט גרויזאַמע מענשען, וואָס זאָגען „זאָ־לען זיי אויסשטאַרבען", נאָר דורך אָנגעשטריינגטער פראַקטישער אַרבייט פרואווען זיי די נויט צו פאַרקלענערען, דעם אומגליק שוואַ־כער צו מאַכען.

אויך אין קיעוו איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט דער אידישער קוסטאַר־קאָאָפעראַטיוו־באַוועגונג, וועלכע איז דאָרטען, אַ דאַנק דעם „אָרט", זעהר אַ לעבעדיגע און זעהר אַן אינטערעסאַנטע איך בין געווען אין קיעוו אויף פאָדאָל אין אַ קוסטאַר־קאָאָפעראַטיוו פון זאָקען. דאָרטען אַרבייטען אַרום אַכציג מאַשינעס. עס אַרבייטען מענער, פרויען און אפילו גאָר יונגע קינדער. זיי האָבען פריהער די אַרבייט ניט געקאָנט, זיי האָבען פריהער באַלאַנגט צו דעם „דעק־לאַסירטען עלעמענט", זיי זיינען געווען קינדער פון פאַרמעגליכע עלטערען. און ווען ניט די פאַבריק, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געוואָרען פון די יונגע קינדער, און פון די מענער און פרויען, וואָס אַרבייטען דאָרטען!

* * *

ווען איך האָב באַזוכט די קוסטאַר־קאָאָפעראַטיוועו פון שניי־דעריי, שוסטעריי, סוועטעריי, האָט מען מיר אין יעדען פלאַץ אָנ־געצייגט די מאַשינען, וועלכע דער „אָרט" האָט צוגעשטעלט פאַר די אידישע קאָאָפעראַטיוועו אין רוסלאַנד. דער „אָרט" האָט גע־האַט און האָט נאָך איצט אויך אַן אָפמאַך מיט דער סאָוועט־רעגי־רונג וועגען צושטעלען מאַשינען צו די קוסטאַר־קאָאָפעראַטיוועו פון רוסלאַנד. די מאַשינען, וואָס ווערען אַריינגעפיהרט דורך דעם „אָרט"

פאַר די קאָאָפּעראַטיוועז, זיינען פריי פון גרענעץ־אָפּצאָהלונגען. דאָס איז אַ געוואַלדיגע טובה פאַר די אידישע קאָאָפּעראַטיוועז, ווייל די גרענעץ־אָפּצאָהלונגען באַטרעפען אומגעפעהר פערציג פּראָצענט פון דעם וואָס יעדע מאַשין קאָסט.

רוסלאַנד און די רוסישע באַפעלקערונג זיינען אין גאַנצען אָפּ־געריסען פון אייראָפּע און אַמעריקע. זיי הויבען ניט אָן צו וויסען, וואָס פאַר אַ נייע מאַשינען עס ווערען ארויסגעגעבען אין אויסלאַנד צו פאַרלייכטערען און פאַרשנעלערען די אַרבייט. און דער „אָרט“ איז די איינציגע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד, וועלכע אינפאָרמירט די אידישע קוסטאַר־קאָאָפּעראַטיוועז וועגען די נייע מאַשינען, וואָס געהען אַרוים. און דער „אָרט“ שטעלט אויך צו די מאַשינען, פאַר וועלכע די קוסטאַר־קאָאָפּעראַטיוועז צאָהלען אויס וואָס עס האָט געקאָסט. ווען ניט דער „אָרט“, וואָלטען זיי זיכער ניט געהאַט קיין שום מעגליכקייט צו באַקומען אַזעלכע מאַשינען. אין קיין לאַנד, וואו אידען געפינען זיך, איז דער „אָרט“ ניט אַזוי פּאָפּולער, ווי אין רוסלאַנד. דאָס איז זעהר לייכט צו פאַרשטעהן. אין די שטעט און שטעטלעך, וואו עס געפינט זיך אָן אָרימע אידישע באַפעלקערונג, איז דער „אָרט“ די איינציגע אָרגאַניזאַציע, וואָס בויט אַ אידישען עקאָנאָמישען לעבען, וואָס פאַרלייכטערט די ליידען פון דער אידי־שער באַפעלקערונג, אויף וויפיל עס איז בכלל מעגליך לייכטער צו מאַכען די לאַגע אונטער די רוסישע אומשטענדען.

אין מינסק, אין אָדעס און אין אַנדערע שטעט איז דאָ אַ גאַנ־צע רייהע פאַך־שולען און אָוונט־קורסען, וואו אידישע אַרבייטער לערנען זיך זייער פאַך, ספּעציאַליזירען זיך אין דער אַרבייט. די דאָזיגע שולען און קורסען ווערען אויפגעהאַלטען פון „אָרט“. נאַ־טירליך, גיט אויך די רעגירונג פאַר דעם גרויסע סומען געלט. אָבער די רעגירונג וואָלט גאָרנישט געטאָן, ווען עס וואָלט ניט געווען אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך מיט דיזער אַרבייט באַשעפטיגען און פאַר דעם זאָרגען.

ווען איך בין געווען אין קיעוו, האָב איך זיך אין דער אָרגאַ־ניזאַציע „אָרט“ באַקענט מיט אַזאַ פאַל: עס איז געקומען אַ פאַר־טרעטער פון אַמעריקע פון דער בעלאָצערקאָווער רעליעף אָרגאַני־זאַציע. די איינוואוינער פון שטעטעל האָבען איהם באַגעגענט מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט זיי מיט עפּעס ארויסהעלפען. דער פאַר־טרעטער, (וועמעס נאָמען, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, איז בע־

נעדיקט), האָט זיי דאָרטען ערקלערט, אז די בעלאַ־צערקאָווער לאַנדסלייט פון אַמעריקע קענען געבען אַ באַדייטענדע סומע געלט, אויב מען קען דאָס געלט פאַרווענדען אין קאָנסטרוקטיווער הילף. ער האָט פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל בויען אין שטאָט אַ פאַבריק, אויב מעגליך, פון געהילץ, ווייל דער רויהער מאַטעריאַל אין רוסלאַנד איז דאָ. דער פּלאַן איז געווען, אז אַפאָר הונדערט אידען זאָלען קענען זיין באַשעפטיגט אין דער פאַבריק. מען האָט ארויסגערופען קיין בעלאָצערקאָוו דעם פאָרטרעטער פון „אָרט" צו פאַרהאַנדלען מיט דער רעגירונג וועגען עפענען אַזאַ פאַבריק אין שטאָט. נאָך אַ גאַנצער רייהע פאַרהאַנדלונגען איז געשלאָסען געוואָרען אַ קאָנטראַקט מיט דער שטאָט־רעגירונג, אז זי, די שטאָט־רעגירונג, וועט געבען אַ געביידע אויף אַ פאַבריק, און אויף אויסשטאַטען די פאַבריק וועט זי געבען אזוי פיל געלט, וויפיל אַמעריקע וועט שאַפען. אויב, צום ביישפיל, די בעלאַ־צערקאָווער לאַנדסלייט וועלען קענען שאַפען צעהן טויזענט דאָלאַר אויף אויסשטאַטען די פאַבריק, וועט די שטאָט־רעגירונג אויך געבען צעהן טויזענט דאָלאַר, און אַ צווייהונדערט מענשען וועלען דאָרטען קענען זיין באַשעפטיגט. פאַר די בעלאַ־צערקווער „דעקלאַסירטע" אידען, וועלכע קענען דאָרטען ניט קריגען קיין ארבייט, וואָלט אַזאַ פאַבריק געווען אַ גליק.

מיט דער ערלויבעניש פון דער סאָוועט־רעגירונג, פּלאַנעוועט איצט דער „אָרט" עהנליכע פאַבריקען, געבויט פון די אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפטען אין די שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד.

די אידישע קאָלאָניזאַציע איז טאַקע געווען אַ גרויסער אויפטו פאַר די רוסישע אידען, וואָס האָבען זיך באַזעצט אויף ערד. אמת, זיי האָבען נאָך אין זייערע קאָלאָניעס ניט געזעהן קיין איין ליכטיגען טאָג. אָבער זיי האָבען כאָטש אַ מעגליכקייט צו לעבען מיט דער האָפנונג, אז אין אַ יאָהר ארום, אין צוויי יאָהר ארום וועלען זיי אפשר אויך קענען לעבען ווי מענשען און וועלען זיך באַפרייען פון דער נויט און עלענט, אין וועלכער זיי האָבען זיך געמאַטערט אין זייער שטעטעל. אָבער אַ פיל גרעסערער און וויכטיגערער אויפטו איז געווען צו שאַפען פּלעצער אין די שטעט און שטעטלאַך, וואו אידען זאָלען קענען ארבייטען און גלייך אויפ'ן אָרט פאַרדינען אויף ברויט.

איצט האָט דער „אָרט" געשלאָסען נאָך אַ קאָנטראַקט מיט דער סאָוועט־רעגירונג וועגען צושטעלען מאַשינען פאַר איינצעלנע פער־

זאָנען. אַזעלכע מאַשינען וועלען אויך זיין פריי פון שטייערען. די רוסישע אידען לייגען זעהר אַ סך האָפנונג אויף דעם נייעם קאָנטראַקט פון „אָרט“ מיט דער סאָוועט־רעגירונג. זיי זיינען זיכער, אַז מיט דעם וועלען זיי קענען געראַטעוועט ווערען.

דער אמת איז, אַז צושטעלען מאַשינען פאַר איינצעלנע פערזאָנען איז גאָרניט אַזאַ לייכטע זאַך אין אַ לאַנד, וואו מ׳האָט מורא פאַר „ספּעקולאַציע“, וואו פאַרקויפען אַ נאָדעל פריוואַט הייסט ווערען אַ פאַרברעכער. אין אַזאַ לאַנד איז זעהר שווער אַריינצובריינגען מאַשינען פאַר פריוואַטע מענשען. פאַר יעדען איינציגען אַפּליקאַנט, וואָס וויל קריגען אַ מאַשין, דאַרף מען באַקומען אַ באַזונדערע גוטהייסונג פון דער רעגירונג. די רעגירונג האָט פאַר דעם אַ ספּעציעלע ביוראָ, וואָס פאָרשט אויס די געזעלשאַפטליכע לאַגע פון דעם, וואָס פאַרלאַנגט די מאַשין. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דערביי מוזען אַרויסקומען זעהר אַ סך שוועריגקייטען און שטערונגען. פונדעסטוועגען זיינען שוין איצט אין רוסלאַנד פאַרהאַן אַרום צוויי הונדערט אידישע צענטערס, וואו די רעגיסטראַציע פאַר מאַשינען געהט צו זעהר שנעל.

אַ סך פון אונז דאָ זיינען אונטער דעם איינדרוק, אַז אויב אונזערע קרובים ווענדען זיך צו אונז נאָך הילף, איז דאָס ניט צוליב דעם, ווייל זיי נויטיגען זיך טאַקע, נאָר ווייל זיי זיינען שוין צוגעוואוינט געוואָרען צו שנאָררעריי. עס קען זיין, אַז אַזעלכע קרובים־„שנאָרער“ זיינען פאַרהאַן, אָבער יעדענפאַלס איז זייער צאָהל זעהר קליין. פאַרקערט, די גרעסטע צאָהל אידען אין רוסלאַנד ווילען זיך פון דער שנאָררעריי באַפרייען. זיי איז שוין מיאוס געוואָרען דער שטענדיגער בעטלען. און אַזוי שנעל, ווי זיי האָבען דערזעהן, אַז דורך אַ מאַשין, געשיקט פון אַן אַמעריקאַנער קרוב, וועלען זיי האָבען די מעגליכקייט אַליין צו אַרבייטען און פאַרדינען, האָט דאָס ביי זיי אַרויסגערופען די גרעסטע פרייד און באַגייסטערונג. זיי האָבען באַקומען אַ האָפנונג, אַז זיי וועלען קענען ווערען מיט מענשען גלייך. אין אַלע אָפיסעס פון „אָרט“ פלעג איך אַלע טאָג באַגעגענען מאַסען אַזעלכע אידען. אין קיעוו און אין אָדעס, אין מאָסקווע און אין מינסק האָב איך געזעהן אין די אָפיסעס פון „אָרט“ דעלעגאַציעס פון צעהנדליגער אַרומיגע שטעטלאַך, וועלכע זיינען ספּעציעל געקומען אויסצוגעפינען איינצעלהייטען, ווי אַזוי די אידען פון זייער שטעטעל קאָנען קריגען מאַשינען פון זייערע קרובים אין אַמעריקע.

אין די גרויסע שטעט זיינען די קוסטאר־קאָאָפּעראַטיוון אוועק־געשטעלט געוואָרען מעהר אָדער וועניגער לייטיש. אין די קלענערע שטעטלעך זעהען זיי אויס שלעכט. צוליב דעם, וואָס זיי זיינען ווייט פון די שטעט, וואו דער „אָרט“ ארבייט, האָבען זיי ניט געקאָנט זיך באַנוצען מיט דער הילף פון „אָרט“. אָבער אין אלע שטעט און שטעט־לעך געפינען זיך קוסטאר־קאָאָפּעראַטיוון.

אן איינצעלנער „קוסטאר“, א פּריוואַטער בעל־מלאכה, קען ניט קריגען פון דער רעגירונג קיין רויה־מאַטעריאַל. די רעגירונג האָט די בעלי־מלאכות געצוואונגען זיך צו פאַראייניגען אין קאָאָפּעראַטי־ווען. יעדער קאָאָפּעראַטיוו אין א קליין שטעטעל זעהט אויס, ווי א צוזאַמענגעשלעפּטע סטאַדע, וואָס קען ניט לעבען גוט צווישען זיך. א סך פון זיי קלאָגען אויף זייער שיקזאַל, וואָס מען האָט זיי גע־צוואונגען צו אַרבייטען צוזאַמען.

* * *

זלמן דער יתום איז א שניידער. ער איז אַמאָל געווען איינער פון יענע שניידער, וואָס האָבען זיך אין שטאָט גערעכענט פאַר גוטע בעלי־מלאכות. מיר האָבען איהם אריינגענומען אין „בונד“, אין א קרייז, וואו מען האָט געלערענט קאַוטסקי'ס „ערפורטער פּראָגראַם“. ווען דער לערנען פלעגט זיך ענדיגען, פלעגט זלמן ווערען א לעבע־דיגער. ער האָט דעמאָלט געקענט רעדען וועגען שניידעריי, האַלטען אייך פאַר'ן לאַץ און אָנווייזען אייך די חסרונות פון אייער אנצוג, עקזאַמינירען די שטעפּעלעך ביים קעשענע. ער האָט גערעדט וועגען דעם אַלצאיינס ווי א לערנער רעדט וועגען דער נייער בלאַט גמרא, וואָס ער האָט אָפּגעלערענט.

היינט איז שוין זלמן אין די פערציגער. ער זעהט אויס א סך עלטער. זיין פּנים דערצעהלט אייך די געשיכטע פון דעם ביטערען לעבען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע צעהן־פופצעהן יאָהר. ווען איך בין אריינגעגאַנגען אין איינעם פון די שניידער־קוסטאר־קאָאָפּעראַטיוון אין דער שטאָט באָריסאָוו, האָב איך דאָר־טען דערזעהן זלמנ'ען. מיר האָבען זיך באַגעגענט ווי צוויי אַלטע באַ־קאַנטע. דער צימער פון קאָאָפּעראַטיוו, וואו עס האָבען געאַרבייט ארום א צעהנדליג מענשען, איז געווען א קליינער, א פאַרשטיקטער. ווען מיר זיינען אריין אין צימער זאַלבעדריט, האָבען מיר ניט גע־האַט וואו זיך א קער צוטאָן.

זלמן איז געווען זיכער, אַז איך בין אויך שולדיג אין דעם, וואָס

מען האָט איהם אריינגעשפּאַרט אין דעם קאָאָפּעראַטיוו, מיט „נאַ־טשאַלסטווע“, מיט די מאַכטהאָבער, האָט ער מורא צו רעדען וועגען זיין ביטערען שיקזאַל. אָבער איך בין זיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, מיט איהם צוזאַמען אין חדר געגאַנגען, אויף די אייז־גליטשען זיך געשפּילט, מיט אברהם דעם שמש זיך גערייצט. איז כאָטש ער האָט מיך אויך אָנגענומען פאַר אַ „נאַטשאַלניק“, פאַר אַ באַאַמטען, האָט ער דאָך גענומען אויסגיסען פאַר מיר זיין ביטער האַרץ.

— וואָס האָט אייך געאַרט — זאָגט ער צו מיר — אַז איך בין געזעסען אין מיין הויז און געאַרבייט און געמאַכט אַן אָרעמען לע־בען? צוליב וואָס האָט מען מיך אריינגעשפּאַרט אַהער און מען האָט לעבען מיר אַוועקגעזעצט אַ מענשען, וואָס איז קיינמאָל קיין שניי־דער ניט געווען. און איך דאַרף ניט נאָר איהם לערנען די אַרבייט, נאָר איך דאַרף איהם נאָך אויך אָפּגעבען אַ טייל פון מיינע פאַר־דינסטען, ווייל ער נעמט אַ גלייכען חלק פון דעם, וואָס מיר ביידע אַרבייטען אויס. ווען איך זאָל ניט דאַרפען איהם לערנען די אַר־בייט, וואָלט איך אַליין אַ סך מעהר אויסגעאַרבייט. ווער האָט דאָס איצט כח — זאָגט ער צו מיר — צו אַרבייטען פאַר צווייען? איך בין צופרידען, אַז איך קען מאַכען אַ לעבען פון מיין שווערער אַר־בייט פאַר מיר און מיינע קינדער. וואָס האָבען זיי אונז דאָ צוזאַ־מענגעשפּאַרט ווי מייז אין דעם פינסטערען צימער, וואו מיר זאָלען האַסען איינער דעם אַנדערען, וואו מיר זאָלען זיך שטענדיג אַרומ־קריגען? וואָס וואָלט זיי געאַרט, ווען יעדער איינציגער פון אונז וואָלט געאַרבייט ביי זיך אין דער היים? מיר וואָלטען דאָך געקאָנט מעהר אויסאַרבייטען, און ניט עסען זיך דאָס האַרץ, און ניט טראָגען קיין האַס, קיין ביטערקייט איינער צום צווייטען?

„וואָלטען זיי כאָטש געגעבען נייע מאַשינען — זאָגט ער ווייַ־טער — אַ געראַמערען פּלאַץ אויף צו אַרבייטען, נאָדלען, ווען מען דאַרף, אייזענס אויף צו פּרעסען, וואָלט נאָך אפשר געווען צו דערליי־דען. אָבער אָהן מאַשינען, אָהן שערען, אָהן פּרעס־אייזענס, גיעה, ניי זיי בגדים, גיעה זיי אַ שניידער!“

ווען איך האָב אויסגעהערט זלמן'ס טענות, מאַך איך צו איהם: „אָבער דערפאַר בויסטו דאָך קאָמוניזם.“

— אַז אָך און וועה — רופט זיך אָפּ זלמן — קאָמוניזם, זאָגסטו, איז דאָס? אַזאַ מאַטערניש, אַ לעבען וואָס מ'ווערט אויס־געריסען, אַ לעבען וואָס מען ווערט אַזוי פאַרפינסטערט, האָט איהר גאָר אַ נאָמען געגעבען קאָמוניזם!

וואָס איך האָב געזעהן אין די אידישע קאָלאָניעס

די אידישע קאָלאָניעס אין זיד־רוסלאַנד און אין ווייס־רוסלאַנד. — פאַר־וואָס די „קאָלעקטיווע" ווירטשאַפט ווערט אָפּגעשטעלט. — אַ פאַרגלייך צווישען אידישע און קריסטליכע פאַרמערס. — די אידישע יונגעלייט צולויפען זיך פון דאָרף. — די לאַגע פון דער פרוי. — בהמות „בורזשווי־קעס" און פראָלעטאַרישע קיה. — „דער נייער משיח פאַר אידען". — וואָס עס פעהלט די קאָלאָניעס. — געשפּרעך מיט קאָלאָניסטען. — אַ באַגעגעניש מיט אַן „אַמעריקאַנער".

ווענען דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד איז שוין זעהר אַ סך געשריבען געוואָרען. דאָך גלויב איך, אַז יעדער איד, וואָס פאָהרט אין סאָוועט־רוסלאַנד, וויל מיט זיינע אייגענע אויגען זעהן, ווי אַזוי אַ טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג, פריהערדיגע קרעמער און לופטמענשען, האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין ערד־אַרביי־טער און האָבען זייער קליין־שטעטעלדיגען לעבען פאַרביטען אויפ'ן דאָרפישען. אויך איך האָב געהאַט דעם זעלבען פאַרלאַנג און איינ־טערעס צו פאָהרען אין די קאָלאָניעס און זעהן, ווי אַזוי אידען לע־בען אין די דערפער, און וואָס עס האָבען דאָ אויפגעטאָן דער „דזשאָינט", אין וועלכען די אידישע אַרבייטער באַוועגונג איז באַ־טייליגט, און אויך דער „אָרט", וועלכער איז פון אונז אַלעמען אַזוי שטאַרק אונטערשטיצט געוואָרען אין זיין אַרבייט.

איך האָב געמאַכט פּלענער צו באַזוכען קרים, דעם כערסאָנער ראַיאָן און אויך דעם „ערשטען־מאַי־ראַיאָן", וואָס נעמט אַריין די יעקאַטערינאָסלאַווער און ניקאָלאַיעווער געגענט, וואו די אידישע קאָלאָניזאַציאָנס אַרבייט ווערט געפיהרט דורך דעם „אָרט". אָבער קומענדיג אין מינסק, האָב איך זיך געטראָפען מיט דעם פאַרוואַלטער פון „אָרט", פריינט אוגאָרסקי. פון איהם האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער „אָרט" פיהרט אָן אַ פאַרצווייגטע קאָלאָניזאַציע אויך אין ווייס־רוסלאַנד. ער האָט מיר פאַרגעשלאָגען, אַז איידער איך וועל פאָהרען אין די קאָלאָניעס פון אָדעס און קרים, זאָל איך באַזוכען די קאָלאָניעס אין ווייס־רוסלאַנד, וועלכע קיינער פון די אידישע געזעל־

שאַפטליכע טוער האָט נאָך ביז איצט ניט באַזוכט. איך האָב דעם פאָרשלאָג מיט פאַרגעניגען אָנגענומען.

* * *

פאַר די לעצטע פינף יאָהר זיינען אין ווייס רוסלאַנד באַזעצט געוואָרען אַכט טויזענט אידישע פאַמיליעס אויף ערד. דאָס מיינט, אז פערציג טויזענט אידישע נפשות לעבען אין ווייס־רוסלאַנד פון ערד ארבייט.

די אידישע קאָלאָניזאציע אין ווייס רוסלאַנד איז גאָר פון אַן אנדער כאַראַקטער, ווי די אידישע קאָלאָניזאציע אין קרים און אוק־ראינע.

ווייס רוסלאַנד איז בכלל זעהר אָרים אין ערד. דאָרטען זזיינען ניטאָ קיין סטעפּעס, וועלכע האָבען ביז אהער געפּוסטעוועט. די פּוי־ערים האָבען אין ווייס רוסלאַנד אָפּגענומען די ערד פון די פּאָמעס־טשיקעס (פּריצים), נאָך איידער די באָלשעוויקעס האָבען ארויסגע־געבען דעם געזעץ וועגען קאָנפיסקירען די ערד. האָט שוין ביים בעס־טען ווילען די רעגירונג ניט געקענט צוריק אָפּנעמען די ערד פון די ווייס־רוסישע פּויערים און דאָס אוועקגעבען פאַר דער אידישער קאָ־לאָניזאציע.

עס איז אמת, אז אין ווייס רוסלאַנד זיינען דאָ זעהר אַ סך בלאָ־טעס, וועלכע מען וועט מיט דער צייט קאָנען אויסטריקענען. די ווייס רוסישע רעגירונג ארבייט איצט אויף דעם פּלאַן, און פון דעם וועט־לען אידען אין ווייס־רוסלאַנד קענען אַ סך געניסען. אָבער דאָס איז אַ פראַגע אין דער צוקונפט. דערווייל האָט די רעגירונג אוועקגעגע־בען פאַר די אידען יענע שטיקער לאַנד ארום די שטעטלאַך, אויף וועלכע עס איז פריהער געווען דורכאַוים וואַלד.

אין דער צייט, ווען די באָלשעוויקעס האָבען איבערגענומען די מאַכט. און זיי זיינען נאָך ניט געווען בכח צו ברענגען אָרדנונג אין לאַנד, האָבען די פּויערים געהאַקט וואַלד אויף רעכטס און לינקס, און מען האָט געבויט נייע הייזער. נאַטירליך, האָבען די פּויערים געהאַקט דעם וואַלד אין יענע פּלעצער, וואָס זיינען געווען זעהר נאָהענט סיי פון דאָרף, סיי פון שטעטעל. די ערד אָבער האָבען זיי ניט געוואָלט נעמען, ווייל זי איז געווען אינגאַנצען אין קאָרטשעס. אום צו קאָנען אַזאַ ערד באַארבייטען, האָט מען זי געדאַרפט פריהער אויסקאָרטשע־ווען. אָט די ערד איז אוועקגעגעבען געוואָרען פאַר יענע אידען, וועל־כע האָבען זיך געוואָלט פאַרנעמען מיט ערד־ארבייט.

דער חסרון פון דער ערד איז, אַלזאָ, געווען דאָס, וואָס זי איז געווען אין קאָרטשעס, אָבער פאַר די אידען האָט אויך אזא ערד געהאט א גרויסע מעלה. די דאָזיגע ערד ליגט ניט ווייט פון דעם שטעטעל, איינגאַנצען א צוויי־דריי מייל. און כאָטש די אידען האָבען דאָרטען געבויט הייזער און האָבען זיך דאָרטען באַזעצט, זיינען זיי פון זייער שטעטעל אויך ניט אָפּגעריסען געוואָרען. די עלטערע, רעליגיעזע אידען זיינען געווען פאַרבונדען מיט זייער בית־המדרש, די קינדער האָבען געהאט די מעגליכקייט ווייטער צו געהן אין זייער חדר אָדער אין דער וועלטליכער שול. זיי האָבען געקענט, אין זייער פריי־ער צייט, קומען אין שטעטעל, באַגעגענען זיך מיט זייערע קינדער און פריינט, די אידען האָבען געקאָנט אָנהאַלטען א פאַרבינדונג מיט יענער וועלטעלע, מיט וועלכער זיי האָבען זיך איינגעלעבט. דער קליינשטעטעלדיגער איד איז טאַקע געוואָרען א פּויער, ער האָט זיך געגומען צו אַן ארבייט, מיט וועלכער די פריהערדיגע דורות האָבען זיך ניט באַשעפטיגט. אָבער גייסטיג איז ער געבליבען אין יענער אומגעבונג, אין וועלכער ער האָט פריהער געלעבט.

די אידען האָבען געקאָנט אַרויסנעמען פון דער ערד זעהר וועה־ניג ברויט. דערפאַר אָבער האָבען זיי געקאָנט אַנטוויקלען א פיה־צוכט (דאָס האָדעווען פון בהמות), און די מילך, פּוטער און קעז פאַר־קויפען אין די שטעט און שטעטלעך, וואָס ליגען ניט ווייט פון זיי אויף דער אייזענבאַהן־ליניע. אין מאַנכע פּלעצער האָבען זיי געקאָנט אַנטוויקלען קליינע סמאָלאַוואַרקעס (פאַבריקלאַך וואָס פּראָדוצירען סמאָלע, וועלכע דער רוסישער פּויער דאַרף האָבען אויף צו שמירען די רעדער). זיי האָבען אויך געקאָנט ווינטער־צייט פאָהרען מיט זייערע פערד אויף די סטאַנציעס, ברענגען סחורה וואָס קומט אָן אין שטעטעל, און פון דעם מאַכען א לעבען.

אין קרים, כערסאָן און אָדעס איז די אידישע קאָלאָניזאַציע צו־נויפגעזאַמעלט אויף איין פּלאַץ. זי רייסט אויף די אויגען פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג. און צוליב דעם אַנטוויקעלט זיך אין יע־נער געגענט זעהר שטאַרק דער אַנטיסעמיטיזם. אין ווייס־רוסלאַנד אָבער איז די אידישע קאָלאָניזאַציע ניט קאָנצענטרירט אין איין פּלאַץ. זי רייסט קיינעם ניט אויף די אויגען, זי איז צוזייט און צו־שפּרייט אין אַלע טיילען פון ווייס־רוסלאַנד. דער איד, וועלכער האָט פריהער געלעבט אין שטעטעל, האָט זיך איינגעלעבט מיט דער ווייס־רוסישער באַפעלקערונג פון די דערפער, און דאָרטען איז דער אידי־

שער ערד־ארבייטער ניט קיין פּנים חדשות, ניט קיין נייעס. דער־פאַר זיינען דאָרטען די באַציהונגען גאַנץ נאָרמאַלע. און מיר דוכט זיך, אַז צוליב די אַלע אורזאַכען האָט די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ווייס־רוסלאַנד אַ גרעסערע וויכטיגקייט פאַר די אידען.

די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ווייס־רוסלאַנד האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוועהנליך־גוטען איינדרוק, כאָטש די דערפער זיינען ניט אַזוי רייך אויסגעשטאַט ווי אין אָדעסער ראַיאָן. באַזור־בענדיג די קאָלאָניעס פון ווייס־רוסלאַנד, האָב איך זיך געוואונדערט, פאַרוואָס דער „אגראָ־דזשאָינט" האָט אין ווייס־רוסלאַנד דער אידי־שער קאָלאָניזאַציע כמעט ווי ניט געהאָלפען, און די גאַנצע ארבייט איז ארויפגעלייגט געוואָרען אויף די פּלייצעס פון „אָרט", וועלכער איז אין געלט־מיטלען אַ סך, אַ סך אָרימער, איידער די „אגראָ־דזשאָינט". אפשר ערקלערט זיך דאָס מיט דעם, וואָס דער „אגראָ־דזשאָינט", וועלכער איז אַן אמעריקאַנער אָרגאַניזאַציע, וויל זיך ניט באַשעפטיגען מיט „קליינער ארבייט". מיר, אמעריקאַנער, ווערען לייכטער צוגעצויגען צו זאַכען, וואָס האָבען אַ גרויסען פאַרנעהם און קאָנען מאַכען אַ רושם און ווערען באַקאַנט סאַי אין אמעריקע און סאַי איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער דעם „אָרט" מעגען מיר גראַטולירען, וואָס ער האָט אין זיין טעטיגקייט ארייגענומען אויך שטילע און באַשיידענע זאַכען, וועלכע זיינען פאַר די אידען אין רוסלאַנד פון גרוים וויכטיגקייט און האָבען אַ גרויסע באַדייטונג.

דרייסיג מייל ווייט פון דער שטאָט באָריסאָוו געפינט זיך אַ קליין שטעטעל זעמבין. ניט ווייט פון זעמבין האָט געוואוינט אַ זעהר רייכער פּאָמעסטשיק (לאַנד־אייגענטימער) פון יענעם ראַ־יאָן. זיין מאַיאָנטעק איז געווען זעהר רייך. ער האָט געהאַט אַ סך לאַנד און גוטע געביידעס, וואָס האָבען אפשר ניט געהאַט קיין באַ־זונדערען פּריצישען גלאַנץ, אָבער זיי זיינען אַלע דורכאויס נויטיג פאַר אַ געזונטער פּויערשער ווירטשאַפט. דאָס לאַנד האָט דער פריהערדיגער פּריץ זעהר גוט באַארבייט. אַ טייל פון דיזער „אימע־ניע" (מאַיאָנטעק) איז אוועקגעגעבען געוואָרען פאַר אידישער קאָ־לאָניזאַציע.

ווען איך בין געקומען אין דער קאָלאָניע, איז שוין אַלץ פון די פעלדער אַרונטערגענומען געוואָרען, מיט דער אויסנאַהם פון קאַרטאָפעל. ווען איך בין אָנגעקומען אין דער קאָלאָניע, זיינען די אידישע פּויערים מיט זייערע פרויען און קינדער געווען אויף די

קאַרטאָפעל־פעלדער און האָבען געהאַלטען אין אַרונטערנעמען די קאַרטאָפעל. אַרויפגעהענדיג אויפ'ן פעלד, האָב איך דערזעהן דעם אַמאָליגען קרעמער, דעם אַמאָליגען לופט־אידען, ביי דער שווערער אַרבייט פון אויפאַקערען די קאַרטאָפעל און קלייבען זיי. פון יעדען איינציגען פון זיי האָט געשמעקט די ערד. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זייערע הענט, האָב איך קיין פלייש ניט געזעהן, נאָר ערד. זייערע שטיוועל, זייערע קליידער — אַלץ איז געווען איינגעטונקט אין שוואַרצע ערד.

ווען די ערד־אַרבייטער האָבען דערזעהן דעם אַגראָנאָם, וועלכער איז מיט מיר געקומען, און מיין וויינינקייט, איז די אַרבייט אָפּגעשטעלט געוואָרען אויף אַ ווייל. און אַ טייל פון זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען מיט אונז אין די הייזער געבען אונז עסען. איך האָב געהאַט אַ געלעגענהייט אַריינצוקוקען אַביסעל אין דער נשמה פון די מענער און פרויען, וואָס זיינען איבערגעפלאַנצט געוואָרען פון דעם שטאָטישען לעבען אין דאָרפישען.

די ווירטשאַפט אין די ווייס־רוסישע קאָלאָניעס איז אַ „קאָלעקטיווע". דאָס מיינט, אַז די גאַנצע שטיק ערד באַלאַנגט צו דער קאָלאָניע, און אויך די מאַשינעריע און די פערד און בהמות. און ווען אַלץ ווערט אַרונטערגענומען פון פעלד, ווערט דאָס פאַרטיילט פאַר יעדער משפחה, לויט דער צאָהל פון די דערוואַקסענע מענשען אין דער משפחה, און לויט דער צאָהל פון די טעג, וואָס יעדער איינציגער פון דער משפחה האָט אין פאַרלויף פון דעם יאָהר געאַרבייט.

מען מוז צוגעבען, אַז די קאָלעקטיווע ווירטשאַפט רופט אַרויס שטענדיגע צוזאַמענשטויסען און שטענדיגע אומצופרידנהייט. מען באַשולדיגט איינער דעם אַנדערען, אַז מען אַרבייט ניט פלייסיג, מען פאַרלאָזט זיך, אַזוי זאָגען זיי, איינער אויף דעם צווייטען, און די ווירטשאַפט ליידעט פון דעם זעהר אַ סך. עס וואָלט געווען פיל געזינטער פאַר די קאָלאָניעס, ווען יעדער איינציגער קריגט זיין שטיקעל ערד און באַאַרבייט עס אַליין. ער וואָלט פון דער ערד אַ סך מעהר אַרויסגענומען, און די בעל־הבית'ישקייט וואָלט געפיהרט געוואָרען מיט מעהר אויפמערקזאַמקייט און מעהר איבערגעבענהייט.

ווען איך האָב גערעדט מיט דעם אַגראָנאָם פון „אָרט" וועגען דער אומנאָרמאַלער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, האָט ער מיר געזאָגט,

אז עס קאָן זיין, אז זיי וועלען די פאָרם פוןווירטשאַפט ענדערען, אָבער זיי האָבען געמוזט אָנהויבען מיט אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, ווייל דאָס זיינען מענשען, וואָס האָבען זיך קיינמאָל מיט ערד־אַר־בייט ניט באַשעפטיגט, און עס וואָלט געווען אוממעגליך פאַר דעם „אָרט" צו געבען הילף סאַי מיט מאַשינען און סאַי מיט עצות יעדען איינציגען קאָלאָניסט באַזונדער. ער האָט מיר אויך אָנגע־וויזען אויף דעם פאַקט, וואָס סאַי אין אוקראַינע און סאַי אין קרים האָט זיך די אידישע ערד־אַרבייט אָנגעפאַנגען פון אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט און איז איצט איבערגעגאַנגען צו אַן איינצעלנער.

ביים רוסישען פויער שפּילט די פרוי אַ גרויסע ראָלע אין דער פעלד־אַרבייט. אָפטמאָל קומט איהר אוים צו אַרבייטען אויפ'ן פעלד מעהר און שווערער ווי דעם מאַן. דער מאַן אַקערט, די פרוי פאַרזייט. אָבער דאָס אַקערען און פאַרזייען איז ניט די שווערסטע אַרבייט אין דער פויערשער ווירטשאַפט. די הויפּט־אַרבייט איז דאָס אַרונטערנעמען פון די פעלדער, אָפּשניידען די קאָרן, האָבער, גערשטען און אויך אופקלייבען די קאַרטאָפעל. די פרוי פון דעם אידישען פאַרמער איז ווייט פון צו זיין יענע הילף, וואָס אַ פויערטע דאַרף זיין און וואָס זי איז ביי דעם קריסטליכען פויער. ווען איינער פון די פויערים האָט זיך פאַר מיר אויף דעם באַקלאָגט, איז אויך זיין פרוי געווען דערביי. זי האָט געהאַלטען אַן איין־יאָהריג קינד אויף די הענט. ווען דער מאַן האָט געענדיגט ריידען, האָט זיך זיך צו מיר געווענדעט: „פריינד כאַנין, — זאָגט זי, — איהר זאָלט ניט אוועקפאָהרען מיט'ן איינדרוק, אז מיר, פרויען, שרעקען זיך פאַר שווערער אַרבייט, אז מיר פוילען זיך אַרויסצו־העלפען אונזערע מענער. ווען מיר זיינען געלאָפען פון שטאָט אין דאָרף, האָבען מיר דאָס ניט געטאָן פאַר וואוילטאָג. דאָס לעבען אין שטעטעל איז געווען אַ שרעקליכער, און מיר וואָלטען ניט נאָר געלאָפען צו ערד־אַרבייט, מיר וואָלטען געווען געלאָפען וואוהין אונזערע אויגען וואָלטען אונז געטראָגען, צו קריגען אַ שטיקעל ברויט פאַר אונז און פאַר די קינדער.

אָבער מיר זיינען פאָרט ניט געבאָרענע פויערטעס. מיר האָבען זיך אַנדערש ערצויגען. מיר האָבען ביז איצט אַן אַנדער לעבען גע־פיהרט. איהר זעהט דאָס קינד, וואָס איך האַלט אויף מיין האַנט? אַזוי לאַנג ווי דאָס קינד נויטיגט זיך נאָך אין מוטערס הילף, וועל איך ניט איבערלאָזען דאָס קינד און אַוועקלויפען אויפ'ן פעלד.

מיר קאָנען ניט טאָן אזוי ווי די קריסטליכע פויערטעס טוען, — אלע יאָהר האָבען א קינד, און אויף מאָרגען נאָך דעם ווי דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען, איבערלאָזען דאָס אין הויז אָהן אן אויפ־פאסער, אָדער מיטנעמען עס אין פעלד, וואו עס פארקיהלט זיך אָפט און שטארבט.

„די רוסישע פויערטע איז צוגעוואוינט געוואָרען, אז איהר זאָל פאר דאָס קינד ניט אַרען. מען האָט דרייצעהן, פערצעהן קינ־דער, די וואָס שטארבען, שטארבען; און די וואָס בלייבען דורך א צופאל לעבען, לעבען. ביי זיי, ביי די פויערטעס, איז, דאכט זיך, קיין מוטער־ליבע גאָר ניטאָ. ווען דאָס קינד ווערט קראנק פאָהרט מען שוין אין שטאָט צוגרייטען פאר איהר תכריכים.

„די אידישע מאמע האָט צופיל ליב איהר קינד, אז זי זאָל צו איהם קענען האָבען אזעלכע באציהונגען. מיר וועלען בעסער איבער־לאָזען אונזערע תבואות אויף די פעלדער, פארנאכלעסיגען אונזער ברויט, איידער פארנאכלעסיגען אונזער קינד. און ווייל מיר ווילען געבען אויפמערקזאמקייט אונזער קינד, אָפהיטען עס פון קראנק־הייטען, ניט איבערלאָזען עס אין הויז, אז אין פארלויף פון דעם טאָג זאָל זיך דאָס קינד צורייסען שרייענדיג, דערפאר קענען מיר ניט זיין אזוי נוצליך ביי ערד־ארבייט, ווי עס איז נוצליך די קריסט־ליכע פרוי".

די פרוי, וואָס האָט צו מיר גערעדט, האָט געהאט דעם פנים פון א טיפישער אידישער טאָכטער, פון דער טאָכטער פון א אידישען רב אָדער לערנער. איהר פנים איז געווען אויסגעמאטערט, בלאַס, אָבער די שטריכען זיינען געווען אזעלכע איידעלע. דאָס זיינען געווען שטריכען ניט פון א פרוי פון שווערער ארבייט. ווען זי האָט צו מיר גערעדט וועגען דער מוטער־ליבע פון דער אידישער מאמען, האָט זי איהר קינד געטוליעט צו איהר הארצען. מיר האָט זיך דער־ביי אויסגעדוכט, ווי זי וואָלט מיר געוואָלט באווייזען ווי שטארק זי האָט ליב איהר אייגען קינד.

* * *

דאָס שטעטעל סאמקין געפינט זיך ניט ווייט פון באָריסאָוו. דאָס איז אן אַלטע אידעשע קאָלאָניע פון דור־דורות. די ערד איז דאָ אלע מאָל געווען ניט קיין שלעכטע, אָבער די אידען האָבען ניט אלע מאָל די ערד אליין באארבייט, כאָטש זיי האָבען געפיהרט א דארפישען, פויערשען לעבען, זיינען זיי דאָך קיין פויערים אין דעם רוסישען זין פון וואָרט ניט געווען.

זיי פלעגען אָדער אוועקגעבען די ערד אין ארענדע, אָדער זיי פלעגען ארבייטען טיילווייז צוזאַמען מיט דער אָרטיגער קריסט־ליכער באַפעלקערונג. אליין פלעגן זיי פאָהרען איבער די דערפער אלס „קאַראַבייניקעס“ און פלעגען ביים פויער קויפען אלטע זאכען און איהם פארקויפען די ארטיקלען, אין וועלכע דער פויער האָט זיך גענויטיגט. דער איד איז פאַר'ן דאָרף געווען דער „טרעוולינג“ קרעמער, און פון דעם האָט ער געמאַכט א לעבען. ווען דער האנדעל אין רוסלאַנד איז אָפּגעשטעלט געוואָרען, האָט דער איד פון דער קאָלאָניע זיך געמוזט נעמען צוריק צו דער ערד. כאָטש ער האָט געהאַט פון פריהער אן אלגעמיינע באַקאַנטשאַפט מיט ערד־ארבייט, איז ער אויך צו דעם ניט געווען אינגאנצען צוגעפּאַסט.

דער „אָרט“ האָט איבערגענומען די פארוואלטונג פון דער קאָלאָניע און זיינע אגראָנאָמען האָבען געהאָלפען פיהרען די באַ־לעבאַטישקייט. די ארבייט אין דער קאָלאָניע פון „אָרט“ איז געווען אַן אויסערגעוועהנליך שווערע. עס איז לייכטער אויסצולערנען פיהרען א מאָדערנע ווירטשאַפט א אידען פון שטאָט, איידער אזא אידען, וואָס האָט שוין אליין פריהער געפיהרט א ווירטשאַפט און ער מיינט, אז אלע חכמות זיינען פאר איהם קיין נייעס ניט. ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט זיך דעם „אָרט“ דאָך איינגעגעבען אויפ־צוהויבען די ווירטשאַפט פון דער קאָלאָניע צו א העכערן צושטאַנד, און אָט די קאָלאָניע מאַכט אויף יעדען איינעם א גוטען איינדרוק.

אין דאָרף געפינט זיך א אידישע שול פאר קינדער און א רעגירונגס־לערער. דער דאָרף איז אויך ניט ווייט פון א גרעסערער שטאָט, וואו מען מען קאָן קריגען מעדיצינישע הילף. דער אומגליק פון דער קאָלאָניע איז, וואָס זי האָט ניט קיין יונגעלייט. די יוגענט אנטלויפט פון דאָרף. אלס קינדער פון פויערים האָבען זיי א מעג־ליכקייט אריינצוקומען אין די רעגירונגס־שולען, סיי אין די אָג־פאנגס־שולען און סיי אין די העכערע, און די אידישע יוגענט צולויפט זיך פון דאָרף. עס בלייבען איבער די עלטערע מענשען, וועלכע זיינען שוין פון דער ארבייט אויסגעמאַטערט, און פון דעם ליידעט זעהר שטארק די ווירטשאַפט. דער קריסטליכער דאָרף האָט יונגעלייט, וואָס געהען צוזאַמען מיט'ן טאַטען ארבייטען אויפ'ן פעלד, פיהרען די באַלעבאַטישקייט. אין די אלטע אידישע קאָלאָניעס איז דאָס ניט דער פאַל. ווי אזוי די יוגענט וועט ער־צויגען ווערען אין די נייע קאָלאָניעס, איז איצט שווער צו זאָגען.

* * *

ניט ווייט פון מיין שטעטל קרופקע האָט די רעגירונג גע־
געבען די אידישע קאָלאָניסטען ערד, וואו דער וואַלד איז געווען
אויסגעהאַקט. די קאָלאָניע איז אינגאַנצען אַלט צוויי יאָהר. זי
איז אויך אַ קאָלעקטיווע. דער מענשען־מאַטעריאַל איז דאָ דער־
זעלבער, וואָס אין די אַלע קאָלאָניעס: דאָס זיינען קינדער פון
געוועזענע קרעמער, וועלכע אַרבייטען איצט אויפ׳ן פעלד, אַקערען
און זייען. גראָד די קאָלאָניע האָט ניט קיין שלעכטען מענשען־
מאַטעריאַל. זיי באַשעפטיגען זיך ניט נאָר מיט ערד־אַרבייט אַליין,
זיי פיהרען אויך אַ מילך־ און פוטער־ווירטשאַפט, האָבען עטליכע
און דרייסיג בהמות, און „זעצען" זעהר אַ סך גענז.

ווען דער פּריוואַט־האַנדעל איז געווען ערלויבט, פלעגען זיי
פיהרען די גענז אין דער גרויסער שטאָט און דאָרט זיי פאַרקויפען
אויפ׳ן פּריוואַטען מאַרק. איך האָב געזאָגט, אַז זיי פלעגען זעצען
גענז, האָדעווען די גענז פלעגען אָבער די פּויערים פון די דערפער,
ביי וועלכע זיי פלעגען די גענז אָפּקויפען. לעצטען יאָהר האָט די
רעגירונג מאָנאָפּאָליזירט דעם אָפּקויף פון גענז. זי האָט באַשטימט
פאַר זיי אַ גאַנץ קליינעם פּרייז. די רעגירונג שיקט די גענז אין
פּוילען, אין דייטשלאַנד. אזוי ווי דער פּרייז, וואָס די רעגירונג צאָהלט
פאַר גענז, איז אַ קליינער, האָבען די פּויערים פון יענער געגענד,
ווי, מסתמא, אויך אין אַנדערע געגענדען אויפגעהערט צו האָדעווען
גענז. די אידישע קאָלאָניסטען ליידען פון דעם זעהר אַ סך, ווייל
זיי האָבען שלעכטע ערד און קאָנען פון דער ערד אַליין קיין לעבען
ניט מאַכען. זיי מוזען האָבען אַ זייטיגע פּרנסה, וועלכע זאָל זיי
אַרויסהעלפען אין זייער שווערער צייט, און אַזאַ זייטיגע פּרנסה
איז ניטאָ.

די קאָלאָניע „דער רויטער דאָרף" געפינט זיך ניט ווייט פון
באָבער, וואָס ליגט אויף דער אייזענבאַהן־ליניע צו אָרשע. די קאָ־
לאָניע איז נאָך גאַנץ יונג. איך בין געקומען אין דער קאָלאָניע
פרייטאג ביינאַכט, און אַרומשפּאַצירענדיג איבער די פעלדער, איבער
די היי־שפּייכלער איז אונז אומבאַמערקט אוועק דער טאָג. ווען
מיר זיינען צוריקגעקומען צו די הייזער, האָבען זיי שוין אינווייניג
אויסגעזעהן שבת׳דיג. די טישען מיט די אָפּגעבענשטע ליכט זיינען
געווען באַדעקט מיט לייווענטענע טישטיכער, געגרייט אויף קידוש
צו מאַכען, אָבער ניט קיין ווייסע חלה איז אויפ׳ן טיש געלעגען, נאָר
שווארצער ברויט. אַלע קאָלאָניסטען האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען

מיט אונז אין איין הויז, און מיר האָבען אויסגעהערט פון זיי זייער קלאָג אויף זייער שווערען און ביטערען לעבען, און זייער שרעק פאַר דעם אָנקומענדען ווינטער. עס איז ניטאָ קיין ברויט, קיין קאָרמע פאַר די בהמות. די שטימונג איז געווען אַ פאַרצווייפעלטע.

די דאָזיגע קאָלאָניע איז אויך אַ קאָלעקטיווע. זיי האָבען דרייסיג בהמות, וועלכע באַלאַנגען צו אַלעמען. די אַלע בהמות זיינען אויסגעדאַרטע, פאַרמאָרעטע. אויפ'ן פעלד איז שוין קיין גראָז ניט געווען, און די בהמות האָבען נאָך אין נאָוועמבער באַ־דאַרפט זיך פיטערען אויף די הוילע פעלדער. געבען זיי עסען איז ניט געווען וואָס. אין הויז איז שוין געווען שבת'דיג, אָבער די בהמות זיינען נאָך פאַר'חלש'טע געשטאַנען אויפ'ן גרויסען הויף. זיי האָבען געקוקט מיט זייערע גרויסע אויגען אויף די מענשען, וואָס זיינען דעם הויף דורכגעגאַנגען. אין זייער בהמה'שען קוק האָט זיך געפיהלט אַ געבעט, מ'זאָל זיי געבען עפּעס צום עסען. אָבער לעבען יעדען הויז, ביים אריינגאַנג אין טיר, איז געשטאַנען אַנאַנדער בהמה, אַן אויסגעפּאַשעטע, אַ זאַטע. לעבען איהר איז געווען די בעל־הבית'טע, וועלכע האָט זי געקאָרמעט. ווען איך האָב געפרעגט, וואָס דאָס זיינען פאַר בהמות, האָט מיר איינער געזאָגט, אַז דאָס זיינען די „בורזשויקעס".

פרעג איך דאָך מסתמא, פאַרוואָס עפּעס זיינען די קיה ביי די טירען „בורשזויקעס"? גיט מען מיר אַזאַ ערקלעהרונג. יענע בהמות אויפ'ן הויף באַלאַנגען צום „קאָלעקטיוו". מען מעלקט זיי און מען פאַרקויפט די מילך. פאַר זייערע עסען זאָרגט דער „קאָלעק־טיוו", די גאַנצע געמיינדע, דער גאַנצער דאָרף. און אַזוי ווי דער „קאָלעקטיוו" האָט ניט וואָס צו געבען זיי עסען, הונגערען זיי און גיבען ניט קיין מילך. דעריבער האָט יעדער פאַרמער געקויפט פאַר זיך אַן אייגענע בהמה, וועלכע ער קאָרמעט אַליין. זיי גיבען שוין מילך, און די מילך געהט פאַר דעם אייגענעם געברויך. פרעג איך ביי איינעם פון די פאַרמער: „וואו נעמט איהר געלט אויף צו קויפען עסען פאַר אייער בהמה?" ענטפערט ער מיר: „איך קריג הילף פון מיינע קרובים פון אַמעריקע".

ווי איהר זעהט, לעבען ניט נאָר די אידען אין רוסלאַנד אויפ'ן חשבון פון אַמעריקע, נאָר אויך די אידישע בהמות, די וועלכע מען רופט אין דער קאָלאָניע „בורזשויקעס". זיי נויטיגען זיך זעהר

שטאַרק אין די פּאָר דאָלאַר, וואָס קומען אָן פון די אַמעריקאַנער קרובים.

* * *

אין דעם אָדעסער ראַיאָן געפינט זיך אַ נעץ פון דרייסיג אידישע קאָלאָניעס. איך האָב ניט געהאַט די מעגליכקייט זיי אַלע צו באַזוכען. איך האָב אָבער באַזוכט די וויכטיגע קאָלאָניעס, וועלכע ליגען דאָ אין איין געגענד נאָהענט איינע צו דער אַנדערער. זיי זיינען פון פאַרשידענע טיפּען. מיין באַזוך אין די פאַרשידענע קאָלאָניעס איז פאַר מיר געווען גענוג, צו באַקענען זיך מיט'ן לעבען פון יענע אידען, וואָס האָבען זיך איצט אין רוסלאַנד באַזעצט אויף ערד.

די אידישע קאָלאָניעס אין קרים און אין די געגענדען פון כערסאָן און אָדעס זיינען אַלט פינף יאָהר. זיי האָבען נאָך ביז איצט קיין גליקליכע צייט ניט געהאַט, און אַט פאַרוואָס:

אוקראַינע איז אַ לאַנד, וואָס האָט זעהר ווייניג רעגען. די ערד איז דאָרטען זעהר אַ פרוכטבאַרע, און אין אַ גערעטעניש גיט די ערד אַרויס זעהר אַ סך תבואה, וואָס קאָן קלעקען דעם פאַרמער אויף אַ פּאָר יאָהר. האָט אָבער פּאַסירט אַזוי, אַז פאַר דער גאַנצער צייט פון דעם יאָהר 1923, דאָס הייסט, פון דעם יאָהר, ווען די ערשטע אידישע קאָלאָניעס האָבען זיך באַוויזען, איז געווען נאָר איין יאָהר אַ גערעטעניש. דאָס איז געווען דער זומער פון יאָהר 1926. די איבעריגע פיר יאָהר האָבען די אידישע קאָלאָניסטען ניט אַרונטערגענומען פון זייערע פעלדער אפילו דאָס, וואָס זיי האָבען פאַרזייט. ווען ניט דער „אַגראָ-דזשאָינט“, דער „אָרט“ און די סאָוועט-רעגירונג, וועלכע האָבען די אידישע קאָלאָניסטען באַזאָרגט מיט ברויט אין די שווערע יאָהרען, וואָלט דער אידישער פויער שוין לאַנג פון דער ערד אַנטלאָפען. אָבער אויב די אַלע יאָהרען זיינען געווען אויסערגעוועהנליך שווערע, איז אָבער דאָס יאָהר 1928 געווען גאָר שלעכט און עס זעהען זיך ניט קיין בעסערע האָפענונגען פאַר דער ערשטער העלפט פון יאָהר 1929. די לאַגע פון די אידישע קאָלאָניעס היינט-צו-טאָג איז דעריבער אויסערגעוועהנליך געפעהרליך.

די רעגירונג האָט אַ שווערען עקאָנאָמישען קריזיס, און דער „דזשאָינט“ און דער „אָרט“ האָבען גרויסע פינאַנציעלע שוועריגקייטען. און ניט די רעגירונג, ניט די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס וועלען היינטיגס יאָהר ניט קענען העלפען די אידישע קאָלאָניסטען אויף אַזאַ גרויסען פאַרנעם, ווי עס איז נויטיג.

לויט מיינע געשפּרעכען סאַי מיט די קאָלאָניסטען און סאַי מיט די טוער פון „אָרט“ און „אגראָ־דזשאָינט“, איז די גאַנצע אידישע קאָלאָניזאַציע־אַרבייט היינטיגס יאָהר אין גרויס געפאַהר. און אויב די נויטיגע הילף פון אַמעריקע וועט ניט קומען אין צייט, וועלען די אידישע קאָלאָניסטען זייער הונגער ניט קענען אויסהאַלטען און אַ גרויסע צאָהל פון זיי וועט זיך צולויפען פון די קאָלאָניעס.

אין איינער פון די אידישע קאָלאָניעס, אין וועלכער עס איז אונז אויסגעקומען צו בלייבען נעכטיגען, האָב איך געהאַט אַ געלעגענהייט צו פיהרען אַ לענגערען געשפּרעך מיט דעם פיהרער פון דער קאָלאָניע. מיר זיינען געזעסען ביינאַכט אונטער'ן פרייען הימעל, און קיינער האָט אונז אין אונזער געשפּרעך ניט געשטערט. מיר דוכט זיך, אַז דאָס וואָס דער אידישער פאַרמער האָט מיר דערצעהלט, שפּיגעלט אָפּ דעם איצטיגען צושטאַנד פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

אָט וואָס עס האָט מיר דערצעהלט דער פיהרער פון דער קאָלניע:

„איהר האָט געזעהן אונזער קאָלאָניע, — זאָגט ער צו מיר, — איהר האָט זיך באַקענט מיט דעם מענשען־מאַטעריאַל, וועלכער איז ניט קיין שלעכטער פאַר אונזער אַרבייט. צווישען די אַלע אידישע קאָלאָניעס זיינען מיר די גליקליכסטע, ווייל אונזער קאָלאָניע איז געבויט געוואָרען ניט פון אידען, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען פון אַלע עקען אוקראַינע. אין די אַנדערע קאָלאָניעס האָבען די אידען איינע די אַנדערע ניט געקענט, און פון דעם האָבען די קאָלאָניעס זעהר שטאַרק געליטען. גאַנץ אַנדערש איז אונזער קאָלאָניע. מיין גאַנץ שטעטעלע, אַלע מענשען, וואָס האָבען דאָרטען ניט געהאַט פון וואָס צו לעבען, האָבען זיך אָרגאַניזירט און זיך געווענדט צום „אָרט“, אַז ער זאָל זיי געבען פּלאַץ צו באַזעצען זיך אויף ערד. דער „אָרט“ צוזאַמען מיט דער רעגירונג האָבען אונז דעם פּלאַץ געגעבען, און איצט געפינען מיר זיך דאָ.

„אָבער כאָטש מיר זיינען די גליקליכסטע, — זאָגט ער צו מיר ווייטער, — ווייל מיר קריגען זיך ניט צווישען זיך, מיר קענען איינע די אַנדערע, איז דאָך אונזער לעבען ווייט פון צו זיין גליקליך. אין דער היים זיינען מיר אַלע געווען קרעמער, הענדלער, אָבער אונזער לעבען אַמאָל איז געווען גאָר ניט שלעכט. קיינער פון אונז האָט ניט געוואוסט פון הונגער; קיינער האָט ניט געוואוסט פון

שווערער ארבייט. שפּעטער, ווען מיר האָבען פאַרלאָזען דאָס שטעטעל און איבערגעבראָכען אונזער גייסטיגען לעבען, און זיינען אוועק אויף דער ערד, כדי צו לעבען ווי די פּויערים, האָבען מיר דאָס ניט געטאָן פון וואוילטאָג, אָדער אויס ליבע צו ערד־ארבייט. אונזער לעבען אין שטעטעל איז געוואָרען אזוי שרעקליך, אז מיר וואָלטען אפילו אין פייער געגאנגען, אבי צו באפרייען זיך פון יענער שרעקליכער לאַגע אין שטעטעל.

„דאָס ערשטע יאָהר איז אונז די ארבייט געפאַלען זעהר שווער. מיר האָבען געדארפט איינשפּאנען אין דער שווערער ארבייט אונזערע פרויען און קינדער, וועלכע זיינען צו שווערער ארבייט ניט געוואוינט געווען. אָבער מיר האָבען זיך אויף אונזער שווערער לאַגע ניט באַקלאָגט. מיר האָבען אין אונזער נייער ארבייט און נייעם לעבען דערזעהן אַ שטראַהל פון האָפנונג אויף לעבען. מיר האָבען געהאָפט, אז אונז וועט ניט פעהלען דאָס וויכטיגסטע, וואָס אַ מענש דאַרף האָבען, ברויט. אָבער קיינער פון אונז האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אז פון די פיר יאָהר, וואָס מיר זיצען אין דער קאָלאָניע, זאָלען מיר האָבען נאָר איין יאָהר אַ געראָטענעם. אין די איבעריגע יאָהרען האָט די הייסע זון פון אוקראַינע אויסגעברענט אַלץ וואָס מיר האָבען אויף די פעלדער פאַרמאָגט. און היינט שטעהען מיר אויף'ן שוועל פון אונטערגאַנג אויב עס וועט אונז ניט געגעבען ווערען קיין הילף.

„און מיינט ניט, פריינד כאַנין, אז מיר פאַרלאַנגען זעהר אַ סך. מיר קאָנען זיך באַגעהן אָהן ברויט פאַר די דערוואַקסענע. מיר מוזען אָבער האָבען ברויט פאַר אונזערע קינדער און שטרוי פאַר אונזערע בהמות. אויב מיר וועלען זיין געצוואונגען דעם הערבסט צו פאַרקויפען אונזערע בהמות, ווייל מיר וועלען ניט האָבען וואָס זיי צו געבען עסען, ווערט מיט דעם פאַרניכטעט אונזער פיר־יאָהריגע אָנשטרענגונג, ווייל אָהן בהמות קאָן קיין פּויער־שע באַלעבאַטישקייט ניט געפיהרט ווערען. אונזער לאַגע איז אַ פאַרצווייפעלטע. אין אונזער געגענד איז קיין שטרוי ניטאָ וואו צו קויפען. פאָהרען קויפען שטרוי אין אַן אנדער געגענד מיינט אויסגעבען אַ גרויסע סומע געלט, און קיין געלט איז ביי אונז ניטאָ.

„מיר האָבען זיך געווענדעט צו דער אָדעסער פאַרוואַלטונג פון „אָרט". זיי האָבען מיר צו דאַנקען פאַר אַלץ, וואָס מיר האָבען אויפגעבויט ביז איצט. מיר האָבען זיי געבעטען, זיי זאָלען אונז

לייהען געלט אויף לייכטע אָפּצאָהלונגען, אום מיר זאָלען קענען קויפען שטרוי. האָט אָבער דער „אָרט“ קיין געלט ניט. אונזער פאַרצווייפלונג איז גרויס. ווען אונזער ווערגעשריי וואָלט קענען דערגעהן צו יענע גליקליכע אידען, וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט גרעניץ פון רוסלאַנד, וואָלטען זיך אפשר זייערע הערצער געעפענט, און זיי וואָלטען אונז געקומען צו הילף“.

ווען ער האָט געענדיגט רעדען, איז שוין געווען שפּעט בייי נאַכט. דער גאַנצער דאָרף איז שוין געשלאָפען. א מידער בין איך לעבען איהם געזעסען. איך בין געווען מיד ניט צוליב דעם, ווייל מיר האָט זיך געוואָלט שלאָפען. איך בין מיד געוואָרען פון די שרעקליכע פאַרבען, מיט וועלכע ער האָט געשילדערט דאָס לעבען פון די, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו לויפען אין דאָרף און ארבייטען שווער טאָג און נאַכט, און פון דער גאַנצער שווערער ארבייט האָבען זיי נאָך אַלץ קיין ברויט ניט, און זייער לאַגע איז נאָך אַלץ פאַרצווייפעלט. איך בין מיד געוואָרען פון מיין אייגענער מאַכטלאָזיגקייט. איך האָב געטראַכט : צי וועל איך קאָנען איבערגעבען זייער וועהטאָג ? צי וועל איך קאָנען מיט מיינע איינפאַכע ווערטער אַזוי שילדערען זייער לאַגע פאַר די אידען אין אַמעריקע, אַז זייער וועה־געשריי זאָל דורך מיר דערהערט ווערען ? איך האָב אין דעם געצווייפעלט און דאָס האָט אַרויפגעוואָרפען אויף מיר א מידקייט.

* * *

מיר זיינען געפאָהרען איבער די סטעפּעס פון אוקראַינע אין אַן אָפענעם אויטאָמאָביל אין זעהר א קאַלטען טאָג. ווען מיר זיינען געקומען צו דער נעקסטער אידישער קאָלאָניע, זיינען מיר אַלע געווען דורכגענומען פון קעלט. מיר זיינען פאַרפאָהרען צום „סטאַראָסטע“, צום פיהרער פון דער קאָלאָניע. עס איז געווען זונטאַג. אין דער קאָלאָניע האָט מען געוואוסט, אַז מיר קומען, און אין הויז האָבען אויף אונז שוין געוואַרט א גרויסע צאָהל אידישע קאָלאָניסטען.

ווען איך בין אריין אין הויז, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַן עלטערער איד, האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט צו מיר אויף ענגליש : „האַו דו יו דו, מיסטער ?“ איך האָב איהם געענטפערט אויף ענגליש און האָב זיך געוואונדערט, פון וואַנען ער קען ענגליש. לאָזט זיך אויס, אַז ענגליש קען ער נאָר א פּאָר ווערטער,

ווייל ער איז אמאל געווען אין ניו־יארק, וואו ער האט געארבייט אלס פרעסער ביי קלאוקס. אויף מיין פראגע, פארוואס ער האט פארלאזען אמעריקע, האט ער מיר דערצעהלט אזא געשיכטע:

אין יאהר 1907 איז ער געקומען קיין אמעריקע, האט זיך אויס־געלערנט פרעסען קלאוקס און האט געארבייט ביז דעם יאהר 1913. ער האט אנגעזאמעלט געגוג געלט אריבערצונעמען זיין פאמיליע. אבער איידער ער נעמט זיי אריבער, האט ער באשלאסען צום לעצטען מאל אליין א קוק טאן אויף זיין שטעטעל. ער האט טאקע געוואלט ווייזען זיין שטעטעל, אז ער איז אין אמעריקע געווארען א לייט, און אז אמעריקע איז פאר אידען א גוט לאנד. איז ער אוועקגעפאהרען אין שטעטעל נעמען זיין ווייב און קינד און פאהרען צוריק. דערווייל האט דער קריג אויסגעבראכען און זיי האבען שוין דאס שטעטעל ניט געקאנט פארלאזען.

דער איד האט דורכגעלעבט אלע שרעקען פון קריג און אלע פאגראמען אין אוקראינע. "איך בין שטענדיג געווען, — זאגט ער, — צווישען לעבען און טויט. ביז וואנען עס איז געקומען אונזער נייער משיח, די סאוועט־רעגירונג, און האט אונז, אידען, געגעבען ערד. און איצט זיצען מיר דא און האבען פאר קיינעם קיין מורא ניט. אמת, מיר ארבייטען שווער, אבער איך האב גע־פרעסט קלאוקס אין אמעריקע, און איך האב פאר שווערע ארבייט קיין מורא ניט.

„ווער פון אונז, — זאגט ער ווייטער, — האט זיך דאס גע־קענט פארשטעלען, אז אין רוסלאנד וועט זיין א רעגירונג, וואס וועט זיין גוט צו אידען, וואס וועט אזויפיל זארגען וועגען אידען?" זיין גאנצער געשפרעך וועגען דער סאוועטען־רעגירונג איז געווען פול מיט לויב־געזאנג. דערווייל האט מען אונז אריינגעבראכט שנאפס. שנאפס איז אפילו אין די אידישע קאלאניעס אויך דא. מיר האבען גענומען צו גלעזלאך. מיין אמעריקאנער פרעסער איז אויך צו אונז צוגעשטאנען. נאכדעם ווי ער האט אויסגעטרונקען א פיר־פינף גלעזלאך, האט ער זיך גוט פארנאנדערגעווארימט און האט גענומען ריידען ווייטער. ער האט שוין געוואוסט מיין נאמען, און ער זאגט צו מיר:

„זאגט מיר, מר. כאנין, וואס איז דאס פאר א רעגירונג ביי אונז אין לאנד, וועלכע קאן קיין ברויט ניט געבען? וואס איז דאס פאר א רעגירונג, ווען עס פעהלען שטיוועל אין לאנד? אז עס

פעהלט סחורה אויף אויפצונעהען א בגד? ווען מען קומט צופאָהרען אין אָדעס, איז די שטאָט א טויטע, עס איז דאָרט ניטאָ וואָס צו קויפען, די קאָאָפּעראַטיווע געשעפטען זיינען פארמאכט, איהר קענט אפילו ניט קריגען קיין שטרוי פאר די בהמות".

ווען ער האָט מיר גענומען מאכען די פּאָרוואורפען צו דער סאָוועט־רעגירונג, האָב איך אין שפּאס צו איהם א זאָג געטאָן: „איהר האָט דאָך אָבער פריהער געזאָגט, אז די סאָוועטען־רעגירונג איז א נייער משיח, און איצט רעדט איהר גאָר געגען דער רעגי־רונג?" האָט ער מיר א פּאטש געטאָן אין פּלייצע און געזאָגט: „איהר פארשטעהט, פריהער האָב איך געדענקט, אז איהר זייט א באאמטער, און פאר א באאמטען טאָר מען זיך ניט קלאָגען. איצט אָבער זעה איך דאָך, אז איהר זייט אָן אייגענער מענש, אָן אונזע־ריגער. איהר האָט דאָך מיט מיר געמאכט לחיים. נו, דערצעהל איך אייך דעם אמת. הלואי — מאכט דער איד ווייטער — קענט איהר מיך נעמען קיין אמעריקע, ווי איך וואָלט מיט אייך אהין געפלויגען".

* * *

אין איינער פון די אידישע קאָלאָניעס באגעגענט מיך א מאן פון א יאָהר פערציג און גיט מיר אָפּ א ברייטען שלום־עליכם און רופט מיך אָן מיט'ן נאָמען. איך האָב זיך געוואונדערט, פון וואנען ער קען מיך. דערזעהענדיג מיין פארוואונדערונג, זאָגט ער צו מיר: „איהר געדענקט אן ארבייטער־רינג קאָנפערענץ אין יאָהר 1922 אין „פאָרווערטס" בילדינג, וואו מען האָט אייך ניט געלאָזט רעדען? דאָס בין איך געווען איינער פון די, וועלכע האָבען געהאָלפען די „לינקע" ביי יענער קאָנפערענץ צו מאכען טומעל, אום איהר און אנדערע זאָלען ניט קענען רעדען. אין דעם זעלבען יאָהר בין איך אוועקגעפאָהרען קיין רוסלאנד. איך בין אזוי באגייסטערט געוואָרען פאר דעם, וואָס מען בויט אין רוסלאנד דעם קאָמוניזם, אז זיין אין אמעריקע לענגער האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב אלץ איבערגע־לאָזען און בין אוועקגעפאָהרען.

„איך האָב אין אמעריקע געמאכט א שעהנעם לעבען. ווען איך בין געקומען אין רוסלאנד, האָב איך געזוכט ארבייט, אָבער איך האָב קיין ארבייט ניט געקאָנט קריגען. ווען עס האָט זיך אָנגע־פאנגען די אידישע קאָלאָניזאציע, בין איך געוואָרען א קאָלאָניסט. איך ארבייט אויפ'ן פעלד מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. די

ארבייט איז מיר ניט שווער, אָבער איך האָב שוין קיין כח ניט. איך געה אויפ׳ן פעלד א הונגעריגער. איך האָב שוין פינף טעג קיין ברויט ניט געזעהן. דאָס איינציגע, וואָס איך עס, ארבייטענדיג אויפ׳ן פעלד, איז קארטאָפעל, און דאָס איז ניטאָ גענוג. דאָס שטיקעל ברויט, וואָס מען באקומט, לאָז איך איבער אין הויז פאַר די קינדער, ווייל זיי, די עופה׳לאך, קענען דאך ניט הונגערען, אזוי ווי איך.

„יאָ, פריינד כאנין, — זאָגט ער, — הלואי וואָלטען מיינע אויערען ניט געווען טויב, און איך וואָלט זיך דאמאָלט צוגעהערט צו אייך, ווי איך וואָלט מיר פארשפּאָרט דעם אומגליק, וועלכען איך מאך דורך זינט דעם יאָהר 1922. איך וואָלט שוין איצט וועלען לויפען צוריק קיין אמעריקע, אָבער איך קען ניט, איך האָב מיין אמעריקאנער בירגערשאפט פארלאָרען. איך קען ניט קריגען קיין ערלויבניש ארויסצופאָהרען פון רוסלאנד. און ווען אפילו איך זאָל די ערלויבניש קריגען, האָב איך ניט מיט וואָס צו פאָהרען.

מיינט ניט, פריינד כאנין, — זאָגט ער ווייטער, — אז איך בין אנטוישט געוואָרען אין סאָציאליזם. ניין, דאָס ניט. נאָר איך גלויב ניט, אז דער סאָציאליזם קען געבויט ווערען, אזוי ווי מען בויט איהם דאָ. איך וויים ניט, ווי דער סאָציאליזם וועט אויסזעהן שפּעטער, איך וויים אָבער, אז א סאָציאליזם, וועלכער שאפט אָפּ די איניציאַטיווע פון דעם איינצעלנעם, וועלכער פארוואנדעלט דעם מענשען אין א פיגור אויף דעם שאך־ברעט, וואָס ריהרט זיך נאָר דאַן, ווען דער שאך־שפּילער נעמט איהר אין האנט, — אזא סאָ־ציאליזם וועט קיינמאָל ניט פארווירקליכט ווערען. מיר דארפען זיצען אין דאָרף און ווארטען, ביז וואנען אנדערע וועלען אונז עפּעס הייסען טאָן. מיר אליין ווייסען ניט וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט טאָן. מיר זיינען איינגעפאנצערט אין א קאָרסעט, וועלכער איז צו ענג פאַר אונז. מיר קאָנען זיך ניט א קעהר טאָן. ניין, פריינד כאנין, דאָס איז ניט סאָציאליזם“.

* * *

ווען איהר פאָהרט צו צו דער ערשטער אידישער קאָלאָניע אין אָדעסער ראיאָן, וויקעלט זיך פאַר אייערע אויגען פאנאנדער א בילד פון אויסערגעוועהנליכער שעהנקייט. אויפ׳ן פרייען סטעפּ אין אוקראינע, אונטער א מערקווירדיג־שעהנעם הימעל שטעהט א אידיש דאָרף. אמת, די הייזער זיינען ניט קיין גרויסע, זיי זיינען אָבער

נייע, און אייניגע פון זיי זיינען פון דרויסען אויסגעפארבט ווייס, די גאסען זיינען ברייטע, און א גרויסער ליידיגער פלאץ געפינט זיך צווישען איין הויז און א צווייטע. אלץ איז דא אזוי רחבות'דיג.

ניט ווילענדיג דערמאנט איהר זיך אן דער אמאליגער אידישער שטעטעל, וואו דאס לעבען איז געווען ענג, די הייזער אלטע, איינ־געפאלענע, און די שטעטעלשע אידען האבען מורא געהאט פאר דער „גוי'אישער גאס". דא, אויף די פעלדער פון אוקראינע, שטעהט אויפ'ן שפיץ בארג א אידיש דארף. אט פיטערען זיך אידישע בהמות. דער איד האט דא פאר קיינעם קיין מורא ניט.

אין דעם ערשטען אויגענבליק מאכט דאס אלץ אויף אייך א וואונדערבארען איינדרוק. אויב איהר ווילט, אז דער איינדרוק זאל ניט צורונען ווערען, זאלט איהר זיך אין יעדען דארף באזונדער ניט אפשטעלען, ווארים די מענשען וועלען אייך באלד אנהויבען דער־צעהלען וועגען זייער שווערען לעבען, וועגען זייער גרויסער נויט.

אין די צוועלף קאלאניעס, וואס איך האב באזוכט, האבען כמעט אלע קאלאניסטען זיך באקלאגט, אז זיי האבען ניט קיין שטאלען פאר זייערע בהמות. ווען דער אגרא־דזשאינט" און דער „ארט" האבען גענומען בויען אידישע דערפער, האבען זיי אנגע־פאנגען פון הייזער, דאס איז געווען נאטירליך, אנדערש האט עס ניט געקאנט זיין.

אבער אין דעם פויערישען לעבען איז דאס הויז פאר דעם פויער די לעצטע זאך. די וויכטיגסטע זאך איז די שטאל פאר דער בהמה און דער שפייכלער פאר דער איבעריגער בעל־הבית'יש־קייט. דאס פעהלט יעדען אידישען פויער, און פון דעם ליידט די ווירטשאפט זעהר א סך. עס פאסירט גאנץ אפט, אז דער פויער פארנעמט אין זיין הויז זעהר א קליינעם ווינקעלע, און דאס איבע־ריגע ווערט פארנומען פון זיין ווירטשאפט. אפטמאל ווערט א העלפט פון הויז פארוואנדעלט אין א שטאל פאר דער בהמה און פאר'ן פערד.

די לאגע אין די קריסטליכע קאלאניעס איז דעם יאהר אויך ניט קיין בעסערע, אבער דאך איז דער קריסטליכער פויער שוין צו אזא לעבען צוגעוואוינט. זיין טאטע, זיין זיידע און עלטער־זיידע האבען געפיהרט נאך אן ערגערען לעבען, און דערפאר ליידט ער ניט אזוי. ער קאן זיך אויך גיכער אן עצה געבען, ער האט מעהר ערפאהרונג, מעהר אויסדויער־קראפט, מעהר כח. גאנץ אנדערש איז די לאגע

פון דעם אידען. ער איז צוגעוואוינט צו אן אנדער לעבען, און מיט דעם, וואס ער געהט אין דארף, ווערט ער צוריקגעשטויסען צו א לעבען פון מיט צוויי הונדערט יאהר צוריק. און צו דעם איז איהם שווער זיך צוצופאסען, אפילו ווען ער וואלט אלץ געהאט, און ווען עס וואלט איהם גארניט געפעהלט.

* * *

איינע פון די וויכטיגסטע און שווערסטע זאכען ביי די אידישע קאלאניסטען איז אויסצולערנען זייערע קינדער לייענען און שרייבען. פון די אלע קאלאניעס, וואס איך האב באזוכט, האבען נאר צוויי געהאט שולען, און די צוויי שולען האבען געקענט דינען נאר פאר יענע צוויי קאלאניעס. די איבעריגע קאלאניעס ליגען פופצעהן און צוואנציג מייל איינע פון דער אנדערער, אזוי אז פאר די קינדער פון די איבעריגע קאלאניעס איז אוממעגליך צו פאהרען לערנען זיך אין די גליקליכע קאלאניעס, וואס האבען שולען. זעהען מיר טאקע, אז אין די איבעריגע קאלאניעס וואקסען קינדער, וואס האבען ניט וואו זיך צו לערנען.

די עלטערען ליידען דערפון א סך. ספּעציעל באקלאגט זיך אויף דעם די מאמע. איבעראל האב איך געהערט פון די מאמעס אזעלכע רייד: „איז דאס א תכלית פאר אונז צו זיצען אין דארף און הונגערען און אויפהאדעווען קינדער, וואס וועלען ניט קענען לעזען און שרייבען, וועלען אויפוואקסען חמורים, גראבע־יונגען? מיר, די עלטערען, האבען דאך שוין אונזער וועלט אפגעלעבט. מיר וועלען שוין קיין גליקליכע מענשען ניט זיין. דאס איינציגע, צוליב וואס עס לוינט זיך צו לעבען, זיינען די קינדער. און וואס פאר א תכלית איז עס פאר קינדער? אט ווען מען וואלט פאר אונז א שולע אוועקגעשטעלט, ווען מען וואלט אונז א לעהרער געגעבען, ווען אונזערע קינדער וואלטען זיך געקאנט לערנען, וואלט עס אפשר אויך פארטריבען אביסעל אונזער אומעט".

די צווייטע וויכטיגע פראגע איז מעדיצינישע הילף. אין די שטעטלאך, וואו די אידען האבען געוואוינט, האט זיך אלעמאל גע־פונען א דאקטאר אדער א פעלדשער, און אין צייט פון קראנקהייט האט מען געקענט לויפען צו זיי נאך הילף. גאנץ אנדערש איז די לאגע אין אידישען דארף. אין די אלע צוועלף דערפער, וואס זיינען צושפּרייט אויף א גרויסער שטרעקע פון ארדעסער ראיאן, געפינט זיך א דאקטאר, א פרוי, נאר אין איין דארף. עס קאן גאר קיין

רייד ניט זיין וועגן דעם, אז זי זאָל קענען געבען מעדיצינישע הילף צו אַלע אידישע קאָלאָניסטען פון יענעם געגענד. איהר גאַנצע צייט איז זי פאַרנומען מיט די חולאים פון איהר דאָרף און מיט די חולאים פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג פון די דערפער אַרום דער אידישער קאָלאָניע. די אַלע איבעריגע אידישע דערפער זיינען אָפּגעשניטען פון מעדיצינישער הילף. די אידישע קאָלאָניסטען ליידען דערפון זעהר אַ סך. איך בין געווען אין איין דאָרף אין אַ הויז, וואו אַ קינד איז קראַנק געווען. דאָס קראַנקע קינד איז אַ לאַנגע צייט געווען אָהן מעדיצינישע הילף. ענדליך האָט מען קוים מיט צרות אַראָפּגעבראַכט די דאָקטאָרקע און זי האָט גלייך גע־הייסען צונעמען דאָס קינד און אָפּפיהרען עס קיין אָדעס, ווייל דאָס קינד איז פאַרגיפטעט.

מיר האָט די דאָקטאָרקע געזאָגט, אַז דאָס קינד איז אַזוי פאַר־נאַכלעסיגט געוואָרען, אַז זי צווייפעלט גאָר, צי מען וועט עס נאָך קענען ברענגען קיין אָדעס אַ לעבעדיגס. אַזעלכע פאַלען קאָן מען ברענגען אַ סך. דאָ וואָלטען געדאַרפט קומען צו הילף אָדער די רעגירונג, אָדער די אַמעריקאַנער הילף־אָרגאַניזאַציעס. צי זיי וועלען אָבער קומען צו הילף, איז נאָך אַ גרויסע פראַגע.

צוליב דער שרעקליכער נויט, אין וועלכער עס געפינט זיך די פויערשע באַפעלקערונג, האָט די רעגירונג באַשלאָסען צו באַווילליגען צוויי מיליאָן רובעל אויף אויסצובעסערען די דאָרפישע וועגען, ווי אויך צו טאָן אַנדערע ארבייט אַרום דעם דאָרף, אַז די פויערים זאָלען קענען אין פאַרלויף פון הערבסט און ווינטער זיין באַשעפ־טיגט און עפּעס פאַרדינען, און אויף אַזא ארט קענען דורכמאַכען די שווערע צייט.

עס ווערען איצט געגראָבען טיפע טאָלען אין די אוקראַינער דערפער, און אויך אין די אוקראַינישע קאָלאָניעס. ווען עס וועט געהן רעגען, וועט אין די אויסגעגראָבענע טאָלען זיך אָנזאַמלען וואַסער, און דאָס וועט קענען דינען אַלס אַ טייך פאַר דעם דאָרף, און די בהמות וועלען האָבען וואו זיך אָנצוטרינקען. אַזעלכע קינסט־ליכע „טייכען“ זיינען אין אוקראַינע שוין געמאַכט געוואָרען אַ סך. די אידען האָבען אויך געהאָפט, אַז זיי וועלען קענען ארבייטען און פאַרדינען אַרום דער געזעלשאַפטליכער ארבייט. נאָר ליידער האָבען די פויערים פון די קריסטליכע דערפער די ארבייט גיכער געקראָגען. דער „סעלקאָם“ (דער דאָרפישער קאָמיטעט) און דער „ראַיקאָם“

(ראיאָנער קאָמיטעט) רעכענען זיך מיט דער נויט פון דעם קריסט־ליכען פויער א סך מעהר, איידער מיט דער שלעכטער לאַגע פונ׳ם אידישען קאָלאָניסט. אויף ניט צו רעכענען זיך מיט דער אידישער נויט דאַרף מען קיין אנטיסעמיט ניט זיין. עס איז גענוג אריינצו־נעמען זיך אין קאָפּ א געדאנק, אז אידען וועלען זיך שוין מסתמא אַן עצה געבען. די אידישע קאָלאָניסטען האָבען דערפאַר ניט גע־קראָגען די ארבייט און הילף, אין וועלכער זיי האָבען זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט.

די קאָלאָניע „פרייע היים" איז איינע פון די גרעסטע קאָלאָניעס אין אָדעסער ראיאָן. דאָרטען געפינען זיך ארום זעכציג אידישע משפחות. דאָרטען איז דאָ א שעהנע פּוטער־פאבריק, א גרויסע קאָאָפּעראַטיווע קראָם, וואָס פארקויפט פּראָדוקטען ניט נאָר צו דער אידישער באפעלקערונג, נאָר אויך צו דער באפעלקערונג ארום. אין דעם דאָרף איז אויך דאָ א קינדער־שולע. אָבער אויך דאָ פעהלט אוים ברויט און עס הערשט דיזעלבע נויט, וואָס אין אַלע אַנדערע דערפער.

דעם טאָג, ווען איך בין געווען אין דאָרף, האָט זיך א גרייסע צאָהל קאָלאָניסטען מיט זייערע פערד און וואָגענס אַוועקגעלאָזט פאַר צוויי הונדערט ווערסט פון זייער דאָרף אויף רעגירונגס־ארבייט. אויף דעם פּלאַץ, וואוהין זיי זיינען געפאָהרען, שניידט מען וואַלד, און מען פיהרט דאָס האָלץ צו דער אייזענבאהן־סטאנציע, כדי דאָס אָפּצושיקען ערגעץ פאר רעגירונגס־געברויך. ווען מען האָט זיך גענומען געזעגענען, איז אין דאָרף געוואָרען אַן אמת׳ער תשעה־באב. עס האָט געוויינט די פרוי, וואָס דאַרף פאַרבלייבען אין דאָרף, און עס האָט געוויינט דער מאַן, וואָס פאָהרט אַוועק.

איך האָב געזאָגט צו איינעם פון די אַוועקפאָהרער: „וואָס וויינט איהר? עס פּאַסט דאָך גאָר ניט פאַר א מאַן צו וויינען". און אָט וואָס ער האָט מיר אויף דעם געענטפערט: „פאַר די דריי יאָהר, וואָס איך אַרבייט דאָ אין דער קאָלאָניע, האָב איך זיך צוגע־וואוינט צו אַלע שווערע אַרבייטען. דאָס איז מיר אַזוי לייכט ניט אָנגעקומען. איצט אָבער דאַרף איך דאָס אַלץ איבערלאָזען און אַוועקפאָהרען צוויי הונדערט מייל ווייט פון דאנען און דאָרטען בלייבען אויף אַכט מאָנאַטען אין וואַלד אין קאַלטען ווינטער, אָהן א דאַך איבער׳ן קאָפּ. איך מוז געהן טאָן אַן אַרבייט פון זעגען בוימער, שלעפּען זיי צו דער סטאַנציע, אַן אַרבייט, וועלכע איז

ניט פאַר אונזערע כחות; און ווער ווייס, צי מיר וועלען דאָס אויסהאַלטען, ווער ווייס צי מיר וועלען קומען געזונטע צוריק. ווען עס וואָלט נאָר געווען עפּעס איבערצולאָזען פאַר'ן ווייב און קינדער וואָלטען מיר שוין וועגען זיך ניט געטראַכט, מיר וואָלטען דאַן ניט געוויינט. אָבער אַזוי איז אויפ'ן הארצען אַזוי ביטער, אז נאָר טרערען קענען עס, אפשר, מאַכען אביסעל לייכטער".

איינע פון די וויינענדע פרויען האָט צו מיר געזאָגט:

„אויף אונז לאָזט מען דאָס איבער צו היטען די באַלעבאַ־טישקייט. אונזערע מענער פאָהרען אַוועק. ווי וועלען מיר דאָ אויס־קומען מיט אונזערע קליינע קינדערלאך? ווי אַזוי וועלען מיר דורכ־מאַכען אַזאַ שרעקליכען ווינטער? מיר שטעהען פאַר אַן אָפּגרונד, און מיר אַליין קענען זיך ניט העלפען".

ווען איך בין דורכגעפאָהרען די קאָלאָניעס, האָב איך זיך גוט באַקענט מיט דער שווערער און ביטערער אידישער ווירקליכקייט. דאָס איז אַ ווינקעל פון דעם אידישען לעבען אין רוסלאַנד, וועלכער ווערט באַטראַכט פאַר אַ גן־עדן. און עס איז ווירקליך אַ גן־עדן, אין פאַרגלייך מיט דעם, ווי אידען לעבען אין קליינע שטעט און שטעטלאך. איך האָב אָבער צוגעזעהן, ווי אומגליקליך עס זיינען די מענשען, די אידישע קאָלאָניסטען, וואָס דאַרפען אויף זייערע פּלייצעס דורכטראָגען די אויסערגעוועהנליך שווערע און ביטערע צייט, וואָס זיי מאַכען איצט דורך.

איך האָב אויך געטראַכט וועגען יענע אַמעריקאַנער באַזוכער פון אידישע קאָלאָניעס, וואָס האָבען דאָס אידישע קאָלאָניסטען־לעבען אַזוי באַזונגען, וואָס האָבען דעם אידישען קאָלאָניסט געשילדערט אַלס דעם גליקליכסטען מענשען. פאַרוואָס האָבען זיי ניט געזעהן די נויט, וועלכע איז האַרצרייסענד, וועלכע קאָן ריהרען אַ שטיין? אפשר, ווען זיי וואָלטען געשריבען וועגען די אידישע קאָלאָניסטען, ווען זיי וואָלטען געשילדערט זייער שווערען און פּיינליכען לעבען מיט די ריכטיגע פאַרבען, אפשר וואָלט דאַן די הילף פון אַמעריקע געווען גרעסער, אפשר וואָלטען זייערע ליידען היינט צו טאָג ניט געווען אַזוי שווער.

נאָר געה פרעג קשיות ביי מענשען, וועמען די ווירקליכקייט אינטערעסירט ניט, וועלכע באַשליסען נאָך איידער זיי פאָהרען אַוועק פון אַמעריקע ווי אַזוי זיי וועלען שרייבען, — געה פרעג קשיות ביי אַזעלכע מענשען! אַזעלכע מענשען זיינען, באמת, נאָר בלינד און טויב.

ביראָ-בידזשאַן

דער טומעל אַרום ביראָ־בידזשאַן. — פאַרוואָס ווילען אידען אַהין ניט פאָהרען? — אויף אַ מיטינג וועגען ביראָ־בידזשאַן אין אַ אידישער שטעטעל.—ר׳ שלמה דער בעל־עגלה וויל צוריק פאָהרען קיין ביראָ־בידזשאַן.

די פראַגע וועגען ביראָ־בידזשאַן איז שוין זעהר אַ סך דיסקוטירט געוואָרען אין דער אידישער פּרעסע. די אָנהענגער פון דעם נייעם פּלאַן האָבען גערעדט מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג, האָבען דערוויזען מיט אותות און מופתים, אז ביראָ־בידזשאַן וועט פאַרענטפערען די אָנגעוועהטאָגטע „אידען־פראַגע" אין רוסלאַנד. אין דער געגענד ביראָ־בידזשאַן, וואָס ליגט ווייט ביים עק פון סיביר, איז דאָ גענוג ליידיג לאַנד. די געגענד איז זעהר שיטער באַפעלקערט, און מיט דער צייט וועט זי קאָנען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ אידישער קאָמוניסטישער רעפּובליק. אזוי האָבען גע׳טענה׳ט די אָנהענגער פון ביראָ־בידזשאַן.

אָבער די פראַגע האָט אויך אַרויסגערופען אַ גרויסע געגנער־שאַפט פון מענשען, וועלכע קענען זעהר גוט יענעם געגענד און זיינען זיכער, אז שיקען איצט אידען אַהין, וואָלט געווען אַן אומגליק. עס דאַרף נעמען אַ לאַנגע צייט, און די רעגירונג דאַרף מאַכען אויסערגעוועהנליך גרויסע אָנשטרענגונגען, יענעם געגענד צוצוגרייטען, אז קאָלאָניסטען זאָלען זיך דאָרטען קאָנען באַזעצען. שיקען איצט אידען, וואָלט געמיינט זיי שיקען צו אַ זיכערען אונטערגאַנג.

אין רוסלאַנד ווערט די פראַגע וועגען ביראָ־בידזשאַן זעהר שטאַרק דיסקוטירט סאַי אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע, סאַי אויף פאַרזאַמלונגען. כמעט אין יעדער שטאָט, וואו איך בין אין רוסלאַנד געוועזען, איז מיר אויסגעקומען צו הערען וועגען דעם פון אַלע מענשען, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

מיך האָט די גאַנצע צייט געוואונדערט, וואָס דער „אַגראָ־דזשאָינט" און דער „אָרט", וועלכע זיינען די פאַקטישע בויער פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָבען די פראַגע

וועגן בירא־בידזשאן אינגאנצען פארשוויגען. זיי האבען זיך אין דעם פלאן ניט באטייליגט, זיי האבען זיך אבער אויך שטארק געגען דעם ניט ארויסגעזאגט.

איך האב זעהר א סך גערעדט וועגען דעם מיט די טוער פון דער אידישער קאלאניזאציע אין סאוועט־רוסלאנד. אלע האבען מיר געגעבען איין ענטפער: אז שיקען אידען איצט קיין בירא־בידזשאן איז די גרעסטע אוואנטורע, דער אומפאראנטוואָרטליכער שריט, וואס די „יעווסעקציע" (אידישע קאמוניסטען) האט געקענט אויס־טראכטען. אפילו ווען עס פאהרען איצט אהין פויערים, וועלכע זיינען פון דורות צוגעוואוינט צו ערד־ארבייט, וואלטען זיי אויך דארטען, אונטער די איצטיגע אומשטענדען, געמוזט אונטערגעהן. די געגענד איז ווילד און אפגעריסען פון דער גאנצער וועלט, און די קלימאט־באדינגונגען זיינען זעהר שלעכטע. כדי דארטען אימיצען צו באזעצען, וואלט מען געדארפט אונטערנעמען צעהן יאהר צוגרייט־טונגס־ארבייט, וועלכע דארף געטאן ווערען פון דער רעגירונג, און וועלכע וואלט אפגעקאסט שווערע מיליאנען. אפשר דאן וואלט מעגליך געווען א וועלכע עס איז קאלאניזאציע אין יענער געגענד. אבער פיהרען איצט אהין אידען, וועלכע זיינען צו ערד־ארבייט נאך ניט צוגעוואוינט און וועלען דעם קלימאט ניט קאנען איבערטראגען, מיינט שיקען זיי אויף א זיכערען טויט.

ווען איך האב די אויבענדערמאנטע טוער געפרעגט, פארוואס זיי האבען זיך אין דער עפענטליכקייט וועגען דעם ניט ארויסגע־זאגט, פארוואס זיי האבען ניט געווארענט דעם „געזערד" (די גע־זעלשאפט, וואס האט צו טאן מיט אידישער קאלאניזאציע), אז ער זאל ניט אנהויבען אזא גרויסע, שווערע אונטערנעמונג אויף זיין אייגענער פאראנטוואָרטליכקייט, האבען זיי מיר געענטפערט, אז דער „געזערד" האט זיך מיט זיי קיינמאל וועגען דעם ניט בא־ראטען. פארקעהרט, ער האט דאס געטאן געגען דעם ווילען סאי פון דעם „אגרא־דזשאינט" און סאי פון דעם „ארט".

די אידישע טוער האבען מיר ברייטער ערקלערט זייער שטע־לונג. באקעמפען בירא־בידזשאן האבען מיר ניט געקענט, — האבען זיי געזאגט. — מיר זיינען אין רוסלאנד ניט קיין קעמפענדע אר־גאניזאציעס. אונז איז ערלויבט נאר צו טאן געוויסע ארבייט אין רוסלאנד, לויט אונזערע אפמאכען מיט דער רעגירונג. אבער אונז איז ניט ערלויבט ארויסצוזאגען זיך געגען געוויסע אונטערנעמונגען.

אפילו ווען זיי קאָנען זיין פאַר די אידען די גרעסטע געפאַהר און דער גרעסטער אומגליק. דערפאַר, איז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר זיינען איבערצייגט, אַז ביראָ־בידזשאַן איז אַן אומגליק פאַר די אידען, וועלכע ווערען אהין געשיקט, קאָנען מיר דאָס אָבער ניט זאָגען. נאַטירליך, פּריוואַט האָבען מיר אונזער מיינונג ניט איינמאָל ארויסגעזאָגט פאַר די טוער פון „געזערד".

א סך האָבען אויך גערעדט וועגען דעם די אידישע קאָמוניסטען, וועלכע שטעהען אַן דער שפּיץ פון דער ביראָ־בידזשאַן באַוועגונג. ווען אַלע אידישע קאָמוניסטען וואָלטען געשטאַנען אויף דער נוי־טיגער געזעלשאַפטליכער הויך, ווען זיי וואָלטען געהאַט מוט און מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטליכקייט צו די מענשען, וואָס ווערען אוועקגעשיקט, וואָלטען זיי שוין לאַנג אויפגעהערט אָנצופיהרען פּראָפּאַגאַנדע און זוכען קרבנות פאַר ביראָ־בידזשאַן.

קיין ביראָ־בידזשאַן איז ביז איצט ארויסגעשיקט געוואָרען איין גרופּע קאָלאָניסטען. די גרופּע איז באַשטאַנען פון 654 אידישע פאַמיליעס. אנטלאָפען פון דאָרט זיינען 270. דאָס הייסט, 41 פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָהל. אזוי פיל זיינען אנטלאָפען אין די ערשטע 4 מאָנאַט. די איבעריגע וואָלטען אויך געווען גליקליך, ווען זיי קאָנען זיך אומקעהרען צוריק אין די שטעטלאַך, צוריק אין די געגענדען, פון וואַנען מען האָט זיי צוגענומען, ווייל זייער לעבען איז אומערטרעגליך.

די ביראָ־בידזשאַן טוער אין רוסלאַנד ערקלערען די גרויסע צאָהל אנטלאָפענע מיט דעם, וואָס „דער אויסוואַהל פון מענשען־מאַטעריאַל" איז געווען זעהר א שלעכטער. קיין ביראָ־בידזשאַן, — זאָגען זיי, — זיינען אוועק אזעלכע מענשען, וואָס האָבען זיך גע־וואָלט אויסדרעהען פון טורמע פאַר באַגאַנגענע פאַרברעכענס.

ווי אזוי א רעגירונגס־אינסטיטוציע האָט געקאָנט מאַכען אזא שלעכטען אויסוואַהל פון מענשען, ווייס איין גאָט. דער „געזערד" האָט געדאַרפט זיין דער לעצטער צו ערקלערען דעם דורכפאַל פון דער ערשטער גרופּע קאָלאָניסטען מיט דעם, וואָס מען האָט געמאַכט א טעות אין די מענשען, מען האָט ניט געוואוסט, וועמען מען שיקט.

דער אמת איז, אַז אויב דער אויסוואַהל פון מענשען איז געווען א שלעכטער, איז דאָס גאָר צוליב דעם, ווייל קיינער האָט קיין ביראָ־בידזשאַן ניט געוואָלט פאָהרען, און זיי האָבען געמוזט רע־גיסטרירען און שיקען אזעלכע, וואָס זיינען בכלל פאַר אידישער

קאָלאָניזאַציע ניט געווען פּאַסיג. די דריי הונדערט מענשען, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון בירא־בידזשאַן, האָבען קיין גוטען נאָמען בירא־בידזשאַן ניט געגעבען. אפילו ווען איין הונדערט־חלק פון דעם, וואָס זיי דערצעהלען זיך אָן, זאָל זיין אמת, וועלען שוין מעהר קיין אידען אין בירא־בידזשאַן ניט פאָהרען.

אָט וואָס ז. ווענדראָף דערצעהלט אין „פאָרווערטס" פון 27טען דעצעמבער, וועגען דעם שיקזאָל פון אידישע קאָלאָניסטען אין בירא־בידזשאַן. און ז. ווענדראָף איז גראָד פאַר בירא־בידזשאַן.

„עס האָט אויסגעזעהן, — שרייבט ווענדראָף, — ווי די נאַטור אַליין וואָלט אוועקגעשטעלט די איבערוואַנדערער פאַר אַן עקזאַמען, כדי צו זעהן, צי וועלען זיי אויסהאַלטען די ערשטע שווערע פּראָבען, צי ניט. גערעגענט האָט פאַריגען זומער כמעט דריי מאָל ווי געוועהנליך. צוויי פאַרפלייצונגען האָבען אָפּגעשווענקט גאַנצע שטעט־לאַך און דערפער, חרוב געמאַכט די אַזוי אויך צושעדיגטע וועגען, און כאָטש די אידישע איבערוואַנדערער האָבען קיין דירעקטע שאָ־דענס פון דער פאַרפלייצונג ניט געליטען (אויסער וואָס עס איז אָפּ־געשווענקט געוואָרען עטליכע טויזענט פוד היי), זיינען זיי אָבער אויף אַ צייט אָפּגעשניטען געוואָרען פון דער וועלט און האָבען גע־ליטען פון מאַנגעל אין שפּייז. אויסער דעם איז, אַלס רעזולטאַט פון די גרויסע רעגענס און פון דער פאַרפלייצונג, דער „גנוס", די אַלערליי בייסיגע פליגען און מאָסקיטאָס, דאָס יאָהר געווען שטאַר־קער ווי שטענדיג. זיי האָבען ניט געלאָזט אַרבייטען בייטאָג און רוהען ביינאַכט. זיי האָבען געפּייניגט מענשען און בהמות, געביסען ביז בלוט. טאָמער איז דאָס נאָך אַלץ ווייניג, איז אויף די קאָלאָ־ניסטען אָנגעשיקט געוואָרען אַ נייע מכה, די „סיבירער פלאָג", וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישען די פערד און אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף די מענשען. די איבערוואַנדערער זיינען געצוואונגען געווען צו פאַרברענען די געפאַלענע פערד, ריזיקירענדיג דערביי אָנ־צושטעקען זיך מיט דער טויט־געפעהרליכער פעסט".

אַזוי שילדערט די לאַגע ווענדראָף. וואָס איז דאָרטען אַליין ניט געווען, וואָס איז אָבער אַ פריינד פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן. קענט איהר זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס עס האָבען זיך אָנדערצעהלט די דריי הונדערט אַנטלאָפענע פון בירא־בידזשאַן, וועלכע האָבען דאָס אַלץ געדאַרפט אַליין דורכמאַכען.

ניין, בירא־בידזשאַן איז דער אומפּאָפּולערסטער פלאַץ צווישען

די פאַרצווייפעלטע אידישע מאַסען אין די שטעט און שטעטלאַך פון רוסלאַנד. זיי ווילען אהין ניט פאָהרען, און זיי ווילען אהין ניט פאָהרען, אפילו ווען זייער עקאָנאָמישע לאַגע וועט ווערען נאָך שרעקליכער, ווי זי איז איצט.

זעהר א סך מענשען, דערוואויסענדיג זיך, אז איך בין אין רוס־לאַנד, האָבען זיך צו מיר געווענדעט, אז איך זאָל זיי העלפען. איך זאָל פועל'ן פאַר זיי, אז דער „אָרט" אָדער דער „דזשאָינט" זאָל זיי וואָס שנעלער באַזעצען אויף ערד. ווען איך האָב זיי געפרעגט, פאַר־וואָס זיי רעגיסטרירען זיך ניט פאַר בירא־בידזשאַן, האָבען מיר כמעט אַלע געענטפערט, אז פאָהרען קיין בירא־בידזשאַן מיינט פאָהרען צום טויט, און אז אויב שטאַרבען, איז שוין בעסער צו שטאַרבען פון הונגער אין אייגענעם שטעטעל.

דער „געזערד" פיהרט איצט אָן א קאַמפּיין צו קריגען א צווייטע פּאַרטיע פון 650 אידען פאַר בירא־בידזשאַן. דער קאַמפּיין ווערט שוין אָנגעפיהרט דריי מאָנאַטען, און קיין אידען ווייזען זיך ניט. קיינער רעגיסטרירט זיך ניט. ווען איך בין געווען אין דעם שטעטעל ד., האָב איך זיך דערוואוסט, אז דאָרטען קומט פאָר א פאַרזאַמלונג, וואו דער פאָרזיצענדער פון „מעסטקאָם" (שטאָט־קאָ־מיטעט) וועט האַלטען א פּאָרטראַג וועגען בירא־בידזשאַן. איך בין אויך אוועק צו דער פאַרזאַמלונג. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָב איך זיך דערוואוסט איינינע איינצעלהייטען פון מיינעם א באַקאַנטען, וועלכער איז פאַרבונדען מיט דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין יענעם שטעטעל. די גוּבערניע, צו וועלכער דאָס שטעטעל ד. באַלאַנגט, דאַרף שיקען 65 פון די 650 נייע קאָלאָניסטען. דאָס איז איהר קוואָטע. פון די 65 ווידער דאַרף דאָס שטעטעל ד. שיקען פינף. זוכט מען זיי, און מען קאָן זיי ניט קריגען. צוליב דעם טאַקע איז פאַררופען געוואָרען די פאַרזאַמלונג.

ווען דער רעדנער האָט אָנגעפאַנגען זיין רעדע וועגען בירא־בידזשאַן, האָב איך באַלד איינגעזעהן, אז ער ווייס אפילו ניט וואו בירא־בידזשאַן געפינט זיך. עס איז געווען אַן אמת'ע מאַטער־ניש פאַר מיר צו זיצען און הערען די אַלע אומגעלומפּערטע זאַכען, וואָס ער האָט וועגען בירא־בידזשאַן דערצעהלט. ווען ער האָט גע־ענדיגט, האָט ער איינגעלאַדען די צוהערער צו שטעלען פראַגען. די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט געשוויגען, נאָר איין איד האָט זיך נאָך

א לאנגע ישוב־הדעת אוועקגעשטעלט און געפרעגט די פאלגענדע פראגע:

„איך שטארב דא פון הונגער. איך בין גרייט צו געהן, וואוהין מיינע אויגען וועלען מיר טראגען. איך האב געוואלט געהן מיט דער ערשטער פארטיע קיין ביראַ־בידזשאַן, אָבער עס איז שוין קיין פלאַץ ניט געווען. איצט האב איך געהערט, אז די לאגע אין ביראַ־בידזשאַן איז א שרעקליכע. געהן אהין מיינט געהן אויפ'ן זיכערען טויט. וויל איך וויסען, צי די אלע שלעכטע זאכען, וואס מען דערצעהלט וועגען ביראַ־בידזשאַן, זיינען ריכטיג".

דער פראגע־שטעלער האט זיך אוועקגעזעצט. מען האט גע־פרעגט פון דער פלאטפארמע, צי נאך עמיצער וויל עפעס פרעגען. אבער קיינער האט מעהר גאר ניט געפרעגט. האט דער רעדנער געגעבען דעם פאלגענדען ענטפער אויף דער אוועקגעשטעלטער פראגע:

„די וועלט־בורזשואזיע, — האט ער געזאגט, — טראכט אויס אלערליי בלבולים אויף דער ארבייט פון דער סאוועט־רעגירונג. אלע הייליגע אונטערנעמונגען אונזערע טרעט זי מיט די פיס. זי איז גרייט אריינצואווארפען די גאנצע וועלט אין א מלחמה, אבי נאר צו פארניכטען די סאוועט־רעפובליק. די אידישע בורזשואזיע טוט אלץ צו שעדיגען די אידישע קאלאניזאציע און מאכען צונישט אונזערע פלענער. די בורזשואזיע ביי אונז אין לאנד, ווי אויך אין אויסלאנד, רייסט ארונטער ביראַ־בידזשאן, ווייל דאס קומט פון דער סאוועט־רעגירונג. אבער זאל די אידישע בורזשואזיע וויסען, — האט ער געזאגט, טייטלענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן פראגע־שטעלער, — אז מיר וועלען זיי ביי אונז אין לאנד אזוי פארביטערען דאס לעבען, אז זיי וועלען לויפען ניט נאר אין ביראַ־בידזשאן, נאר אפילו אין פייער וועלען זיי לויפען".

דער ענטפער איז אפגעגעבען געווארען אין א טאן פון אויפ־רעגונג און כעס. א שטילער ציטער איז דורכגעגאנגען איבער דעם צימער, וואו די פארזאמלונג איז פארגעקומען. די אנוועזענדע האבען, ווייזט אויס, פארשטאנען, אז דאס איז ניט נאר געזאגט, נאר אז אזוי וועט מען אויך טאן. זיצענדיג ביי דער פארזאמלונג און הערענדיג דאס אלץ, האב איך געטראכט, ווי אומגליקליך מענשען זיינען, ווען זיי האבען זיך אזעלכע „פארזארגער", וואס ווילען זיי באגליקען, האלטענדיג א שווערד אין האנט. טאמער

ווילט איהר ניט אַננעמען זייער גליק, וועלען זיי אייך דעם האַלז איבערשניידען.

*   *   *

ר׳ שלמה איז מיינער אַ באַקאַנטער. אמאָל איז ער אין שטאָט געווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע בעל־עגלות. ער האָט געהאַט קינדער, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער בונדיסטישער באַוועגונג מיט מיר צוזאַמען מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק. די מעהרסטע קינדער זיינע געפינען זיך איצט אין אַמעריקע, נאָר איין טאָכטער איז געבליבען אין דערזעלבער שטאָט וואו ר׳ שלמה איז.

ווען איך האָב איינמאָל אין דער פריה גענומען אין האַנט די שטאָטישע רוסישע צייטונג, האָב איך דאָרטען באַמערקט אַ בריף, אונטערגעשריבען פון ר׳ שלמה׳ן. דער אינהאַלט פון בריף איז געווען אַזוי:

„איך, דער און דער, וועלכער איז געפאָהרען קיין בירא־בידזשאַן מיט דער ערשטער פאַרטיע קאָלאָניסטען און איז פון דאָרטען אַנטלאָפען, דריק אוים מיין באַדויערונג פאַר מיין שריט, און איך בעט דעם „געזערד“, אַז ער זאָל מיך שיקען צוריק. איך האָב פריהער ניט געקענט איינזעהן דעם גליק, וואָס בירא־בידזשאַן איז פאַר די אידישע מאַסען. איך בעט, מען זאָל מיר פאַרגעבען דעם טעות און מיך שיקען צוריק“.

דאָס איבערלעזענדיג, האָב איך באַשלאָסען צו געהן זעהן זיך מיט איהם און דערוויסען זיך פון איהם, פאַרוואָס ער איז פריהער אַנטלאָפען, און איצט קלייבט ער זיך אין אַזאַ ווייטער נסיעה. ווען איך בין צו ר׳ שלמה בעל־עגלה געקומען אין הויז, האָב איך זיך ווידער אָנגעשטויסען אויף דער שרעקליכער אידישער נויט און הילפלאָזיגקייט אין רוסלאַנד. ער האָט מיך ניט דערקענט. אַז איך האָב איהם אָבער געזאָגט, ווער איך בין, האָט ער זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט און האָט זיך גענומען נאָכפרעגען אויף זיינע קינדער אין אַמעריקע. וועגען זייז בריוועלע אין די צייטונגען האָט ער מיר ערקלערט אָט וואָס:

ער איז אַנטלאָפען פון בירא־בידזשאַן, ווייל דאָס לעבען איז דאָרט שרעקליך. די געגענד איז ווילד, די ערד איז אוממעגליך צו באַאַרבייטען. עס זיינען ניטאָ קיין הייזער און מען איז ווייט פון מענשען. „ווילדע היישעריקען זיינען די איינציגע איינוואוינער

פון דער ווילדערניש, וואוהין מען האָט אונז געשיקט. — האָט ער געזאָגט. — איך וויל, פארשטעהט זיך, צוריק ניט פאָהרען. נאָר כדי צו פאַרדינען דאָ אויף אַ שטיקעל ברויט, מוז איך ווערען צוריק אַ בעל־עגלה. אויף דעם דאַרף איך ארויסנעמען אַן ערלויבניש פון דער שטאָט־רעגירונג. ווען איך בין אָבער געקומען נאָך דער ערלויבניש, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך וועל די ערלויבניש קריגען, ווען איך וועל מאַכען אַן עפענטליכע ערקלערונג, אַז בירא־בידזשאַן איז פאַר אידען אַ גן־עדן און מיך פארדריסט וואָס איך בין פון דאָרטען אַנטלאָפען, וואָס שלעכטע מענשען האָבען מיך אָנגערעדט צו אַנטלויפען. און איך זאָל שרייבען, אַז איצט וויל איך פאָהרען צוריק. מען וועט מיך צוריק אָליץ־איינס ניט שיקען, אָבער דערפאַר וועל איך קריגען אַן ערלויבניש צוריק צו ווערען אַ בעל־עגלה. איך האָב זיך ניט געקענט העלפען. איך וויל זיך ראַטעווען פון הונגער, האָב איך דאָס בריוועלע אונטערגעשריבען.

ר׳ שלמה׳ס בריוועלע האָט מען דערנאָך אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען, כדי מיט דעם צו שאַפען שטימונג פאַר דער קאָלאָניזאַציע אין בירא־בידזשאַן.

אָוועקפאָהרענדיג פון רוסלאַנד, האָב איך זיך שוין ניט געוואונדערט, פאַרוואָס דער „אַגראָ־דזשאָינט" און דער „אָרט" באַטייליגען זיך ניט אין דער בירא־בידזשאַן אַוואַנטורע. איך האָב אויך פארשטאַנען, פאַרוואָס אַזאַ גרויסער קענער פון אידישער קאָלאָניזאַציע, ווי דר. י. ראָזען, האָט זיך ניט נאָר אָן דעם פּלאַן ניט אָנגעכאַפּט, נאָר ביי זיין איצטיגען באַזוך אין אַמעריקע האָט ער אין זיין אינטערוואו זיך ארויסגעזאָגט שאַרף געגען די פּלענער פון בירא־בידזשאַן. דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס אַ פּאָר אומפּאַרטייאישע כלל־טוער אין אַמעריקע, ניט קיין קאָמוניסטען, שרייען נאָך אַליץ, אַז בירא־בידזשאַן איז אַ נייער אידישער גן־עדן.

און די גאַנצע „איקאָר"־באַוועגונג דאָ אין אַמעריקע, מיט אַלע איהרע פּושקעס, איז ניט פאַר דער קאָלאָניזאַציע, וועלכע וועט אפשר אין דער נאָהענטער צוקונפט טאַקע זיין אַ גליק פאַר אידען, נאָר גראָד פאַר דעם אומגליק פאַר אידען, וואָס טראָגט דעם נאָמען „בירא־בידזשאַן".

צווישען רוסישע פויערים אין דאָרף

ער פאַרמאָגט 7 דעסיאַטין לאַנד און פּאַרזויט נאָר 4. — אַ קאָמוניסטישע פּאַרזאַמלונג פון פּויערים. — די „קולאַקעס" און די אָרימע פּויערים. — פּויערטעס קויפען פּאַרפיום, כדי פּטור צו ווערען פון די רובעלס. — רוסישע פּויערים מאַכען אַ שפּאַס. — מואווינג־פּיקטשורס אין אַ שטאַל. — יאַנקעלס פּיאַנאָ ביים פּויער מאַטוויי. — די שטימונג צווישען די פּויערים.

מען פיהרט איצט אין רוסלאַנד אַ קאַמף מיט דעם „קולאַק", מיט דעם דאָרפישען פאַרמעגליכען פּויער. דער קאַמף ווערט שוין געפיהרט באַלד אַ יאָהר. נאָך איידער איך בין געקומען אין רוסלאַנד, האָב איך מיר געשטעלט די פראַגע: פון וואַנען קומט איצט אַ „קולאַק", אַ רייכער פּויער. די ערד איז פאַרטיילט געוואָרען צווישען אַלעמען גלייך. קיין אַנדערע קוואַלען, פון וואַנען דער פּויער זאָל רייך ווערען, זיינען ניטאָ. הייסט פון וואַנען נעמט זיך איצט אַ רייכער פּויער?

אין די צאַרישע צייטען איז דער „קולאַק" מעגליך געווען. עס זיינען געווען פּויערים, וואָס האָבען געהאַט אַ סך ערד און פּויערים, וואָס האָבען געהאַט ווייניג ערד, פּויערים, וואָס האָבען גאָר קיין ערד ניט געהאַט. דאַן איז געווען מעגליך אין דאָרף די צוטיילונג אויף קלאַסען. אָבער איצט, ווען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אויסגעגלייכט די פּויערים אין דעם ערד־באַזיץ, פון וואַנען קומען פּויערים רייכע און אָרימע?

די רייכע פּויערים האָבען ניט מעהר ערד, זיי האָבען אָבער מעהר פערד, מעהר בהמות, אַ בעסערע ווירטשאַפט. מיט וואָס ערקלערט מען דיזע ערשיינונג?

דאָס ערקלערט זיך מיט דער אַרבייטזאַמקייט, מיט דעם ניכטערען לעבען, וואָס אַ טייל פון די פּויערים פיהרען. אנגעזעהענע רעגירונגס־אַגראָנאָמען (ספּעציאַליסטען אין ערד און ערד־אַרבייט) האָבען מיר איבערגעגעבען, אַז צו דעם קלאַס „קולאַק" (פּויערים, וואָס האָבען מעהר ווי איין פערד און איין בהמה), געהערען איצט 60 פּראָצענט פון דער פּויערשער, דאָרפישער באַפעלקערונג.

דער „קולאַק" האָט אַלץ געטאָן, כדי אַרויסצוקריגען פון דער ערד וואָס מער. ער האָט זיך ניט געפּוילט, עטליכע מאָל די ערד גע־אַקערט, געבראָנעוועט, געהיט די פעלדער ווי אַן אויג אין קאָפּ. ווען ער האָט פון פעלד אַרונטערגענומען די תבואה, האָט ער די איבערגעבליבענע קאָרן פאַרקויפט. פאַר דעם געלד האָט ער געקויפט נאָך אַ פערד, נאָך אַ בהמה, אויפגעבויט נאָך אַ שטאַל. און וואָס מער פערד, וואָס מער בהמות, אַלץ בעסער איז זיין ווירטשאַפט געוואָרען. די מיסט פון זיינע פערד און בהמות האָט זיין ערד פעטער געמאַכט. וואָס פעטער די ערד, אַלץ מער קאָרן, ווייץ, האָבער, גערשטען פאַר דעם לאַנד, אַלץ רייכער איז געוואָרען די אַלגעמיינע פאָלקס־ווירטשאַפט פון לאַנד.

דער סוף איז געווען, אַז דער רייכער פּויער, וואָס האָט געהאַט עטליכע פערד, עטליכע בהמות, וועלכע ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיין אַרבייט, האָט אויך גענומען באַאַרבייטען די ערד פון דעם אָרימען פּויער. ער האָט מיט איהם אָפּגעמאַכט צו טיילען זיך דערנאָך העלפט אויף העלפט מיט די פּראָדוקטען, וואָס וועלען אַראָפּגענומען ווערען פון די פעלדער. דאָס האָט דעם רייכערען פּויער געמאַכט נאָך רייכער, און דעם אָרימען — נאָך אָרימער. די אומצופרידענהייט אין דאָרף צווישען די צוויי קלאַסען פּויערים איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער. די רעגירונג האָט גאָר ניט געטאָן, אַז דער אָפּגעלאָזענער פּויער זאָל מיט מער איבערגעבענהייט זיך נעמען צו דער אַרבייט. דאָס איינציגע, וואָס די רעגירונג האָט געטאָן, איז געווען צו נעמען דעם אָרימען פּויער צו זיך אויף קעסט. ווינטער פלעגט זי איהם געבען ברויט, און אין פריהלינג פלעגט זי איהם געבען זריעה אויף צו פאַרזייען די פעלדער. אָבער דאָס האָט די לאַגע פון דעם אָרימען פּויער ניט פאַרבעסערט, נאָר פאַרערגערט.

עס איז ניט געווען אַזאַ קראַפט אין דעם דאָרפישען לעבען, וואָס זאָל דעם אָרימען פּויער צווינגען צו באַאַרבייטען זיין ערד. פאַרקעהרט, וואָס מער די רעגירונג האָט געהאָלפען, אַלץ נאַכלע־סיגער און אָרימער איז געוואָרען דער פּויער. דער רייכער פּויער, ווידער, איז געוואָרען אַ גרויסע קראַפט אין דאָרף. מען האָט ניט נאָר אָנגעפאַנגען מורא צו האָבען פאַר זיין עקאָנאָמישער מאַכט, נאָר אויך פאַר זיין פּאָליטישער מאַכט. וואָרים ער איז געווען זעהר אומצופרידען מיט דער רעגירונגס אַגראַר־פּאָליטיק, מיט דער פּאָ־

ליטיק אין פראגען פון ערד־ארבייט און לאנד־ווירטשאפט. די רע־גירונג האט ערקלערט קריג דעם ארויפגעארבייטען פויער אין דארף. פויערים, וואס האבען מעהר ווי איין בהמה, האבען געדארפט צאהלען גרעסערע שטייערען. מען האט צוגענומען ביי זיי א סך בירגער־ליכע פריווילעגיעס. מען האט זיי געמאכט דאס לעבען ענגער.

דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז די פויערים־„קולאקעס" האבען זיך דערשראקען און גענומען פארקויפען זייערע בהמות. היינט־צו־טאג איז די פערד־ און פיה־ווירטשאפט פון די פויערים פארקלענערט געווארען פון 25 ביז 30 פראצענט, וואס דאס איז אן אומגליק פאר דער רוסישער פאלקס־ווירטשאפט. אפילו ווען אין לאנד זאל דעם יאהר זיין א גערעטעניש, וועט רוסלאנד היי־יאהר ניט ארונטערנעמען פון די פעלדער אזוי פיל ברויט, וויפיל ס'איז ארונטערגענומען געווארען אין די יאהרען 1926 און 1927, ווייל די פויערים האבען וויינציגער פארזייט.

דער פויער האט זיך ארומגעזעהן, אז עס לוינט זיך איהם ניט צו פארזייען צופיל. ווארים דאס וואס עס בלייבט איהם איבער, און וואס ער קאן אליין ניט פארברויכען, ברענגט איהם קיין נוצען ניט. פארקויפען דאס איבערגעבליבענע צו דער רעגירונג, מיינט אפנעמען פאר דער תבואה און די פראדוקטען א נישטיגען פרייז, און דעם פויער לוינט זיך ניט צו ארבייטען פאר דעם. צווייטענס, קאן ער פאר דעם געלט גארניט קויפען, צו מאכען זיין לעבען בעסער און אנגענעמער.

די נייע פאליטיק פון דער רוסישער רעגירונג געגען דעם רייכען פויער האט דעם ארימען פויערים־לעבען ניט פארבעסערט, נאר פאר־ערגערט. דער רייכער פויער, וועלכער האט געהאט א פערד און האט באארבייט די ערד פון דעם ארימען פויער אויף העלפט, האט זיך היי־יאהר ענטזאגט דאס צו טאן, און די פעלדער פון די 30 פראצענט ארימע פויערים זיינען געבליבען ניט פארזייט. די רע־גירונג האט געעפענט „קאלכאזען", דאס הייסט, קאלעקטיווע לאנד־ווירטשאפטען, א מין פארמער־קאאפעראטיוועו, אבער ניט פאר'ן פארקויף, נאר פאר ארבייט. די פויערים, וואס ארבייטען אויף די „קאלכאזען", זיינען געדונגענע ארבייטער. מען האט אריינגעצויגען אין דעם א טייל פון די ארימע פויערים, אבער די צאהל איז אזא אומבאדייטענדע, און די ווירטשאפט פון די „קאלכאזען" ווערט

אזוי שלעכט געפיהרט, אז דאָס וועט קיינמאָל ניט קענען געבען די געווינשטע רעזולטאַטען.

קיינער אין רוסלאַנד צווייפעלט ניט, אז אין אַ יאָהר אַרום וועט מען מוזען ערקלערען דעם „קאָלכאָז" עקספּערימענט פאַר ניט קיין געלונגענעם, און מען וועט זיך נעמען זוכען עפּעס אַנדערש. אויב די רוסישע ווירטשאַפט קאָן ביז איצט צו זיך ניט קומען, סאַי אין דאָרף און סאַי אין שטאָט, איז דאָס צוליב דעם, וואָס די רע־גירונג האַלט אין איין מאַכען ניט־געלונגענע עקספּערימענטען, און דאָס אַלץ ווערט געטאָן אויף'ן חשבון פון דער לאַנד־ווירטשאַפט.

איך האָב געשמועסט מיט אַ פּויער אין אַ דאָרף אין ווייס־רוסלאַנד. איך האָב זיך דערוואוסט, אז דער פּויער האָט זיבען דעסיאַטין ערד און פאַרזייט נאָר פיר. ווען איך האָב ביי איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער פאַרזייט ניט זיין גאַנצע ערד, האָט ער מיר ערקלערט, אז איהם לוינט זיך ניט צו אַרבייטען אויף די איבעריגע דריי דעסיאַטין.

אַ דעסיאַטין ערד אין ווייס־רוסלאַנד, זאָגט דער פּויער צו מיר, גיט אַרויס אין אַ נאָרמאַלען יאָהר פערציג פּוד קאָרן. די קאָרן מוז מען פאַרקויפען דער רעגירונג. די רעגירונג צאָהלט מיר אַ רובעל מיט צוואַנציג קאָפּיקעס אַ פּוד. דאָס מיינט, אז איך קאָן פאַר דער תבואה פון אַ דעסיאַטין ערד קריגען 48 רובעל. ווען איך דאַרף פאַר די 48 רובעל קויפען שטיוועל, דאַרף איך באַצאָהלען פאַר אַ פּאָר שטיוועל 23 רובעל. איך קאָן קוים באַקליידען מיט שטיוועל מיך און מיין פרוי, און די איבעריגע מיטגלידער פון דער משפחה דאַרפען אַרומגעהן אין לאַפּטשעס. ווילען מיר בעסער אַלע געהן אין לאַפּ־טשעס. איהר ווייסט, — זאָגט ער צו מיר, וואָס דאָס מיינט באַ־אַרבייטען אַ דעסיאַטין ערד? מען דאַרף אַקערען, בראָנעווען, פאַר־זייען, דרעשען, — מיט איין וואָרט, אַ גאַנצען יאָהר אַרבייטען, און באַקומען באַקום איך פאַר דעם גאָרניט. נו, אַרבייט איך בעסער ניט.

דאָס זיינען די באַציהונגען פון דעם פּויער צו זיין ווירטשאַפט. מען לאָזט ניט דעם פּויער זיך צו אַנטוויקלען, מען גיט איהם ניט קיין מעגליכקייטען זיין ווירטשאַפט צו פאַרבעסערען, רייכער צו מאַכען, און פון דעם ליידט דאָס לאַנד. פון דעם קומט אויך דער מאַנגעל אין ברויט. אפילו ווען אין אוקראַינע און אויף קאַווקאַז וואָלט האַי־יאָהר געווען אַ גערעטעניש, וואָלט רוסלאַנד האַי־יאָהר אַלץ געהאַט ווייניגער ברויט, איידער דאָס לאַנד דאַרף.

ווען די רעגירונג וואָלט מיט איהרע פּאָליסים און מיט איהר טאַקטיק ניט געווען קיין שטערונג צו דער ווירטשאַפטליכער אַנט־וויקלונג פון לאַנד, וואָלט אין רוסלאַנד היינט־צו־טאָג ניט געווען די נויט, דער מאַנגעל אין אַלץ, אין וואָס דאָס פאָלק נויטיגט זיך.

די קעלבלאַך, וואָס ווערען איצט געבוירען אין די רוסישע דערפער, וויל קיינער ניט האָדעווען, ווייל דורך דעם ווערט מען אַ „קולאַק". קוילעט מען זיי, און מען עסט אויף די פליישׁ. מיט דעם ערקלערט זיך, וואָס אין רוסלאַנד איז היינט־צו־טאָג אַזאַ גרויסער מאַנגעל אין לעדער. דאָסזעלבע איז אויך מיט פערד. ווען אין אַזאַ לאַנד פון ערד־ארבייט, ווי רוסלאַנד, ווערט קלענער די צאָהל פערד און בהמות, ווערט דורך דעם אויך פאַרקלענערט די גאַנצע ווירטשאַפט פון לאַנד.

באַגעגענט מיך אַ סטודענט, מיט וועלכען איך האָב זיך נאָר־וואָס באַקענט אין מאָסקווע. ער לערענט זיך אין אַן אַגראַר־שולע (פאַרם־סקול). ער זאָגט צו מיר: „מיך פאַרדריסט, וואָס איהר זיינט היינט ניט געווען אויף דער פאַרזאַמלונג, וואו דער פאָלקס־קאָמיסאַר פון האַנדעל, מיקאָיאַן, האָט גערעדט וועגען דער נייער אַגראַר־טאַקטיק פון דער רעגירונג און וועגען דעם קאַמף, וואָס מען דאַרף פיהרען מיט דעם „קולאַק". די פאַרזאַמלונג איז געווען זעהר גוט באַזוכט.

ווען מיקאָיאַן האָט געענדיגט רעדען, האָט זיך איינער פאַר־שריבען צום וואָרט. ער האָט ערקלערט, אַז ער איז אַ פּויער פון אַ דאָרף אַרום מאָסקווע, און איצט אַרבייט ער אַלס „איזוואָסטשיק" (פוהרמאַן) אין שטאָט. זיין פאַמיליע איז געבליבען אין דאָרף אָהן מיטלען צום לעבען. ער דאַרף זיי שיקען ברויט פון מאָסקווע, אַז זיי זאָלען דאַרטען ניט אויסשטאַרבען פון הונגער. און באַשול־דיגען באַשולדיגט ער אין דעם די נייע טאַקטיק פון דער רעגירונג.

צווישען אַנדערעס האָט ער געזאָגט, אַז די סאָוועט־רעגירונג איז אַ גוטע רעגירונג פאַר פּויליאַקעס, פאַר מענשען, וואָס ווילען ניט אַרבייטען. זיי העלפט די רעגירונג. אָבער די פּויערים, וואָס ווילען יאָ אַרבייטען, וואָס שיכור'ן ניט און פאַסען אויף אויף זייער באַלעבאַטישקייט, יענע האַלט די רעגירונג אין איין פאַרפאָלגען, און צוליב דעם ווערט דאָס דאָרף אַלץ אָרימער און אָרימער. זינט דער רעוואָלוציע קאָן זיך דער פּויער אויף די פיס ניט שטעלען. מען האָט איהם געגעבען ערד, און מען לאָזט זי איהם ניט באַאַר־

בייטען; מען האָט איהם געמאַכט פאַר א בעל־הבית פון א לאַנד, און מען לאָזט איהם זיין איינענע באַלעבאַטישקייט ניט פיהרען.

ווען דער פויער האָט געענדיגט, האָט מיקאָיאַן אין זיין ענט־פער געזאָגט, אַז אַזוי קאָן רעדען נאָר א „בורזשוי“, א „קולאַק“, א שונא פון לאַנד. האָט זיך אויפגעכאַפּט דער פויער, האָט אַראָפּ־געוואָרפען פון זיך זיין רעקעל, וועלכען ער האָט געטראָגען, און האָט געצייגט דער גאַנצער פאַרזאַמלונג זיין צוריסען העמד, דורך וועלכער עס האָט זיך דורכגעזעהן זיין נאַקעט לייב, און האָט אָנ־געהויבען צו שרייען: „איך, וועלכער געה אַרום אין אַזעלכע שמאַטעס, בין א „בורשזוי“, א „קולאַק“, און דו, — ווענדט ער זיך צו מיקאָיאַנען, — דו, וואָס גייט אָנגעטאָן ווי א פּריץ, דו ביזט דער פּראָלעטאַריער!“

ווען דער פויער האָט דאָס אויסגעשריען, האָט דעם גאַנצען זאַל אַרומגעכאַפּט א ציטער. אַזוי אומערוואַרטעט איז פאַר אַלעמען געווען דער מוט פון דעם פויער, און די שרעקליכע שמאַטעס, וואָס ער האָט געטראָגען אונטער'ן רעקעל.

מיקאָיאַן האָט ווייטער גענומען ענטפערען, אָבער דער ענט־פער איז שוין געווען אין א דערשלאָגענעם טאָן, און אַזוי האָט זיך די פאַרזאַמלונג געענדיגט. מיר האָט זעהר פאַרדראָסען, וואָס איך בין ביי דער פאַרזאַמלונג ניט געווען. אָבער דערנאָך האָב איך וועגען דער פאַרזאַמלונג געהערט רעדען אין עטליכע פּלעצער אין מאָסקווע און אַלע האָבען דערצעהלט די זעלבע זאַך.

ביי יעדער געלעגענהייט, וואָס איך האָב געהאַט צו הערען וועגען דער אומצופרידענהייט פון די פויערים מיט דער סאָוועט־רעגירונג, האָט מיך אויך אינטערעסירט די פראַגע, מיט וואָס עס ערקלערט זיך די געהאָרכזאַמקייט, מיט וועלכער די פויערים טראָגען אַריבער די אַלע „דאָרפס־עקספּערימענטען“, וועלכע רואינירען זיי־ער ווירטשאַפט. אָבער פרעגען אַזאַ זאַך איז פאַר מיר געווען זעהר ניט באַקוועם, ווייל מען וואָלט דאָס זיכער אויסגעטייטשט, אַז איך העץ די פויערים געגען דער רעגירונג. אָבער דער רוסישער פויער האָט א טבע ניט צו פאַרבאַהאַלטען זאַכען אין זיך. דאָס, וואָס ער פיהלט, זאָגט ער גלייך אַרויס. איז מיר געווען זעהר לייכט אויס־צוגעפינען די אורזאַכען פון זיין אויסערגעוועהנליכען געדולד.

די דורות פון קנעכטשאַפט און פאַרשקלאַפונג פון דעם רו־סישען פויער האָט איהם פאַרוואַנדעלט אין א מענשען א פאַרבי־טערטען, וועלכער טראָגט א האַס צו די, וואָס האָבען איבער איהם

ביז איצט געהערשט. דער פּריץ איז געווען זיין אייביגער ביטערער שונא. וואָרים ער פלעגט דאַרפען ארבייטען פאַר׳ן פּריץ, וועלכער פלעגט ביי איהם אלצדינג צונעמען.

ווען עס איז געקומען די רוסישע רעוואָלוציע, דער כאַאָס אין לאַנד, האָט זיך דער פויער די ערשטע זאַך אָפּגערעכענט מיט זיין ערגסטען שונא, מיט׳ן פּריץ. די מאַיאָנטקעס פון דעם פּריץ דאָט דער פּויער ניט צוגענומען באַלד פאַר זיך, נאָר ער האָט זיי פאַר־ברענט, צושטערט, פאַרניכטעט. איך בין דורכגעפאָהרען פאַרביי די פּריצ׳ישע אימעניעס „מאַיאָנטקעס״, וועלכע איך האָב זעהר גוט געקענט אַמאָל, און היינט איז פון זיי קיין סימן ניט געבליבען. די נקמה פון פויער איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט מיט׳ן וואָרצעל ארויסגעריסען יעדעס שטיינדעלע, וואָס האָט געהערט צום פּריץ. די סאָוועט־רעגירונג האָט איהם ערמוטיגט דאָס אַלץ צו טאָן, האָט איהם ערמוטיגט צו פאַרניכטען אַלע רייכקייטען, אַלע מאַיאָנטקעס פון די פּריצים. די באָלשעוויסטישע רעגירונג איז אין די ערשטע יאָהרען געווען ביים פויער אַזוי פּאָפּולער, אַזוי באַליבט, נאָר דער־פאַר, ווייל זי האָט איהם ניט געשטערט אין זיין נקמה־געפיהל.

דאָס לאַנד איז אָבער פון דער צושטערונגס־ארבייט אָרימער געוואָרען. מען האָט גענומען רייכקייטען, וואָס האָבען געקענט שפּילען אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט אַ גרויסע ראָלע, און מען האָט עס פאַרניכטעט. אָבער איצט, ווען דער פויער הויבט אָן צו פיהלען דעם יאָך פון דער סאָוועט־רעגירונג, האָט ער מורא צו טראַכטען וועגען אַ ווידערשטאַנד, ווייל ער האָט מורא, טאָמער וועט דורכדעם קומען צוריק דער אַלטער פּריץ. דער פויער האָט מורא, אַז מיט דעמזעלבען נקמה־געפיהל, וואָס ער אַליין האָט אַרויסגעוויזען, וועט דערנאָך דער פּריץ האַנדלען געגען איהם און זיין ווירטשאַפט. ער, דער פּריץ, וועט מיט דער פויערשער ווירטשאַפט טאָן דיזעלבע זאַך, וואָס דער פויער האָט געטאָן מיט זיין ווירטשאַפט, און דערפאַר האָט דער פויער מורא, דערפאַר איז ער געהאָרכזאַם צו דער סאָ־וועט־רעגירונג.

ווען איהר רעדט מיט׳ן פויער איז ער אומצופרידען. ער קריי־טיקירט, אָבער ווייטער פון דעם געהט דאָס ניט. איך האָב קיין צופרידענע פויערים אין רוסלאַנד ניט געזעהן. אָבער ווען אין אַ לאַנד איז דער גרעסטער טייל פון פאָלק אומצופרידען מיט דער רעגירונג, איז דאָס פאַר דער רעגירונג אַ געפאַהר, און אויב די אומצופריי־

דענהייט זאָל אַזוי אָנהאַלטען, אויב דאָס לעבען פון פויער זאָל לייכטער ניט ווערען, וועט עס פריהער אָדער שפּעטער, אפשר געגען דעם באַוואוסטזיניגען ווילען פון פויער, פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַן אָפענעם קאַמף געגען דער רעגירונג.

* * *

שפּאַצירענדיג איבער'ן מאַרק פון דער שטאָט ב., האָב איך דורכ'ן פענסטער דערזעהן אַן אַלטען באַקאַנטען מיינעם, אַ פאַר־מאַצעווט (דראָגיסט, אַפּטייקער). ער האָט איצט אויך אַן אַפּטייק (דראָג־סטאָר) אין שטאָט. איך בין אריינגעגאַנגען אין זיין געשעפט, געגעבען מיין אַלטען באַקאַנטען אַ ברייטען שלום־עליכם. ער האָט מיך ניט דערקענט. מיר האָבען זיך שוין ניט געזעהן דריי און צוואַנ־ציג יאָהר. נאָכדעם ווי איך האָב איהם דערמאָנט, ווער איך בין און וואו מיר האָבען זיך באַגעגענט, האָבען מיר שוין פאַרבראַכט ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע.

ווען איך בין אַזוי געשטאַנען מיט איהם און גערעדט, זיינען אריינגעגאַנגען אין דראָג־סטאָר דריי פויערטעס, אין דאָרפישע קליי־דער, מיט וואַרימע פאַטשיילקעס ארומגעבונדען די קעפּ. איינע וויייזט אָן מיט'ן פינגער אויף פאַרפיום און בעט, מען זאָל דאָס איהר געבען. דער אַפּטייקער דערלאַנגט. די צווייטע ווייזט אָן אויף אַ גוטען, בלוי־ען שטיקעל זייף, און די דריטע — אויף עפּעס אַנדערש. זיי רופען דאָס ניט אָן מיט'ן נאָמען, נאָר ווייזען אָן מיט די פינגער: „גיב מיר דאָס." ער האָט עס זיי דערלאַנגט, זיי האָבען באַצאָהלט און זיי־נען ארויס.

איך בין געשטאַנען אַ פאַרוואונדערטער. פויערטעס אין אָרימע פויערשע קליידער באַנוצען איצט פאַרפיום אין רוסלאַנד! אַזאַ פּראָגרעס! אַזאַ קולטורעלע אַנטוויקלונג! און איך האָב געבעטען ארקע'ן, דעם פאַרמאַצעווט, ער זאָל דאָס מיר ערקלערען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז דער איינציגער, וואָס מאַכט אין שטאָט גוטע געשעפטען. ווען די פויערטעס קומען אין שטאָט פאַרקויפען זייערע דאָרפישע פּראָדוקטען, געהען זיי דערנאָך איבער די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, צו קויפען פאַר זיך אַ העמד, שיך, און זיי קענען גאָרניט קריגען. די רוסישע רובעלס ווילען זיי צוריק אין דאָרף ניט פיהרען, זיי האָבען מורא פאַר דעם. קומען זיי צו מיר אין קראָם קויפען פאַר־פיום, אָבער ניט ווייל זיי דאַרפען דאָס, נאָר ווייל קיין אַנדער זאַך קען מען אין שטאָט ניט קויפען.

צווישען באַריסאָוו און זעבין איז דאָ אַ אידישע קאָלאָניע, וועל־
כע מיר האָט זיך געוואָלט זעהן. איך האָב געדונגען אַ אידישען איז־
וואָסטשיק (פוהרמאַן), און מיר זיינען אַהין אוועקגעפאָהרען. דער
וואָגען פון דעם איזוואָסטשיק האָט אויסגעזעהן ווי אַ קליינע
פּריצ׳ישע קאַרעטע. אויפ׳ן וועג האָבען מיר צוליב דעם געהאַט זעהר
אַ סך צרות. די פּויערים, וואָס זיינען געפאָהרען אַנטקעגען אונז
אויפ׳ן וועג, האָבען אונז קיינמאָל דעם וועג ניט דורכגעלאָזען. מיר
האָבען אַלעמאָל געדאַרפט אַראָפּגעהן פון וועג, כדי צו קענען דורכ־
קריכען די וועגענער, אויף וועלכע די פּויערים זיינען געפאָהרען.

מיין אידישער איזוואָסטשיק זאָגט צו מיר, אַז איצט איז דער
פּויער דער בעל־הבית פון ברייטען וועג. אַמאָל, ווען ער פלעגט דער־
זעהן דעם שעהנעם פּריצ׳ישען פאַיעטאָן, פלעגט ער זיך אָפּקערען
מיט זיין וואָגען אין טיפען וואַלד אריין, מורא האָבענדיג, טאָמער
פאָהרט דאָס דער פּריץ, אָדער דער פּריסטאַוו (פּאָליציי־באַאמטער).
היינט איז ניט נאָר קערט ער זיך ניט אָפּ אין וואַלד, נאָר ער קערט
אפילו ניט אָפּ פון וועג, צו געבען דיר אַ געלעגענהייט דורכצופאָהרען.
אין דעם שפּיגעלט זיך אָפּ די אַנטוויקלונג פון דעם רוסישען פּויער.
ער פיהלט איצט, אַז דאָס לאַנד איז זיינס, דער וועג איז זיינער, אַלץ
איז זיינס. דער רוסישער פּויער איז היינט ביי זיך זיכערער געוואָ־
רען. אָבער אויך אָט די זיכערקייט נוצט ער ניט אויס אויף אַ קול־
טורעלען וועג, ווייל ער איז דאָך פאַר דער צייט ניט געוואָרען מעהר
קולטורעל. עס איז די רוסישע נאַטור, וואָס איז גענייגט צו אַלערליי
עקסטרעמען. אָדער ער האָט מורא און באַהאַלט זיך אין וואַלד,
אָדער, ווען ער האָט ניט קיין מורא, לאָזט ער קיינעם ניט דורך
דעם וועג, ווען ער פאָהרט.

צוריק קיין באַריסאָוו פון זעבין זיינען מיר ארויסגעפאָהרען ביי
זון־אונטערגאַנג. ווען מיר האָבען זיך גענומען דערנעהנטערען צו
באַריסאָוו, איז שוין געווען גאָר פינסטער, אָבער די נאַכט איז געווען
אַ ליכטיגע. די לבנה האָט געשיינט איבער׳ן וואַלד, פעלד און וועג.
פון דערווייטען האָבען מיר דערזעהן, אַז עס געהט אַ גאַנצע גרופּע
פּויערים. ווען זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צו אונז, האָבען זיי אָנ־
געפאַנגען שרייען, „אָסטאַנאָוויס!“ דאָס הייסט, שטעלט זיך אָפּ.
מיר האָבען זיך זעהר דערשראָקען און האָבען זיך אָפּגעשטעלט. זיי
זיינען צוגעלאָפען צו אונז, פאַרמאָסטען זיך אויף אונז מיט די קאַ־
סעס, וועלכע זיי האָבען געטראָגען מיט זיך, און האָבען זיך באַלד

שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט. דערנאָך האָבען זיי ערקלערט, אַז זיי האָבען דאָס געוואָלט איבערשרעקען די פּריצים. אונז האָט געטרייסעלט הענט און פיס. מיר זיינען געווען זיכער אין דעם מאָמענט, אַז מען וועט אונז באַראַבעווען, און ווער ווייס, אפשר וועלען מיר שוין קיין לעבעדיגע פון דאַנען ניט אַרויס. ביי זיי איז דאָס געווען אַזאַ שפּאַס.

ווען די פּויערים האָבען אונז אָפּגעלאָזען, האָב איך זעהר לאַנג וועגען דעם געטראַכט. וואָלט מעגליך געווען אַזאַ „שפּאַס" אויף די וועגען פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך אָדער אַמעריקע? נאָר אין אַזאַ לאַנד פון קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט, אין אַ לאַנד, וואו מען ערציהט אַן אומקולטורעלע מאַסע אין דעם גייסט, אַז זי איז אַלץ, און מיט מענשען, וואָס פאָהרען אויף אַ בעסערען וואַגען, קען מען טאָן אַלץ, נאָר אין אַזאַ לאַנד זיינען מעגליך אַזעלכע שפּאַסען.

* * *

אין אַ סך אידישע שטעטלאַך, וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכען, זיינען דאָ „מואווינג-פּיקטשורס". די מואווינג פּיקטשורס ווערען געצייגט אין דעם שטאַטישען ארבייטער קלוב, וועלכער באַשטעהט פון אַ באַלאַגאַן, וואָס קאָן ווינטער-צייט ניט גענוצט ווערען ניט פאַר פאַרזאַמלונגען, ניט פאַר „מואווים".

אין עטליכע שטעט האָב איך באַזוכט די „מואווים". אַלע בילדער זיינען אַמעריקאַנער, און ניט פון די בעסטע. אַ העלד פון דער אונטערוועלט פּרובירט אַראָפּפיהרען פון וועג אַ יונגע מיידעל. עס ענדיגט זיך מיט דעם, וואָס די מיידעל כאַפּט זיך אין צייט און אַנטלויפט פון פאַרפיהרער, און אַלע זיינען גליקליך, אַלע זיינען צופרידען.

איך האָב קיינמאָל ניט געקאָנט אויסזיצען די גאַנצע צייט ביי די מואווינג פּיקטשורס. אויסער וואָס די „מואווי" אַליין איז שלעכט, זיינען נאָך די אונטערשריפטען אונטער די בילדער אַלעמאָל אויף ווייס-רוסיש און רוסיש. דאָס שטעטעלע איז טאַקע אַ אידישע, און מען רעדט וועגען אידישער קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד, אָבער קיין אידישע אויפשריפטען אויף די „מואווים" זיינען ניטאָ.

די אויפשריפטען לייענען אַלע אין דער הויך, ווער אויף ווייס-רוסיש, ווער אויף רוסיש. איינער האַלט ביים אָנפאַנג, דער צווייטער

האַלט ביים סוף. אַלע אַנוועזענדע קאָנען ניט לייענען ווי געהעריג איז, באַקומט זיך אַזאַ ווילדער געשריי, אַזאַ אומאַנגענעהמער געפּילדער, אַז איהר ווערט נערוועז, עס מאַכט אייך אַזש משוגע. ווען אַן אַמעריקאַנער, אַן ענגלענדער אָדער אַ דייטש זיצט אין אַזאַ „מואווי", וואָלט ער געוויס באַשלאָסען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט ווילדע אַזיאַטען, מיט אינדיאַנער.

* * *

די שטאָט־פאַרוואַלטונג אין ב. האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו אַנאָנסירען אין די אַרומיגע דערפער, אַז דעם און דעם זונטאַג וועט אין דער שטאָט ב. זיין אַן אויסערגעוועהנליך גרויסער יאַריד. די פּויערים וועלען קאָנען אַלץ ברענגען און פאַרקויפען און וועלען דאָ קריגען געגוג סחורות צו קויפען.

די דערפער און די שטעט האָבען זיך צו דעם יאַריד געגרייט, אַלע האָבען מיט אומגעדולד געוואַרט אויפ'ן יאַריד. אָבער וואָס נעהנטער עס איז געקומען דער טאָג פון יאַריד, אַלץ ווייניגער פּראָדוקטען איז געוואָרען אין לאַנד, און נאָך ווייניגער פּראָדוקטען אין דער שטאָט ב. מיט עטליכע טעג איידער דער יאַריד האָט געזאָלט פאָרקומען, האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגען אַ קלאַנג איבער'ן שטאָט, אַז די פּויערים, וואָס וועלען ברענגען אין שטאָט זייערע פּראָדוקטען צו פאַרקויפען און וועלען דערנאָך ניט קריגען אין די קראָמען וואָס צו קויפען, וועלען מאַכען אַ פּאָגראָם. די אידישע באַפעלקערונג פון שטאָט ב. האָט די עטליכע טעג געלעבט אין איין שרעק.

אין דעם באַשטימטען טאָג, ווען דער יאַריד האָט געדאַרפט פאָרקומען, זיינען אין שטאָט געקומען פון די אַרומיגע דערפער צעהן טויזענט פּויערים. אַלע גאַסען זיינען געווען פאַרשטעלט מיט פּויער'שע וועגענער, וועגענער זיינען אויך געשטאַנען אין די פעלדער. די אידישע באַפעלקערונג איז פאַר מורא אויפ'ן גאַס ניט אַרויסגעגאַנגען. איבער'ן שטאָט זיינען אַרומגעפאָהרען רייטענדע פּאָליציי. די פּאָליציי איז געקומען פון דער גובערנסקער שטאָט אָפּצוהיטען די שטאָט ב. פון פּאָגראָם.

די פּויערים זיינען אַ גאַנצען טאָג אַרומגעגאַנגען בייזע פון איין קאָאָפּעראַטיווען געשעפט אין צווייטען, און פאַרנאַכט זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעפאָהרען. ווען די פּויערים האָבען די שטאָט פאַרלאָזען, האָט די שטאָט ב. פריי אָפּגעאָטעמט. גליקליכע זיינען די אידען

ארוים אויפ'ן גאס, אמת, זיי האָבען טאקע גאָרניט געקויפט, אָבער דערפאַר האָבען זיי זיך באַרוהיגט, איבערגעקומען דעם שרעקליכען טאָג.

* * *

איך בין געקומען אין אַ געוויסען דאָרף, וואָס ליגט ניט ווייט פון מיין שטעטעלע. דאָרטען וואוינט נאָך דער שמיד, וועל־כער האָט זיך זעהר גוט געקאָנט מיט מיין טאַטען, און איך האָב איהם אויך זעהר גוט געקאַנט. ווען איך בין אריין צום שמיד און האָב איהם געזאָגט, ווער איך בין, בין איך ביי איהם געווען זעהר אָנגעלייגטער גאַסט. ער האָט געהייסען זיין פרוי גלייך אָפּקאָ־כען פאַר אונז אַ טאָפּ בולבעס מיט זאַלץ. ווען מיר זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט די בולבעס, האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך וויל אריינגעהן אין אַ פּאָר פּויערשע הייזער, צו זעהן ווי די פּויערים לעבען. זיינען מיר געגאַנגען, און אין אַלע הייזער האָב איך געזעהן אין אַ ווינקעלע דאָס בילד פון קריסטוס'עס הייליגער מאַמען. אין מאַנכע הייזער איז אויך געווען דאָס בילד פון לענין'ען.

מיר זיינען אריין צום פּויער מאַטוועי. זיין הויז איז אַלט, פאַר־רויכערט. אַ ספּעציעלער הויכער אָרט דינט פאַר אַ בעט פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. איין פענסטער איז אויסגעבראָכען און פאַרשטעקט מיט שמאַטעס. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס פענסטער איז נאָך געווען אויסגעבראָכען מיט דריי און צוואַנציג יאָהר צוריק, ווען איך בין געווען אין דעם דאָרף. אין איין ווינקעל פון הויז איז געשטאַנען אַ פּיאַנאָ. דאָס האָט מיך אַביסעל איבערראַשט.

איך פרעג דעם שמיד, ווי אַזוי עס קומט צו מאַטוועיען אַ פּיאַנאָ. דערצעהלט מיר דער שמיד פאָלגענדעס: מאַטוועי איז איינמאָל אַוועקגעפאָהרען אין שטאָט פאַרקויפען קאָרן. נאָכדעם ווי ער האָט די קאָרן פאַרקויפט, איז ער געגאַנגען אין די קאָאָפּעראַ־טיווען איינצוקויפען אַלץ, וואָס ער דאַרף פאַר'ן הויז. ער האָט דאָרטען גאָרניט געקאָנט קריגען. פיהרען צוריק די רוסישע רובעל אין דאָרף האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט זיי מורא געהאַט צו האַל־טען, טאָמער וועט פון זיי גאָרניט ווערען.

אַזוי ארומגעהענדיג איז ער אריינגעגאַנגען צו יאַנקעל'ן, דעם אידען, וואָס פלעגט אויפקויפען פלאַקס און קאָרן אין די ארומיגע דערפער. יאַנקעל האָט געהאַט אַ געראָטענע טאָכטער, רבקה'לע, ער האָט פאַר איהר געקויפט אַ פּיאַנאָ. רבקה'לע האָט שוין לאַנג חתונה

געהאַט, איז אַוועקגעפֿאָהרען פֿון שטעטעל. יאַנקעל איז אַ קבצן געוואָרען, אָבער די פּיאַנאָ איז נאָך אַלץ געשטאַנען. ווען מאַטוועי איז אַריין צו יאַנקלען אין הויז, איז ער אַריין אין יענעם צימער, וואו די פּיאַנאָ איז געשטאַנען. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויף די קלאַווישעס און האָט דערהערט, אַז עס שפּילט. אויף רוסיש הייסט עס „איגראַיעט". איהם איז דאָס געפֿעלען געוואָרען, האָט ער ביי יאַנקלען אָפּגעקויפֿט די פּיאַנאָ.

יאַנקעל איז געווען גליקליך, וואָס ענדליך האָט ער געקראָגען אַ קונה, וואָס וועט איהם געבען אַ פּאָר פֿונט ברויט, אָדער אַ פּאָר רובעל, מיט וועלכע ער וועט קאָנען קויפֿען ברויט. אויף מאָרגען איז מאַטוועי געקומען מיט זיינע שקצים, מיט אַ פּאָר פֿערד, מען האָט אַרויפֿגעשטעלט די פּיאַנאָ אויפֿ'ן וואָגען און זי געבראַכט אין דאָרף.

אין דאָרף האָט די פּיאַנאָ אָנגעמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם. יעדערער פֿון דאָרף איז געקומען צו מאַטוועיען און געהאַלטען אין איין קלאַפּען. אָבער באַלד איז דאָס קלאַפּען אויף דער פּיאַנאָ אַלע־מען דערעסען געוואָרען, און איצט שטעהט די פּיאַנאָ אַ פּאָר'־יתום'טע, אַן איבעריגע ביי מאַטוועיען אין הויז.

איך בין זיכער, אַז ווען אַן אַמעריקאַנער רייזענדער וואָלט צו־פֿעליג אַריינגעגאַנגען צו מאַטוועיען אין הויז און וואָלט דערזעהן די פּיאַנאָ. און ווען דער שמיד וואָלט איהם גאָרניט דערצעהלט, ווי אַזוי די פּיאַנאָ איז אַהער געקומען, וואָלט ער אָנגעשריבען פֿאַר דער אַמעריקאַנער פּרעסע אַ גלענצענדען אַרטיקעל, אַז אין די הייזער פֿון די רוסישע פּויערים זיינען אפילו פּיאַנאָס אויך פֿאַראַן. אַזוי האָט דער רוסישער פּויער פּראָגרעסירט. אָבער צו מיין גליק איז דער שמיד געווען לעבען מיר, און ער האָט מיר אַלצדינג ערקלערט.

די רויטע אַרמיי

וואו איהר קערט זיך און וואו איהר ווענדט זיך, באַגעגענט איהר סאָל־דאַטען. — ווי אַזוי דער היינטיגער רוסישער סאָלדאַט פיהרט זיך אויף אין גאַס. — אַ באַזוך אין אַ רוסישער קאַזאַרמע. — סאָלדאַטען אין טעאַטערן און רעסטאָראַנען. — קינדער מיט ביקסען אויף די פּלייצעס. — דער רויטער מיליטאַריזם.

עס איז מערקווירדיג, אַז שפּאַצירענדיג איבער די פּאַריזער גאַסען, באַזוכענדיג די פּאַריזער רעסטאָראַנען און די טעאַטערען, האָב איך גאָר קיין סאָלדאַטען ניט געזעהן. דאָס זעלבע איז אויך אין דער שווייץ, אין דייטשלאַנד און ענגלאַנד. עס קען זיין, אַז די לענדער באַוואַפּענען זיך. עס קען זיין, אַז די דיפּלאָמאַטען לייגען אויס פּלענער פאַר אַ צוקונפטיגער מלחמה, אָבער אין דעם טאָג־טעג־ליכען גאַנג פון לעבען באַמערקט איהר ניט, אַז מען זאָל די מאַסען ערציהען אין אַ גייסט פון קריג, אַז מען זאָל דאָרטען אַנטוויקלען דעם רעספּעקט פאַר דער אַרמיי.

גאַנץ אַנדערש פיהלט איהר זיך, ווען איהר פאָהרט אַריין אין פּוילען. דער ציווילער ניט מיליטערישער מענש קען פאַר זיך קיין פּלאַץ ניט קריגען, ווייל אַלץ איז פאַרנומען פון דער אַרמיי. ווען איהר געהט אַריין אין אַ פּוילישען צוג, זייט זיכער, אַז פון צעהן פּאַסאַזשירען וועלען זיין אַמוועהניגסטען פינף סאָלדאַטען אָדער אָפיצערען. ווען איהר געהט צו צו דער קאַסע אויף דער סטאַנציע קויפען אַ בילעט, וועט איהר אַלעמאָל לעבען קאַסע באַגעגענען אַ גרויסע רייהע פון אָפיצערען אָדער סאָלדאַטען, וואָס האַלטען אין האַנט זייערע פּאַפּירען, וועלכע באַרעכטיגען זיי צו אַ פרייען בילעט ערגעץ צו פאָהרען. און עס האָט ביי מיר עטליכע מאָל פּאַסירט, אַז צוליב זיי האָב איך ניט געהאַט די מעגליכקייט צו קויפען אַ בילעט און האָב פאַרשפּעטיגט אַ צוג. דאָס זעלבע איז אין טעאַטער און אין די רעסטאָראַנען. געהענדיג איבער די גאַסען פון די פּוילישע שטעט, דוכט זיך אייך אַמאָל, אַז איהר געפינט זיך לעבען אַ קאַ־זאַרמע. אַלץ שמעקט מיט דער אַרמיי.

ווען איך בין געפאָהרען פון פוילען קיין רוסלאַנד, בין איך גע־ווען זיכער, אז איך וועל זיך דאָרטען באַפרייען פון דעם שטענדיגען שאָטען, וואָס האָט מיך אומעטום באַגעגענט אין פוילען. אָבער צו מיין גרויסען וואונדער האָב איך געטראָפען אין יעדער שטאָט פון רוסלאַנד דאָס זעלבע בילד. דער סאָלדאַט איז איבער אַלץ. די רויטע אַרמיי איז אין גאַס, אין רעסטאָראַן, אויפ'ן וואָקזאַל. אויף די הויפט גאַסען פון שטאָט שפּאַצירען זיי אַרום אין די שפּעטע אָוונט־שטונדען, פאַר זיי טרעטען אַלע אָפּ דעם פּלאַץ. די באַפעלקערונג באַציהט זיך צו זיי ניט מיט דרך ארץ, נאָר מיט אַ מורא, ווייל זיי פיהלען, אַז די רעגירונג לייגט אויף דער אַרמיי אַלע איהרע האָפ־נונגען, און דערפאַר האָט די רעגירונג אָפּגעגעבען דער אַרמיי דעם אויבען־אָן אין רוסישען לעבען.

* * *

איך בין קיינמאָל אין קיין צאַרישער קאַזאַרמע ניט געווען. איך האָב נאָר געלייענט באַשרייבונגען פון דעם קאַזאַרמע־לעבען. די באַציהונגען פון די סאָלדאַטען און אָפיצערען אין די צאַרישע צייטען האָב איך געזעהן אין גאַס. ווען אַן אָפיצער פלעגט באַגעגענען אַ סאָלדאַט, פלעגט זיך דער סאָלדאַט אויסציהען גלייך ווי אַ סטרונע, אָפּגעגעבען דעם געהעריגען סאַלוט. און ווען דער אָפיצער פלעגט שוין דורכגעהן, האָט איהר אויפ'ן פּנים פון סאָלדאַט געלעזען אַ פרייד. אין קאַזאַרמע איז די דיסציפּלין געווען אַן אייזערנע. גע־געסען האָבען די סאָלדאַטען דאָס ערגסטע. געהן דינען אין דער צאַרישער אַרמיי איז געווען אַ שרעקליכע זאַך ניט נאָר פאַר די אידישע יונגעלייט, נאָר אויך פאַר די פּויערים, ווייל די יאָהרען פון דינסט זיינען געווען יאָהרען פון שרעקליכער דיסציפּלין און מאַ־טערניש.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע פון דער אַרמיי איצט. ווען איך בין אין דער שטאָט ב. אַרויף אויפ'ן גרויסען הויף פון די קאַזאַר־מעס, האָב איך באַלד דערפיהלט גאָר אַן אַנדער גייסט. די סאָל־דאַטען האָבען אַרומגעשפּאַצירט איבער'ן הויף פראַנק און פריי, און אין זייערע באַוועגונגען האָט זיך ניט געפיהלט קיין אָנגעשטרענגט־קייט. זיי האָבען ניט געקוקט אויף אַלע זייטען, טאָמער קומט אָן פון ערגעץ אַן אָפיצער. זיי האָבען אַרומגעשפּאַצירט אַרומגענומען איינער מיט'ן צווייטען, מאַנכע גרופּען־ווייז, זיי האָבען געזונגען און זאָרגלאָז געשפּילט.

דער טאָג איז געווען זעהר אַ שעהנער, די זון האָט געוואָרימט, די פענסטער פון די קאַזאַרמעס זיינען געווען אָפען. אַריינגעהענדיג אין איינער פון די קאַזאַרמעס, האָב איך געזעהן, ווי איינער שפּילט אויף דער האַרמאָשקע, די איבעריגע שטעהען ביי די אָפענע פענסטער און העלפען אונטער מיט געזאַנג. אין קאַזאַרמע איז געווען זעהר ריין. די בעטלאַך ריין פאַרבעט, די ווענט פון דער קאַזאַרמע זיינען טאַקע געווען אָפּגעלאָזען, פאַרעלטערט, די געביידעס—אַלטע. דאָס זיינען דאָך געווען די קאַזאַרמעס פון דער אַמאָליגער צאַרישער רוסלאַנד. קיין נייע האָט מען אין דער שטאָט ניט אויסגעבויט. דאָך האָבען זיי אויסגעזעהן אינווייניג אַ סך בעסער, ווי אַ סך פון די אַמאָליגע רייכע הייזער אין שטאָט. ווען איך האָב אין געדאַנק גענומען פאַרגלייכען דעם לעבען פון סאָלדאַט אין דער צאַרישער אַרמיי מיט'ן סאָלדאַטישען לעבען אין דער רויטער אַרמיי, האָב איך געפיהלט, אַז די היינטיגע אַרמיי איז אַ פרייער, אַ לוסטיגער אָרט, אַז די קאַזאַרמע איז פאַר דעם היינטיגען יונגענמאַן אין רוסלאַנד אַן אָפּרוה־פּלאַץ, וואו ער רוהט זיך אוים די ביינער פון זיין שווערער אַרבייט אויפ'ן פעלד, אָדער פון זיין שווערען קאַמף פאַר'ן שטיקעל ברויט אין שטאָט.

די פּוילישע אַרמיי געהט אָנגעטאָן שעהנער, לייכטער, אָבער ווען איהר פאַרגלייכט די היינטיגע רויטע אַרמיי אין איהר אָנטאָן מיט דער אַמאָליגער רוסישער אַרמיי, איז זי אָנגעטאָן בעסער, לייכטער, כאָטש דער שינעל איז נאָך איצט גענוג לאַנג, און די שטיוועל גענוג גרויסע און שווערע. דאָך איז די אַרמיי איצט אַ סך בעסער אָנגעטאָן, איידער די ציווילע באַפעלקערונג. וואָס געהט אַרום אין שמאַטעס.

עסען קריגט די אַרמיי פון דעם בעסטען. דאָס גאַנצע לאַנד מעג הונגערען, אָבער דער אַרמיי טאָר קיין זאַך ניט פעהלען.

* * *

באַזוכענדיג אין רוסלאַנד די מואוויס, אָדער טעאַטערען, זעהט איהר, אַז פופציג פּראָצענט פון די באַזוכער זיינען סאָלדאַטען, וועלכע האָבען אין טעאַטער אָדער אין דער מואווי די בעסטע פּלעצער, ווייל די אַרמיי געהט אין טעאַטער פריי. נאַטירליך איז דאָ אַ געווימע סיסטעם, ווי אַזוי די אַרמיי קריגט בילעטען, יעדער איינציגער סאָלדאַט קען ניט געהן אַלע טאָג, ניט ווייל דאָס איז איהם פאַרבאָטען, נאָר ווייל ער קריגט ניט אַלע טאָג קיין בילעטען.

אין רוסלאַנד ווערט איצט דורכגעפיהרט אַ שעהנער באַלעט, וועלכער האָט אין אַלע שטעט זעהר אויסגענומען. דער באַלעט הייסט, „קראַסני מאַק" (רויטער מאָן). דער באַלעט האָט אויסער־געוועהנליך שעהנע דעקאָראַציעס, וואונדערבאַרע עלעקטרישע עפעק־טען, די בעסטע טענצערינס. נאַטירליך, איז ער זעהר קאָמוניסטיש געפאַרבט, אָבער די פאָרשטעלונג גיט אייך אַן אָוועגט פון גרוים גע־נוס. ווען איך בין געוועזן אין מאָסקווע, האָבען מיר אַלע געראַטען צו געהן זעהן דעם באַלעט, אָבער עס איז געווען זעהר שווער צו קריגען בילעטען. דעם לעצטען אָוועגט פון מיין זיין אין מאָסקווע האָט פאַר מיר מיינער אַ פריינט געקראָגען צוויי בילעטען, פאַר וועלכע ער האָט באַצאָהלט ניין רובעל. אָבער צוליב אַ וויכטיגען באַזוך האָט איך גראַד אין טעאַטער ניט געקענט געהן.

אין קיעוו, שפּאַצירענדיג אויף וולאַדימירסקי, וואו עס שטעהט דער „גאָרדסקאָי (שטאָטישער) טעאַטער", האָב איך דערזעהן אַ גרויסען אַנאָנס, אַז מען שפּילט היינט ביינאַכט דעם „רויטען מאָן". איך בין צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און געקויפט אַ בילעט, פאַר וועלכען איך האָב באַצאָהלט זעקס רובעל, דאָס מיינט דריי דאָלאַר, און דאָס איז געווען דער לעצטער פּלאַץ אין אָרקעסטער. אינעווועהניג איז אַ האַלבער טעאַטער געוועזן פאַרנומען פון די „רוי־טע ארמייער". מעהרסטענס זיינען זיי געזעסען מיט פרויען, האָבען זיך געפיהלט גאַנץ פריי און געמיטליך. לעבען מיר זיינען פוןביידע זייטען געזעסען סאָלדאַטען. ווען אויף דער ביהנע איז אָנגעגאַנגען די פאָרשטעלונג, אין טעאַטער איז געווען פינסטער, האָבען מיינע שכנים, די סאָלדאַטען, גערעדט מיט די פרויען, און איך האָב באַ־מערקט, אַז זי געהט ווייניג־וואָס אָן וואָס עס קומט פאָר אויף דער ביהנע. ביים דריטען אקט, זאָגט איינער פון די סאָלדאַטען צו דער פרוי, מיט וועלכער ער איז געזעסען: „אפשר ווילסטו געהן נאָכ־אמאָל אין טעאַטער? די בילעטען קאָסטען מיר אַלצאיינס קיין געלט ניט". זאָגט צו איהם דאָס מיידעל: „פּאָטשעמו ניעט?" (פאַרוואָס ניט?). איך האָב געטראַכט, טאַקע פאַרוואָס ניט? קיין סך פּלעצער פאַר דעם סאָלדאַט מיט דער מיידעל וואוהין צו געהן זיינען ניטאָ, בילעטען קריגט מען אָהן געלט, אין טעאַטער איז גאַנץ געמיטליך, מען קען ביידע זיצען, שטילערהייט שמועסען און אפשר ערקלערען זיך אין ליבע. אויפ'ן גאס איז הערבסט, עס בלאָזט אַ ווינט, עס קאַפּעט אַ רעגען, אין הויז איז ענג, אין קאַזאַרמע קען זי ניט קומען,

איז דער טעאַטער דער בעסטער פּלאַץ פאַר זיי ביידען צו פאַר־ברענגען, צו שמועסען.

* * *

איך בין אין „מוזעאום פון רעוואָלוציע“ אין מאָסקווע געווען צוויי מאָל. דעם מוזעאום האָב איך שוין פריהער באַשריבען. איצט וויל איך ניט רעדען וועגען דעם מוזעאום, נאָר וועגען די סאָלדאַטען, וואָס קומען גרופּעסווייז גאַנץ אָפט אין מוזעאום. דעם ערשטען מאָל, ווען איך בין אין מוזעאום אַריינגעגאַנגען, האָב איך דערזעהן, ווי כמעט אין אַלע אָפּטיילונגען שטעהען גרופּעסווייז סאָלדאַטען, קוקען אויף בילדער, אויף דער אַמאָליגער אומלעגאַלער ליטעראַטור, און איינער פון די סאָלדאַטען, מיט אַן אינטעליגענטען פּנים, ערקלערט די סאָלדאַטען יעדען איינציגען בילד באַזונדער.

די סאָלדאַטען קוקען אויס ערנסט, מיט אויסגעצויגענע העלזער. מען שלינגט יעדען איינציגען וואָרט, וואָס דער לעקטאָר זאָגט. זיי מאַכען דעם איינדרוק פון אַ גרופּע קינדער, וואָס הערען אויס אַ מעשה׳לע פון טויזענט און איין נאַכט. פאַר אַ קורצער צייט האָב איך זיך אויך אָנגעשלאָסען אָן דער סאָלדאַטען גרופּע און בין מיט זיי אַרומגעגאַנגען פון צימער צו צימער און צוגעהערט זיך צו די ערקלערונגען פון די לעקטאָרס. ווען מען איז מיט זיי אַריינגעגאַנגען אין דעם צימער, וואו עס שטעהט פּלעכאַנאָוו׳ס ביוסט, האָט דער לעקטשורער וועגען איהם גערעדט, ווי וועגען דעם פיהרער פון דער אַמאָליגער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון רוסלאַנד. ער האָט אפילו דערמאָנט, אַז ער איז געווען אַ נאָהענטער פריינט פון לענינ׳ען.

איידער דער לעקטאָר האָט אָנגעהויבען רעדען, האָט מיין האַרץ זיך אביסעל געשראָקען, איך בין געווען זיכער, אַז מען וועט וועגען פּלעכאַנאָוו׳ן רעדען אין דעמזעלבען טאָן, ווי מען רעדט וועגען די לעבעדיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטען פון רוסלאַנד. אָבער עס איז פאַר מיר געווען אַן אַנגענעהמע איבעררעשונג, ווען דער לעק־טאָר האָט גענומען ערקלערען יענע צייט. ער האָט גערעדט זעהר רוהיג, אויסמיידענדיג די מיינונגס־פאַרשידענהייטען, וואָס פּלעכאַ־נאָוו האָט געהאַט מיט לענינ׳ען און מיט דעם קאָמוניזם.

ביים אַרויסגעהן האָב איך געפרעגט דעם בילעטען־פאַרקויפער ווי אָפט עס קומען אין מוזעאום גרופּעס סאָלדאַטען צו באַקענען זיך מיט די העלדען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער האָט מיר גע־ענטפערט, אַז זיי קומען כמעט אַלע טאָג פון פאַרשידענע רעגימענ־

טען, און אפילו פון פארשידענע געגענדען ארום מאָסקווע. דאָס האָט מיר נאָכאמאָל באַשטעטיגט, אַז די סאָוועט־רעגירונג טוט אַלצדינג, אַז די אַרמיי זאָל זיך פיהלען גוט, זאָל זיין צופרידען. און די אַר־מיי איז ווירקליך צופרידען און טריי דער רעגירונג. אַזאַ איינדרוק מוז די אַרמיי מאַכען אויף יעדען רייזענדען, וואָס פּרואווט אריינ־קוקען אין דער היינטיגער רוסישער קאַזאַרמע.

* * *

אין יעדער איינציגער שטאָט פון רוסלאַנד זיינען דאָ קאָאָפּע־ראַטיווע רעסטאָראַנען („סטאָלאָוועס“), אָבער זיי זיינען ניט אַלע גלייך אין זייער אינערליכען און אויסערליכען אויסזעהן. אין די אַרבייטער קוואַרטאַלען זעהען די רעסטאָראַנען אויס זעהר אָרים און ניט ריין. אָבער אין די הויפּט גאַסען פון שטאָט זיינען די רעסטאָ־ראַנען אַ סך בעסער אוועקגעשטעלט געוואָרען. די מעהרסטע רעס־טאָראַנען געפינען זיך אין צענטער פון שטאָט, אין די אַמאָליגע פּריי־וואַטע רעסטאָראַנען. נאַטירליך, איז פון זיי איצט געוואָרען אַ תּל. דאָס מעבעל אין רעסטאָראַן איז פאַר די עלף יאָהר קאָמוניזם גע־וואָרען אַלט, שרעקליך אָפּגענוצט. די מעסער, לעפעל און גאָפּלען זיינען פון שווארצען מעטאַל. די ווענט זיינען אָפּגעריבענע. אָבער דאָך זעהען זיי אויס שעהנער, איידער די רעסטאָראַנען אין די אַר־בייטער קוואַרטאַלען.

ווען איך פלעג אריינקומען אין אַ רעסטאָראַן, האָב איך שטענ־דיג געדאַרפט זוכען אַ פּלאַץ וואו אוועקצוזעצען זיך, ווייל אַלע פּלע־צער זיינען געווען פאַרנומען פון סאָלדאַטען. דאָ זיצט אַ גרופּע סאָלדאַטען לעבען אַ טישעל און מען טרינקט טיי, אין אַ צווייטען פּלאַץ — ביר. ביי אַ דריטען טישעל זיצט מען סתם אַזוי זיך און מען שמועסט. מעהרסטענס זעהט מען דאָ סאָלדאַטען אין די אָווענטען. אַמאָל פלעגט דער סאָלדאַט ניט קאָנען ארויסגעהן פון דער קאַזאַרמע נאָך ניין אַזייגער. היינט איז די טיר פון דער קאַ־זאַרמע אָפען פאַר׳ן סאָלדאַט אַ גאַנצע נאַכט. ער קאָן קומען אין אָווענט אין קאַזאַרמע ווען ער וויל, אויב ער איז נאָר פריי פון דינסט פליכטען.

אין די רעסטאָראַנען, אין טעאַטער, אין גאַס, — אומעטום באַ־געגענט איהר זעהר אַ סך סאָלדאַטען, און דאָס מאַכט אויף אייך אַן איינדרוק, אַז רוסלאַנד איז אַ מיליטאַריסטיש לאַנד. דער סאָל־דאַט, דער אָפיצער, דער גענעראַל פאַרנעמט דעם אויבען־אָן אין

דעם רוסישען לעבען. צוליב דעם קוקט די יוגענט אויף דער אַרמיי מיט גרויס דרך ארץ. זיי וואַרטען מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג, ווען מען וועט זיי שוין אָנטאָן אין דעם זעלבען מונדיר. מען אַנט־וויקעלט אין דעם קינד און אין דעם פאָלק דעם דורשט צו קריג. מען פאַרזיכערט די פאָלקסמאַסען, אַז מען האַלט אויף אַן אַרמיי דערפאַר, ווייל די שכנ'ישע פעלקער זיינען צו יעדער מינוט גרייט צו איבער־פאַלען רוסלאַנד. דערפון נעמט זיך נאָך אַ גרעסערע אַכטונג צו דער אַרמיי. אין די שולען רעדט מען צו די קינדער וועגען העלדישע סאָל־דאַטען און אָפיצערען פון דער „רויטער אַרמיי", ווי וועגען הייליגע מאַרטירער און רעטער פון סאָוועט־רוסלאַנד.

עס איז אָבער אַ גרויסע פראַגע, צי די צופישטשעטע סאָלדאַטען וועלען אין צייט פון קריג וועלען ליגען אין די טרענטשעס און שמעקען פולווער פון די מעכטיגע אַרמייען פון רוסלאַנד'ס שונאים.

* * *

מען פייערט דעם עלף־יאָהריגען יובילעאום פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די גאַנצע אַרמיי איז אויסגעפוצט, מאַרשירט איבער'ן „רויטען פלאַץ" (סקווער) פון מאָסקווע. עס געהען אָפטיילונגען פון אַרבייטער, פויערים און באַאַמטע. אין שטאָט איז לעבעדיג. עס איז פרעהליך אויפ'ן גאַס. אין יעדען ווינקעלע פון שטאָט פיהלט מען די אויסגעמושטירטע אַרמיי, באַוואָפענט מיט אַלערליי געוועהר, פונקט ווי עס וואָלט געהאַלטען ביים אָנהויב פון אַ מלחמה.

צווישען די מאַרשירענדע געהט אַן אָפטיילונג פון אַ זעכציג קליינע מיידלאַך, אין דער עלטער פון פערצעהן־פופצעהן יאָהר. אַלע זיינען אויסגעפוצט אין יוניפאָרמס, אין אַרמיי־היטלען, און אויף די פּלייצעס טראָגט יעדע איינע אַ ביקס. זיי מאַרשירען וואַזשנע, מי־ליטעריש. איהר קוקט אויף דער אָפטיילונג, און צוערשט לאַכט איהר זיך פאַנאַנדער. אָט די קליינע מיידלאַך טראָגען דאָס ביקסען צו פאַרטיידיגען דאָס לאַנד. פאַר דעם ערשטען שאָס פון דעם שונא וועלען זיי זיך דאָך דערשרעקען און וועלען היסטעריש אָנהויבען שרייען : „מאַמע ! מאַמע !" אָבער באַלד הערט איהר אויף צו לאַכען, און איהר ווערט טרויעריג. ווען איהר גיט אַ קלער, ווי מען ערציהט דאָס אַ סאָציאַליסטישען דור. מען ערציהט איהם אין גייסט פון מלחמה. דאָס איז אַ שפּיל אין סאָלדאַטען, וואָס אַנטוויקעלט ביים קינד דעם דורשט צו מיליטערישער העלדישקייט, צו מלחמה, צו בלוטפאַרגיסונג.

פון א דור, וואָס טוט אָן צו פופצעהן יאָהר אַ ביקס אויפ'ן פלייצע, און מען האַלט איהם אין איין איינריידען, אַז אָט געהט דער שונא און קינד און קייט דאַרף זיך באוואפענען, פון אזא דור קען דער סאָציאַליזם ניט ארויסוואקסען. דאָס היינטיגע קינד דאַרף און מוז ערצויגען ווערען אין אַ גייסט פון פרידען, אין אַ גייסט פון ליבע צו מענשען, צו דעם לאַנד און צו דער וועלט. אין אַ גאַנץ אַנדער גייסט ווערט אָבער איצט ערצויגען דער יונגער דור אין רוסלאַנד, — אין אַ גייסט פון שנאה און האַס. פון דעם וועט זיכער ארויסשפּראָצען די שפּעטערדיגע רעאקציע, וועלכע מוז קומען אַלס רעזולטאַט פון דעם אומפאַרמיידליכען פורים־שפּיל.

דער סך הכל פון מיינע בעאָבאַכטונגען איבער דעם יונגען דור אין רוסלאַנד איז אַ טרויעריגער. די קאָמוניסטישע יוגענט איז קאַר־יעריסטיש. זי איז, אויסער דעם, ערצויגען אין דעם גייסט פון מלחמה־פּאַטריאָטיזם. די יוגענט, ווידער, וואָס איז אין דער קאָמו־ניסטישער באוועגונג ניט אריינגעצויגען געוואָרען, וואָס זוכט ביל־דונג און עס זיינען פאַר איהר פאַרשלאָסען אַלע טירען, וואָס זוכט ארבייט, און קאָן קיין ארבייט ניט קריגען, וואָס זוכט קינדערשע רוהיגקייט און צערטליכקייט, און קאָן דאָס ניט געפינען ניט אין הויז, ניט אין שול, ניט אויף דער גאַס, — אַזאַ יוגענט איז אַ פאַר־קריפּעלטע, אַזאַ יוגענט איז טיף אומגליקליך.

קולטור אויף דער אידישער גאַס

וואָס די אידישע קאָמוניסטען האָבען אויסגעפיהרט מיט זייער קאַמף געגען דער אידישער רעליגיע. — אידישע צייטונגען ווערען ווייניג געלעזען. — ניטאָ קיין אידישער טעאַטער. — דער „קאַמער טעאַטער" פון מאָסקווע. — ניטאָ קיין אידישע ביכער און ניטאָ ווער עס זאָל זיי לייענען. — פאַרוואָס מען גיט אַרויס אידישע ביכער אויף רוסיש און ניט אויף אידיש. — וועלכע ווערק פון די אידישע שרייבער האָט מען אַרויסגעגעבען. — כבוד די טויטע אידישע שרייבער. — אַ געשפּרעך וועגען דער אידישער ליטעראַטור מיט אַן אָנגעזעהענעם אידישען קאָמוניסט.

איך האָב אַזוי פיל געהערט וועגען די גרויסע אויפטואונגען אויפ'ן אידישען קולטורעלען געביט, אַז צוליב דעם אַליין האָבען אַ סך פון אונז מוחל געווען דער „יעווסעקציע" (אידישע קאָמוניסטען) דעם אידישען עקאָנאָמישען חורבן. וועגען די גרויסע קולטורעלע דערגרייכונגען האָבען געשריבען ניט נאָר די פּראָפעסיאָנעלע קאָמוניסטישע הורא־שרייער, נאָר עס האָבען אויך געשריבען אַ גאַנצע רייהע אידישע שרייבער, וואָס ווערען ביי אונז פאַררעכענט פאַר אומפּאַרטייאישע, און וואָס זיינען זוכה געווען צו קריגען אַ וויזע קיין סאָוועט־רוסלאַנד און דאָס לאַנד באַזוכען. און ווען עס זינגען אין איין כאָר די קאָמוניסטישע און די אומפּאַרטייאישע שרייבער, מוזען זיי פאַרשרייען די וועלט, און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי איבערשרייען.

* * *

דאָס לעבען פון אַ קולטורעל פאָלק און פון קולטורעלער אַנטוויקלונג שפּיגעלט זיך אָפּ געוועהנליך אין פיר הויפּט־זאַכען, וואָס ווייזען אונז, ווי ווייט אַ פאָלק איז אַנטוויקעלט. די פיר זאַכען זיינען : די טעגליכע צייטונג, דער בוך, די שול און דאָס טעאַטער.

אין רוסלאַנד געפינען זיך איבער צוויי און אַ האַלב מיליאָן אידען. עס ווערען דאָרטען אַרויסגעגעבען דריי אידישע צייטונגען : דער מינסקער „אָקטיאַבר", דער כאַרקאָווער „שטערען" און דער מאָסקווער „אמת" (זיי שרייבען : „עמעס"), צו מיין גרעסטער איבערראַשונג האָב איך אויסגעפונען, אַז אַלע דריי צייטונגען צוזאַ־

מען ווערען פארשפרייט אין נײַנצעהן טויזענט עקזעמפלארען. קען מען אפשר מיינען פון דערווייטען, אז די אידישע מאסע לייענט רוסיש? איז דאס ניט אזוי. די אידישע מאסע געפינט זיך אין די שטעט און שטעטלאך, מעהרסטענס אין די שטעטלאך. אויף וויפיל איך בין געקומען אין באריהרונג מיט די שטעט און שטעטלאך, האב איך געזעהן, אז די אידישע מאסע לייענט גארניט. עס איז ניטא יענע קולטורעלע קראפט אין דעם אידישען לעבען, וואס זאל זיך זארגען פאר דעם, אז די אידישע מאסע זאל לייענען. דער איינ־ציגער „קולטור־טרעגער" אין דעם אידישען לעבען אין רוסלאנד איז די „יעווסעקציע", די אידישע קאמוניסטען. אבער די „יעווסעקציע" איז ביי דער ברייטער אידישער פאלקס־מאסע פארהאסט.

און פארהאסט זיינען די „יעווסעקען" ביי דער אידישער מאסע, ערשטענס, צוליב דעם, וואס זייער קאמף געגען דער אידישער שול, דעם אידישען חדר און דער אידישער רעליגיע איז געווען א ווילדער. אויף דער אידישער גאס האט דער קאמף פון די קאמוניסטען אנ־גענומען די העסליכסטע פארמען. צווייטענס, האבען די רוסישע אידען באשולדיגט די „יעווסעקען" אין זייער עקאנאמישען חורבן, ווייל זיי, די „יעווסעקען", זיינען געווען די אפיציעלע פארטרעטער פון דעם רוסישען קאמוניזם אויף דער אידישער גאס. דעריבער, ווען אפילו די „יעווסעקען" האבען געפרואווט עפעס טאן, כדי אויפצו־הויבען די אידישע מאסע צו א העכערען קולטורעלען לעבען, האבען זיי דא גארניט געקענט אויפטאן, ווייל אלץ, וואס איז געקומען פון זיי, איז געווען פארהאסט.

אין רוסלאנד איז מעהר ווי די קאמוניסטישע צייטונג ניטא. עס איז ניטא קיין אנדער קולטור־קוואל אין לאנד. יעדע געזעל־שאפטליכע קולטורעלע טעטיגקייט, וואס איז ניט קאמוניסטיש, איז פארטריבען געווארען. באזונדערס פון דער אידישער גאס. דעריבער איז די אידישע מאסע געבליבען אין דער זעלבער פינסטערקייט, אין וועלכער זי איז געווען מיט צעהנדליגער יאהרען צוריק.

אין די אמאליגע יאהרען האט א גרויסע ראלע אין דעם אידישען קולטור־לעבען אין רוסלאנד געשפילט פאר דעם אידישען קליין־בירגער די ציוניסטישע באוועגונג, און פאר דער אידישער ארבייטערשאפט — דער „בונד" און די אנדערע סאציאליסטישע פארטייען. דער ציוניזם און דער בונדיזם האבען אין פארלויף פון א פאר צעהנדליג יאהר אויפגעהויבען די אידישע מאסע צו א הויכען

קולטורעלען צושטאנד. די נייע באוועגונגען האבען אויפגעטרייסעלט די פינסטערע אידישע מאסע, ארויסגענומען דעם ארבייטער פון שאפ און דעם קלויזניק פון דער ישיבה. זיי האבען געבראכט אויף דער אידישער גאס די אטמאספערע פון וועלטליכער קולטור.

אבער וואס זעהען מיר אין רוסלאנד היינט? א דאנק דער „יעווסעקציע“, איז דאס אידישע קולטור־לעבען צוריקגעשטויסען געווארען אויף צעהנדליגער און צעהנדליגער יאהרען. די „יעווסעקען“ האבען זיך א נעם געטאן אויסצוראטען די רעליגיע אויף דער אידישער גאס. אבער דער רעזולטאט איז געווען פונקט א פארקערטער. די רעליגיע אויף דער אידישער גאס אין רוסלאנד איז היינט צו טאג א סך שטארקער איידער זי איז געווען פריהער. עס איז אמת, אז זי פארנעהמט ניט אין עפענטליכען לעבען דעם אויבען־אן, ווי אמאל. אבער ביי זיך אין דער היים איז דער אידישער דורכשניט־מענש היינט מעהר רעליגיעז, ווי ער איז געווען מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק.

מען האט חרוב געמאכט די שול, מען האט חרוב געמאכט דעם חדר, מען האט אבער דערמיט ניט אפגעשוואכט, נאר פארשטארקט דעם רעליגיעזען גייסט פון דער אידישער גאס. אזא איינדרוק האבען אויף מיר געמאכט די אידישע שטעט און שטעטלאך אין רוסלאנד.

געהענדיג איבער אידישע הייזער, האב איך דארטען זעלטען ווען באגעגענט א בוך. איך האב זיך אויף דעם געוואונדערט. איך האב געהערט, אז אידישע שרייבער פאהרען אין רוסלאנד, מען קויפט זייערע ווערק, מען גיט זיי ארויס. איך האב אויך געהערט, אז עס זיינען אויסגעוואקסען אין רוסלאנד א גאנצע רייהע יונגע אידישע שרייבער, באדייטענדע טאלאנטען. און איך האב זיך געוואונדערט, פארוואס איך זעה דאס ניט אין דער אידישער הויז, אפילו אין דער אידישער ארבייטער הויז.

איך בין אוועק אין די מינסקער אידישע ביכער־געשעפטען, געוואלט קויפען אידישע ביכער, זיך דורכשמועסען מיט די מענשען, וואס פארוואלטען דעם אידישען ביכער־פארקויף, און דורך זיי אויסגעפינען, ווי עס האלט מיט דעם אידישען בוך. צו מיין גרויסער איבערראשונג האט מען מיר איבערגעגעבען, אז דער אידישער בוך ווערט ניט געקויפט און ווערט ניט געלייענט. אין אלע ביכער־געשעפטען האב איך געזעהן א ווייס־רוסישע ליטעראטור, א זעהר פארצווייגטע, — אמת, דאס זיינען אלץ איבערזעצונגען פון רוסי־

שע און אייראָפּעאישע שרייבער. אין די געשעפטען געפינט זיך אויך אַ רייכער אויסוואַהל פון רוסישע ליטעראַטור. אָבער אָרים, זעהר אָרים זעהט דאָ אוים די אידישע בעלעטריסטיק־ליטעראַטור. זי איז בראָשור־מעסיג און פּראָקלאַמאַציע־מעסיג.*

* * *

ווען איך בין געווען אין רוסלאַנד, האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען דער טעאַטער־סעזאָן. אין די שטעט פון אוקראַינע האָט שוין גע־שפּילט דער אוקראַינישער טעאַטער, אין מאָסקווע דער רוסישער טעאַטער, און אין מינסק — דער ווייס רוסישער.

איך האָב אַלע טעאַטערען באַזוכט. די טעאַטערען אין רוס־לאַנד האָבען אויף מיר געמאַכט זעהר אַ גוטען און אנגענעהמען איינדרוק. דער רוסישער טעאַטער האָט זיך שוין באַפרייט פון יע־נעם ווילדען „מאָדערניזם“, מיט וועלכען מען האָט פאַרשריען די וועלט.

דער ערפאָלגרייכער טעאַטער אין מאָסקווע איז היינט צו־טאָג דער אַלטער מאָסקווער קונסט־טעאַטער, געפיהרט פון סטאַניס־לאַווסקי'ן. אמת, זיי האָבען אַ נייעם רעפּערטואַר, אָבער זיי שפּילען איצט פּונקט אַזוי רעאַליסטיש ווי אמאָל. און עס איז זיי פּונקט אַזוי אנגענעהם צו זעהן איצט, ווי אין די אַמאָליגע צייטען.

דער איינציגער אידישער טעאַטער, וואָס האָט פאַר זיך גע־שאַפען אַ נאָמען אין רוסלאַנד, איז דער אידישער קאַמער־טעאַטער מיט גראַנאָווסקי'ן אין דער שפּיץ.

ווען איך בין געווען אין רוסלאַנד, האָט זיך דער אידישער קאַ־מער־טעאַטער געפונען אין אויסלאַנד און האָט צוריק קיין רוסלאַנד ניט געוואָלט פאָהרען. זיי האָבען געהאַט פּלענער צו פאָהרען קיין אַמעריקע און דאָרטען צו פאַרבלייבען. די רוסישע רעגירונג, צוזאַ־מען מיט די אידישע קאָמוניסטען, האָבען זיך פאַר דעם דערשראָ־קען. זיי האָבען ניט געוואָלט, אַז דער איינציגער טעאַטער, מיט וועלכען זיי האָבען פאַרשריען די וועלט, זאָל ניט קומען צוריק קיין רוסלאַנד. און זיי האָבען געשיקט אַ ספּעציעלען שליח קיין אויס־לאַנד צו פאַרהאַנדלען מיט גראַנאָווסקי'ן און דער גאַנצער טרופּע,

* פּעדאַגאָגישע ביכער פאַר דער קינדער־שול זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ באַדייטענדע צאָהל. עס ווערען אויך געמאַכט פאַרזוכען פאַר צו פאַרשען די אידישע „עקאָנאָמיק“, די אידישע אַרבייטער־באַוועגונג. אָבער דאָס איז אַלץ פאַר דער אידישער אינטעליגענץ, אָבער ניט פאַר דער פאָלקס־מאַסע.

אַז זיי זאָלען קומען צוריק קיין רוסלאַנד. אויסער דעם קאַמער־טעאַטער, זיינען אין רוסלאַנד קיין אידישע טעאַטערס ניטאַ. אויב עס באַמערקען זיך אין די צייטונגען אַנאָנסען, אַז אין קיעוו אין מינסק, אָדער אין וויטעבסק הויבט אָן שפּילען אַ אידישער טעאַטער, זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס זיינען „אַמאַטאָרען"־גרופּעס, „ליבהאָבער", ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרען, און זיי זיינען זעהר ווייט פון דער אמת׳ער טעאַטער קונסט. אין אַמעריקע וואָלט קיינער אזא שפּילען ניט געגאַנגען זעהן. קיין קולטורעלער מענש אין רוסלאַנד נעהמט ניט ערנסט די טעאַטער מאַכערייקעס פון די „אַמאַטאָרען".

די איינציגע, וואָס האָבען איצט יאָ אַ קליינעם ערפאָלג אין רוסלאַנד, זיינען קלאַרא יאָנג, וועלכע איז אַרומגעפאָהרען איבער די שטעט און שטעטלאך פון רוסלאַנד מיט אַ טעאַטער־רעפּערטואַר פון שונד־פּיעסען, מיט לידלאך וועגען דעם „פּינטעלע איד" און עהנ־ליכע זאַכען, און דער אַמעריקאַנער אידישער אַקטיאָר דזשוליוס אדלער, וועלכער שפּילט איצט אין רוסישע שטעט.

דער אידישער טעאַטער אין רוסלאַנד ווערט כמעט פון קיינעם ניט באַזוכט. ערשטענס, צוליב דעם, ווייל דער אידישער טעאַטער איז קיין טעאַטער ניט, און צווייטענס, ווייל די אידישע פאָלקס־מאַסע איז פאַראָרימט און האָט גאָר קיין מעגליכקייט ניט צו געהן אין טעאַטער.

* * *

די אידישע קינדער־שולען און הויכשולען און אוניווערזיטעטען זיינען ניט שלעכט אוועקגעשטעלט געוואָרען. אָבער וועגען זיי וועל איך שרייבען ביי אַן אנדער געלעגענהייט.

זייענדיג אין מאָסקווע, האָב איך באַשלאָסען צו זעהן זיך מיט אַן אָנגעזעהענעם אידישען קולטור טוער, וועלכער איז דאָרטען גלייכצייטיג אַן אָנגעזעהענער אידישער שרייבער, אַ פּראָפעסאָר פון אידישער ליטעראַטור ביי דעם אידישען פאַקולטעט פון מאָסקווער אוניווערסיטעט. איך האָב איהם אויסגעקליבען, ווייל ער איז ניט קיין קאָמוניסט, אָבער אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער סאָוועט־רעגירונג.

איך האָב זיך מיט איהם באַגעגענט און געהאַט מיט איהם אַ לענגערען געשפּרעך וועגען דער קולטורעלער טעטיגקייט פון דער „יעווסעקציע" אויף דער אידישער גאַס. איך האָב איהם צוערשט

געשטעלט צוויי פראגען. איך האב איהם געפרעגט, מיט וואס ער־קלערט זיך, וואס צווישען צוויי און א האלב מיליאן אידען ווערען געלייענט נאר ניינצעהן טויזענט עקזעמפליארען פון די דריי אידי־שע צייטונגען, וואס געהען ארויס אין רוסלאנד? איך האב איהם געזאגט, אז אין די אלע שטעט, אין וועלכע איך בין געווען, איז מיר געווען זעהר לייכט צו קריגען רוסישע צייטונגען, און אפילו דאס „דייטשע טאגעבלאט", וואס ווערט ארייגגעלאזען אין רוסלאנד, אבער מיר איז געווען זעהר שווער צו געפינען אויף א צייטונג־טישעל א אידישע צייטונג. אין מאסקווע, וואו עס געפינען זיך נאהענט פון צוויי הונדערט טויזענט אידען, איז מיר אויך אוממעגליך געווען צו קריגען א אידישע צייטונג. כדי צו קריגען אין מאסקווע דעם „עמעס", האב איך געדארפט געהן אדער אין דער רעדאקציע פון „עמעס", אדער אין מיניסטעריום פון אידישע אנגעלעגענהייטען. אויסער די צוויי פלעצער, האב איך אין ערגעץ די אידישע צייטונג ניט געקענט קריגען.

צווייטענס, מיט וואס ערקלערט זיך, וואס דאס אידישע בוך ווערט ניט געלייענט? און מיט וואס ערקלערט זיך, וואס די אי־דישע שרייבער, וועלכע זיינען אין רוסלאנד געקומען אלס געסט,— ווי שלום אש, אפאטאשו, בערגעלסאן, לייוויק, הירשביין און אנדערע, זיינען אויף אידיש ניט ארויסגעגעבען געווארען. איך האב זיך אין רוסלאנד דערוואוסט (און דאס האבען די אויבענדערמאנטע אידישע שרייבער די גאנצע צייט פארשוויגען), אז די ווערק פון די דאזיגע שרייבער זיינען אפגעקויפט געווארען פון רעגירונגס־פארלעגער אויף ארויסצוגעבען אין רוסיש. אבער ארויסצוגעבען זיי אין אידיש, איז נאך היינט אין רוסלאנד פון דער יעווסעקציע ניט ערלויבט.

און אט וואס זיין ענטפער איז געווען.

עס איז אמת, — האט ער געזאגט, — אז אידישע צייטונגען אין רוסלאנד ווערען זעהר ווייניג געלייענט. לויט זיין מיינונג, ער־קלערט זיך דאס מיט דעם, וואס די אידישע קאמוניסטען האבען אין פארלויף פון די לעצטע צעהן יאהר געהאט אן אויפגאבע אויס־צוראטען פון אידישען לעבען יענע בורזשואזע קולטור, וועלכע איז איינגעפלאנצט געווארען אין דער אידישער מאסע דורך פרץ'ן, שלום אש'ן, מערעלע'ן, רייזינ'ען, און אנדערע. זיי האבען אויך געדארפט אויסראטען יענע קליין־בירגערליכע „סאציאליסטישע אידעאלאגיע",

וועלכע דער „בונד" און דער ציוניזם האָבן איינגעפלאַנצט אויף דער אידישער גאַס אין פאַרלויף פון צעהנדליגער יאָהרען.

מיט דער דאָזיגער אויסראָטונגס־ארבייט איז אין רוסלאַנד געווען פאַרנומען יעדע אידישע קאָמוניסטישע אינסטיטוציע, און זיי האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּגעבען מיט פאַרשפּרייטען בכלל די נייע אידישע ליטעראַטור. „וואָס אַנבאַלאַנגט דעם אידישען בוך, — זאָגט ער צו מיר, — איז די לאַגע ביי אונז געווען נאָך אַן ערגערע. קיין פיל אידישע שרייבער, וואָס האָבן אָנגענומען די סאָוועטישע וועלט־אַנשויאונג, זיינען ביי אונז ניטאָ. די אַלטע אידישע שריי־בער און זייער ליטעראַטור האָבען מיר באַטראַכט און מיר באַ־טראַכטען אויך איצט, פאַר אַ גיפט פאַר דער אידישער אַרבייטער־מאַסע אין סאָוועט־רוסלאַנד. איהר זיינט גערעכט, פריינד כאַנין, — זאָגט ער צו מיר, — אַז מיר דערלאָזען ניט, אַז די אידישע קלאַסיקער זאָלען אַרויסגעגעבען ווערען אין רוסלאַנד אויף אידיש".

—מיט וואָס ערקלערט זיך, — האָב איך געפרעגט, — וואָס דער רעגירונגס־פאַרלאַג האָט געקויפט די ווערק פון שלום אש'ן, אָפּאַטאָשו'ן, בערגעלסאָנ'ען און אַנדערע זיי אַרויסצוגעבען אויף רוסיש, אָבער ניט אויף אידיש? די זעלביגע אידישע שרייבער, וואָס זיינען פון די אידישע קאָמוניסטען אין רוסלאַנד אויפגענומען געוואָרען מיט באַנקעטען און פייערונגען, ווערען אין רוסלאַנד ניט אַרויסגעגעבען אויף אידיש. דאָס איינציגע, וואָס עס איז אַרויס אין אידיש ביי אייך אין רוסלאַנד, איז אַש'ס „יוגענט", „אַ שטעטעל" און „מאָטיוועו", וואָס דאָס איז ווייט ניט דאָס וויכטיגסטע, וואָס אַש האָט געשריבען. פון ספּעקטאָר'ס שריפטען האָט איהר אַרויס־געגעבען אַ פּאָר בראָשורקעלאַך — מעשה'לאַך, וועלכע האָבען קיין שום באַדייטונג ניט אין ספּעקטאָר'ס שאַפען. אָפּאַטאָשו'ס האָט איהר אַרויסגעגעבען דעם „שוך־פוצער" און „פערד־גנב", און דאָס אַלץ. רייזינ'ס האָט איהר גאָרניט אַרויסגעגעבען.

אָדער אָט נעמט, צום ביישפּיל, קוקט אַריין אין אייערע קאַ־טאַלאָגען פון דער אידישער קינדער־ליטעראַטור. זי איז ביי אייך אין גאַנצען אַ ליטעראַטור פון איבערזעצונגען, אין דער צייט וואָס אין די אידישע שול־ביכער פון אַנדערע לענדער פאַרנעמען אַזאַ אומגעהויערען פּלאַץ רייזין, אַש און אַנדערע. ווי קאָנט איהר זיך באַגעהן, פרעג איך איהם, אָהן די אידישע קולטור־שאַפונגען פון פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע?

אַט וואָס ער האָט מיר געענטפערט:

— מיר קענען זיך ניט באַנוצען מיט דעם, וואָס די אידישע שרייבער האָבען געשאַפען פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווייל די גאַנצע אידישע ליטעראַטור פון יענער צייט איז דורכגעדרונגען מיט באַלעבאַטישער קליינבירגערליכקייט. פאַר דער רוסישער ליטעראַטור איז דאָס קיין געפאַהר ניט. דער רעגירונגס־פאַרלאַג גיט אַרויס זעהר אַ סך איבערזעצונגען פון אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער שרייבער, אַפילו שונד־זאַכען אויך. ערשטענס, טוט דאָס דער רעגירונגס־פאַרלאַג צוליב דעם, ווייל די רוסישע לעזער האָבען אַ גרויסען דורשט צו באַקענען זיך מיט דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. צווייטענס, איז די רוסישע רעגירונג פאַראינטערעסירט צו געווינען די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער אינטעליגענץ אויף איהר זייט. נאַטירליך אַרט אונז ניט, אַז דער זעלבער רעגירונגס־פאַרלאַג גיט אַרויס די אידישע שרייבער אויף רוסיש, ווייל פאַר דעם רוסישען לעזער ווערען די אידישע טיפּען, געשילדערט פון אַש'ן אין זיין „שטעטעל“, פאַרגעסען ווערען. וואָס ביי זיי וועט בלייבען פון אַש'ן, איז דאָס אַלגעמיינע מענשליכע, אָדער דער גרויסער טאַלאַנט פון אַש'ן צו שילדערען סיטואַציעס, א. אז. וו.

גאַנץ אַנדערש זיינען די אידישע שרייבער פאַר דעם אידישען לעזער. דורך דעם וואָס זיי וועלען לייענען פּרץ'ן, אַש'ן און אַנדערע, וועט ביי זיי אין מוח בלייבען דער העלד פון דער מעשה, דער קליינבירגערליכער אינטעליגענט און אינטעליגענטקע, אָדער דער אידישער ישיבה־בחור, דער חסיד, וועמען אַש און פּרץ האָבען אַזוי פאַרגעטערט. פאַר דעם אידישען לעזער זיינען די אידישע שרייבער אַ גיפט, וועלכען מיר טאָרען צו זיי ניט צולאָזען.

דער טאָן, אין וועלכען ער האָט מיט מיר גערעדט, איז געווען אַזאַ זיכערער און פעסטער, אַז ער האָט אַליין דערפיהלט, אַז דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוועהנליך שווערען איינדרוק. האָט ער זיך אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט. איך האָב זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און געשטעלט איהם די פאָלגענדע פראַגע: „דענקט איהר ניט, אַז דאָס, וואָס איהר האָט מיר געזאָגט, איז אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער אידישער קאָמוניסט וויל זיין פרומער פון קאָמוניסטישען פּאַבסט?

— שטעלט אייך פאָר, — זאָג איך, — ווען לונאַטשאַרסקי, דער בילדונגס־מיניסטער, האָט זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנד־

פונקט, אַז פאַר דער רוסישער ליטעראַטור זיינען אַ געפאַהר די ווערק פון טורגעניעוו'ן, אוספּענסקי'ן, אַנדרעיעוו'ן און טשעכאָוו'ן. ער וואָלט באַשלאָסען אויסצומעקען די אויבען־דערמאָנטע רוסישע שריי־בער פון דער רוסישער ליטעראַטור. די געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור וואָלט זיך אָנגעהויבען פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. קענט איהר זיך פאָרשטעלען, ווי עס וואָלט אויסגעזעהן די רוסישע ליטעראַטור?

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט אָט וואָס:

— די רוסישע לעזער זיינען אַנדערע, קולטורעלערע. זיי האָבען געענדיגט גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטען, פאָלקס־שולען; זיי קענען זיך פאַנאַנדערקלייבען. אַנדערש איז אָבער דער אידישער לעזער; ער איז רויה, איהם טאָר מען ניט געבען קיין אַנדער ליטע־ראַטור, אויסער דער ליטעראַטור פון אַזעלכע שרייבער, וואָס האָבען אָנגענומען סאָוועטישע וועלט־אַנשויאונגען.

— זאָגט מיר, — פרעג איך איהם ווייטער, — גלויבט איהר, אַז אַ אידישער אַרבייטער, וואָס קען נאָר אידיש, קען זיך אַנטוויקלען אויף דער ליטעראַטור פון די נייע שרייבער, וואָס האָבען אָנגענומען די סאָוועטישע אַנשויאונגען?

ער האָט געענטפערט, אַז אַזעלכע טאַלאַנטען, ווי די קלאַסי־קער, האָט נאָך דאָס אידישע רוסלאַנד ניט אַרויסגעבראַכט.

— דער נייער אידישער שרייבער אין רוסלאַנד איז נאָך יונג. ער האָט נאָך ווייניג געשאַפען, ער איז אין דעם פּראָצעס פון עפּעס ווערען. וואָס ער וועט ווערען, קען נאָך קיינער ניט וויסען. אָבער מיר זיינען געצוואונגען אין פאַרלויף פון די קומענדע צעהן יאָהר צו קאָרמענען דעם אידישען אַרבייטער־לעזער אין רוסלאַנד מיט דער אידיש־קאָמוניסטישער בעלעטריסטיק. ווען אפילו זי האָט זיך קינסט־לעריש ניט דערהויבען צו יענער הויך, צו וועלכער מיר ווילען, אַז זי זאָל זיך דערהויבען. און אפשר אין צעהן יאָהר אַרום וועלען מיר זיי געבען די מעגליכקייט צו לייענען די ווערק פון אַנדערע אָנגע־זעהענע שרייבער.

אויף מיין פראַגע, אין וויפיל עקזעמפּלאַרען עס ווערט פאַר־שפּרייט אין רוסלאַנד אַ בוך פון אַ אידישען שרייבער, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ביז דעם יאָהר 1928 האָט מען מעהר ווי טויזענט עקזעמפּלאַרען ניט געדרוקט. אין יאָהר 1928 איז פון איין בוך פון אַ אידישען שרייבער פאַרשפּרייט געוואָרען צום ערשטען מאָל דריי טויזענט עקזעמפּלאַרען.

איך האָב צו איהם געזאָגט: שטעלט אייך פאָר, אז איך קום איצט פון פוילען, וואו די אידישע קולטור ווערט ניט אונטערשטיצט פון דער רעגירונג, און דאָרטען האָט די „פאָלקסצייטונג", דער אָרגאַן פון „בונד", געגעבען אַ פרעמיום גאָרקי'ס אַ בוך, וועלכער איז פאַר־שפרייט געוואָרען אין צעהן טויזענט עקזעמפּלאַרען. אָדער נעמט, צום ביישפּיל, דער פאַרלאַג „קולטור־ליגע", אַ געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציע, און אין געלט זעהר אַן אָרימע. זי האָט אַרויסגע־געבען שלום אַש'ס ביכער אין 20 טויזענט עקזעמפּלאַרען אין פאַר־לויף פון דריי יאָהר. די „קולטור־ליגע" האָט אַרויסגעגעבען אויך אַנדערע אידישע ביכער אין צעהנדליגער טויזענטער קאָפּיעס. אויסער דעם זיינען דאָרטען פאַראַן פּריוואַט פאַרלעגער, ווי קלעצקין, וועלכער גיט אַרויס זעהר אַ סך ביכער אויף אידיש. און אין רוסלאַנד איז דער פאַרלאַג „שול און בוך" אין מאָסקווע פאַרמאַכט געוואָרען. די פאַרלאַגען „קולטור־ליגע" אין קיעוו און „צענטראַל" אין כאַרקאָוו, פיהרען אַן אָרימע עקזיסטענץ.

זיין ענטפער אויף דעם איז געווען, אַז שולדיג אין דעם זיינען ניט די אידישע קאָמוניסטען, נאָר די אידישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך צוריקגעצויגען פון אידישער טעטיגקייט, ווייל זי האָט ניט געוואָלט אָננעמען די קאָמוניסטישע וועלט־אַנשויאונג.

ווען איך האָב דורכגעקוקט די קאַטאַלאָגען פון די רוסישע פאַרלאַגען, האָט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען די גרויסע צאָהל זאַכען, וואָס זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען פון שלום עליכם'ן. איך האָב געפרעגט, פאַרוואָס האָבען זיי געמאַכט אַן אויסנאַהם מיט שלום עליכם'ן, פאַרוואָס פאַרשפּרייטען זיי אַזוי זיינע ווערק?

ער האָט מיר געענטפערט, אַז ביים אַרויסגעבען שלום עליכם'ן, האָבען זיי אַ פּאָליטישען אינטערעס. די אידישע בורזשואַזיע, האָט ער געזאָגט, און די קליינבירגערליכע אידישע סאָציאַליסטען באַשול־דיגען אונז אין דעם חורבן פון אידישען עקאָנאָמישען לעבען, אַז מיר האָבען פון דעם אידען צוגענומען זיין ברויט, זיינע פּרנסות א.אַז.וו. מיט שלום עליכם'ס ווערק ווילען מיר ווייזען דעם אידישען אַרבייטער־לעזער, אַז „כאַסריליאָווקע" איז חרוב געוואָרן נאָך איידער דער באָלשעוויזם איז געקומען, אַז די אידישע פּרנסות זיינען קיין פּרנסות ניט געווען, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט געהונגערט און איז געווען קולטורלאָז, נאָך איידער די „יעווסעקען" זיינען געקומען. מיר ווילען דאָס דורך שלום עליכם'ס ווערק קענען שנעלער דער־

ווייזען, איידער דורך די פּאַמפלעטען, וואָס מיר וועלען אַרויסגעבען. און דערפאַר איז ביי אונז שלום עליכם אַזוי פּאָפּולער, און דערפאַר פאַרשפּרייט מען שלום עליכם'ס שריפטען.

האָב איך איהם געפרעגט: אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָבען זיי ניט דיזעלבע באַציהונג צו רייזין'ען, וועלכער האָט אויף אַן אַנדער וועג געשילדערט אידישע אָרימקייט און נויט? רייזין איז דאָך איצט אַ מיטאַרבייטער אין אַ קאָמוניסטישער צייטונג אין אַמעריקע. זאָגט ער צו מיר: „ניין, רייזין האָט געשילדערט דעם אָרי־מאַן, ער האָט צוזאַמען מיט איהם מיטגעוויינט, ער האָט מיט דער אידיליע פון דעם אידישען שטעטעלע זיך איינגעלעבט, ער האָט דעם אידישען ישיבה־בחור און האַלבען אינטעליגענט פאַרגעטערט. רייזין פון אַמאָל איז דער טיפּישער פאַרטרעטער פון קליינבירגער־טום. ער איז פאַר די אידישע מאַסען פון סאָוועט־רוסלאַנד אַ געפאַהר".

די גאַנצע צייט פון מיין שמועס מיט דעם קולטור־טוער ביי איהם אין הויז, האָב איך זיך געוואונדערט, צוליב וואָס אידישע שרייבער זיינען געווען אין רוסלאַנד. דער רעגירונגס־פאַרלאַג האָט ביי זיי געקויפט זייערע ווערק, האָט דאָס געגעבען איבערזעצען צו די בעסטע נייע רוסישע שרייבער, ווי צום טאַלאַנטפולען א. באַבעל. וואַרשיינליך האָט דער רעגירונגס־פאַרלאַג געצאָהלט די שרייבער אַ שעהנעם האָנאָראַר, אָבער די איינציגע, וואָס טאָרען אין רוסלאַנד ניט לייענען די אידישע שרייבער, איז די גרויסע אידישע מאַסע פון רוסלאַנד, וואָס קאָן קיין אַנדער שפּראַך ניט אויסער אידיש. אַ אידי־שער שרייבער פאָהרט קיין רוסלאַנד און זינגט לויב־געזאַנגען און שרייט „הורא" פאַר די אידישע קאָמוניסטען, און די אידישע קאָ־מוניסטען שטערען אַרויסצוגעבען זיינע ביכער אויף אידיש.

די אידישע שרייבער האָבען דעם פּונקט אינגאַנצען פאַרשוויגען. די אידישע שרייבער האָבען אַלעמען איבערגעלאָזען אונטער דעם איינדרוק, אַז דער רוסישער פאַרלאַג האָט ביי זיי אָנגעקויפט די ביכער, זיי אַרויסצוגעבען אין אידיש. איך בין זיכער, אַז זיי האָבען געוואוסט, און זיי ווייסען איצט, אַז אויף אידיש וועלען אַרויסגעגעבען ווערען נאָר יענע זאַכען, וואָס זיינען פון אַלע שטאַנד־פּונקטען כשר פאַר די אידישע קאָמוניסטען, אָבער דאָס זיינען אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס שפּילען קיין שום ראָלע ניט אין זייער שאַפונג.

דער אידישער קולטורעלער לעבען אין רוסלאַנד, אויסער די

שולען פאר קינדער, איז היינט־צו־טאָג זעהר ווייניג ווערטה. מיר האָבען זיך מיט דעם ניט וואָס איבערצונעמען. ווען איך האָב געזעהן די אידישע מאסע און איהר קולטורלאָזיגקייט, האָט מיך פאַרדראָסען נאָר איין זאַך, וואָס קיינעם קימערט ניט, קיינער טראַכט ניט וועגען דעם, וואָס עס וועט פון דער מאסע ווערען.

אין אַ געוויסער אידישער שטאָט אין אוקראַינע האָב איך באַזוכט אַ אידישע קינדער־שולע און געהאַט אַ געשפּרעך מיט די לעהרער. איין לעהרער פרעגט ביי מיר, וואו ער קאָן מיך זעהן, און איך האָב איהם אָנגעגעבען מיין האָטעל און ווען ער וועט מיך קאָנען געפינען. ביי מיר אין האָטעל האָט ער מיך גענומען אויספרעגען, ווי אַזוי אידען לעבען אין אַמעריקע און אין אייראָפּע. אויב עס איז פאַראַן אַ פאָלק, וואָס ווייסט ניט, וואָס עס טוט זיך ביי זיך אין דער היים און אין אַנדערע לענדער, איז עס דאָס פאָלק אין רוסלאַנד. וועגען דעם אינערליכען לעבען פון לאַנד קאָן ער זיך ניט דערוויסען פון די טעגליכע רוסישע צייטונגען. און אויב ער געפינט דאָרטען נייעס פון אייראָפּע און אַמעריקע, איז דאָס אַזעלכע נייעס, וואָס שטימט ניט מיט די אמת'ע פאַקטען, און איז סתם ווייט פון דעם אמת'ן לעבען.

מיין געשפּרעך מיט דעם לעהרער איז געווען זעהר אַ לאַנגער. דער לעהרער איז ניט קיין קאָמוניסט. אַמאָל האָט ער באַלאַנגט צו דער טראָצקי אָפּאָזיציע. ער פרעגט מיך, מיט וואָס עס ערקלערט זיך, וואָס אידישע שרייבער, ספּעציעל די וואָס קומען פון דער רייכער אַמעריקע, לאָזען זיך אַזוי ערנידעריגען, ווען זיי קומען קיין רוסלאַנד? ביי יעדען איינציגען באַנקעט זידעלט מען זיי. איידער זיי קומען נאָך, באַשטימט מען שוין פאַראויס, ווער עס זאָל האַלטען דעם קאַנטשיק אין האַנט און שמייסען. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען פון די שמיץ צופרידען, אַז זיי ווייסען נאָך אין ניו־יאָרק, אַז מען וועט זיי שמייסען און נאָך אין ניו־יאָרק גרייטען זיי זיך מקבל צו זיין די שמיץ.

עס קומען אַהער שרייבער פון אַנדערע פעלקער, — זאָגט ער צו מיר ווייטער, — און זיי האַלטען זיך מיט ווירדע, מיט רעספּעקט צו זיך און צו אַנדערע. די איינציגע שרייבער, וואָס האָבען ניט קיין רעספּעקט צו זיך, צו זייער שאַפונג, וואָס דערלאָזען, אַז מען זאָל זיך איבער זיי איזדעקעווען, זיינען די אידישע שרייבער. אָט, זאָגט ער, נאָט אייך דעם היינטיגען „עמעס“. דאָרטען איז דאָ אַן

ארטיקעל וועגן דעם, אז רייזין קומט קיין רוסלאַנד, אז אויף זיין „זייגעזונט"־אָווענט אין ניו־יאָרק האָט ער ערקלערט, אז דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן ביז ער איז געוואָרן קאָמוניסטיש געזאָנען, איז גאָרניט ווערטה, זיין שרייבן ביז איצט איז געווען א טעות.

רייזין, זאָגט ער צו מיר, וועלכער חזר'ט איצט שלעכט איבער אין זיין שרייבן דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן אין זיין שעפערישער צייט, ערקלערט דאָס אמאָליגע פאַר א טעות. וואָלט דאָס געטאָן וועלכער עס איז שרייבער פון אן אנדער פאָלק?

דער איינציגער שרייבער, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין רוס־לאַנד מיט ווירדע, וואָס האָט געהאַט מוט, איז געווען שלום אש, און איהר האָט, כאָנין, קיין באַגריף ניט, — זאָגט ער צו מיר, — ווי מיר האָבען שטילערהייט אלע אש'ן אפּלאָדירט, ווי מיר זיינען איהם דאַנקבאר געווען, ווען ער האָט געוויזען, אז עס איז דאָ א אידישער שרייבער, וואָס לאָזט זיך ניט שמייסען.

וואָס האָב איך דעם לעהרער געקאָנט ענטפערען אויף זיינע טענות? איך האָב געפיהלט, אז ער איז גערעכט. און איך האָב איהם געזאָגט, אז די מעהרסטע אידישע שרייבער, וואָס פאָהרען קיין רוסלאַנד, פאָהרען ניט אלס שרייבער, נאָר אלס קרעמער. זיי פאָהרען קיין רוסלאַנד סחורה צו פארקויפען. און וואָס טוט ניט א קרעמער צו קאָנען פארקויפען זיין סחורה? אידישע שרייבער זיינען געפאָהרען קיין סאָוועט־רוסלאַנד און האָבען ניט געפונען פאַר נויטיג אריינצוקוקען אין דעם אידישען לעבען פון רוסלאַנד, וואָס איז פול מיט פיין, מיט וועהטאָג, מיט האָפנונגסלאָזיגקייט. זיי האָבען געזעהן, ווי אויף פושקינ'ס בולוואר אין מאָסקווע האָבען ציגיינערקעס געטאַנצט. זיי האָבען אָבער ניט געזעהן דאָס, וואָס זיי דארפען זעהן: ווי עס טאַנצט דער דלות, די נויט, דער הונגער ביי די אידען אין רוסלאַנד. זיי זיינען דורכגעלאָפען א פּאָר גרויסע שטעט, וואו מ'האָט פאַר זיי געמאכט באַנקעטען, זיי זיינען דורכגע־לאָפען א פּאָר אידישע קאָלאָניעס, האָבען פארקויפט צום רעגירונגס־פארלאַג זייערע ביכער, אפּגענומען די פּאָר טאָלער, און זיינען גע־קומען צולויפען צוריק קיין ניו־יאָרק און געשריען „הורא!"

דאָס איז אן אייביגער אמת: א קרעמער בלייבט א קרעמער. עס מאכט ניט אוים, וואָס פאַר א סחורה ער פארקויפט.

* * *

אין אלע מיינע באַשרייבונגען וועגען רוסלאַנד האָב איך גע־

נומען נאָר אַזעלכע פאַקטען, וואָס זיינען אין אַלגעמיין כאַראַקטע־ריסטיש פאַר רוסלאַנד. אויסערדעם האָב איך פאַרזיכטיג אויסגע־מידען אַזעלכע זאַכען, וועלכע איך האָב ניט געקאָנט באַשטעטיגען מיט פאַקטען, כאָטש זיי האָבען אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק און וואָלטען זיכער געווען זעהר אינטערעסאַנט פאַר די לעזער. איך האָב זיך געהיט ניט איבערצוגעבען מיינע אויבענ־אויפיגע איינדרוקען. איך האָב געטראַכט: ווער ווייסט, אפשר זיינען דאָס נאָר אויסנאַהם־פאַלען, וואָס זיינען ניט כאַראַקטעריס־טיש פאַר דעם אַלגעמיינעם רוסישען לעבען. האָב איך אַזעלכע געזעהענע בילדער און אַזעלכע איינדרוקען אינגאַנצען אויסגעלאָזען.

איך וויל נאָכאַמאָל זאָגען, אַז מעהר פון אַלץ האָט מיך אינ־טערעסירט אין רוסלאַנד דער אידישער קולטורעלער לעבען. איך האָב ניט דורכגעלאָזען קיין איין געלעגענהייט צו באַקענען זיך דער־מיט אין יעדער שטאָט. איך האָב גערעדט מיט אָנגעזעהענע קאָ־מוניסטען, אידישע קולטור־טרעגער, איך האָב זיך באַגעגענט מיט לעהרער, בין געווען אין שולען, געגאַנגען איבער די אידישע ביכער־געשעפטען, שטודירט די קאַטאַלאָגען פון אַלע רוסיש־אידישע פאַר־לאַגען, דורכגעקוקט די לעהר־ביכער, און וואָס איך האָב געשריבען אויבען אינ'ם קאַפּיטעל, זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשות, און ניט זאַכען וואָס אַן אָנגעזעהענער קאָמוניסט האָט מיר דערצעהלט. נאָר דאָס זיינען ווירקליכע פאַקטען. און קיין אויפריכ־טיגער מענש, וועלכער האָט זיך באַקענט מיט'ן אידישען קולטור־צושטאַנד אין סאָוועט־רוסלאַנד, וועט דאָס ניט אָפּלייקענען.

שוין עלף יאָהר, אַז די אידישע קאָמוניסטען אין רוסלאַנד, און די קאָמוניסטישע פּרעסע אין אַנדערע לענדער, האַלטען אין איין שרייען, אַז דאָס אידישע קולטורעלע לעבען אין רוסלאַנד האָט זיך אויפגעהויבען צו אַזאַ הויך, וואָס קיינעם האָט זיך ווענגען דעם פריהער ניט געקאָנט חלומ'ען. און עס האָט זיך זיי איינגעגעבען איינצורעדען אפילו זייערע געגנער, וואָס זיינען ניט באַקאַנט מיט דער אידישער ליטעראַטור און די אידישע צייטונגען אין סאָוועט־רוסלאַנד.

איך אַליין האָב אויך קיינמאָל ניט געמאַכט קיין ספּעציעלע אויספאָרשונג וועגען דעם קולטורעלען אויפטו פון די אידישע קאָ־מוניסטען אין סאָוועט־רוסלאַנד. לייענענדיג שטענדיג די אידישע צייטונגען דאָ אין אַמעריקע, האָב איך אויך באַקומען דעם איינדרוק,

אז די אידישע מאסען אין סאָוועט־רוסלאַנד שטעהען איצט קולטורעל זעהר הויך. און אָפּטמאָל, ווען איך פלעג וועגען דעם לייענען, פלעג איך די אידישע קאָמוניסטען צוליב דעם דאָזיגען גרויסען אויפטו מוחל זיין א סך טעות'ן און עולות, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען אויף אַנדערע געביטען. איך האַלט, אז דער אידישער בוך, ווי די אַלגע־מיינע אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור, איז א וויכטיגע און דערפרעהענדע ערשיינונג אין דעם איצטיגען זעהר שווערען אידישען לעבען אין אַלע לענדער פון אייראָפּע. ווען איך בין געקומען אין פוילען און האָב זיך באַקענט מיט דער טעטיגקייט פון פאַרשיידענע אידישע פאַרלאַגען, געזעהן די אומגעהויער גרויסע צאָהל אידישע ביכער, וואָס זיי האָבען ארויסגעגעבען און פאַרשפּרייטען צווישען דער אידישער מאַסע, האָב איך זיך ווירקליך געפרעהט.

איידער איך בין אַריינגעפאָהרען אין רוסלאַנד, בין איך געווען זיכער, אַז אין רוסלאַנד ווערען אידישע ביכער א סך ברייטער פאַר־שפּרייט, איידער אין פוילען. אין פוילען ווערט דאָך דאָס געטאָן אָדער דורך פּריוואַטע פאַרלעגער, וואָס זוכען אין דעם אידישען בוך ריוחים, אָדער פון קאָאָפּעראַטיווע פאַרלאַגען, ווי די „קולטור־ליגע“, וואָס זיינען שטענדיג זעהר אָרים. גאָר אַנדערש, האָב איך געטראַכט, דאַרף דאָס זיין אין רוסלאַנד, וואו דאָס אידישע בוך ווערט אונטערשטיצט און ארויסגעגעבען פון א רעגירונג מיט גרויסע פינאַנציעלע מעגליכקייטען. גרויס איז אָבער געווען מיין וואונדער, ווען איך האָב באַגעגענט א גאַנץ אַנדערען צושטאַנד אין די אידישע שטעט און שטעטלאך פון רוסלאַנד.

צווישען אַנדערע זאַכען האָט מיך אויך געוואונדערט, וואָס פון די אידישע קלאַסיקער זיינען, מיט דער אויסנאַהם פון שלום־עליכם, קיין שום ביכער ניט ארויסגעגעבען געוואָרען, און אפילו שלום עליכם'ן האָט מען ארויסגעגעבען אפשר א פופציגסט־חלק פון דעם, וואָס שלום־עליכם האָט אָנגעשריבען.

* * *

איך האָב פריהער געזאָגט, אז פון די אידישע שרייבער, וואָס זיינען געווען אין רוסלאַנד און האָבען פאַרקויפט זייערע ביכער צום רעגירונגס־פאַרלאַג, וועלען ארויסגעגעבען ווערען אויף רוסיש, ניט אויף אידיש. אויף אידיש זיינען זיי פאַרבאָטען. האָט ש. ראָזענ־פעלד אין אַן אַרטיקעל אין „טאָג“ עפענטליך געפרעגט די שרייבער, וואָס האָבען באַזוכט רוסלאַנד, וואָרום זיי פאַרשווייגען די באַ־

שולדיגונגען, וואָס איך האָב געגען זיי געמאַכט. האָט דער הער אַפּאַטאַשו געענטפערט מיט אַן אָפענעם בריף צו ש. ראָזענפעלד. ער אַפּאַטאַשו, זאָגט, אַז דאָס איז כזב־ושקר. אַפּאַטאַשו אין זיין ענט־פער זאָגט: „ווען כאָנין, וואָס האָט אַלץ אַזוי חוקר ודורש געווען אין רוסלאַנד, וואָלט זיך ניט פאַרלאָזט אויף „אָנגעזעהענע קאָמו־ניסטען“, וואָלט ער דאָרט געזעהן די קאָרעקטורען (פּרואוו־בויגענס) פון מיינע צוויי ראָמאַנען ניט אויף רוסיש, נאָר אויף אידיש. ויען ער וואָלט אין כאַרקאָוו אַריין אין „צענטער פאַרלאַנג“, וואָלט ער דאָרטען געזעהן קאָרעקטורען פון אַנאַנדער ראָמאַן מיינעם“.

וויל איך זאָגען ה' אַפּאַטאַשו, אַז איך בין ניט געפאָהרען קיין רוסלאַנד צו באַזוכען די דרוקערייען און אַ קוק טאָן, צי אַפּאַטאַשו'ס ביכער זיינען שוין אויפגעזעצט, צי ניט. איך בין ניט געפאָהרען אין רוסלאַנד לעזען קאָרעקטורען. איך האָב ניט גערעדט אין מיין אַרטיקעל וועגען דעם. וואָס עס וועט זיין אין עלף יאָהר שפּעטער (אפשר וועט מען אין רוסלאַנד דאַמאָלס יאָ אַרויסגעבען אידישע קלאַסיקער אָהן דער צענזור פון ליטוואַקאָוו'ן), נאָר וועגען דעם, וואָס עס איז געווען אין די ביז־איצטיגע עלף יאָהר.

וואַרום האָט אַפּאַטאַשו פאַרשוויגען דעם פאַקט, אַז זיין בוך „1863“ האָט מען אַרויסגעגעבען אין אוקראַיניש מיט אַ יאָהר צוריק, אַרויסנעמענדיג פון איהם נאָר איין קאַפּיטעל, דעם „זוהר“, וואָס איז פאַר די קאָמונסיטען צו־רעליגיעז, צו־מיסטיש, ווען אין אידיש, פאַר די אידישע לעזער, פאַר וועלכע אַפּאַטאַשו האָט דעם בוך גע־שריבען, איז דאָס נאָך ניט אַרויסגעגעבען געוואָרען?

איך האָב איצט ביי זיך די קאַטאַלאָגען פון דער „קולטור־ליגע“ פון קיעוו און פון „צענטער פאַרלאַג“ פון כאַרקאָוו. די קאַ־טאַלאָגען זיינען פון די יאָהרען 1927, 1928 און ביז 1929. יעדער איינער קאָן די קאַטאַלאָגען קריגען אין די היגע בוך־געשעפטען. עס זיינען דאָרטען פאַרצייכענט אַפּאַטאַשו'ס אַ קליינע ערצעהלונג, „דער שוך־פוצער“, „אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב“ און נאָך אַ קלענערע ער־צעהלונג, „קוילען־גרעבער“, וואָס ווערט פאַרקויפט פאַר פינף קאָ־פּיקעס.

וועגען אַש'ן, ווידער, האָב איך אין מיין פריהערדיגען קאַפּיטעל געמאַכט אַ טעות. איך האָב געשריבען, אַז פון אַש'ן האָט מען אַרויסגעגעבען „די יוגענט“, „אַ שטעטעל“ און „מאָטיווען“. וואָס דאָס איז אפילו ניט קיין טראָפּען פון אַש'ס שאַפען. לאָזט זיך אויס,

אז די דערמאָנטע דריי ביכער האָט מען אויך ניט אַרויסגעגעבן, נאָר מען האָט זיי געקויפט ביי אַן אייראָפּעאישען פאַרלאַג.

אין זיין ענטפער רעדט אַפּאַטאַשו אַ סך וועגען מענדעלע'ן. עס זיינען פאַראַן גאַסען אויף מענדעלע'ס נאָמען, עס זיינען פאַראַן „מענדעלע מוזעאומס“, מען גיט אַ סובסידיע (שטיצע) מענ־דעלע'ס טעכטער א. אַז. וו. איך וואָלט וועלען פרעגען אַפּאַטאַשו'ן וואָס דאָס האָט צו טאָן מיט מענדעלע'ס ווערק. פון די פיל ביכער, וואָס מענדעלע האָט אָנגעשריבען, האָט דער רעגירונגס־פאַרלאַג אַרויסגעגעבען נאָר דעם „פּריזיוו“ און נאָך אַ פּאָר פינף־קאָפּעדיגע בראָשורען. מיט דעם שעפּט זיך אויס די גאַנצע מענדעלע־ליטע־ראַטור פון די רוסישע פאַרלאַגען.

פון פּרץ'ס 18 בענדער האָט מען אַרויסגעגעבען געקליבענע ווערק, וואו עס געהען אַריין די אומוויכטיגסטע זאַכען, וואָס פּרץ האָט אָנגעשריבען. זיין באַנד „פאָלקסטימליכע געשיכטען“ איז אַזוי געטרייבערט געוואָרען. דער דאָזיגער „געריינינגטער“ באַנד ווערט פאַרקויפט פאַר 25 קאָפּיקעס.

שוין פיר יאָהר, אַז מען פאַרשרייט די וועלט וועגען דעם גרויסען „פּראָלעטאַרישען רייזינ'ען“. ער שרייבט אין אַ קאָמוניס־טישער צייטונג. ער איז קאָמוניסטיש געשטימט. מען פיהרט איהם דאָ אין אַמעריקע אַרום איבער אַלע שטעט, מיט איהם וויל מען פאַרווייסען די יויך פון דער קאָמוניסטישער קולטורלאָזיגקייט. און אין רוסלאַנד האָט מען נאָך ביז איצט רייזינ'ס קיין איין ביכעלע ניט אַרויסגעגעבען. ווען איך האָב דורכגעקוקט די אידישע קאַטאַלאָגען אין רוסלאַנד, האָב איך זיך געוואונדערט. אויף רייזינ'ס רייזע איצט אין רוסלאַנד, האָט מען רייזינ'ען געגעבען אַ מתנה זיינעם אַן אייגענעם בוך, אַרויסגעגעבען אין רוסלאַנד. מיינט איהר אין וואָס פאַר אַ שפּראַך? אין אידיש? גאָט זאָל אויסהיטען! אין רוסיש. פאַר די אידישע לעזער זיינען רייזינ'ס ווערק נאָך אַלץ קאָנטר־רע־וואָלוציאָנער.

נאָר וואָס זאָל איך זיך וואונדערען אויף דעם קולטורעלען אינקוויזיטאָר ליטוואַקאָוו. ווען רייזין אַליין האָט ערקלערט, אַז דאָס, וואָס ער האָט געשאַפען ביז איצט, האָט קיין ווערטה ניט. אין ענטפער אויף דעם האָט מיר געגעבען יענער „אָנ־געזעהענער קאָמוניסט“. „רייזין“, זאָגט ער, „איז ניט דער שריי־

בער פאַר די פּראָלעטאַרישע מאַסען אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער איז צו קליין־שטעטעלדיג, ער איז צו קליין־בירגערליך, ער האָט אין זיין גאַנצען שאַפען פארגעטערט די קלויזניקעס. דעם קליין־שטעטעלדיגען פּראָווינזאַר (דראַג־קלוירק), דאָס בעל־הבית׳ישע טעכטעריל, ער האָט באַזונגען די אידישע אָרימקייט, ער האָט פון איהר קיינמאָל ניט געוואָלט אַרויסקריכען. און דאָס, וואָס ער שרייבט איצט, אפילו אין דער „קאָמוניסטישער צייטונג", האָט דער אָנגעזעהענער קאָמוניסט צו מיר געזאָגט, „איז אַ שלעכטע איבער׳חזר׳ונג פון דעם, וואָס רייזין האָט געשריבען אַמאָל".

מילא, האָב איך צו דעם „אנגעזעהענעם קאָמוניסט" קיין טענות ניט. ער קאָן האָבען זיין מיינונג וועגען פּרץ׳ן, אַש׳ן, מענדעלע׳ן און רייזינ׳ען. אָבער ווען די מיינונג פון „אנגעזעהענע קאָמוניסטען" ווערט אַ צענזור פאַר דער אידישער מאַסע, ווען זייער מיינונג ווערט אַ געזעץ, און מען פאַרבאָט צו לייענען אידישע שרייבער, מיינט דאָס ברענגען אין דעם אידישען לעבען אַ גייסטיגע געפאַלענקייט, אַ שרעקליכע קולטורלאָזיגקייט. וועגען דעם האָב איך געשריבען.

אנשטאָט צו זאָגען „כזב־ושקר", האָט אפּאַטאַשו געדאַרפט קומען און אויפווייזען, אַז ווערק פון אידישע שרייבער זיינען יאָ אַרויסגעגעבען געוואָרען אויף אידיש אין רוסלאַנד. דאָס טוט ער ניט. אָבער ער רעדט פון „מענדעלע מוזעאום". וויל איך איהם זאָגען, אַז קיינער האָט ניט אַזויפיל רעספּעקט פאַר טויטע, ווי די קאָמוניסטען אין רוסלאַנד. די לעבעדיגע שרייבער, וואָס פּאַסען זיך ניט אַריין אין די ראַמען פון „פּראָלעטאַרישער קולטור", האָט מען אויסגעראָט, פאַרטריבען אין אויסלאַנד. אָבער צו אַ שרייבער אַ מת באַציהט מען זיך אַנדערש, מען בויט אויף זיין נאָמען גאַסען, מען האַלט איהם אין מוזעאומס.

דעם פאַרשטאָרבענעם געאָרגי פּלעכאַנאָוו, וועלכער האָט אַזוי פיל פאַרדינסטען פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע און פאַר דער רוסישער קולטור, האָט מען ביי זיין קראַנקען־בעט מכבד געווען מיט פּאָליציייאישע הויז־זוכונגען, און מען האָט דאָס געטאָן מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט. פון זיינע ביכער, אויף וועלכע עס האָט זיך ערצויגען אַ גאַנצער רוסישער דור, זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען נאָר די, וואָס עס האָט זיך געלוינט דער רוסישער קאָמוניסטישער רעגירונג, וואָס ענטהאַלט אין זיך ניט דעם קאַמף, וואָס געאָרגי פּלעכאַנאָוו האָט געפיהרט מיט לענינ׳ען, מיט דעם קאָמוניזם. אָבער

ווען איהר געהט אריין אין „מוזעאום פון דער רעוואָלוציע“, זעהט איהר אַ ביוסט פון פּלעכאַנאָוו'ן. זיי האָבען פּלעכאַנאָוו'ן געמאַטערט, באַליידיגט, פאַרפּאָלגט, ווען ער איז געלעגען קראַנק. אָבער ווען ער האָט אויף אייביג צוגעמאַכט זיינע אויגען, ווען ער איז שוין איצט פאַר זיי קיין געפאַהר ניט, ווען ער קאָן איצט זיין מיינונג ניט ארויסזאָגען, האָט מען אין „מוזעאום פון דער רעוואָלוציע“ אויף אַ פּראָמינענטען אָרט אוועקגעשטעלט אַ שעהנעם ביוסט פון איהם. עס איז קלאָר, ווי מען וואָלט אין רוסלאַנד געהאַנדעלט מיט שלום־עליכם'ן און מענדעלע'ן, ווען זיי וואָלטען געלעבט. איצט זיינען זיי טויט, קאָן מען דערפאַר זיין גרויסמוטיג און האָבען זייערע בילדער אין אַ מוזעאום, האָבען גאַסען אויף זייערע נעמען.

איך האָב פריהער געשריבען וועגען דער אידישער קינדער־ליטעראַטור. איך האָב געזאָגט, אַז אין דער אידישער קינדער־ליטעראַטור, וואָס געהט ארום אין רוסלאַנד, זיינען די אידישע קלאַסיקער כמעט ניט אריינגענומען געוואָרען. און אָט ליגען פאַר מיר די קאַטאַלאָגען פון דער אידישער קינדער־ליטעראַטור, וואָס אַלע פאַרלאַגען אין רוסלאַנד האָבען ארויסגעגעבען. מיט דער אויסנאַהם פון שלום עליכם'ן, איז דאָ קיינער פון די אידישע שרייבער ניטאָ. פּרואווט אַ פרעג טאָן ביי אידישע לעהרער אין אַנדערע לענדער, צי קאָן מען אויסקומען, ווען מען לערענט מיט קינדער אידיש, אָהן די קינדער־זאַכען, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען פון אַ גאַנצער רייהע אידישע שרייבער, וועלכע געפינען זיך ניט אין סאָוועט־רוסלאַנד. איך האָב ביי זיך די וויכטיגסטע לערן־ביכער, וואָס ווערן געברויכט אין די אידישע פאָלקס־שולען אין סאָוועט־רוסלאַנד, מיט דער אויסנאַהם פון אַ פּאָר אומוויכטיגע זאַכען, זיינען די אידישע קלאַסיקער אין די לערן־ביכער ניטאָ.

ווען איהר קוקט אריין אין די קאַטאַלאָגען, וואַרפט זיך אייך אין די אויגען, אַז די פאַרלאַגען האָבען ארויסגעגעבען אַ סך זאַכען פון משה טייטש, וועלכער האָט געהאַט די פעהיגקייט צו ווערען אין צייט אַ קאָמוניסט, און אַ „געטרייער“ קאָמוניסט. ער, משה טייטש, וועלכער האָט אין דער אידישער ליטעראַטור קיין שום פּלאַץ ניט פאַרנומען, ער איז געוואָרען דער אידישער קלאַסיקער אין סאָוועט־רוסלאַנד. איז דאָס דען אַ וואונדער? אין אַ לאַנד, וואו מען האָט צונישט געמאַכט אַלע קולטור־ווערטהען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין אַזאַ לאַנד איז קיין

וואונדער ניט, אז דעם אויבען־אָן זאָלען פאַרנעמען טאַלאַנטלאָזיג־קייטען, אויב זיי זיינען נאָר געטריי דעם קאָמוניזם, אויב זיי וועלען זיך צלמ'ן דריי מאָל א טאָג פאַר לעניג'ס בילד.

און לאָמיר אָננעמען, אז נאָכדעם ווי אפּאטאשו איז געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד, וועט מען זיינע „פּוילישע וועלדער" יאָ ארויס־געבען. וואָלט איך איהם געפרעגט, וואָס זאָל, נעבאָך, טאָן י. ל. פּרץ, וואָס איז שוין טויט און קאָן ניט פאָהרען קיין סאָוועט־רוס־לאַנד און דאָרטען חנפ'ענען ווען מען דאַרף? ווי אזוי זאָל י. ל. פּרץ מאַכען, אז זיינע ביכער זאָלען דערגעהן צו די אידישע לעזער אין רוסלאַנד?

ווען איך בין געווען אין רוסלאַנד, האָב איך זיך באַגעגענט מיט אידישע טוריסטען (רייזענדע) פון אמעריקע, ארבייטער און ניט־ארבייטער. זיי זיינען געקומען צופאָהרען צו באזוכען זייער אַלטע היים, זייער אַלטע שטעטעל, א טאטען, א מאַמען, ברידער, שוועס־טער. מיט ווייניג אויסנאַהמען האָבען מיט מיר אַלע גערעדט וועגען הונגער, נויט און האָפנונגסלאָזיגקייט. איך האָב דעם הונגער און די נויט אַליין אויך געזעהן. און ניט איינמאָל האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע, מיט וואָס ערקלעהרט זיך דאָס, וואָס אין רוסלאַנד זיינען געווען אָנגעזעהענע אידישע שרייבער, ווען דער אידישער לעבען איז אזוי „נאָהענט", וועלכע באַוויינען אזוי אָפט אונזער מאַטערניש אין גלות; מיט וואָס ערקלעהרט זיך, וואָס זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהן אין סאָוועט־רוסלאַנד די אידישע נויט, דעם אידישען חורבן, דעם פיזישען אונטערגאַנג פון די אידישע פאָלקס־מאַסען אין סאָ־וועט־רוסלאַנד? ווען זיי זיינען געקומען פון רוסלאַנד האָבען זיי געשריבען אַלצדינג, וואָס קאָן זיי געבען חן אין די אויגען פון די אידישע קאָמוניסטען אין סאָוועט־רוסלאַנד אָדער אין אמעריקע. אָט איז דערזעלבער אפּאטאשו געווען אין מינסק, אין מאָסקווע, אין קיעוו, כאַרקאָוו און אָדעס. האָט ער דאָרטען גאָרניט באַמערקט דעם יאָמער־טאָל, אין וועלכען עס געפינט זיך די אידישע פאָלקס־מאַסע? האָט ער זיי ניט געזעהן אין שמאַטעס? האָט ער ניט געזעהן זייערע שרעקליכע דירות? איך ווייס ניט, צי ער האָט זיי ניט געזעהן, אָבער געשריבען וועגען דעם האָט ער ניט. ער האָט געזעהן א ציגיי־נער־טענצערין אויף פּושקינסקי בולוואַר. ער האָט אפילו באמערקט, ווי די פּויערים האָבען מורא פאַר „נאַטשאַלסטווא" (באַאַמטע) און באַהאַלטען זייער אַליין־געמאַכטען שנאַפּס, ווען מען זאָגט זיי אָן,

אז „נאטשאלסטווא“ קומט., אָבער וועגען דעם אידישען לעבען — ניט קיין האַלבען וואָרט! איך האָב מורא דאָס צו זאָגען, אָבער ביי זיך האָב איך געטראַכט: „קאָן דאָס זיין, אַז צוליב דעם, וואָס מען האָט געמאַכט אַ „סייל“ אין רוסלאַנד פון די אייגענע ביכער, האָט מען געמאַכט אַ שווייג וועגען דער שרעקליכער אידישער לאַגע, וועגען דער אידישער נויט, דעם אידישען חורבן?

פאַראַן נאָך אַנדערע אידישע שרייבער, וואָס פאָהרען אַרום איבער סאָוועט־רוסלאַנד און זיינען דאַנקבאַר, וואָס מען לאָזט זיי אריין אין מאָסקווע. צוליב דעם אַליין זיינען זיי גרייט אָוועקצו־געבען דעם מיליאָן און אַ האַלב אידען אין רוסלאַנד, וועמעס לעבען עס איז אַזוי שרעקליך. אָט איז, צום ביישפּיל, פּרץ הירשביין. ער זעהט אַ גרויסען אויפטו פון דער סאָוועט־רעגירונג אין דעם, וואָס זי לאָזט אריין אידען אין מאָסקווע. איך פאַרשטעה דעם מה־יפית־געפיהל ביי אַ סך אידען. אָבער די טויערען פון מאָסקווע האָט גע־עפענט פאַר אידען די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען רוסישע סאָציאַליסטען, דעמאָ־קראַטען און ליבעראַלען. וואָלט עמיצען איינגעפאַלען צו זיין דאַנק־באַר דער פראַנצויזישער רעגירונג, וואָס זי לאָזט אונז אריין אין פּאַריז, אָדער דער דייטשער, וואָס מען לאָזט אונז אריין אין בערלין, אָדער דער פּוילישער, פאַר אריינלאָזען אין וואַרשע? פּרץ הירשביין איז גליקליך. ער קאָן אַרומגעהן איבער די גאַסען פון אָדעס און ניט זעהן דאָס אידישע לעבען, זיין טויב צום אידישען אומגליק. ער האָט אַן אַנדער באַשעפטיגונג. ער שלעפּט אַרויס פון קבר מענ־דעלע'ן אָדער פּרץ'ן און פיהרט מיט זיי געשפּרעכען וועגען דעם, ווי זיי, די טויטע אידישע שרייבער, פיהלען זיך גליקליך אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער פאַרפיהרט אַ שמועס מיט דעם פאַרשטאָרבענעם מענדעלע'ן וועגען טראָצקי'ן. פאַרשטעהט זיך, אַז מענדעלע זאָגט איהם, אַז ער איז ברוגז אויף טראָצקי'ן, וואָס ער איז ניט איינשטי־מיג מיט סטאַלינ'ען, און אַז מענדעלע איז אין כעס אויף אַש'ן, וואָס ער האָט ביים באַנקעט פון „געזוערד“ ניט געלאָזען זיך באַליידיגען פון דעם אידישען קאָמוניסט ליטוואַקאָוו'ן.

ווען מען געפינט זיך אין רוסלאַנד, פיהלט מען די שרעקליכע דיקטאַטור, וואָס הערשט אין לאַנד, ווי מענשען האָבען מורא אַרויס־צוברענגען די מינדסטע קריטיק אויף דער סאָוועט־רעגירונג. די טורמעס זיינען אָנגעפּאַקט מיט פּאָליטישע געגנער. אין סיביר

ווערן אַרויסגעשיקט טויזענטער אַרבייטער, טראָצקיסטען און ניט־טראָצקיסטען, וועלכע האָבען אַן אַנדער מיינונג, ווי אַזוי די רעגירונג דאַרף געפיהרט ווערן אין לאַנד. און דאָ קומט צו געהן פּרץ הירשביין און פרעגט נאאיוו, ווי ער וואָלט גאָט די נשמה שולדיג געווען: „ווער זאָגט דאָס, אַז אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין פּאָליטישע פרייהייט? קאָנען דען די אַרבייטער דעם ערשטען מאַי ניט פּראָטעסטירען געגען דעם אַלוועלטליכען קאַפּיטאַליזם? קאָנען זיי דען ניט זינגען קיין רעוואָלוציאָנערע לידער?" יאָ, זיי קאָנען. אָבער נאָר פּראָטעסטירען אַזוי, ווי עס הייסט סטאַלין, זינגען דאָס, וואָס די הערשער פון רוסלאַנד ערלויבען, טראַכטען אַזוי, ווי די „טשעקאַ" וויל. אָבער אויב איהר וועט טראַכטען אַנדערש, וועט איהר פאַרפוילט ווערן אין טורמע, מען וועט אייך פאַרשיקען אין סיביר.

איך באַשולדיג די אידישע שרייבער, אַז זיי האָבען, מיט ווייניג אויסנאַהמען, באַוואוסטזיניג פאַרשוויגען די אידישע קולטורעלע און עקאָנאָמישע אָרימקייט, וועלכע זיי האָבען אַליין געזעהן אין סאָוועט־רוסלאַנד, און זיי האָבען דאָס געטאָן נאָר צוליב דעם, ווייל זיי זיינען אין רוסלאַנד געפאָהרען ווי קרעמער. אַ קרעמער וועט דאָך אַלץ פאַרשוויגען צוליב די אַרטיקלען, וואָס ער פאַרקויפט. עס קאָן זיין, אַז איינציגע פון יענע שרייבער וועלען באַרוהיגען זייער געוויסען, און זיי וועלען זאָגען צו זיך אַליין: „ווער איז דאָס דער כאַנין, וואָס פּראָטעסטירט?" וויל איך זיי זאָגען, אַז איך בין ניט מעהר ווי אַ דורכשניט־מענש, וואָס האָט אַ רעכט צו פּראָטעסטירען אפילו געגען אידישע שרייבער, ווען זיי באַגעהען עולות, וואָס טוען ניט אָן קיין כבוד ניט דער ליטעראַטור, ניט מיר אַלס לעזער, און ניט זיך אַליין. אַלס אַזעלכער פּראָטעסטיר איך. איך האָב אין רוסלאַנד גאָרניט געפיהרט צום פאַרקויפען און האָב דאָרטען גאָר־ניט פאַרקויפט. איך בין געפאָהרען זעהן, ווי דאָס פאָלק לעבט. און זיין מאַטערניש, זיין פאַרצווייפלונג האָבען מיך געטריבען צו דער־צעהלען דאָס, וואָס איך האָב געזעהן, און אַרויסזאָגען דאָס אַזוי הויך ווי מעגליך, אפשר וועט דאָס העלפען.

די אַלגעמיינע און אידישע קינדער-שולען

די „סעמפּעל־סקולס". — די אידישע קינדער־שולען אין קלענערע און גרעסערע שטעט. — אידישע לעהרער אַנטיסעמיטען. — נישטאָ קיין אידישע קינדער־ליטעראַטור אין רוסלאַנד. — קינדער און טאַטעס ווערען אָפּגע־ריסען פון אידישען לעבען. — אידישע קינדערגאַרטענס. — דער אידישער אוניווערזיטעט. — פאַך־שולען. — „חבר אָרגאַנטשיק".

מען האָט שוין אַ סך געשריבען וועגען די אָנפאַנגס־שולען און העכערע שולען פון סאָוועט־רוסלאַנד. יעדער איינער האָט זיי שטאַרק געלויבט. אָבער איך גלויב קוים, צי עמיצער האָט ווי געהעריג איז געזעהן די רוסישע פאָלקס־שולען און דעם רוסישען אוניווערזיטעט. עס פאָהרען קיין רוסלאַנד ספּעציאַליסטען, גרויסע קענער פון ער־ציהונג ביי אַלע פעלקער און אַלע לענדער. זיי קומען צופאָהרען פון רוסלאַנד מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג פאַר דער ערציהונגס־סיסטעם, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט אין רוסלאַנד איינגעפיהרט. אָבער זייערע געשיכטעס זיינען אויך שטאַרק איבערטריבען.

שטעלט אייך פאָר, אַז אימיצער וואָלט געקומען אין אַמעריקע און געזעהן די עטליכע שולען דאָ אין לאַנד, וואו מען מאַכט עקס־פּערימענטען אין ערציהונג, וואו מען פּרואווט אויס נייע ערציהונגס־מעטאָדען, און ער וואָלט לויט נאָך זיינע איינדרוקען פון יענע עטליכע שולען אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג וועגען דער אַמעריקאַנער פּאָבליק סקול. וואָלט אַזאַ מענש ניט געווען לעכערליך? מען וואָלט דאָך גלייך דערקענט, אַז דער מענש האָט די אַמעריקאַנער פּאָבליק סקול ניט געזעהן. דאָסזעלבע קאָן מען זאָגען וועגען די, וואָס שרייבען וועגען די סאָוועטישע פאָלקס־שולען, און זאָגען, אַז זיי זיינען די בעסטע שולען אויף דער וועלט.

הונדערט וויאָרסט ווייט פון מאָסקווע איז דאָ אַ גרויסע קינ־דער־קאָלאָניע, וואָס ווערט געפיהרט פון אַ יונגענמאַן מיט דעם נאָמען שאַצקי. אין דער קאָלאָניע געפינען זיך עטליכע הונדערט קינדער. די קאָלאָניע איז אָוועקגעשטעלט געוואָרען אויסערגעוועהנ־ליך גוט. — גרויסע ליכטיגע געביידעס, אַ סך שפּיל־פּלעצער, די

בעסטע לעהרער. די סיסטעם פון לערנען איז דאָ די מאָדערנסטע. ביי אונז אין אַמעריקע רופט מען דאָס די דאַלטאָן לאַבאָראַטאָרישע סיסטעם פון ערציהונג. פּראָפעסאָר דזשאָן דיואי איז אין אַמעריקע דער גרעסטער אָנהענגער פון דער סיסטעם. לויט דער נייער סיסטעם ווערט דאָס גאַנצע לערנען פון קינד האַרמאָניש צונויפגעפלאָכטען מיט דעם קינדס לעבען און זיינע אַלטעגליכע ערפאַהרונגען. מען דאַרף דעם קינד ניט לערנען אויסצו'חזר'ן זאַכען אויף אויסווייניג, נאָר דאָס קינד דאַרף זיך אַנטוויקלען זעלבסטשטענדיג, אָפּטמאָל אינ־גאַנצען אָהן אַ לעהרער.

אָט דיזע סיסטעם ווערט איצט אָנגעווענדט אין אַלע שולען פון רוסלאַנד. אָבער לעהרער, וואָס זאָלען ווירקליך זיין צוגעפּאַסט פאַר דער נייער סיסטעם, זיינען נאָך דערווייל פאַראַן זעהר ווייניג. מען דאַרף פון יעדען קינד מאַכען אַ דערוואַקסענעם אַנטוויקעלטען מענשען. דאַרף דעריבער דער לעהרער זיין אַ בעסערער, אַ מעהר צוגעגרייטער, איידער אין די שולען, וואָס האַלטען זיך ביי דער אַלטער סיסטעם.

די שאַצקי שולען האָבען אַזעלכע בעסערע לעהרער. די בעסטע לעהרער, וואָס רוסלאַנד האָט געהאַט, האָט מען אָנגעשטעלט אין די „עקספּערימענטאַלע" שולען. אָבער די עקספּערימענטאַלע שולען זיינען אַזוי ווי אַ טראָפּען אין ים. די גרעסטע צאָהל קינדער, וואָס באַזוכען די שולען, האָבען ניט קיין גוטע לעהרער. און אַז אַ נייע סיסטעם ווערט אָנגעפיהרט פון ניט־פעהיגע לעהרער, איז דאָס ניט אַ מעלה, נאָר אַ גרויסער חסרון.

ווען איינער, וואָס ווייסט ניט, וואָס אין רוסלאַנד קומט פאָר, באַזוכט נאָר די שולען פון דעם שאַצקי טיפּ, מוז ער ווערען באַ־גייסטערט פון דער רוסישער ערציהונג. אָבער די שאַצקי שולען זיינען ניט די שולען פון רוסלאַנד. מיר איז אויסגעקומען צו באַ־זוכען זעהר אַ סך שולען אין רוסלאַנד, און איך גלויב ניט, אַז זיי זיינען די בעסטע פאָלקס־שולען אויף דער וועלט.

* * *

אין איין אָרט האָב איך זיך פאַנאַנדערגערעדט מיט אַ לעה־רערין. זי האָט מיר דערצעהלט, אַז זיי האָבען די וואָך ערהאַלטען אַ צירקולאַר פון בילדונגס־קאָמיסאַריאַט, וואו מען ציהט זייער אויפ־מערקזאַמקייט אויף דעם, אַז די קינדער, וואָס ענדיגען די זיבען־

יאָהרינע פאָלקס־שולע, קענען זעהר וויניג לייענען, שרייבען און רעכענען. איך האָב זיך פּאָרוואונדערט. ווי איז דאָס מעגליך? איהר קענט זאָגען ווענען דעם אמעריקאַנער קינד, אז ווען עס ענדיגט די פּאָבליק־סקול, איז עס ניט גענוג אנטוויקעלט. אָבער לייענען, שרייבען און רעכענען לערענט מען דאָך די אמעריקאַנער קינדער אויס. אַז דאָס איז ניט קיין צופאַל, קיין אויסנאַהמס־פאַל אין רוס־לאַנד, ווייזט דער פאַקט אַליין, וואָס דער בילדונגס־קאָמיסאַריאַט האָט ווענען דעם אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר.

די לעהרערין האָט מיר אָבער ערקלערט, אַז אין די רוסישע שולען קאָן דאָס אנדערש ניט זיין. „ביי אונז", האָט זי געזאָגט, „גיט מען אָפּ די צייט ניט אויף לערנען לייענען, שרייבען און רע־כענען. ביי אונז לערנט מען געזעלשאַפטליכע פראַגען. אַ קינד ביי אונז מוז וויסען, ווען לענין איז געבוירען געוואָרען, ווען ער האָט באַזוכט די שווייץ, דייטשלאַנד, וואָס עס איז אַזוינס דער באָלשע־וויזם, ווער עס זיינען די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען, א. אז. וו. אין דעם זיינען אונזערע קינדער זעהר גוט באַהאוונט. אָבער אויף די עלעמענטאַרסטע, איינפאַכסטע געגענשטאַנדען, וואָס אַ קינד דאַרף לערנען, אויף שרייבען, לייענען און רעכענען, גיט מען ביי אונז אָפּ וויניגער צייט, ווי אויף אַלע אַנדערע זאַכען. און דערפאַר האָבען מיר ביי אונז אַזעלכע טרויעריגע רעזולטאַטען. דערפאַר מוז איצט לונאַטשאַרסקי (דער בילדונגס־מיניסטער אין רוסלאַנד) שרייבען צירקולאַרען צו די לעהרער, אַז מען זאָל זיך מעהר אָפּגעבען מיט די אויבענדערמאָנטע געגענשטאַנדען".

„ווען איהר וועט אויפוועקען אונזערס אַ קינד אינמיטען נאַכט", זאָגט ווייטער די לעהרערין, „און פרעגען ביי איהם עפּעס ווענען לענינ'ען, וועט עס אייך גלייך זאָגען. ווען איהר וועט איהם אָבער בעטען עפּעס אָנשרייבען ,וועט דאָס אָנגעשריבענע אַלעמאָל זיין פול מיט גרייזען".

ווען די לעהרערין האָט מיר דאָס דערצעהלט, האָב איך זיך דערמאָנט אָן די אַלטע צאַרישע שולען. מען פלעגט אויך דאַמאָלט זעהר אַ סך ערציהען די קינדער מיט געדענקען דאַטומס, ווען עס איז געבוירען געוואָרען דער קייסער און יענער קייסער, און וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאַר'ן פאָלק, און נאָך אַזעלכע „בילדונג". פאַר דער ערציהונג פון דער רוסישער יוגענט איז דאָס דעמאָלט געווען

אַן אומגליק. היינט איז עס אין רוסלאַנד ניט בעסער. עס איז די־זעלבע יענטע, נאָר אַנדערש געשלייערט.

* * *

אין גאַנץ רוסלאַנד לערנען זיך היינט־צו־טאָג אַרום 110 טויזענט קינדר אין די אידישע שולען. אַלע געגענשטאַנדען ווערען געלערנט אויף אידיש. אין אוקראַינע געהען אַריין אין די אידישע שולען די אוקראַינישע און רוסישע שפּראַכען אַלס אַ לימוד. אין ווייס־רוס־לאַנד לערנט מען אין די אידישע שולען די ווייס־רוסישע און די רוסישע שפּראַכען. דער פאַקט אַליין, וואָס 110 טויזענט אידישע קינדער לערנען זיך אין אידישע שולען, איז אין רוסלאַנד, אָהן צווייפעל, אַ גרויסער געווינס פאַר דער אידישער קולטור, פאַר דער אידישער שפּראַך.

אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון שפּעטער? אַ אידיש קינד, וואָס האָט געענדיגט אַ אידישע פאָלקס־שול און וויל אָנקומען אין אַן אוניווערסיטעט, זיך לערנען פאַר דאָקטאָר, אַדוואָקאַט, אָדער אינזשינער, ווערט אין די אַלע געגענשטאַנדען עקזאַמינירט אויף רוסיש. דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געלערנט אין דער אידישער שול, שפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָלע. ער דאַרף דערנאָך אַלע געגענשטאַנדען סאַי־ווי נאָכאַמאָל דורכגעהן אויף דער רוסישער שפּראַך.

דער רעזולטאַט דערפון איז פאָלגענדער: ניט די קינדער ווילען געהן אין דער אידישער שול, און ניט די עלטערן ווילען זיי שיקען אַהין. נאָר זיי זיינען געצוואונגען, ווייל לויט די לאַנד־געזעצען קאָנען זיי אין קיין אַנדער שולע ווי די אידישע ניט געהן, סיידען איינעם גיט זיך איין דורך פּראָטעקציע דעם געזעץ אויסצומיידען.

אין יעדער שטאָדט, וואו איך בין געווען, האָב איך באַזוכט די אידישע שולען. מיט זייער אויסערליכען אויסזעהן האָבען זיי אַלע געמאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק. די שטאָט־פאַרוואַלטונג טוט אַלצדינג, אַז די שול־געביידע זאָל זיך געפינען אין אַ גוטען צו־שטאַנד, זאָל זיין ריין, ליכטיג, א. אז. וו. די לעהרער, מיט וועלכע איך האָב זיך אין דער שולע באַגעגענט, זיינען זעהר איבערגעגעבען זייער אַרבייט. דאָס זיינען ניט סתם געדונגענע לעהרער, וואָס טוען אָפּ זייער אַרבייט און פאַרטיג. די מעהרסטע פון זיי איז די שולע נאָהענט און טייער, ווייל זיי זעהען אין איהר אַ גרויסע אידישע קולטור־אַרבייט. כמעט אַלע לעהרער זיינען קאָמוניסטען, און די

וואָס זיינען ניט קיין קאָמוניסטען, סימפּאַטיזירען אויך מיט דער סאָוועט־רעגירונג. די לימודים ווערען דורכגעפיהרט פון אַלע לעה־רער, קאָמוניסטען אָדער ניט־קאָמוניסטען, אין דעם גייסט און לויט דער פּראָגראַם, וואָס ווערט באַשטימט פון בילדונגס־קאָמיסאַריאַט פון לאַנד.

* * *

אין די קלענערע שטעטלאַך געפינען זיך פיר־יעהריגע שולען. קינדער ווערען אין רוסלאַנד גענומען אין די שולען פון אכט יאָהר אָן. די לימודים פון די פיר־יעהריגע שולען זיינען זעהר באַגרענעצטע. די פיר־יעהריגע שול שטעלט זיך די אויפגאַבע אַריינצונעמען דאָס קינד און אין פאַרלויף פון פיר יאָהר אויסצולערנען איהם גענוג, אַז דאָס קינד זאָל ניט זיין קיין „אַנאַלפאַבעט“ (איינער, וואָס קאָן ניט לייענען און שרייבען). אין די גרעסערע שטעט זיינען דאָ זיבען־יעהריגע שולען, וועלכע האָבען שוין אַ סך אַ גרעסערען פּאַרנעם: מען לערנט אין זיי געשיכטע, ליטעראַטור, סאָציאָלאָגיע (וויסענ־שאַפט וועגען געזעלשאַפט), טאַנץ און געזאַנג, גימנאַסטיק, א. אז. וו. די זיבען־יעהריגע שולע מאַכט אַ גוטען איינדרוק.

מיר איז אויסגעקומען צו זיצען ביים לערנען ליטעראַטור און געשיכטע. און אַ מאָדנעם איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דאָס לערנען פוןביידע געגענשטאַנדען. אין דעם קלאַס פון ליטעראַטור האָב איך געהערט ווי דער לעהרער האָט גערעדט וועגען שלום־עליכם'ן. אָבער עס איז ניט געווען שלום־עליכם דער קינסטלער, דער הומאָריסט, דער קלאַסיקער. ניין, דער לעהרער פלעגט נעמען שלום־עליכם'ס טיפּ, מנחם מענדעל, אַלס אַ מיטעל צו דערווייזען, אַז אידען האָבען קיינמאָל ניט געוואָלט אַרבייטען, אַז זיי האָבען געלעבט פון לופט, אויפ'ן חשבון פון פּויער, אויפ'ן חשבון פון דער רוסישער באַפעלקערונג.

ווען דאָס וואָלט ניט געווען קיין אידישער קלאַס און קיין אידישער לעהרער, וואָלט איך אוועק מיט'ן איינדרוק, אַז דער לעהרער איז אַן אַנטיסעמיט, אַ פיינד פון אידען, און דערפאַר האָט ער גערעדט מיט אַזאַ טאָן וועגען יענע טיפּען, וועלכע שלום־עליכם האָט אַזוי וואַרים און מיט וועהטאָג געשילדערט. דער לעהרער האָט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג אָנצואווייזען יענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען, פון וועלכע שלום־עליכם'ס מנחם מענדעל איז געווען אַ קרבן. ער האָט אפילו זיך ניט אָפּגעשטעלט

אויף דער שרעקליכער ראָלע, וואָס דער רוסישער צאַריזם האָט געשפּילט אין פאַרקריפּלען דעם אידישען לעבען פון רוסלאַנד.

איך האָב פריהער געזאָגט, אַז מען לערנט אין די אידישע שולען געשיכטע. קיין ספּעציעלער געגענשטאַנד פון געשיכטע האָבען זיי ניט. נאָר זיי פיהרען געשיכטליכע שמועסען. זיי הויבען ניט אָן פון דעם אַלטערטום און געהען ניט איבער צו אונזער צייט, נאָר זיי הויבען אָן פון היינט און געהען איבער צום אַלטערטום.

דאָס איז אַ גאַנץ גוטער וועג צו באַקענען אַ קינד מיט געשיכטע. דער אומגליק איז אָבער, וואָס די אידישע געשיכטע הויבט זיך אָן ביי זיי פון יאָהר 1928 און ענדיגט זיך מיט אָקטאָבער פון יאָהר 1918. מיר איז אויסגעקומען צו רעדען מיט קינדער פון די לעצטע קלאַסען, און קיינער פון זיי האָט ניט קיין באַגריף, וואָס פאַר אַ געשיכטע אידען האָבען דורכגעמאַכט פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. עס קומט אויס, אַז פאַר אָקטאָבער פון יאָהר 1917, האָבען אידען נאָר קיין געשיכטע ניט געהאַט.

ניטאָ קיין קינדער־ליטעראַטור אין רוסלאַנד. ווען איהר קוקט אריין אין די כרעסטאָמאַטיעס, אין די לייען־ביכער, אָדער אין דער קינדער־ליטעראַטור, וואונדערט איהר זיך, וואָס עס איז ניטאָ קיין איין אָנגעשריבענע מעשה'לע, וואָס זאָל האָבען צו טאָן מיט'ן אידישען נאַציאָנאַלען לעבען. די אידישע קינדער־ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפען געוואָרען פאַר די לעצטע צוואַנציג יאָהר, און וואָס פאַרנעמט אַזאַ גרויסען אָרט אין די אידישע שולען פון אַנדערע לענדער, איז שוואַך פאַרטראָטען אין די אידישע שולען פון רוסלאַנד. די גרעסטע צאָהל אידישע קינדער־ביכער אין רוסלאַנד באַשטעהט פון איבערזעצונגען. דאָס רוב בילדער און מעשה'לאך פון אַנדערע פעלקער, און דאָס ביסעל, וואָס איז דאָ פון אידישע שרייבער, האָט זעלטען צו טאָן מיט'ן אידישען לעבען.

אפשר מיט דעם ערקלערט זיך, וואָס כאָטש אין סאָוועטען־רוסלאַנד עקזיסטירט אַ אידישע קולטור־אויטאָנאָמיע, מיט אידישע שולען, וואו עס לערנען זיך 110 טויזענט קינדער, זיינען די קינדער אָבער גייסטיג ווייניג צוגעבונדען צום אידישען לעבען. און אויב עס פעהלט דער אידישער פאָלקס־גייסט אין דער גאַנצער ערציהונג, מוזען סאַי דער טאַטע און סאַי דאָס קינד זיך ניט פיהלען צוגעבונדען צו דער אידישער שול און זיך אַלץ רייסען צו דער

רוסישער. ווייל אויב אפילו אין דער רוסישער שול הערשט דער־
זעלבער גייסט, איז אָבער אין איהר פאַראַן אַ תכלית.

* * *

מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכען אַ גאַנצע רייהע אידישע קינדערגאַרטענס. די קינדערגאַרטענס מאַכען אַ סך אַ בעסערען איינדרוק, איידער די שולען, ווייל דאָרטען זיינען ניטאָ קיין לימודים, נאָר שפּילערייען. און דער קינדער־שפּיל איז דאָרטען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויסערגעוועהנליך גוט. מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכען אַ אידישען קינדערגאַרטען אין אָדעס, אויף מאָלדאַוואַנקע. דאָס איז ניט קיין סעמפּעל פון אַ קינדערגאַרטען, וואָס מען פיהרט ווייזען די אויסלענדישע רייזענדער. איך האָב אין דעם קינדערגאַרטען פאַרבראַכט אַ גאַנץ לאַנגע צייט, און מיר האָט זיך פון דאָרטען ניט געוואָלט אַוועקגעהן. אַזוי אינטערעסאַנט זיינען געווען די אַרבייטען פון די קינדער. זייער שפּילען פאַרוואַנדעלט אייך אַליין אין אַ קינד, און אייך ווילט זיך דאָרטען פאַרבלייבען. אמת, דער קינדערגאַרטען האָט עקזיסטירט אין אָדעס נאָך איידער די באָלשעוויקעס זיינען געקומען. עס געפינט זיך דאָרטען אויך דיזעלבע אמאָליגע פאַר־וואַלטערין, אָבער די לעהרער זיינען נייע. דער קינדערגאַרטען האָט זיך פאַרגרעסערט, ער איז געוואָרען רייכער אין שפּילערייען. אַלץ ווערט געטאָן, אַז דאָס קינד זאָל זיך פיהלען היימיש, אַז דאָס קינד זאָל זיך פיהלען גוט.

* * *

אויף וויפיל איך וויים, עקזיסטירט אין רוסלאַנד נאָר איין אידישער אוניווערזיטעט. דאָס איז דער לעהרער־טעכניקום אין מינסק. דער לעהרער־טעכניקום געפינט זיך אין דער געוועזענער אידישער תלמוד־תורה. די געביידע איז אָפּגעלאָזען, אָבער אַלץ ווערט געטאָן, כדי צו האַלטען עס ריין און אין אָרדנונג. אין דעם טעכניקום געפינען זיך אַרום דריי הונדערט אידישע סטודענטען און סטודענטקעס פון פאַרשיידענע שטעט און געגענדען פון רוסלאַנד. דער איצטיגער פאַרוואַלטער פון דעם טעכניקום איז איינער האַלמ־שטאָק, וועלכער איז פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע געווען אין אמעריקע און האָט זיך אַקטיוו באַטייליגט אין דער וועלטליכער שול־באַוועגונג. אַזוי ווי מיר זיינען געווען באַקאַנט פון אַמאָל, האָט ער מיר געגעבען די מעגליכקייט גוט צו זעהן דעם אַנשטאַלט. איך בין געווען אין פאַרשיידענע קלאַסען, האָב גערעדט מיט שילער, מיט

לעהרער, געזעהן אלעמען ביי דער ארבייט. דער טעכניקום, וועלכער ערציהט לעהרער פאר דער אידישער פאלקס־שול, איז איינער פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס אין דעם אידישען קולטור־לעבען אין רוסלאנד. דארטען ווערט ערצויגען יענער דור פון דער פאלקס־אינטעליגענץ, וואס וועט זיין דער טרעגער פון דער אידישער וועלט־ליכער קולטור אין לאנד.

עס זיינען דא אידישע אפטיילונגען אין די אוניווערזיטעטען פון מאסקווע, קיעוו, כארקאוו, און אויב איך מאך קיין טעות ניט, אויך אין וויטעבסק. אין אלע אידישע פאקולטעטען לערנט מען נאר אידישע ליטעראטור, אידישע געשיכטע און די אידישע שפראך. אין די אלע פאקולטעטען צוזאמענגענומען לערנען זיך ארום פיר הונדערט אידישע שילער. אבער דאס זיינען מעהרסטענטיילס אדער פרייע צוהערער, אדער אידישע סטודענטען, וועלכע געהען אין אל־געמיינעם אוניווערזיטעט און לערנען א געוויסע ספעציאליטעט, און זייער אידישע קענטנים איז, אפשר, פאר זיי טאקע א וויכטיגע זאך. אבער פאר דער אלגעמיינער אידישער קולטור וועט זייער לערנען, נאך מיין מיינונג, קיין גרויסע באדייטונג ניט האבען.

אין רוסלאנד איז איצט דא א גרויסע צאהל פאך־שולען, וועלכע פארנעמען דעם ארט פון די אמאליגע „רעמעסליעניע אוטשילישטשעם" (טרעיד־סקולס). זיי געפינען זיך אפילו אין דיזעלבע גע־ביידען, וואו עס האבען זיך געפונען די פריהערדיגע „רעמעסליעניע אוטשילישטשעם". אבער די צאהל שילער אין זיי איז א סך א גרע־סערע. אויך די צאהל פאך־שולען איז גרעסער ווי אמאל. די פאכען, וואס ווערען דארטען געלערנט, זיינען: שלאסעריי, טאקעריי, סטא־לעריי, שוסטעריי, עלעקטרא־טעכניק. פאר מיידלאך — שניידעריי און אנדערע פרויען־ארבייטען.

די דאזיגע שולען זיינען זעהר גוט אוועקגעשטעלט געווארען. די גרעסטע צאהל קינדער קריגען א פענסיע פון דער רעגירונג, כדי זיי זאלען קאנען ווי געהעריג אנגעהן מיט דער ארבייט. אין א סך פלעצער האבען זיך די שילער באקלאגט, וואס מען לאזט זיי ניט צו צו דער ארבייט, וואס געפעלט זיי מעהר, צו וועלכער זיי האבען חשק, נאר מען שיקט זיי אין די קלאסען, וואו עס איז דא פלאץ, און וואוהין די פארוואלטונג געפינט פאר נויטיג זיי צו שיקען. צוליב דעם טרעפט אפטמאל, אז איינער וויל זיך לערנען פאר אן עלעקטרא־מעכאניקער, און מען שיקט איהם גאר אין א

קלאַס פון שוסטעריי. דאָס קינד קאָן זיך ניט העלפען. בלייבען אָהן אַרבייט איז אוממעגליך. זיצען ביים טאַטען אין הויז, קאָן מען ניט. גערט מען אין וועלכען קלאַס די פאַרוואַלטונג באַשטימט, אפילו ווען די אַרבייט איז ניט צום האַרצען. איך בין זיכער, אַז אַ סך פון די וואָס לערנען אַן אַרבייט, וועלכע געפעלט זיי ניט, וועלען ביי דער אַרבייט קיינמאָל ניט פאַרבלייבען. אָבער אין דעם איז שולדיג ניט די רעגירונג, נאָר דער מאַנגעל אין פלעצער אין די שולען און אין די קלאַסען, וואו די קינדער וואָלטען מעהר געוואָלט גערן.

* * *

כאַשקע איז אַ רב'ס אַ טאָכטער. מיט 23 יאָהר צוריק האָב איך זיך מיט איהר באַקענט. כאָטש די פאַמיליע איז געווען רע־ליגיעז דאָך איז כאַשקע געגאַנגען אין אַ רעגירונגס־שולע און האָט זיך ערצויגען אויף דער רוסישער ליטעראַטור. דאָס שטעטעל איז אַ קליינס. פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט זיך כאַשקע דערוואוסט, ווען זי איז נאָך גאָר יונג געווען. אָבער זי איז געווען אַן אויסנאַהם פון אַלע באַלעבאַטישע קינדער פון יענער צייט. זי איז צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ניט צוגעשטאַנען. מיר האָבען זי פון צייט צו צייט געפיהרט אויף אַ פאַרזאַמלונג, אָבער די רעוואָלוציע האָט זיך צו איהר ניט געקלעפּט.

אין יאָהר 1905, ווען קינד־און־קייט איז מיטגעגאַנגען מיט'ן רעוואָלוציאָנערען שטראָם ,האָט אונז כאַשקע אָפּגעטאָן און איז גע־וואָרען אַן „עסעסאָווקע". צום „בונד" און די „בונדאָווצעס" האָט זי זיך באַצויגען מיט שפּאָט, האָט אויף אונז געקוקט פון אויבען אַראָפּ. ווען עס איז געקומען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, איז כאַשקע, די „עסעסאָווקע", געוואָרען אַ הייסע קאָמוניסטקע. זי איז געוואָרען אַן איבערגעבענע טוערקע אין שטעטעל. ווען עס איז נאָר געווען אַ מיינונגס־פאַרשיידענהייט אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון רוסלאַנד, פלעגט זי זיך אָנשליסען אָן דער אָפּאָזיציע. זי איז עטליכע מאָל דערפאַר אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער קאָמוניס־טישער פאַרטיי, אָבער איצט איז זי ווידער אַ מיטגליד און איז אַ פאַרוואַלטערין פון אַ יתומים־אַנשטאַלט, וואו עס געפינען זיך אַרום הונדערט קינדער.

ווען איך בין געקומען אין יענער שטאָט, האָט כאַשקע באַ־שלאָסען, איידער זי האָט זיך נאָך מיט מיר געזעהן, צו פאַראַנ־שטאַלטען אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג אין דעם יתומים־הויז פאַר די

יתומים׳לאך, און איך זאָל צו זיי רעדען וועגען אמעריקע. כאַשקע האָט געהאַט אַזאַ חשבון: אויב זי, כאַשקע, די „עסעסאָווקע", וועלכע האָט אַמאָל אָפּגעלאַכט פון רעוואָלוציעס און פון דעם קאַמף, וואָס די אידישע ארבייטער פיהרען אין גלות, אויב זי איז געוואָרען א קאָמוניסטקע, בין איך דאָך אודאי א קאָמוניסט. איך, נחום דער קירזשנער, וועלכער האָט זיך אין איהר שטאָט באַטייליגט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין אַלע ארויסטרעטונגען, וואָס זיינען געווען געפעהרליך.

כאַשקע מיט נאָך צוויי קאָמוניסטען זיינען געקומען צו מיר אין האָטעל, און זיי האָבען צו מיר געזאָגט: „היינט ביינאַכט האָבען מיר פאַר דיר צוגעגרייט א פאַרזאַמלונג". איך בין געווען אין א גרויסער פאַרלעגענהייט. זאָגען, אַז איך בין ניט קיין קאָמור־ניסט, און אפילו ניט קיין קאָמוניסטישער „סימפּאַטיקער" (אַזאַ, וואָס סימפּאַטיזירט), איז מיר געווען ניט אנגענעהם. זאָגען, ווידער, פאַרקעהרט, האָב איך געוויס ניט געקאָנט. האָב איך געזאָגט כאַש־קע׳ן, אַז איך בין געקומען קיין רוסלאַנד ניט צו רעדען, נאָר זעהן רוסלאַנד. אויב איך וועל זיך פאַרפּלאָנטערען מיט רעדעס און מיט קבלת־פּנים׳ס, וועל איך שוין רוסלאַנד ניט קאָנען זעהן. דערפאַר וועל איך אויף קיין פאַרזאַמלונג ניט רעדען. כאַשקע האָט מיך גע־נומען בעטען, איינרעדען, אָבער איך בין געבליבען ביי מיין באַשלוס. האָט די קאָמיטע צו מיר געזאָגט: „נו, גוט איהר וועט ניט רעדען, אָבער קומען צו דער פאַרזאַמלונג מעגט איהר דאָך".

זיי האָבען מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל ניט דאַרפען רעדען, און איך בין אַוועק צו דער פאַרזאַמלונג.

ווען איך בין אריין אין זאַל, האָבען מיך די קינדערלאַך באַלד דערקענט לויט מיינע קליידער, אַז דאָס איז א גאַסט, און זיי האָבען מיר אָנגעהויבען שטאַרק אַפּלאָדירען. דער פאָרזיצענדער, א קינד פון א יאָהר דרייצעהן, האָט געעפענט די פאַרזאַמלונג. ער האָט ערקלערט, אַז די פאַרזאַמלונג איז גערופען געוואָרען, כדי מיר זאָלען דעם חבר, נחום דעם קירזשנער, וועלכער האָט זיך אַמאָל באַטייליגט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון שטאָט, באַקענען מיט דעם אנשטאַלט. און ער האָט אויפגערופען חבר אראָנטשיק, אַז ער זאָל האַלטען א רעדע וועגען דעם צושטאַנד פון לאָדזער סטרייק. דע־מאָלט איז גראָד אָנגעגאַנגען דער סטרייק אין לאָדז, וועגען וועלכען די סאָוועטישע פּרעסע האָט זעהר א סך גערעדט.

ווען אראַנטשיק איז צוגעגאַנגען צום טיש, וואו דער פּאַרזיצענדער איז געזעסען, האָב איך פאַר זיך דערזעהן אַ קינד פון אַ יאָהר נײַן, װעמעס קעפּעלע האָט זיך ניט אין גאַנצען ארויסגעזעהן איבער דעם טיש. מען האָט איהם אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטול, און ער האָט גענומען רעדען װעגען דעם לאָדזער סטרייק. איך האָב געפיהלט, אַז די רעדע איז געווען אַן אויסגעלערנטע, אַן אויסגעחזר'טע. גערעדט האָט ער װעגען די פאַררעטער, װעגען דער פּ. פּ. ס. (די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), װעגען קאָנטער־רעוואָלוציאָנערען „בונד", װעגען קאַפּיטאַליסטישען אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל. אראַנטשיק'ס רעדע האָט אויף מיר געמאַכט אַ שוידערליכען איינדרוק. איך בין, פאַרשטעהט זיך, ניט געווען אין כעס אויף אראָנטשיק'ן, װעלכער איז דאָך אַ קינד און האָט נאָר גערעדט, וואָס דער לעהרער האָט איהם אויסגעלערנט.

ווען אראַנטשיק האָט געענדיגט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער לעהרער און האָט ערקלערט, אַז ער וועט קלאָר מאַכען, וואָס אראַנטשיק, וועלכער איז נאָך אַ קינד, האָט ניט געקאָנט קלאָר מאַכען. ער האָט מיט גיפט און גאַל גערעדט וועגען די סאָציאַליסטען און די מענשעוויקעס. ווען איך וואָלט ניט געוואוסט, אַז דאָס רעדט אַ קאָמוניסט, וואָלט איך געקאָנט מיינען, אַז אויף דער פּלאַטפאָרמע שטעהט אַ שוואַרץ־מאה'ניק פון דער אַמאָליגער צאַרישער רעגירונג. איך האָב געטראַכט: „רבונו של עולם, ווי אַנטלויפט מען פון דאַנען?"

אָבער ווען דער לעהרער האָט געענדיגט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט כאַשקע די „עסעסאָוקע" און האָט געמאַכט די פאָלגענדע ערקלערונג: „קינדער, איהר ווייסט ווער אונזער טאַטע לענין איז געווען? ער האָט איינגעפיהרט אין רוסלאַנד דעם קאָמוניזם. ער האָט פאַר אייך אויפגעבויט דעם אינסטיטוט, וואו איהר האָט צו שלאָפען און וואו צו זיין. אָבער ווען ניט נחום דער קירזשנער און אַנדערע ווי ער, וואָלט דער טאַטע לענין קיינמאָל אין רוסלאַנד דעם קאָמוניזם ניט געקאָנט איינפיהרען". מיט איהר גאַנצער רעדע האָט זי געוואָלט באַווייזען די קינדער, אַז איך און לענין האָבען איינגעפיהרט אין רוסלאַנד דעם קאָמוניזם. און זי האָט פאַרענדיגט מיט דעם, וואָס זי האָט מיך פאָרגעשטעלט און געזאָגט, אַז איך וועל דערצעהלען די קינדער וועגען אַמעריקע.

אין יענעם מאָמענט איז מיר ניט געווען וואָס מקנא צו זיין.

די ערד האָט זיך געשאָקעלט אונטער מיינע פיס, ווען איך בין צוגע־גאַנגען צו דער פּלאַטפאָרמע רעדען, און ניט ווייל איך האָב די קינדער גאָרנישט געקאָנט זאָגען — אָבער וואָס זאָל איך זיי זאָגען? זאָל איך די קינדער דערצעהלען וועגען אמעריקע דעמזעלבען ליגען, וואָס די קאָמוניסטען דערצעהלען טאָג־איין־טאָג־אויס וועגען די לענדער פון אייראָפּע און אמעריקע? און דערצעהלען זיי וועגען אמעריקע דאָס, וואָס איך האָב דערצעהלט אין אַלע אַנדערע לענדער, וואָלט געמיינט, אַז די פיהרער וואָלטען מיך באַלד אַנגענומען פאַר א קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, פאַר א טריפה'נעם „מענשעוויק", פאַר א פאַררעטער, און עס וואָלטען שוין פאַר מיר געווען פאַרמאַכט אַלע טירען, און איך וואָלט זיך ניט געקאָנט באַקענען מיט דער שטאָט און די שטאָטישע אינסטיטוציעס.

אָבער א גליקליכער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלען: צו שיל־דערען דעם לעבען פון דער סאָציאַליסטישער יוגענט אין די אמאָליגע צאַרישע צייטען, ווי קינדער פלעגען פאַרלאָזען זייער רייכע היים און פלעגען זיך אריינוואַרפען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זיי האָבען פון קיינעם קיין באַלוינונג ניט ערוואַרט. דאָס איינציגע, וואָס זיי האָט ערוואַרט, איז געווען טורמע, סיביר און קאַטאָרגע. א סך פון דער יוגענט האָבען מיט א שמייכעל אויפ'ן פּנים באַ־גענענט די תליה. עס איז געווען א יוגענט, וואָס האָט ניט געזוכט פאַר זיך קיין קאַריערע, וואָס האָט געבראַכט די גרעסטע קרבנות אין דעם קאַמף פאַר א שענערער און בעסערער וועלט.

ווען איך האָט געענדיגט, האָבען די קינדער זעהר וואַרים אַפּלאָ־דירט. איך וויים ניט ווי אַזוי די רעדע איז געפעלען געוואָרען די פיהרער פון דעם אינסטיטוט. נאָכדעם האָט מיר א קינד געשטעלט די פראַגע: „פאַרוואָס האָט מען דורכגעפיהרט דעם טויט־אורטייל אויף סאַקאָ־ און וואַנזעטי?" איך האָב געענטפערט, האָב זיך האַר־ציג געזעגענט מיט די קינדער און בין אַוועק. און אַזוי איז מיר אויסגעקומען צו רעדען אויף א פאַרזאַמלונג אין סאָוועט־רוסלאַנד.

דער יונגער דור

די קאָמוניסטישע און ניט־קאָמוניסטישע רוסישע יוגענט. — אַן אויסנאַהם צווישען מאַמעס. — אין הויז ביי ישראל דעם סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער. — ליובאַטשקע און לינאַטשקע.

מיר לעזען אין די צייטונגען זעהר א סך וועגען דער יוגענט אין סאָוועט־רוסלאַנד. די קאָמוניסטישע פּרעסע שילדערט די יוגענט אין די שענסטע פאַרבען. אויף דער יוגענט ווערט געלייגט די גאַנצע האָפנונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָוועט־רוסלאַנד. מיט דער „קאָמסאָמאָל“־באַוועגונג (קאָמסאָמאָל, איז דער קאָמוניסטישער יוגענט־פאַרבאַנד) פאַרשרייט מען די גאַנצע וועלט. זיי, די יונגע קאָמוניסטען, זיינען די טרעגער פון די שענסטע מענשליכע אידעאַלען. אַזוי זאָגען די קאָמוניסטען.

פאַרקעהרט, די געגנער פון די קאָמוניסטען שילדערען די יוגענט אין די העסליכסטע פאַרבען. זייער גאַנצער לעבען איז אַ שטיק אויסגעלאַסענהייט. זיי טראַכטען ניט פון קיין אַנדער זאַך, אויסער פרייע ליבע, זיי זיינען הפקר־יונגען, און וואָס ניט. אויב מען שרייבט וועגען דער יוגענט און מען האָט דערביי אין זינען די איבער צוויי מיליאָן „קאָמסאָמאָלצעס“, וואָס געפינען זיך אין רוסלאַנד, קאָן זיין, אַז סאַי די קאָמוניסטען און סאַי די „געגנער“ זיינען גערעכט. אָבער די „קאָמסאָמאָלצעס“ זיינען ניט די רוסישע יוגענט. דאָס איז נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון דער יוגענט אין רוסלאַנד. די אַנדערע יונגעלייט זיינען, אפשר, ניט אַזוי אַקטיוו ווי די „קאָמסאָמאָלצעס“, אָבער זיי צעהלען זיך אין די צעהנדליגע מיליאָנען.

דאָס לעבען פון דער רוסישער יוגענט איז אַזוי ניט־באַשטימט, ווי עס איז ניט באַשטימט דאָס לעבען פון די דערוואַקסענע אין לאַנד. זיי זוכען אַרבייט און קאָנען קיין אַרבייט ניט געפינען. זיי זוכען וואו זיך צו לערנען, און קאָנען אין די שולען ניט אַריין, ווייל רוסלאַנד האָט ניט גענוג קיין מיטעלע און ניט קיין העכערע שולען. די יוגענט, וואָס זוכט פאַר זיך אַ צוקונפט, אַ תכלית, קאָן גאָר ניט טאָן. דעריבער זיינען די צעהנדליגע מיליאָנען יונגעלייט אין רוס־

לאנד אזוי אָפּגעלאָזען, גלייכגילטיג צו אַלצדינג, ענטווישט און צובראָכען.

זייער מאָרגען איז אומבאַשטימט. זיי זעהען פאַר זיך ניט קיין אויסוועג. אין הויז ביי די עלטערן קאָן מען ניט זיין. די עלטערן זיינען זעהר פאַראָרימט. פאַרבלייבען אין דער אָרימקייט, אין דער האָפנונגסלאָזיגקייט ווילט זיך ניט, און וואוהין צו געהן איז ניטאָ. באַזאָרגט איז נאָר יענער קליינער צאָהל יונגעלייט, וואָס איז אָנגעשלאָסען אָן דעם „קאָמסאָמאָל". ווען אַן אויסלענדער קומט צו פאָהרען אויף אַ קורצער צייט קיין רוסלאַנד, קאָן ער זיך נאָר באַקענען מיט דער דאָזיגער אָרגאַניזירטער יוגענט, אָבער די גרויסע מאַסע ניט־אָרגאַניזירטע זעהט קיינער ניט. איהר דאַרפט געהן אין די הייזער, באַגעגענען זיך מיט די יונגעלייט ביי זייער טאַטע־מאַמען, דעמאָלט וועט פאַר אייך די רוסישע יוגענט ערשיינען אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט.

* * *

אין אַ געוויסער שטאָט אין רוסלאַנד, וואו איך בין פריהער קיינמאָל ניט געווען, האָב איך צופעליג באַגעגענט מיינעם אַ באַקאַנטען, מיט וועלכען איך האָב אַמאָל צוזאַמען געאַרבייט אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין יעקאַטערינאָסלאַוו. אונזער באַגעגעניש איז געווען פאַר אונזביידען אַן אַנגענעהמע איבעררראַשונג. אין פאַרלויף פון אַ טאָג צייט האָבען זיך אַלע מיינע אַמאָליגע באַקאַנטע, וועלכע האָבען זיך אין יענער שטאָט געפונען, דערוואוסט דורך איהם, אַז איך בין אין שטאָט. דורך זיי בין איך געוואָרען אין שטאָט גאַנץ היימיש. איך האָב אין אַ קורצער צייט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו באַקענען מיט זעהר אַ סך זייטען פון דעם איצטיגען רוסישען לעבען.

מיינע אַן אַלט־באַקאַנטע, מיט וועלכער מיר איז אויסגעקומען צו אַרבייטען אַמאָל אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מינסק, איז אויך געווען אין יענער שטאָט. אונזער אַמאָליגע אַרבייט איז געווען זעהר אַ קאָנספּיראַטיווע (געהיימע). ביי איהר אויפ'ן קוואַרטיר פלעגען געמאַכט ווערען אַלע נויטיגע געהיימע צוגרייטונגען פאַר גרויסע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען אין שטאָט. ביי דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער דעמאָנסטראַציע אין מינסק האָט מען ביי איהר אויפ'ן קוואַרטיר אויסגענייט די רויטע פאָהן, וועלכע האָט שפּעטער געפלאַטערט איבער'ן בולוואַר, ווען די דעמאָנסטראַציע

האָט זיך אָנגעפאַנגען. איך געדענק, מיט וואָס פאַר אַן ערנסטע און גליקליכע פּנים'ער זי און נאָך צוויי שניידערקעס זיינען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און האָבן געאַרבייט אויף דער פאָהן. פון יענער צייט אָן זיינען שוין אַריבער 25 יאָהר. איך האָב זיך שוין כמעט אינ־גאַנצען אָן איהר פאַרגעסען. אָבער ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין אין שטאָט, איז זי געקומען צו מיר אין האָטעל און געבראַכט מיט זיך איהר דערוואַקסענעם זוהן, אַ בחור פון אַ יאָהר צוואַנציג. זי האָט איהם זעהר ליב. און ווי זי האָט מיר דערצעהלט, נאָך מעהר ליב דערפאַר, וואָס ער איז קיינמאָל ניט אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער „קאָמסאָמאָלישער" אָרגאַניזאַציע. פאַר איהם איז דער „קאָמסאָמאָל" געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון קאַריעריסטען, וואָס דער־שטיקט אין דעם יונגען מענשען די זעלבסטשטענדיגקייט פון דענקען און זיין אייגענעם ווילען. דער „קאָמסאָמאָליעץ" דאַרף שרייען „הורא" פאַר אַלץ, וואָס אַנדערע טוען. די „קאָמסאָמאָלצעס" טוען דאָס נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָפען, אַז וואָס העכער זיי וועלען שרייען, אַלץ שנעלער וועלען זיי קריגען פעטע רעגירונגס־שטעלען, וועלען דערהויבען ווערען צו אַ הויכען אמט.

מיין אַלט־באַקאַנטע, אָבער, וויל האָבען אַ קינד אַ זעלבשטענדי־גע, וואָס זאָל זיך אַליין דורכשלאָגען אַ וועג אין לעבען. זי, די מאַמע, די אַמאָליגע בונדיסטקע, געהערט ניט היינט צו קיין פּאַרטיי. זי איז אָבער אַ געגנערין פון די באָלשעוויקעס, ווייל זיי הערשען איבער'ן לאַנד מיט אַן אייזערנער דיקטאַטור.

מען האָט איצט אין רוסלאַנד מעהר מורא פאַר דער גרויזאַמ־קייט פון דער רעגירונג, איידער אַמאָל, אין די צאַרישע צייטען. רוסלאַנד איז איצט אַ לאַנד אָהן פּאָליטישער פרייהייט, אָהן פאַר־זאַמלונגען, אָהן אַ פרייען וואָרט. „ווי שלעכט", זאָגט זי צו מיר, „איז ניט געווען אין די אַמאָליגע צאַרישע צייטען, דאָך פלעגען מיר ניט מורא האָבען שטילערהייט צוזאַמענקלייבען זיך און אויסרעדען זיך דאָס הארץ. די באַוועגונגס־מענשען, מיט וועלכע מיר פלעגען זיך באַגעגענען אַמאָל, זיינען געווען ליבע, הארציגע, איבערגעגעבענע. מענשליכע ליידען האָבען ביי זיי אַלעמאָל אַרויסגערופען אַ טיפען וועהטאָג, און זיי זיינען געווען גרייט צו ברענגען זיך פאַר אַ קרבן, כדי צו מאַכען דעם לעבען פרייער, בעסער, מענשליכער. היינט איז גאַנץ אַנדערש. אפילו צווישען די קאָמוניסטען", זאָגט זי צו מיר, „האָט מען מורא איינער פאַר'ן אַנדערען. כדי צו קריגען אַ העכערע

שטעלע, ווערט מען מוסרים, מען איז גרייט צו פאַרראַטען דעם נאָהענטסטען".

„אין אָנהויב פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע", זאָגט צו מיר ווייטער די באַקאַנטע, „בין איך געווען מיט די באָלשעוויקעס. איך בין אָבער אַוועק פון זיי אַ צובראָכענע, אַן ענטוישטע. איך האָב די גאַנצע צייט נאָר מורא געהאַט, אַז מיין זוהן זאָל ניט פאַרכאַפּט ווערען פון דער „קאָמסאָמאָלישער" באַוועגונג, און דורך איהר ווערען פאַרדאָרבען. איך בין איצט העכסט גליקליך, וואָס ער איז אויסגע־וואַקסען און איז ניט קיין „קאָמסאָמאָלעץ". איך האָב אַלץ געטאָן, איהם צו געבען אַן ערציהונג. ער איז איצט אַן אינטעליגענטער מענש, קאָן אַליין זיך פאַנאַנדערקלייבען אין לעבענס־פראַגען, כאָטש ער לעזט נאָר די קאָמוניסטישע ליטעראַטור, ווייל קיין אַנדערע איז ניטאָ. דאָך האָט איהם זיין געזונטער איינגעבאָרענער קינדערשער געפיהל אויסגעלערנט אויסצוגעפינען, ווי אומגערעכט די קאָמו־ניסטען זיינען".

אין אונזער געשפּרעך האָט זיך אויך באַטייליגט דער יונגער בחור. איך האָב אין איהם דערזעהן אַ פאָרשטעהער גאָר פון אַן אַנדער יוגענט, אַ יוגענט, וואָס וויל דענקען זעלבסטשטענדיג, וואָס ווייס, אַז שרייען „הורא" פאַר די הערשער פון לאַנד, הייסט נאָך ווייט ניט זיין נוצליך פאַר'ן פאָלק, וואָס ליידט פון אָרימקייט, נויט און קולטור־לאָזיגקייט. דער יונגערמאַן, מיט וועלכען איך האָב גע־רעדט, האָט מיר דערמאָנט אָן יענע קינדער פון אַמאָליגען רוסלאַנד, וואָס האָבען אַליין געקאָנט לעבען גליקליך, וואָס האָבען צוליב זייער הויכער געזעלשאַפטליכער לאַגע געקאָנט שאַפען פאַר זיך אַ וואָרי־מען פּלאַץ אין לעבען. אָבער די אַרומיגע אָרימקייט, דער עלענד פון די רוסישע פאָלקס־מאַסען האָט זי געוואָרפען אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע. און זיי האָבען אויסגעקליבען דעם וועג, וואָס האָט זיי געבראַכט ליידען, הונגער, פאַרשיקונג אין סיביר, האָט צובראָכען זייערע קאַריערעס און זייערע לעבענס. אָבער זיי האָבען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט.

איך ווייס ניט, צי דער יונגער בחור, וועלכער איז צו מיר גע־קומען מיט דער מאַמען, געהערט צו דער אומלעגאַלער (געהיימער) אָרגאַניזאַציע. גיכער ניט. אָבער אין איהם האָב איך געזעהן יענע רוסישע יוגענט, וואָס לאָזט זיך ניט ברעכען, די יוגענט, וואָס וויל ניט פאַרקריפּלען די אייגענע נשמה צוליב אַ קאַריערע.

שוין שפּאַצירענדיג אין גאַס, האָב איך דער מאַמען שטילער־היים געזאָגט, אַז פון זיינע „אָפּאָזיציאָנעלע" מיינונגען קאָן נאָך אַמאָל איהר זוהן פאַרשיקט ווערען אויף די סאָלאָוועצקע אינזלען. די מאַמע האָט מיר אויף דעם געענטפערט: „אמת, איך האָב טאַקע מורא פאַר דעם. אָבער אין מיינע יונגע יאָהרען האָב איך זיך אויך פאַר אַזעלכע זאַכען ניט געשראָקען. בעסער האָבען אַ קינד, וואָס איז אויפריכטיג און אָרענטליך און געפינט זיך אויף די סאָלאָוועצקע אינזלען, איידער האָבען אַ קאַריעריסטעל אַ „קאָמסאָמאָליעץ" לעבען זיך. איצט פאַרשטעהען מיר זיך איינער דעם צווייטען. ער איז ניט נאָר מיין קינד, וואָס איז מיר טייער, ווייל ער האָט געזויגען מיין ברוסט. ער איז אויך מיין חבר. ער איז צו מיר צוגעבונדען. און וואָס פאַר אַ דערנער עס זאָלען אויף זיין לעבענס־וועג ניט ליגען, בין איך אָבער זיכער, אַז זיין שטאַרקער כאַראַקטער, זיין באַוואוסט־זיין און זיין ווילען, און זיין וואַרימע האַרץ, וועלען אַלץ בייקומען".

ווען איך האָב זיך מיט זיי געזעגענט, האָב איך דער מאַמען מקנא געווען מיט אַזאַ גוט קינד. אָבער נאָך מעהר האָב איך מקנא געווען דעם זוהן זיין מאַמע, וואָס איז אַן אויסנאַהם צווישען מאַ־מעס, וואָס האָט גאָר אַן אַנדער מין ליבע צו איהר קינד.

* * *

ישראל איז געווען אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער. אַליין שטאַמט ער פון אַ קליין שטעטעל, פון ניט־רייכע עלטערן. אין זיינע חדר־יאָהרען איז ער געווען פאַררעכענט פאַר זעהר אַ פעּ־היגען לערנער. שפּעטער, לערנענדיג אין דער ישיבה, האָט ער זיך אויך שטילערהייט געלערנט רוסיש און האָט אונז אַלעמען איבער־ראַשט, ענדיגענדיג אַלס ישיבה־בחור דעם קורס פון זעקס קלאַסען גימנאַזיע. אָבער באַלד איז ער אריינגעצויגען געוואָרען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און ער האָט זיך שוין מעהר ניט גע־לערנט. ער איז געווען זעהר אַקטיוו ביי די סאָציאַליסטען־רעוואָלו־ציאָנערען, ביז עס איז אָנגעקומען די סטאָליפּין־רעאַקציע, ווען עס איז גרויזאַם דערשטיקט געוואָרען יעדער שפּור פון דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג.

ישראל האָט זיך צוריק גענומען לערנען, און אין אַ גאַנץ קור־צער צייט איז ער געוואָרען אַ דענטיסט. ווען עס איז געקומען די רעוואָלוציע פון יאָהר 1917, איז ישראל געווען אין איינער פון די גרויסע שטעט אין טיף־רוסלאַנד. ער איז צוריק געוואָרען אַקטיוו,

און אין דער צייט פון דער קערענסקי־רעגירונג איז ער געוואָרען איינער פון די פיהרער פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג אין דער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט. ווען די באָלשעוויקעס זיינען אריין אין מאכט, איז ישראל ארעסטירט געוואָרען און איז געזעסען א לענגערע צייט אין טורמע. דערנאָך האָט מען איהם באפרייט.

איצט האָט ער א דענטיסט־קאבינעט. ער מישט זיך ניט אין קיין פּאָליטיק. ער האָט דריי קינדער. און כדי זיך צו דערנעהרען, געהט די פרוי ארבייטען אלס שניידערקע. ווען ישראל האָט זיך דערוואוסט, אז איך בין אין שטאָט, האָט ער מיך איינגעלאַדען צו זיך אויף מיטאָג. ווען איך בין געקומען, האָב איך שוין דאָרטען באגעגענט א גאנצע גרופּע פון מיינע אמאָליגע באקאנטע. מיר זיינען געזעסען און האָבען גערעדט זעהר געמיטליך איבער פאַר־שיידענע זאכען. מיך האָט הויפּטזעכליך אינטערעסירט, ווי אזוי זיי אַלע לעבען, ווי אזוי זיי האָבען זיך איינגעאָרדענט, און וואָס איז זייער שטימונג וועגען דער סאָוועטען־רעגירונג.

צווישען די אַלע אנוועזענדע איז ניט געווען קיין איין קאָמור־ניסט. אָבער אייניגע זיינען געווען זעהר פריינדליך געשטימט צו דער סאָוועטען־רעגירונג. זיי האָבען אַלע מאָל געזוכט א פּארענט־פערונג פאר די דורכפאַלען, וואָס מען זעהט אין רוסלאַנד אויף יעדען טריט און שריט. ווי מיר זיצען אזוי און רעדען, לויפט אריין ישראל'ס פרוי און גיט אונז א וואונק: „שאַ! ! . . .“ אַלע זיינען שטיל געוואָרען. עס איז אריין א יונגער בחור'ל פון א יאָהר פער־צעהן, אין א גרויען אנצוג. ישראל איז צו איהם צוגעגאנגען, האָט איהם גענומען פאר'ן האנט און איהם צוגעפיהרט צו מיר פאָרשטעלען. „דאָס איז מיין זוהן, און דאָס“, אָנווייזענדיג אויף מיר, „איז גראזשדאנין כאנין, פון אמעריקע“. דער בחור'ל האָט מיר מיט ווירדע דערלאַנגט די האנט. עס האָט גענומען אַן אויגענ־בליק, און ער האָט זיך, ווי א קינד, א דרעה געטאָן אהער און אהין, און איז צוריק ארויס אין גאַס.

ווען ער איז ארויס, האָב איך געפרעגט ישראל'ן, פאַרוואָס אַלע זיינען אנטשוויגען געוואָרען? „ווי אזוי קומט עס, וואָס איהר האָט פאר אייער קינד אזוי מורא? האָב איך איהם געפרעגט. און ישראל האָט מיר געענטפערט: אז וועה וואָלט צו אַלעמען געווען, ווען מיין זוהן דער „קאָמסאָמאָליעץ“ הערט, אז מיר זאָגען דאָ א שלעכט וואָרט אויף דער סאָוועט־רעגירונג! מיר וואָלטען שוין אַלע,

אריינגערעכנט דער מאַמען און מיך, געגעבטיגט אין „טשעקאַ“. מיך האָט געוואונדערט אויף ישראל׳ן, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט ניט געקאָנט ווירקען אויף זיין קינד, עס זאָל זיין אַנדערש, מען זאָל פאַר איהם אין הויז ניט דאַרפען מורא האָבען. ישראל האָט מיר אויף דעם געענטפערט, אַז כאָטש ער איז אַ געגנער פון די קאָמוניסטען, דאָך איז ער צופרידען, וואָס זיין זוהן איז אַ מיטגליד אין דער „קאָמסאָמאָלישער“ אָרגאַניזאַציע, ווייל אַלע טירען וועלען זיין פאַר איהם אָפען צו לערנען זיך אין אַ העכערער שולע, און ער וועט זיך צו עפּעס דערשלאָגען.

„ווען ער וואָלט ניט געווען קיין „קאָמסאָמאָליעץ“, האָט מיר דער פאָטער געזאָגט, „וואָלט זיין לאַגע געווען אַ ביטערע. ער וואָלט קיינמאָל ניט געהאַט צו וואָס זיך צו נעמען. איצט וועט ער כאָטש זיין זיכער מיט אַ שטיקעל ברויט. איך ווייס אַלע חסרונות פון אַ קינד אַ „קאָמסאָמאָליעץ“, אָבער מיר קאָנען זיך ניט העלפען, מיר דאַרפען פון לעבען אויסקלייבען דאָס בעסטע פון דעם שלעכטס, וואָס רינגעלט אונז אַרום. דעריבער שטער איך ניט מיין זוהן צו זיין אַ „קאָמסאָמאָליעץ“. דאָס וואָס ער האָט דעם טאַטענס נאַטור צו זיין טריי דער זאַך, פאַר וועלכער ער אַרבייט, איז דאָך ניט זיין שולד. אין זיין טרייהייט דערגעהט ער אָפטמאָל צו קינדערשער נאַרישקייט. אָבער וואָס קאָן מען זיך העלפען?“

* * *

ליובאָטשקע איז אַלט 15 יאָהר, און לינאָטשקע — 12. ביידע לערנען זיך אין אַ זיבען־יעהריגער שולע. זייער מוטער איז אַמאָל געווען טעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון „בונד“. אַליין אַ געוועזענע אַרבייטערין, האָט זי זיך זעהר גוט אַנטוויקעלט גייסטיג. אין דער שטאָט, וואו זי האָט געוואוינט, איז זי געווען פאַררעכענט פאַר דער אינטעליגענטסטער אַרבייטערין. זי האָט אין זיך געהאַט אַ געבוירענע אינטעליגענץ, קלוגשאַפט און פעהיגקייט צו באַנעמען זאַכען. זי איז געווען זעהר באַליבט אין די רעוואָלו־ציאָנערע קרייזען. שוין לאַנג אָבער, אַז זי האָט זיך פון געזעלשאַפט־ליכער טעטיגקייט צוריקגעצויגען. היינט איז זי אַ מאַמע פון פיר קינדער און לעבט נאָר פאַר זיי. אויך איצט איז זי זעהר באַלעהרענד אין דער נייער רוסישער ליטעראַטור. דאָס הויז איז אַ זאַמעלפּונקט פון דער שטאָטישער אינטעליגענץ, סאַי פאַרטיי־קאָמוניסטישער, סאַי אומפּאַרטייאישער.

דער טאַטע איז געווען אַ זוהן פון אַ רייכען לעדער־פאַבריקאַנט. ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען, האָט מען ביי זיי אַלץ צוגע־נומען. דער זוהן איז ניט קיין קאָמוניסט, אָבער ער דינט ביי די באָלשעוויקעס אַלס אַ „ספּעץ״ (ספּעציאַליסט), אַ פּאַרוואַלטער פון אַ לעדער־סינדיקאַט. ער טוט זיין אַרבייט זעהר געטריי. ווען מען זאָל איהם אָפּזאָגען פון דער אַרבייט, וועט איהם און זיין פאַמיליע אויסקומען צו שטאַרבען פון הונגער. קיין אַרבייט איז איהם ניט שווער, אַבי מ׳זאָל פון איהם זיין צופרידען. אַזוי ווי ער איז אַ רעג־גירונגס־באַאַמטער, געהען זיינע קינדער אין שולע, און אי ליובאַטש־קע, אי לינאָטשקע באַלאַנגען צו די „פּיאָנערען קאָמוניסטען״.

ווען איך בין געקומען אין יענער שטאָט, בין איך ביי מיין אַלטען באַקאַנטען געוואָרען אַ גאַנץ אָפּטער אַריינגעהער. פאַר די קינדער אין הויז בין איך געווען אַ נייער מענש, וועלכער קומט פון אַזאַ ווייטען לאַנד, ווי אַמעריקע. זיי זיינען צו מיר געוואָרען זעהר צוגעבונדען.

אין רוסלאַנד ווערט איצט אָנגעפיהרט אַ קאַמפּיין צו באַזיי־טיגען די „בורזשואַזע ספּעצען״, און זייער פּלאַץ זאָל פאַרנומען ווערען פון טרייע קאָמוניסטען. אין יעדער שטאָט זעהט איהר גרויסע פּלאַקאַטען (פּאָוסטערס) מיט קורצע שרייענדע אויפרופען וועגען דעם. די לעהרער רעדען וועגען דעם צו די קינדער פון די עלטערע קלאַסען אין פּאָבליק סקול. אין דעם קלאַס, וואו די 15־יעהריגע ליובאָטשקע האָט זיך געלערנט, האָט דער לעהרער אויך גערעדט וועגען דעם, אַז די יוגענט דאַרף זיך שטעלען אין דינסט פון דער סאָוועט־רעגירונג, כדי מען זאָל קאָנען באַזייטיגען די „ספּעצען״, וואָס שטאַמען אָפּ פון דער בורזשואַזיע. אַזוי ווי דאָס שטעטעל איז ניט גרויס, און אַלע קאָנען ליובאָטשקעס טאַטען אַלס דעם „ספּעץ״ פון בורזשואַזער אָפּשטאַמונג, האָט דער לעהרער גע־נומען טאַקע ליובאָטשקעס טאַטען פאַר אַ ביישפּיל און האָט גע־האַלטען אַ רעדע וועגען זיין אומטרייהייט, וועגען דעם, אַז מען קאָן זיך אויף איהם ניט פאַרלאָזען, אַז אין הארצען טראָגט ער אַ שנאה צו דער סאָוועט־רעגירונג, און אַז זיין פּלאַץ דאַרף פאַרנומען ווערען פון אַן איבערגעבענעם קאָמוניסט.

ליובאָטשקען האָט דאָס זעהר פאַרדראָסען. זי קאָן איהר טאַטען, זי זעהט, ווי טריי און איבערגעבען ער איז, זי האָט אין איהר טאַטען קיינמאָל ניט באַמערקט קיין שנאה צו דער סאָוועט־רעגירונג, און

דאָ קומט צו געהן דער לעהרער און העצט געגען איהר טאַטען, וועלכען ליובאַטשקע האָט ליב. האָט ליובאַטשקע צוליב דעם רעזיג־נירט פון דער „פּיאָנערען" אָרזאַניזאַציע. ווען ליובאַטשקע האָט מיר די געשיכטע דערצעהלט, האָט זיך אין איהר טאָן געפיהלט קינדערשער כעס און קינדערשע פאַרביטערקייט. איך האָב אויך געטראַכט וועגען דער יוגענט פון לאַנד, ווי גיך זי ווערט אַלט. איך האָב געפיהלט, אַז פון אַזעלכע פעהיגע קינדער, ווי ליובאַטשקע, וואָלט אונטער אַנדערע אומשטענדען געקאָנט אויסוואַקסען אַ דור פון געזונטע, נאָרמאַלע און נוצליכע בירגער אין לאַנד.

גאַנץ אַנדערש איז לינאַטשקע. זי איז איינגאַנצען אַלט צוועלף יאָהר. זי האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען פון מיר פון ווייטען. פון מיינע געשפּרעכען אין הויז האָט זי געפיהלט, אַז איך בין עפּעס ניט מיט אַלעמען מיט דער סאָוועט־רעגירונג, און איך האָב גע־פיהלט, אַז די קליינע לינאַטשקע טראָגט אויף מיר אַ כעס. איין אָוונד האָב איך פאַרבראַכט אין זייער הויז זעהר שפּעט.

אַזייגער צוועלף קומט אריין לינאַטשקע מיט אַ פּאַק פּאַפּירען אין האַנט. זי איז אריין אין הויז מיט דער מינע פון אַ דערוואַק־סענעם מענשען, וואָס איז געקומען פון זעהר אַ וויכטיגער ארבייט.

איך האָב לינאַטשקע'ן געפרעגט, פון וואַנען זי קומט אַזוי שפּעט, און זי האָט מיר געענטפערט מיט שטאָלץ, אַז זי איז ארומגעגאַנגען פון הויז צו הויז רעגיסטרירען די, וואָס קאָנען ניט לייענען און שרייבען, די „בעזגראַמאָטנע", ווייל די רעגירונג פיהרט איצט אָן אַ קאַמפּיין אויסצולערנען אַלעמען לעזען און שרייבען. איך האָב איהר געבעטען, זי זאָל מיר ווייזען איהרע פּאַפּירען. זי האָט מיר געוויזען די ליסט מיט פראַגען, אויף וועלכע יעדער איינ־וואוינער פון שטאָט דאַרף ענטפערען. כמעט אַלע האָבען געענט־פערט, אַז זיי קאָנען לייענען און שרייבען. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ וואונדער.

איך האָב געקענט זעהר אַ סך מענשען אויף דער ליסט, און איך האָב געזעהן, אַז זיי האָבען אין די ענטפערס ניט געזאָגט דעם אמת. איך האָב געפרעגט דער מאַמען, פאַרוואָס עפּעס אַלע ענט־פערען, אַז זיי קאָנען לייענען און שרייבען. זי האָט מיר די זאַך אויפגעקלערט. „וואָס פאַרשטעהסטו ניט?" האָט זי מיר געזאָגט, „אַז די אידען דערזעהן נאָר, אַז אַ „פּיאָנער" (יונגער קאָמוניסט) עפענט די טיר, פאַרשטעהען זיי, אַז עס קומען צרות. דעריבער,

ווען מען פרעגט זיי צי זיי קאָנען לייענען און שרייבען, ענטפערען זיי באַלד, אַז זיי קאָנען".

איך האָב געפרעגט ביי לינאַטשקע'ן: „וואָס איז די פּעולה, וואָס איהר פאַרשרייבט, אַז אַ סך קאָנען ניט לייענען און שרייבען, אַז איהר האָט דאָך ניט פאַר זיי קיין שולען און ניט קיין לעהרער אויס־צולערנען זיי?" דרעהט זיך אוים לינאַטשקע צו מיר מיט אַן ערנסטען פּנים און ענטפערט מיר אָפּ אין רוסיש: „פריהער וועלען מיר זיי פאַרשרייבען, און דערנאָך וועלען מיר שוין טראַכטען, וואו זיי צו לערנען".

„דערנאָך וועלען מיר טראַכטען!" דאָס זאָגט צו אייך אַ צוועלף־יעהריג קינד מיט דער ערנסטקייט און מיט דעם אָנשטעל פון אַ וויכטיגען באַאמטען פון לאַנד. איך האָב געקלערט, ווי אַ לאַנד שפּילט דאָס פּורים־שפּיל! די צוועלף־יעהריגע לינאַטשקעס דענקען, אַז זיי פיהרען דאָס לאַנד. ווי לאַנג וועט דאָס נעמען, ביז וואַנען אָט די אַלע לינאַטשקעס וועלען אָנהויבען צו פיהלען די לעכערליכקייט פון זייער שפּיל? וואָס וועט פון די לינאַטשקעס דאמאָלט ווערען?

אינטערעסאַנטע באַגעגענישען

„נחום, איך בוי דעם סאָציאַליזם!" — יאָסעלעס מאַמע. — אַ באַלשעַ־וויטשקע צוליב די קינדער. — אַ קאַלאַניסט, וואָס חלש'ט אַרויספאָהרען פון רוסלאַנד. — יאַנקעל פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַ־ציע. — ליובעל איז זיך געקומען פאַרענטפערען. — טראָצקים בילד. — ביי ראַזע'ן אין הויז.

איך האָב געהאַט אין ניו־יאָרק זעהר אַ נאָהענטען פריינד. ווען עס איז געקומען די צוטיילונג אין אונזער באַוועגונג צווישען רעכטס און לינקס, איז ער געוואָרען אַ לינקער. דאָ צו דער קאָמו־ניסטישער פאַרטיי האָט ער קיינמאָל ניט באַלאַנגט, אָבער ער איז געווען זעהר פריינדליך צו זיי, האָט באַזוכט זייערע פאַרזאַמלונגען, געגעבען זיי געלט, מיט איין וואָרט — געהאָלפען מיט אַלץ. אין יאָהר 1922 באַשליסט ער צו נעמען זיין פרוי און קינד און פאָהרען צוריק קיין רוסלאַנד. ער האָט דאָ געאַרבייט אַלס אַ ציין־טעכניקער און האָט זעהר גוט פאַרדינט. פאַר'ן אַוועקפאָהרען איז ער מיר גע־קומען געזעגענען זיך. איך האָב איהם געבעטען רחמים: „מאָטעל, פאָר ניט!" אָבער ער האָט מיך ניט געהערט. איין ענטפער האָט ער מיר געגעבען: „איך וויל העלפען בויען דעם סאָציאַליזם אין יענעם לאַנד, וואו דער סאָציאַליזם בויט זיך, און איך פאָהר אהין". איך האָב שוין וועגען מאָטלען כמעט ווי פאַרגעסען. איך האָב אפילו ניט געוואוסט, אין וואָס פאַר אַ שטאָט פון רוסלאַנד ער געפינט זיך. ווען איך בין געווען אין דער שטאָט נ., האָב איך זיך דאָרטען באַגעגענט מיט מיינעם אַן אַלטען באַקאַנטען. פרעגט ער מיך אַ שטונדע פאַר מיין אַוועקפאָהרען פון דער שטאָט: „האָסטו דאָ געזעהן מאָטלען?" געפין איך באַלד אויס, וואו ער האַלט זיך אויף, נעם אַן איזוואָסטשיק און לויף אַוועק אין דעם געשעפט, וואו מאָטעל איז אַן אָנגעשטעלטער. אַריינגעהענדיג אין געשעפט, האָב איך דערזעהן ווי מאָטעל דערלאַנגט אַ קונה עפּעס, וואָס יענער האָט פאַרלאַנגט. ווען מאָטעל איז פאַרטיג געוואָרען מיט דעם קונה, געה איך צו איהם צו. ווען ער האָט מיך דערזעהן, איז ער בלאַס גע־וואָרען, האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען, אין וועלכע עס האָבען

זיך געשטעלט טרערן, און האָט אַ געשריי געטאָן: „נחום, וואָס טוסטו דאָ? ווי אַזוי ביזטו אַהער געקומען?" מאַטעל איז פאַר דער צייט געוואָרען דאַרער, און דאַכט זיך, אַז אויך נידעריגער. די קליידער אויף איהם זיינען געווען זעהר אָרימע. האַלטענדיג זיין האַנט אין מיינער, פרעג איך איהם: „מאַטעל, וואָס מאַכסטו, ווי לעבסטו?" און ער האָט מיר מיט איראָניע, מיט גאַל און ביטער־קייט, וועלכע דער שיקזאַל האָט אין איהם אַזויפיל אַריינגעגאָסען, געענטפערט: „נחום, איך בוי דעם סאָציאַליזם!" איך האָב ווייטער מיט מאַטלען ריידען ניט געקאָנט. איין האַרץ האָט דאָס צווייטע דערפיהלט. איך האָב געמוזט לויפען צו דער באַהן. איך האָב איהם געגעבען די האַנט, זיך געזעגענט און אוועקגעפהרען.

* * *

יאָסל איז אַמאָל געווען דער פיהרער פון „בונד" ביי אונז אין שטאָט. ער איז דער זוהן פון זעהר פאַרמעגליכע עלטערן. ער האָט באַקומען אַ זעהר גוטע ערציהונג, און ער איז ניט נאָר געוואָרען דער פיהרער פון „בונד" ביי אונז אין שטאָט, נאָר אויך אַן אָנגע־זעהענער רעדנער און זשורנאַליסט. זיין טאַטע איז געווען זעהר אַ שטרענגער אָרטאָדאָקסישער איד, און ער איז געווען זעהר אומצו־פרידען, וואָס זיין יאָסעל חבר'ט זיך מיט אָרימע שניידער און שוסטער. די מאַמע, זעהר אַן איינפאַכע אידישע פרוי, האָט יאָסלען ליב געהאַט און האָט איהם פאַרגעטערט. אַלע „סבאָדקעס", גע־היימע באַראַטונגען, פלעגען פאָרקומען ביי יאָסלען אין הויז.

איך בין ביי איהם געווען אַ שטענדיגער אַריינגעהער. זיין מאַמע האָט זיך שטענדיג מיט מיר אינטערעסירט. זי פלעגט שטענדיג הערען ווי אַזוי מען רעדט וועגען דעם אַרבייטער־קלאַס, און אַז ער איז דער בעסטער, און צוליב איהם איז איהר יאָסעל גרייט צו טאָן אַלצדינג, אפילו זיצען אין טורמע און געהן אין סיביר. און אין מיר האָט זי וואַרשיינליך געזעהן יענעם אַרבייטער, וועגען וועלכען איהר יאָסעל רעדט דאָס אַזוי פיל.

היינט איז יאָסעל אַן אָנגעזעהענער קאָמוניסט. ווען איך בין געקומען אין דער שטאָט, וואו יאָסעל'ס עלטערן וואוינען, האָב איך באַשלאָסען צו געהן צו יאָסעל'ס מאַמע. דער טאַטע איז שוין לאַנג טויט.

יאָסעל געפינט זיך איצט אין מאָסקווע. ווען איך בין אַריינ־געגאַנגען אין הויז, האָט מיך יאָסעל'ס מאַמע גלייך דערקענט. זי

האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען פול מיט פאַרוואונ־ דערונג, און זי האָט אויסגעשריען:

„זעהט, נחום, וואו זייט איהר די גאַנצע צייט געווען?" איהרע פאַרוואונדערטע אויגען האָבען ווי געזאָגט: „אין רוסלאַנד איז געווען אַזאַ טומעל, אַזאַ חתונה. און דו, נחום, צוליב וועמען דער גאַנצער טומעל איז געמאַכט געוואָרען, דו ביזט גאָר פאַרשוואונדען, דיך האָט מען די גאַנצע צייט ניט געזעהן". איך האָב איהר געענט־ פערט, אַז איך בין געווען אין אַמעריקע, און אַז איך קום איצט פון דאָרטען. שטיל און באַשיידען האָט זי אַ זאָג געטאָן: „נו, דו ביזט אַ גליקליכער מענש, האָסט ניט געדאַרפט דורכמאַכען דאָס, וואָס מיר אַלע מאַכען איצט דורך".

זי האָט מיך געבעטען זיצען און האָט מיך טראַקטירט מיט טיי. זי האָט מיך גענומען פאַנאַדערפרעגען, ווי אַזוי איך האָב גע־ לעבט, ווי אַזוי מען לעבט אין אַמעריקע בכלל. דערנאָך האָט זי צו מיר געזאָגט אין אַ זעהר גוטמוטיגען טאָן און מיט אַ ליבליכען שמייכעל, פול מיט חן און מוטער־ליבע: „נחום, דו געדענקסט אַמאָל, ווען דו מיט יאָסלען פלעגען אין שטאָט ערקלערען אַ סטרייק, און אַלע געשעפטען פלעגען דאָרטען זיין פאַרמאַכט. דו פלעגסט מיר זאָגען מיט צוויי טעג פאָראויס, ווען דער סטרייק וועט זיין, און איך פלעג געהן דערווייל אַלץ איינקויפען, אַז ביי מיר אין הויז זאָל גאָרניט פעהלען. דו האָסט דאַמאַלסט אַלץ געוואוסט. זאָג מיר, נחום, וויבאַלד, אַז דו ווייסט אַלץ, טאָ ווי לאַנג וועט דאָס נעמען?"

מיט דעם „ווי לאַנג וועט דאָס נעמען" האָט זי געמיינט דעם באָלשעוויסטישען רעזשים.

איך האָב זיך פונאַנדערגעלאַכט, און האָב איהר געזאָגט: „וואָס רעדט איהר? איך וועל דאָס זאָגען יאָסלען! יאָסעל איז דאָך אַזאַ איבערגעבענער קאָמוניסט. ער וועט אייך קיינמאָל פאַר אַזאַ פראַגע ניט מוחל זיין". זאָגט זי צו מיר אין דעמזעלבען רוהיגען טאָן: „און וואָס מיינסטו, יאָסעל וויל ניט? יאָסעל וועט ניט זיין צו־ פרידען, ווען עס וועט זיך שוין אַלעס ענדיגען? דו מיינסט, אַז יאָסלען איז גוט צו פיהרען אַזאַ אָנגעשטרענגטען לעבען? איהם פעהלט דאָך אויך אַלצדינג. אָט ווי לאַנג, מיינסטו, וועט ער דאָס קענען אויסהאַלטען?"

* * *

מאַריאַשע האָט געוואוינט אויפ'ן „בלאָטע". דאָס איז אַמאָל

געווען דער אָרימסטער טייל פון שטאָט. דאָרטען האָבען געוואוינט די פארשטויסענע, די גרעסטע אָרימע־לייט, בעלי־עגלות, טרעגער און סתם פּראָסטע מענשען אָהן אַ באַשעפטיגונג. קיין ארבייט איז זיי קיינמאָל ניט געווען שווער, אָבער קיין ארבייט האָבען זיי קיינמאָל ניט געהאַט. אָט פון דער בלאָטע איז אין דער שטאָט ארויסגעקומען דער „בונד". דאָרטען פלעגען מיר שטענדיג האָבען אונזערע פארזאַמלונגען, אונזערע אומלעגאַלע קוואַרטירען. מיר זיינען געווען זיכער, אַז די איינפאַכע איינוואוינער פון דער „בלאָטע" וועלען אונז קיינמאָל ניט פאַרראַטען.

א לאַנגע צייט האָבען מיר אונזער קוואַרטיר געהאַט ביי מאַריאַשע'ן. מאַריאַשע'ס מאַן איז געווען אַן ארבייטער אויף אַ טאַבאַק־פאַבריק. זיי זיינען געווען נאַר־וואָס נאָך דער חתונה. זי האָט געוואוסט, אַז מיר זיינען טריפה מענשען, אָבער דאָס האָט איהר ניט געאַרט. זי פלעגט אונז היטען, ווי אַן אויג אין קאָפּ. ווען איך פלעג פון דער קוואַרטיר אוועקגעהן, פלעגט מאַריאַשע אריינקומען אין צימער ,צוזאַמענקלייבען אַלע דינע געדרוקטע פּאַפּירען און פלעגט עס באַהאַלטען, מורא האָבענדיג, טאָמער האָב איך דאָס פארזעהן און איבערגעלאָזען, און אימיצער קאָן עס נאָך באַמערקען. מאַריאַשע איז קיינמאָל אין דער באַוועגונג ניט אריינגעצויגען געוואָרען, איז קיינמאָל אפילו אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג ניט געגאַנגען, אָבער מיט אַ מאָדנעם דרך ארץ האָט זי זיך באַצויגען צו אונז. דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט, אַז מיר זיינען דאָס די פארטיידיגער פון דער „בלאָטע", אַז מיר זיינען זיך מקריב פאַר די אָרימע. מיר ווילען מאַכען, אַז זי, מאַריאַשע, זאָל האָבען אַ לייכטערען און בעסערען לעבען.

ווען איך בין געקומען אין דער שטאָט, וואו מאַריאַשע האָט געוואוינט, האָב איך זיך אָן איהר דערמאָנט און בין אוועקגעגאַנגען אויסגעפינען, צי מאַריאַשע וואוינט נאָך דאָרטען, צי זי לעבט. ווען איך בין צוגעקומען צו דער הויז, האָב איך אויסגעפונען, אַז מאַריאַשע וואוינט שוין מעהר ניט אויף דער „בלאָטע", נאָר אויף דער הויפּט־גאַס, אין איינער פון די אמאָליגע רייכסטע הייזער פון שטאָט. איך בין אהין אוועק.

ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט מאַריאַשע די טיר געעפענט. זי האָט מיך דערקענט. מיט דער גרעסטער פרייד האָט זי ברייט פאַנאַנדערגעעפענט די טיר און האָט זיך מיט מיר ארומ־

געכאפּט, ווי מיט אַן אַלטען, גוטען באַקאַנטען. מאַריאַשע איז שרעקליך אַלט געוואָרען. זי האָט זעקס קינדער, און אַלע וואוינען אין איין צימער. דער צימער פון דער אַמאָליגער רייכער הויז, וועמעס פענסטער עס געהען אַרוים אויף דער הויפּט־גאַס, איז זעהר אַפּגעלאָזען. די פענסטער זיינען אַלטע, צובראָכענע, פון דעם סופיט זיינען גאַנצע שטיקער אַרויסגעריסען. די צוויי בעטען, וואָס שטעהען אין הויז ביי די זייטען פון צימער, זיינען אַלטע, אָרימע. אין מיטען הויז שטעהט אַ טיש מיט אַ פּאָר צובראָכענע שטולען. אויף די ווענט הענגען בילדער פון די אַנגעזעהענע קאָמוניסטישע פיהרער פון לאַנד. די ווענט זיינען טיילווייז אויסגעקלעפּט מיט קאָמוניסטישע אויפשריפטען.

מאַריאַשע האָט מיך געבעטען זיצען, האָט גלייך אָנגעוואָרעמט טיי, און מיר האָבען זיך ביידע אָוועקגעזעצט לעבען טיש רעדען וועגען דעם, וואָס איז אַמאָל געוועזען און וואָס עס איז איצט. מאַריאַשע רעדט וועגען זאַכען, וועגען וועלכע זי האָט אַמאָל קיין שום באַגריף ניט געהאַט. זי רעדט וועגען מלחמות, וועגען לענינ׳ען, אפילו וועגן טראָצקי׳ן, מיט וועמען זי איז ניט איינשטימיג. מאַריאַשע קאָן נאָך איצט אויך ניט לייענען און שרייבען, אַזוי ווי זי האָט קיינמאָל ניט געקענט. אָבער אַלע איהרע קינדער זיינען קאָמוניסטען, און שטענדיג הערט זי רעדען וועגען פראַגען פון לאַנד, פראַגען פון דער וועלט. איהר הויז איז פאַר איהר איצט געוואָרען אַ שולע, וואו זי הערט אוים וואָס די קאָמוניסטען רעדען. ווען איך האָב איהר געשטעלט די פראַגע, ווי זי לעבט, צי זי איז גליקליך, צי זי איז צופרידען, האָט מאַריאַשע געזאָגט אָט וואָס:

„מיר לעבען זעהר אָרים, עס פעהלט אונז ברויט, עס פעהלט אונז קליידער. מיר זיינען אַכט מענשען אין דער פאַמיליע. עס איז ניטאָ וואו צו שלאָפען, ווי געהעריג איז. מיר שלאָפען צו דריי מענשען אין אַ בעט. צוויי קינדער שלאָפען אויף דער פּאָדלאָגע. מיין מאַן, בערל, איז אַלט. ער קאָן קיין אַרבייט ניט קריגען. אָבער דאָך בין איך צופרידען, ווייל די רעגירער טוען אַלצדינג, אַז די אַרבייטער זאָל זיך לעבען בעסער. און אויב אונז לעבט זיך שלעכט, זיינען זיי ניט שולדיג. אַמאָל, ווען מיר האָבען געוואוינט אויפ׳ן „בלאָטע“, האָט קיינעם פאַר אונז ניט געאַרט. אונזערע קינדער האָבען זיך געוואַלגערט אויפ׳ן גאַס. מיר האָבען אפילו ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו שיקען זיי אין תלמוד־תורה. אויף אונז, אויף די

איינוואוינער פון „בלאָטע“, האָבען אַלע געקוקט מיט פאַראַכטונג. מען האָט אונז פיינט געהאַט. מיר פלעגען זיך שעהמען אַרויסצו־געהן אויף די הויפּט־גאַסען פון שטאָט, ווייל מיר זיינען געווען אָרים. מיר זיינען אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסענע. מיר זיינען איצט אויך אָרים און אָפּגעריסען, אָבער מיר קאָנען געהן, וואוהין מיר ווילען, קיינער שעהמט זיך מיט אונז ניט. מיינע קינדער געהען אין שול, לערנען זיך. מען מאַכט פון זיי מענשען, געלערנטע. און דערפאַר זיינען אַלע מיינע קינדער טרייע קאָמוניסטען. אויפ'ן „בלאָטע“ וואוינען איצט די, וואָס האָבען אַמאָל געוואוינט אויף די הויפּט־גאַסען, און מען האָט זיי איצט אַזוי פיינט, ווי מען האָט אונז פיינט געהאַט אַמאָל. איצט שעהמען מ י ר זיך מיט דער „בלאָטע“.

„איך מיט מיין מאַן, — האָט זי ווייטער געזאָגט, — האָבען שוין ניט וואָס צו ערוואַרטען פון לעבען. מיר זיינען שוין אַלט, מיר וועלען לעבען נאָך פינף יאָהר, נאָך צעהן יאָהר. אָבער אונ־זערע קינדער וועלען זיין גליקליכער פון אונז. און איך לעב איצט מיט'ן גליק פון מיינע קינדער. איך בין ניט קיין „פּאַרטיינע“ (געהערט ניט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) — זאָגט זי צו מיר, אָבער דערפאַר בין איך מיט'ן גאַנצען האַרצען מיט די באָלשעוויקעס, ווייל זיי זיינען אונזערע פריינד. זיי זאָרגען זיך פאַר די אָרימע, זיי ווילען אונז פאַר מענשען מאַכען. איך וויים, — האָט זי געזאָגט, — אַז אַ סך פון די אָרימע זיינען מיט די באָלשעוויקעס ניט צו־פרידען, ווייל זיי לעבט זיך איצט שווערער ווי אַמאָל. אָבער זיי זיינען ניט קיין „סאָזנאַטעלנע“ (קאָמוניסטיש ניט באוואוסטזיניג), זיי ווייסען ניט, אַז די רעגירונג וויל זיי מאַכען גליקליך.

„ווען איך וואָלט מיט מיינע זעקס קינדער קאָנען פאָהרען קיין אַמעריקע צו מיינע ברידער אין ניו־יאָרק, וועלכע לעבען דאָרטען זעהר גוט, וואָלט איך דאָס זיכער געטאָן. אָבער צו אייך אין אַמע־ריקע לאָזט מען ניט אריין, און אַנדערשוואו פאָהרען איז ניטאָ וואוהין. מוזען מיר פאַרבלייבען דאָ, און זיך מאַטערען. און אויב שוין זיין דאָ, איז בעסער, אַז מיר האָבען אַ באָלשעוויסטישע רע־גירונג“.

אַזעלכע מאַמעס, וואָס זיינען אַליין אומגליקליך, אָבער זיי לע־בען צוליב דעם גליק פון די קינדער, זיינען דאָ אַ סך. מען רופט זיי אין רוסלאַנד „באָלשעוויטשקעס צוליב די קינדער“.

ווען איך פלעג באגעגענען אין רוסלאנד מענשען, וואס זיינען גליקליך אפילו אין זייער אומגליק, וואס ווארעמען זיך מיט דעם גליק פון זייער צוקונפט, פלעגט מיר ווערען אנגענעם. זייער גליק פלעגט מיך אויך א ביסעל דערווארימען. און אז עס פלעגט אמאל צו מיר דערגעהן אזא קליינינקער פונק פון גליק אדער צופרידענהייט, פלעגט מיר ווערען אזוי גוט. ווארים אין דעם איצטיגען רוסישען לעבען ווערט איהר געפינען זעהר ווייניג מענשען, וואס זאלען אייך קענען דערווארעמען און דערפרעהען.

* * *

אמאל בין איך מיט איהם געזעסען אין א ווארשעווער טורמע. ער האט באלאנגט צו דער „פ. פ. ס." (פוילישע סאציאליסטישע פאר־טיי), כאטש ער איז א איד. די באלשעוויסטישע רעוואלוציע האט איהם געטראפען אין סיביר, וואוהין ער איז געווען פארשיקט. קו־מענדיג צוריק אין רוסלאנד, איז ער געווארען א מיטגליד אין דער קאמוניסטישער פארטיי. איצט איז ער א סאוועטישער אנגעשטעל־טער. ער ווערט פאררעכענט אין זיין שטאט פאר איינעם פון די איבערגעבענסטע קאמוניסטען.

צופעליג האב איך זיך מיט איהם באגעגענט אין יענער שטאט. ער האט מיך איינגעלאדען צו זיך אין הויז. ער איז שוין איצט א טאטע פון זעקס קינדערלאך, אנהויבענדיג פון א 14־יעהריגער טאכ־טער און ענדיגענדיג מיט א קינד פון פיר יאהר. ער וואוינט אין דריי גוטע צימערען אין א הויז, וואס האט אמאל געהערט צו א רייכען רוסישען סוחר. אינעווייניג זיינען די צימערען געווען גאנץ שעהן אויסגעפוצט, און עס איז דארטען געווען אנגענעם צו זיצען.

פון מיינע רייד אין אונזערע שמועסען האט ער לייכט געקאנט זיך אנשטויסען, אז איך בין ניט קיין קאמוניסט. ער איז געווען אנ־געטאן גאנץ געוויינליך, לויט אונזער באגריף פון אנטאן זיך — גאנץ ארים. אבער אנדערש האבען אויסגעזעהן די קליידער פון זיין פרוי און קינדער. ווען איך האב איהם געפרעגט, וואו מען קאן דאס איצט קויפען אזעלכע גאר נישקשה'דיגע קליידער, ווי עס טראגען זיינע קינדער, האט ער מיר ערקלערט, אז ער האט עס געקויפט אין דייטשלאנד. מיט עטליכע יאהר צוריק האט ער געדינט אין אויס־לענדישען קאמיסאריאט. ער איז געווען א רייזענדער קוריער. ער פלעגט פאהרען פון לאנד צו לאנד און פלעגט אינפארמירען מינדליך

די רוסישע אמבאסאדארען אין זאכען, וועגען וועלכע די רעגירונג פלעגט ניט וועלען שיקען קיין שריפטליכע מיטטיילונגען.

אזעלכע באאמטע געהען דורך דעם רוסישען גרענעץ זעהר פריי, זיי קאנען ארייגפיהרען, וואס זיי ווילען. זיי איז ערלויבט אין איי־ראפע, אין אמעריקע, אדער אין אזיע צו לעבען זעהר ברייט. זיי מוזען איינשטעהן אין די בעסטע האטעלען, טראגען די בעסטע קליידער, עסען אין די בעסטע רעסטאראנען. זיי טארען זיך קיינמאל ניט מעלדען אין די קאמוניסטישע פארטייען פון די לענדער, אין וועלכע זיי געפינען זיך, כדי עס זאל אויף זיי ניט פאלען דער קלענסטער חשד, אז זיי זיינען קאמוניסטען. נאטירליך, ווען ער פלעגט פאהרען צוריק אהיים צו דער פאמיליע, פלעגט ער ברענגען קליידער פון אייראפע, און דאס, וואס זיי טראגען, זיינען נאך די אמאליגע אויסלענדישע קליידער.

איצט האט מען איהם איבערגעפיהרט אויף אן אנדער אמט, און ער דארף וואוינען אין רוסלאנד. אזוי ווי ער איז צוגעוואוינט צו דעם לוקסוס־לעבען פון אייראפע, איז איהם זעהר שווער איצט צו לעבען אין רוסלאנד. ער בענקט צוריק נאך דעם אמט פון א „רייזענדען קוריער".

אויף דעם אמט פון א „רייזענדען קוריער" זיינען אבער דא א סך קאמוניסטישע בעלנים. וואס טוען ניט מענשען, כדי צו קרי־גען אזא אמט! ווען איינער באקומט א קאמוניסטישע מיסיע ערגעץ אין אייראפע, רעכענט ער זיך פאר דעם גליקליכסטען מענשען. און מיין אלטער פ. פ. ס־אוועץ און איצטיגער קאמוניסט האפט נאך, אז עס וועט זיך איהם איינגעבען צוריק צו ווערען „פראמאוטעד" אויף דעם אלטען אמט, פון וועלכען ער איז צוליב פארטיי־פאליטיס ארויסגעפאלען. ער לעבט אין א קאמוניסטישען לאנד, בויט דעם קאמוניזם, און פונדעסטוועגען בענקט ער נאך א רייזע אין די קאפיטאליסטישע לענדער, כדי ער זאל קענען פאר זיך און פאר דער פאמיליע עפעס א נאש טאן פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע אין די בורזשואזע לענדער.

* * *

מיט יאנקלען האב איך צוזאמען געהערט צו דער אידישער סאציאליסטישער פעדעראציע. ער איז געקומען אין אמעריקע אין דעמזעלבען יאהר, וואס איך. אבער ער האט זיך צו אמעריקע ניט געקאנט צופאסען. ער האט געארבייט ביי פארשידענע „טריידס" און

ער האָט זיך קיין איינע ניט אויסגעלערנט. זייענדיג אַ קינד פון רייכע עלטערען, האָט ער זיין גאַנצען לעבען ניט געאַרבייט. און דאָ האָט ער אויך ניט געוואָלט אַרבייטען. ער האָט אין אַמעריקע געהונגערט, און ער האָט דערווייל געלערענט. ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רוסישע רעוואָלוציע, איז ער שוין געווען אַ סטודענט אין ערשטען יאָהר אין אַ ניו יאָרקער קאָלעדזש. ער האָט באַשלאָסען צו פאַר־לאָזען דעם קאָלעדזש און פאָהרען קיין רוסלאַנד.

ער איז דערפאָהרען ביז כּארבין, כינע, און האָט ווייטער פאָה־רען קיין רוסלאַנד ניט געקאָנט. האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין אַמעריקע. אזוי האָט ער אין אַמעריקע פארבראכט ביז דעם יאָהר 1922. ביז 1921 איז ער נאָך געווען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צוזאַמען מיט דער פעדעראַציע איז ער אויך אוועק פון דער פּאַרטיי. אין אַ קורצער צייט ארום איז ער אוועקגעפאָהרען קיין רוסלאַנד און איז געוואָרען אַ באַאַמטער אין אָפּטיילונג פון אויסלענדישען קאָמיסאַריאַט אין אַ רוסישער שטאָט.

איך האָב יאַנקלען שוין לאַנג פארגעסען. אין דער שטאָט, וואו יאַנקעל געפינט זיך, האָב איך געהאַט צרות מיט מיין אויסלענ־דישען פּאַספּאָרט, און איך האָב געדאַרפט דעם ענין ערליידיגען אין דער אָפּטיילונג פון אויסלענדישען קאָמיסאַריאַט. אריינגעהענדיג אין ביוראָ, האָב איך זיך אוועקגעשטעלט אין „אָטשערעד" (ליין) צו וואַרטען, ביז וואַנען מיין „נעקסט" וועט קומען. אין דעם אָפּיס האָבען זיך געפונען אַ סך עלטערע מענשען, וועמעס קינדער עס גע־פינען זיך אין אַמעריקע, און די קינדער נעהמען זיי איצט אַהין אריבער.

ווען מיין „נעקסט" איז געקומען, האָט מיך דער באַאַמטער זעהר העפליך אויפגענומען, און איידער ער האָט מיר געגעבען אַן ענטפער אויף מיין פארלאַנג, האָט ער גענומען ביי מיר זיך פונאַנדערפרעגען אויף אַמעריקע. איהם האָט זעהר ווייניג געאַרט וואָס הינטער מיר שטעהען נאָך מענשען, וואַרטען אומגעדולדיג שוין שטונדען־לאַנג. מיר איז שוין אויך געוואָרען אומבאַקוועם, וואָס ער פארהאַלט מיך און צוליב דעם ווערען אויך אַנדערע פארהאַלטען. ווען דער באַאַמטער האָט געדאַרפט ערלעדיגען מיין ענין, האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס דאַרף נעמען פינף טעג.

איך האָב ניט געקאָנט פארבלייבען לענגער אין יענער שטאָט. איך האָב געמוזט אוועקפאָהרען, און דאָ זאָגט ער מיר גאָר, אַז איך

מוז דאָ בלייבען נאָך פינף טעג. איך האָב אָנגעהויבען צו בעטען, טענה'ן זוכען תירוצים, אז איך קען דאָ ניט פארבלייבען, אז איך מוז אוועקפאָהרען. זאָגט מיר דער באַאַמטער, אז ער קען גאָרניט טאָן, איך זאָל אריינגעהן אין קאבינעט פון דעם הויפּט־פּאַרוואַלטער איך האָב אָנגעקלאַפּט צום פּאַרוואַלטער אין טיר און גלייך האָט מען א געשריי געטאָן: „געהט אריין!"

ווען איך האָב געעפענט די טיר, האָב איך אין קאבינעט באַלד דערזעהן זיצענדיג יאַנקלען. איך האָב א געשריי געטאָן: „יאַנקעל!" ער האָט מיך אויך גלייך דערקענט. מיט זיין אנגענעמען שמייכעל האָט ער צו מיר א זאָג געטאָן: „שריי ניט, גזלן, פארמאַך די טיר!" איך האָב פארמאַכט די טיר, בין צוגעגאַנגען און ארומגעכאַפּט זיך מיט איהם, און ער האָט ביי מיר גענומען פרעגען, ווי אזוי איך קום אהער. איך האָב איהם ערקלערט, צוליב וואָס איך בין געקומען אין אויסלענדישען מיניסטעריום. האָט ער מיך פריהער פון אַלץ באַרוהיגט, אז ער וועט מיין ענין פאר מיר ערליידיגען. און באַלד האָט ער מיך גענומען אויספרעגען, וואָס פאר אן איינדרוק רוסלאַנד האָט אויף מיר געמאַכט:

איידער איך האָב איהם איבערגעגעבען מיין איינדרוק, האָב איך געמאַכט א קליינע הקדמה: „הער, יאַנקעל, — האָב איך געזאָגט, — איך בין שוין אין רוסלאַנד באַלד דרייסיג טעג. אין די ערשטע טעג האָב איך קיין מורא ניט געהאַט. איך האָב זיך געהאַלטען זעהר פריי. איך האָב געטראַכט, אז טאָמער ארעסטירט מען מיך, וועט מען מיך האַלטען צעהן טעג, פופצעהן טעג, אָבער מען וועט מיר אַרויסלאָזען. איצט בין איך שוין אויפ'ן וועג אהיים, און איך וויל ניט ארעסטירט ווערען. אויב דו ביזט א „יאַט", און מען קען צו דיר רעדען, וועל איך דיר אַלץ דערצעהלען". ער האָט מיר גלייך געענטפערט: „זיי ניט קיין קינד, רייד מיט מיר אזוי פריי, ווי מעגליך!"

איך האָב איהם דערצעהלט אַלץ, וואָס איך האָב זיך אָנגעזעהן וועגען דער אָרימקייט, וועגען דער פארצווייפלונג פון דער באַפעלקערונג, וועגען די אומערטרעגליכע וואוינונגען, וועגען די פאבריקען, וואָס ארבייטען אויף דעפיציטען, וועגען די פויערים, וואָס פארזייען ניט זייערע פעלדער, וועגען דעם דורכפאַל פון דער קאָמוניסטישער ווירטשאַפט. ער האָט מיך אויסגעהערט, און ער מאַכט צו מיר אויף רוסיש: „אָבער דו ביזט דאָך א סאָציאַליסט, דו ווילסט דאָך אין

רוסלאַנד זעהן דעם סאָציאַליזם פאַרווירקליכט! דאַרפסטו פאַר־געסען אָן די שלעכטע זאַכען, וואָס דו האָסט געזעהן, און געדענקען נאָר דאָס גוטע.“

איך האָב געענטפערט יאַנקלען, אַז ווען איך וואָלט געזעהן כאָטש אויף אַ זעכציג פּראָצענט גוטעס אין רוסלאַנד, וואָלט איך די איבעריגע פערציג פּראָצענט פאַרגעסען, און אפילו ווען איך וואָלט אין דעם איצטיגען מאָמענט גאָר קיין גוטעס ניט געזעהן, נאָר איך וואָלט געקאָנט האָבען די קלענסטע האָפנונג, אַז מען וועט פון דער נויט און עלענד אין רוסלאַנד אַרויסקריכען, אַז דער ביטע־רער היינט אין רוסלאַנד פירט צו אַ בעסערען מאָרגען, וואָלט מיך אויך אפשר דאָס היינטיגע שלעכטע ניט געאַרט. אָבער די עקאָנאָ־מישע לאַגע אין רוסלאַנד ווערט ניט בעסער, זי ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער און ערגער. דאָס, וואָס איז היינט שלעכט, ווערט אויף מאָרגען נאָך ערגער, היינט ווי אַזוי זאָל איך פאַרגעסען דאָס שלעכטע, וואָס איך האָב זיך אָנגעזעהן?

אויף דעם האָב איך שוין פון יאַנקלען קיין ענטפער ניט באַ־קומען.

* * *

אין דער שטאָט ד. בין איך פאַרפאָהרען צו איינער אַן אַלטער באַקאַנטער. מיט איהר בין איך געווען טעטיג אין „בונד“. היינט איז זי ווייט פון פּאָליטיק, אָבער דאָך קלייבען זיך צונויף ביי איהר אין הויז די אינטערעסאַנטסטע מענשען פון שטאָט, סיי קאָמוניסטען סיי ניט קאָמוניסטען.

אַלע מיינע אַלטע באַקאַנטע פלעגען זיך ביי איהר אין הויז פאַרזאַמלען אין די אָוועגטען און אַזוי פלעגען זיי זיצען ביז פיר אַזייגער פאַרטאָג און פיהרען געשפּרעכען וועגען רוסלאַנד, אַמעריקע, וועגען עראינערונגען פון אַמאָל א. אז. וו.

איינמאָל, ווי מיר זיצען אַזוי פאַרטיפט אין אַ געשפּרעך, אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט, קלאַפּט מען אין טיר. דער זוהן פון מיין אַלטער באַקאַנטער געהט צו, עפענט די טיר און איינער פרעגט ביי איהם צי ער קען מיך זעהן. איך בין צוגעגאַנגען צום טיר, איך טו אַ קוק — לייבעל! איך בין צו איהם צוגעלאָפען, זיך אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַן אַלטען גוטען באַקאַנטען. אָבער לייבעל איז געבליבען קאַלט; האָט געהאַלטען זיינע אויגען אַראָפּגעלאָזען, פונקט ווי ער

וואָלט זיך געפיהלט שולדיג אין עפּעס, פּונקט ווי ער וואָלט אַ פאַר־ברעכען באַגאַנגען.

נאָך אַ קורצער פּויזע, זאָגט צו מיר ליבעל:

— ביילקע האָט דיר גאָרנישט וועגען מיר דערצעהלט?

ביילקע איז די פרוי, צו וועמען איך בין פאַרפאָהרען. איך האָב איהם געענטפערט אַז ניט.

פרעגט ער מיך ווייטער:

— קען איך אַריינגעהן מיט דיר אין אַ באַזונדער צימער? איך האָב מיט דיר זעהר אַ וויכטיגע זאַך צו ריידען.

מיר זיינען ביידע אַריין אין אַ באַזונדער צימער.

אָבער איידער איך געה ווייטער, מוז איך דערצעהלען ווער איז לייבקע:

מיט לייבקע'ן האָב איך זיך באַגעגענט מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק אין אַ פאַבריק, וואוהין דער „בונד" האָט מיך געשיקט אָרגאַניזירען. לייבקע, — אַ קינד פון אָרימע עלטערען און וועלכער האָט קיינמאָל קיין גליקליכען טאָג ניט געהאַט, ווייל ער האָט פון זיין פריהסטער יוגענט שווער געאַרבייט, — ווען ער האָט דער־הערט צום ערשטען מאָל אַ סאָציאַליסטישע רעדע אויף דער ערשטער „בונדישער" פאַרזאַמלונג, איז ער געוואָרען אַ באַגייסטערטער „בונ־דיסט". אין „בונד" האָט לייבקע געזעהן זיין באַפרייער, זיין פאַר־טיידיגער, די קראַפט וועלכע וועט זיך פאַר איהם אָננעהמען; דער „בונד" האָט לייבקע'ס אָרימען, פאַרשטויסענעם לעבען אַן אינהאַלט געגעבען. פון דאַמאָלט אָן איז לייבקע געוואָרען אונזער געטרייעס־טער מענש; אויף אַלע געפעהרליכע אַרבייטען פון „בונד" איז לייבקע געגאַנגען. אַלע האָבען איהם געליבט פאַר זיין איינפאַכקייט, פאַר זיין עהרליכקייט, פאַר זיין נאַאיוו־קינדערישער אומשולדיג־קייט.

דעם לעצטען מאָל ווען איך בין פון דער שטאָט ד. אוועקגע־פאָהרען איז לייבקע געווען דער איינציגער, וועלכער האָט געוויינט ביי מיין אוועקפאָהרען, ווען ער האָט זיך מיט מיר געזעגענט.

פון יענער צייט אָן זיינען שוין פינף און צוואַנציג יאָהר פאַר־שוואונדען, אין מיין לעבען האָב איך זיך שוין מיט אַ סך לייבקעס באַגעגענט און זיי זיינען פון מיין האָריזאָנט פאַרשוואונדען. איך האָב זיך שוין אָן לייבלען לאַנג געהאַט פאַרגעסען.

ווען איך בין איצט מיט לייבלען אין באַזונדערען צימער אַריין,

זיינען אין מיין מח אָפּגעפּרישט געוואָרען אַלע פּאַסירונגען פון דער שטאָט וואָס זיינען געווען פאַרבונדען מיט דער העלדישער אַרבייט, מיט דעם אידעאַליזם פון לייבלען.

לייבעל האָט אָראָפּגענומען זיין היטעל און האָט זיך אַוועקגע־זעצט. זיינע האָר זיינען שוין באַדעקט מיט ווייסע שנייעלעך, זיין פּנים האָט שוין קנייטשען. לייבעל איז שוין אַלט. ער זעהט אויס מיד, זיינע בליקען זיינען טעמפּ. נאָך אַ קורצער פּויזע זאָגט לייבעל צו מיר:

— איך האָב געמיינט, אַז ביילקע האָט דיר אַלץ וועגען מיר דערצעהלט, אָבער אויב ניט, בין איך צופרידען. איך וועל דיר דער־צעהלען:

— נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, — זאָגט ווייטער לייבעל,

— האָט דער „בונד" אין אונזער שטאָט גענומען געהן באַרג אַראָפּ. די גרעסטע צאָהל טוער, און אויך די מאַסע איז אוועק קיין אַמעריקע, אין לאַנד איז געוואָרען אַ שרעקליכע רעאַקציע, די אַרעסטען זיינען געוואָרען זעהר גרויס, די פאַרבליבענע אין שטאָט האָבען אונז גע־נומען אויסמיידען, אָבער דאָך האָבען מיר אָנגעהאַלטען די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין שטאָט ביז 1910. ווען אַלץ איז צופאַלען געוואָרען, בין איך א, מידער, אַן ענטוישטער, געבליבען מיט זיך אַליין.

איך האָב חתונה געהאַט, עס זיינען קינדערלאַך געבוירען גע־וואָרען. מיין לעבען האָט פון דאָס ניי אַן אינהאַלט געקראָגען. איך בין געוואָרען אַן איבערגעגעבענער טאַטע צו מיינע קינדער. איך בין געוואָרען אַזוי פאַרזעסען אין מיין הויז, אַז ווען עס איז געקומען די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע אין 1917 האָט זי מיך ניט געקאָנט אויפטרייסלען, ארייגצניהען. איך האָב געאַרבייט אין דער זעלבער פאַבריק, פלעג איך אפילו ניט געהן צו די פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגען לעגאַל אָפּגעהאַלטען ווערען.

— שפּעטער זיינען געקומען די באָלשעוויקעס, און איך בין אַלץ געבליבען פּאַסיוו און גלייכגילטיג. אַ סך פון די באָלשעוויקעס, וועלכע אַרבייטען מיט מיר אויף איין פאַבריק, די וועלכע האָבען געוואוסט אַז איך בין אַמאָל געווען אַן אַקטיווער „בונדיסט", פלעגען מיר אָפט פאַרוואַרפען ווארום איך ווער ניט קיין מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָבער — איך בין צו זייערע פאָרוואורפען געבליבען גלייכגילטיג.

— אין 1926 באַקום איך אַן איינלאַדונג אַז איך מוז קומען

אין „טשעקא", דער נאָמען „טשעקא" פּלעגט ארויסרופען א שוידער ביי דער באפעלקערונג פון אונזער שטאָט. ווען איך האָב ערהאַלטען די איינלאַדונג, האָבען מיר געטרייסעלט הענט און פיס, אָבער מען האָט זיך ניט געקאָנט העלפען — איך בין אין דער באַשטימטער שטונדע אוועק. איך געה אריין אין צימער וואו מען דאַרף וואַרטען ביז מען רופט ארויס. איך טו א קוק — דאָרטען זיצען שוין און וואַרטען ביילקע און ליבע ,צוויי געוועזענע „בונדיסטקעס", וועלכע האָבען געקראָגען די זעלבע איינלאַדונגען.

— ווען מען האָט אונז אריינגערופען, האָט מען פון אונז פאַר־לאַנגט, אז מיר זאָלען אונטערשרייבען אַן ערקלערונג, אז מיר, די אמאָליגע „בונדיסטען", ערקלערען דעם „בונד" פאַר א קאָנטער־רע־וואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וועמעס טעטיגקייט אמאָל איז געווען א שעדליכע, וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען א נאַציאָנאַליסטיש־בורזשואַזע, א. אז. וו.

— מיר האָבען זיך אַלע דריי ענטזאָגט אונזערע אונטער־שריפטען צו געבען. מען האָט אונז געשראָקען, מען האָט מיט אונז אריינגע׳טענה׳ט, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. מיר האָבען זיך ענטזאָגט — האָט מען אונז אָפּגעלאָזט.

— מיט צוויי יאָהר שפּעטער, אין 1928, ערהאַלט איך א צוויי־טע איינלאַדונג. איך קום צו געהן — ביילקע מיט ליבען זיינען ווייטער דאָ ! איצט האָט מען אונז אריינגערופען איינציגווייז; מען האָט געסטראַשעט, אָבער מיר זיינען ווייטער געבליבען איינגע־שפּאַרט. ביילקען מיט ליבען האָט מען אָפּגעלאָזען, מיך ניט. דער נאַטשאַלניק פון „טשעקא" האָט מיר געצייגט אַן אָנגעשריבענעם באַפעהל צו דער פאַבריק, וואו איך ארבייט, אז מען זאָל מיך פון דער פאַבריק אַנטזאָגען, ווייל איך בין ניט טריי דער סאָוועטען־רעגירונג. ווען איך האָב דערזעהן דעם באַפעהל, בין איך געבליבען שטאַרק א דערשראָקענער, א פאַרצווייפעלטער.

— דו ווייסט ניט, נחום, וואָס דאָס מיינט ! — זאָגט ער צו מיר. — ביי אונז פאַרלירען דעם פּלאַץ אויפ׳ן פאַבריק מיינט פאַר־משפּט ווערען צום הונגער, צום אונטערגאַנג. אויס רחמנות צו מיין פרוי און קינדער האָב איך גענומען און אונטערגעשריבען די ערקלע־רונג. ביילקע אַן ליבע האָבען געקענט בלייבען איינגעשפּאַרט, ווייל זיי זיינען הויז־פרויען, זיי קען מען פון פאַבריק ניט ארויסוואַרפען. מיין ערקלערונג איז געווען אָפּגעדרוקט אין אַלע אידישע און רוסישע ציי־

טונגען פון אונזער געגענד. איך שעהם זיך צו ווייזען פארביילקע'ן און ליבע'ן, פאר מיינע אלטע באקאנטע. איך פיהל זיך ווי א פאר־רעטער צו מיין שעהנער, גליקליכער בונדישער יוגענד. ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז דו ביזט דא, האב איך באשלאסען, אז איך מוז דיך זעהן און דערצעהלען דיר, אז איך בין ניט שולדיג, אז איך בין פרייוויליג דעם פארראט ניט באגאנגען, אז די „טשעקא“ האט מיך געצוואונגען צו שפייען זיך אליין אין פנים...

דער טרויעריגער טאן, אין וועלכען לייבקע האט מיר זיין טרוי־עריגע געשיכטע דערצעהלט, האט אויף מיר ארויפגעווארפען אן אומעט, א שרעק. איך האב אין איהם פון דאס ניי דערזעהן דעם אמאליגען קינדערש־אומשולדיגען, עהרליכען לייבקע'ן, וועמען עס טוט וועה פאר דעם, וואס ער איז געווען געצוואונגען אונטערצו־שרייבען, נעגען זיין ווילען, אן ערקלערונג, וועלכע האט איהם באַ־ליידיגט. איך האב לייבלען בארוהיגט; איך האב איהם געטרייסט. לייבעל איז פון מיר אוועק שפעט ביינאכט.

ווען איך בין אויף מארגען אין אווענט פון שטאט אוועקגע־פאהרען, איז לייבעל געקומען צום באהן זיך מיט מיר געזעגענען. ווען ער האט געהאלטען מיין האנט אין זיינער, האט ער מיך גע־פרעגט:

— וועלען קומען ווען ניט איז בעסערע צייטען פאר אונז?

וואס האב איך איהם געקאנט זאגען? וואס האב איך איהם געקאנט ענטפערען?

* * *

אין דער גרויסער טראגעדיע פון רוסלאנד איז אויך דא אזוי־פיל קאמיזם, אז עס דארף איצט דארטען געבוירען ווערען א צוויי־טער שלום־עליכם, וועלכער זאל מיט זיינע באשרייבונגען מאכען צו לאכען מיט יאשטשערקעס זיינע לעזער.

אין דער שטאט ב. זוך איך מיינעם אן אלטען באקאנטען, וועמעם אדרעס איך האב אויך ניט געהאט. אין דער געגענט, וואו ער האט געוואוינט מיט א דריי יאהר צוריק, לויט זיין לעצטען בריף זוך איך איהם. די גאס געדענק איך, אָבער דעם נומער פון הויז ניט, און אזוי געה איך דארטען פון הויז צו הויז און פרעג אויף מיין אלטען באקאנטען, לעווין. לעווינ'ען אליין האב איך פריהער ניט געזעהן. איך בין באקאנט מיט זיין פרוי באסע. ענדליך האט מען מיר אנגעצייגט, אז דארטען אין דער הויז וואוינט איינער א לעווין.

איך האָב אָנגעקלאַפּט צו איהם אין הויז, די טיר האָט מיר געעפענט א דאַרער יונגערמאַן מיט לענגליכע האָר און א שוואַרצען העמדעל. איך פרעג איהם, צי זיין פרוי הייסט באַסיע. ער ענטפערט, אַז ניט, ער האָט א שוועסטער באַסיע. און ניט פרעגענדיג מיך, טוט ער א געשריי, „באַסיע"! געהט ארוים באַסיע. עס איז טאַקע באַסיע, אָבער ניט די באַסיע. דאַן ערקלער איך איהם, אַז דאָס איז א טעות, דאָס איז וואַהרשיינליך אַן אַנדער לעווין. איך ערקלער איהם ווייטער, אַז איך קום פון אַמעריקע, זוך א באַקאַנטען לעווין, איהם אַליין קאָן איך ניט, נאָר איך קאָן זיין פרוי באַסיע'ן. אַזוי שנעל ווי ער דער־הערט, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער, לאָזט ער מיך שוין ניט אַוועק־געהן. ער פרעגט זיך ניט נאָך אויף קרובים אין אַמעריקע, ער פרעגט וועגען דער אַרבייטער באַוועגונג, וועגען דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און איך פיהל אין גאַנצען געשפּרעך, אַז צו מיר רעדט א קאָמוניסט. ריידענדיג אַזוי זיינען מיר אריינגעגאַנגען אין צימער. די גאַנצע וואַנט איז אויסגעקלעפּט מיט בילדער פון קאָמוניסטישע פיהרער. צווישען די אַלע בילדער זעהען זיך ארוים אַם שטאַרקסטען די ביל־דער פון לעניג'ען און טראָצקי'ן, וועלכע הענגען איינע לעבען צוויי־טען. דערזעהענדיג טראָצקי'ס בילד, זאָג איך צו איהם אין שפּאַס: „ווי קומט עס ביי אייך הענגט טראָצקי'ס בילד? ער איז דאָך א טרפה'ר". ענטפערט ער מיר: „איהר ווייסט דאָך, דער קאַמף מיט טראָצקי'ן איז דאָך אַן אינערליכער קאַמף. פריהער אָדער שפּעטער וועט מען זיך אויסגלייכען, איז צוליב וואָס זאָל מען ארונטערנעמען דאָס בילד? אַז מען וועט זיך אויסגלייכען וועל איך דאָך צוריק דאַרפען אויפהענגען". אין טאָן פון זיין רעדע האָט זיך ניט געפיהלט קיין שפּאַס. ער האָט אויפריכטיג געמיינט, אַז ארונטערנעמען טראָצ־קי'ס בילד איז אַן איבעריגע אַרבייט, ווייל עס וועט פאַרקומען אַן ענדערונג, ווי מען זאָגט ביי אונז אין אַמעריקע: „עס וועט זיך אויספּרעסען".

מיין באַגעגעניש מיט ראָזע'ן

איך האָב זיך מיט איהר באגעגענט מיט א יאָהר זיבעץ און צוואנציג צוריק. איך בין דאן ניט לאנג צוריק אריינגעקומען געווען אין „בונד". מען האָט נאָך אפילו מורא געהאַט מיר צו געבען אונלעגאַלע בראָשורען (פּאַרבאָטענע, אין געהיים געדרוקטע רעוואָלוציאָנערע ביכלאַך). די גאַנצע „אַגיטאַציע" איז מיר געגעבען געוואָרען מינדליך. אין דעם קרייז, וואו איך האָב זיך מיט איהר באַגעגענט, האָט מען פאַר אונז געלייענט באָגדאַנאָוו'ס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" אויף רוסיש. מיר האָבען אַלע זיכער ווייניג פאַרשטאַנען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. עס פלעגט אונז שלעפערען, ווייל מיר פלעגען קומען מידע פון א טאָג אַרבייט, אָבער קומען פלעגען מיר צו דער מינוט, פונקט ווי א פרומער איד, א פראָסטאַק, קומט צוגעהן פאַרטאָג אין שוהל דאַוונען. ער פאַרשטעהט ניט וואָס ער דאַוונט, דאָך איז ער איבערגעגעבען, פרום. אַזוי איז אויך געווען מיט אונז, נאָך גאָר יונגע קינדער, ווען מיר פלעגען קומען אין „קרוזשאָק" (קרייז).

צווישען אונז איז געווען איינע א שניידערקע. א קינד פון זעהר אָרימע עלטערען. זי איז ביי איהר מאַמע'ן דער ליבלינג געווען. די מאַמע האָט אָפּגעשפּאָרט פון דאָס לעצטע, און האָט ערצויגען איהר טאָכטער, וועלכע זי האָט באַטראַכט פאַר א זעהר ליב, קלוג און געראָטען קינד. זי איז געווען א סך מעהר אינטעליגענט פון אונז אַלעמען. זי האָט געהאַט געענדיגט א „רעמעסליענע אוטשילישטשע" (א טרייד סקול). זי איז טיילוויז געווען אַן ארויסהעלפערין אין דעם קרייז, וואָס דער אינטעליגענט האָט געפיהרט. אָבער זי איז נאָך אַליין געווען גאָר א קינד.

אין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגען האָט זי זיך זעהר ווייניג פונאַנדערגעקליבען, דערפאַר האָט זי א סך געלייענט פון דער רוסישער בעלעטריסטישער ליטעראַטור. זי האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט ארויסגעשטעלט מיט איהר אינטעליגענץ. זי איז אַלעמאָל געווען באַשיידען. מיר האָבען אַלע געפיהלט, אז זי שטעהט א סך העכער

פון אונז און מיר האָבען זי געליבט און געפיהלט צו איהר גרויס דרך־ארץ.

* * *

איינמאָל האָט זי אונז פאָרגעשלאָגען, אַז מיר זאָלען אייניגע מאָל אַ וואָך צוזאַמען לייענען בעלעטריסטיק, ווייל דאָס וועט אונז זיין לייכטער צו פאַרשטעהן, און מיר וועלען פון דעם אויך בעסער אַנטוויקעלט ווערען. מיר האָבען איהר פאָרשלאָג אָנגענומען, און אַ לאַנגע צייט איז זי געווען אונזער פאָרלייענעריין און ערקלערעריין פון טורגעניעוו, גאָרקי און נאָך אַנדערע שרייבער, וועמעס ווערק האָבען געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג פאַר דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און פאַר דער אידישער רעוואָלוציאָנערער יוגענד.

שפּעטער, ווען די באַוועגונג האָט זיך גענומען פונאַנדערשפּרייטען און האָט אָנגעהויבען אָננעהמען אַ מאַסען־כאַראַקטער, און דער „בונד" האָט אָנגעהויבען אָפּשאַפען די אויפקלערונגס־קרייזען, האָבען מיר געמאַכט אַן „אָפּאָזיציע". מיר האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען דעם נייעם שטראָם פון ברייטען פּאָליטישען און עקאָנאָמישען קאַמף. מיר האָבען ניט געוואָלט אָוועקגעהן פון אונזער קרייזעל. און אַזוי זיינען מיר געבליבען. אַלס אַן „אָפּאָזיציע", האָבען מיר דעמאָלט קריטיקירט אַלעס, וואָס דער „בונד" האָט אונטערגענומען. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען, ביז וואַנען דער „בונד" איז ארויס פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אונזער אָפּאָזיציע האָט געדאַרפט באַשליסען מיט וועמען צו בלייבען. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַ פופציג מענשען האָט מען מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען באַשלאָסען צו גרינדען דעם „סעווערא־זאַפּאַדני קאָמיטעט" פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און ארויסטרעטען פון „בונד".

ווען דער באַשלוס איז דורכגעגאַנגען מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט, האָט זיך ראָזע (מיר וועלען זי דאָ אַזוי רופען) שטיל און באַשיידען געמאָלדען צום וואָרט. איהרע טיפע, בלויע אויגען זיינען געווען אַביסעל דערשראָקען, איהר פּנים איז געווען בלאַס. זי האָט ערקלערט, אַז אַזוי ווי די היינטיגע פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסען זיך אָפּצורייסען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט אַזוי פיל ליכט און האָפנונג אריינגעבראַכט אין די פאַרוואָרפענע פינסטערע ווינקעלאַך פון דעם אידישען אַרבייטער־לעבען, קען זי מעהר מיט דער גרופּע ניט בלייבען. זי ציהט זיך דערפאַר צוריק און טרעט אריין אין „בונד".

דריי פון אונז זיינען צוזאַמען מיט איהר אַוועק פון דער פאַר־זאַמלונג, און שטענדיג זיינען מיר איהר געווען דאַנקבאַר פאַר איהר ענטשיידענעם שריט, וואָס האָט פאַר אונז באַשלאָסען מיט וועמען צו געהן. פון יענער צייט אָן זיינען מיר געבליבען זעהר נאָהענטע פריינט. אונז האָט זיך קיינמאָל ניט געגלויבט אַז דאָס לעבען וועט אונז צושיידען. אין אַלע פאַראַנטוואָרטליכע און געפעהרליכע אַר־בייטען, וואָס דער „בונד" האָט אויף אונז אַרויפגעלייגט, האָב איך ראָזע'ן אַלצדינג פאַרטרויט. זי האָט אַלעמאָל געוואוסט וואוהין איך געה.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסען אַן אָווענט פאַר אַ דעמאָנ־סטראַציע, ווען מיר און נאָך אַ פּאָר איז געגעבען געוואָרען די ריזי־קאַלישסטע אַרבייט, וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט לעבענס־געפאַהר. ווען איך האָב איהר וועגען דעם דערצעהלט, איז זי זעהר אומעטיג געוואָרען. איהר פּנים איז ערנסט געוואָרען, ער האָט אויס־געדריקט דעם אינערליכען קאַמף וואָס זי האָט מיט זיך געפיהרט, וואָס זאָל זי מיר זאָגען וועגען דעם וואָס מאָרגען קאָן פּאַסירען. די שטילקייט האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. זי האָט גענומען מיין האַנט און האָט געזאָגט: וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען, אויב דו ביזט פאַר דער מיסיע באַשטימט געוואָרען דאַרפסטו איהר העלדיש דורכ־פיהרען. ווען איך האָב זיך מיט איהר געזעגענט, האָבען מיר ביידע געפיהלט, אַז אפשר וועלען מיר זיך שוין קיינמאָל מעהר ניט זעהן. אָבער זי האָט מיט איהר בראַווער האַלטונג, מיט איהרע ערמוטי־גונגס־ווערטער אַוועקגענומען ביי מיר יעדען געפיהל פון מורא. דאָס זעלבע פלעגט פאָרקומען יעדעס מאָל, ווען מיר פלעגען געהן אויף ערנסטע און פאַראַנטוואָרטליכע אַרבייטען. מיר זיינען נאָך דאַמאָלס געווען קינדער. איך האָב זי פאַרגעטערט, זי איז פאַר מיר געווען אַ הייליגע.

* * *

אָט איז געקומען די רעוואָלוציע פון 1905. יעדער איינער פון אונז האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין דעם ברויזענדען ים פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דערנאָך זיינען געקומען די טעג, ווען די רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבען געהן באַרג־אַראָפּ. פאַר מיר איז אין יענער שטאָט געוואָרען צו געפעהרליך צו בלייבען, און דער „בונד" האָט מיך אַוועקגעשיקט פאָרטצוזעצען די אַרבייט אין פּוי־לען. איך האָב זיך די גאַנצע צייט דורכגעשריבען מיט ראָזע'ן. באַלד

בין איך ארעסטירט געוואָרען. אויף מיין קווארטיר האָט מען געפונען בונדישע ליטעראַטור און געוועהר. איך בין אָפּגעריסען געוואָרען פון דער גאַנצער וועלט, אויסער מיט מיינע עלטערען און מיט ראָזע'ן האָב איך זיך כמעט מיט קיינעם ניט דורכגעשריבען. די גרוסען פון דער פריי פלעגען מיר באַקומען נאָר פון די נייע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע פלעגען יעדען טאָג געבראַכט ווערען אין טורמע. אַזוי זיינען געגאַנגען די יאָהרען. איך בין שוין אין טורמע געווען אַן אַלטער תושב. די טורמע איז געווען אין אַ פּראָווינציעלער שטאָט אין פּוילען, וואו די באַוועגונג איז געווען זעהר אַ שוואַכע. מיט רוסלאַנד איז די שטאָט געווען וויניג פאַרבונדען. די מענשען, וועלכע מען פלעגט ברענגען אין טורמע, פלעגען אַליין ניט וויסען גענוי, וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד. מען פלעגט זיי זעהר שנעל באַפרייען, אָדער אַרויסשיקען קיין סיביר אָדער אויסער די גרענעצען פון פּוילען. קיינער איז צו מיר ניט געקומען מיך זעהן, און איך האָב אָנגעהויבען פיהלען, אַז די טורמע איז מיין שטענדיגע היים.

איינמאָל אין אַ זומער־טאָג, ווען איך האָב שפּאַצירט אויפ'ן הויף, האָט מיר דער וועכטער אָנגעזאָגט, אַז אימיצער איז צו מיר געקומען אויף „סווידאַניע" (זעהן זיך), און איך זאָל געהן אין קאַנטאָר. ווען איך בין אריין אין קאַנטאָר, האָב איך דאָרטען דערזעהן ראָזע'ן, זי איז געקומען פאַר מיר אונערוואַרטעט.

איהר פּנים האָט אויסגעזעהן בלאַס, מיד. איהרע טיפע קלוגע אויגען זיינען האַלב אויסגעלאָשען געווען, זי האָט זיך אַזוי געענדערט אַז איך האָב געמיינט אַז זי איז קראַנק. זי האָט מיר דערקלערט, אַז די באַוועגונג איז שרעקלאַך אָפּגעשוואַכט געוואָרען. די רעאַקציע האָט אין אונזערע רייהען אָנגעמאַכט אַ חורבן, און די ניט ערפאָלגרייכע רעוואָלוציע פון יאָהר 1905 האָט געבראַכט אַ גרויסע אַנטוישונג. זי איז אויך איינע פון יענע אַנטוישטע, זי איז איינע פון די וויניג־פאַרבליבענע אויף דער זינקענדיגער שיף. זי ווייס איצט ניט, וואָס פאַר אַ וועג אין לעבען זי וועט זיך אויסקלייבען, אָבער זי פיהלט, אַז זי האָט פאַרלוירען דעם אַמאָליגען כח און גלויבען, וואָס האָט זי מיט דער באַוועגונג אַזוי צוזאַמענגעשמידט. אין דעם איצטיגען קריטישען מאָמענט פון איהר לעבען האָט זי באַשלאָסען צו קומען צו מיר אין טורמע און אפשר צום לעצטען מאָל זיך זעהן מיט מיר און זאָגען מיר אַ „זיי־געזונט".

איך, דער אַרעסטאַנט, אויף וועמען עס האָט געוואַרט דער ווײַ־טער וועג פון סיביר, האָב זי איצט גענומען טרייסטען. איך האָב איהר געוואָלט בעטען, אַז זי זאָל צוליב מיר די זינקענדע שיף ניט איבערלאָזען, זי זאָל העלפען מיר טראָגען דעם שווערען יאָך, וואָס אונזער אַלעמענס אַרבייט, אונזער אידעאַל האָט אויף מיר אַרויפ־געלייגט. איך האָב אין איהר געוואָלט אויפוועקען איהר אַמאָליגען גלויבען. אָבער איך האָב געפיהלט, אַז איך בין צו שוואַך דערפאַר. מיר האָבען זיך געזעגענט. איך האָב זיך מיט ראָזע'ן קיינמאָל מעהר ניט דורכגעשריבען. פון צייט צו צייט פלעגען זיך צו מיר דערטראָגען פאַרשידענע קלאַנגען וועגען איהר, אַז זי האָט זיך אַריינגעצויגען אין אַן אַנדער לעבען פון פערזענליכען גליק. זי האָט אפשר געוואָלט אָניאָגען די יאָהרען פון איהר יוגענט, וואָס זי האָט דורכגעלאָזען, ווען זי האָט זיך פאַרנומען נאָר מיט באַוועגונגס־אַרבייט.

* * *

איינמאָל, אין אירקוטסקער טורמע, האָב איך פון איהר דער־האַלטען אַ פּאָסט־קאַרטעל, דעם אינהאַלט פון וועלכען איך געדענק נאָך איצט: „איך שיק דיר מיין הארציגען גרוס און בין שטאָלץ, וואָס דו האָסט כח אין די שווערסטע טעג פון רוסלאַנד אָנצוהאַלטען דיין גלויבען און רוהיג אַריבערטראָגען די שטראָף. איך בין געוואָרען שוואַך, און בין אַוועק אין אַן אַנדער לעבען. מיין לעבען וועט פאַר דיר איצט ניט זיין אינטערעסאַנט, און דערפאַר שרייב איך דיר ניט מיין אַדרעס פאַר אַן ענטפער. דער צוועק פון מיינע איצטיגע פאָר ווערטער איז ניט צו שאַפען פאַרבינדונגען, זיך דורכצושרייבען מיט דיר, נאָר דאָס זיינען מעהר ניט אַ פאָר ווערטער פון באַגריסונג. איך וויל דיר מיט דעם לייכטער מאַכען אַריבערצוטראָגען דיין שווע־רע שטראָף אויב דו נויטיגסט זיך אין דעם.“ אין די גרויע טעג פון טורמע־לעבען איז דאָס קאַרטעל פאַר מיר געווען אַ גרויסע טרייסט, אַ גרויסע דערמוטיגונג.

אין אַ צייט אַרום האָב איך דערהאַלטען פון אירקוטסקער גו־בערנאַטאָר צעהן רובעל. איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס דאָס איז פאַר אַ געלט. דער גובערנאַטאָר האָט מיר אויף מיין אָנפראַגע גע־ענטפערט, אַז דאָס קומט פון איינער ראָזע'ן פון אַ שטאָט אין אוקראַינע. זי האָט ניט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ טורמע איך גע־פין זיך, האָט זי דאָס געלט געשיקט דורכ'ן גובערנאַטאָר.

אַזוי זיינען די יאָהרען געגאַנגען. איך האָב זיך מיט איהר מעהר

קיינמאָל ניט באַגעגענט. אונזער לעצטע באַגעגעניש איז געווען אין טורמע מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק.

ווען איך בין איצט געפאָהרען קיין רוסלאַנד, האָב איך שטענדיג געטראַכט, צי וועל איך זיך ערגעץ טרעפען מיט ראָזע'ן, צי וועל איך זיין אין דער שטאָט וואו זי געפינט זיך, און אויב יאָ, ווי אַזוי וועל איך זי באַגעגענען.

* * *

צופעליג איז מיר אויף מיין רייזע אין רוסלאַנד טאַקע אויסגעקומען צו באַזוכען די שטאָט, אין וועלכער זי געפינט זיך. מיר איז ניט געווען שווער זי אָפּצוזוכען. איך בין אוועק צו איהר. אויפ'ן הויף האָט מיר די דזשעניטאָרין אָנגערופען דעם נומער. איך בין געגאַנגען אויפ'ן פערטען שטאָק, ניט געפונען און געגאַנגען צוריק. און דאָ האָב איך אויפ'ן צווייטען שטאָק דערזעהן ווי אַ פרוי איז צוגעגאַנגען צו אַ טיר, האָט אַראָפּגעלאָזען אַ קאָשיק און גענומען שליסען די טיר. איך האָב גלייך דערקענט ראָזע'ן. זי האָט מיך דערזעהן און האָט אויסגעשריען, „נחום"! אין דעם מאָמענט האָט איהר שטימע געקלונגען, ווי אַן אָפּקלאַנג פון אַ צובראָכענער כלי. זי האָט אַרויסגעלאָזען דעם שליסעל פון האַנט. מיר זיינען ביידע געבליבען שטעהן ווי פאַרגליווערטע. מיר זיינען אריין אין צימער. זי איז געווען שרעקלאַך אויסגעמאַטערט, זי איז נאָר וואָס געקומען פון „אָטשערעד", האָט איינגעהאַנדעלט אַ פערטעל פונט פוטער, אַ פאָר פונט קאַרטאָפעל. אַ מידע איז זי אַהיים געקומען, און דאָ אַזאַ באַגעגעניש! די באַגעגעניש האָט זי נאָך מידער געמאַכט.

זי איז איצט פאַרהייראַט. באַלד איז געקומען פון דער אַרבייט איהר מאַן.

זייער וואוינונג איז באַשטאַנען פון אַ קליינעם צימער, וואָס דינט זיי פאַר אַן עס־צימער, שלאָפצימער און קיך. אָבער אין דער ענגשאַפט האָבען זיך געפיהלט די הענט און דער פיינער געשמאַק פון אַ פרוי, וואָס קען אַלצדינג אַזוי גוט איינאָרדנען, אַז עס זאָל זיך ניט מערקען קיין דלות און אָפּגעלאָזענקייט. אויף אַ קליין טישעל ליגען צייטונגען און ביכער. איך האָב גענומען דורכקוקען די ביכער, כדי אויסצוגעפינען פון דעם די פּאָליטישע שטימונג פון די צוויי מענשען אין צימער. אויסער דער נייער רוסישער בעלעטריסטישער ליטעראַטור, האָב איך אויפ'ן טישעל געזעהן ביכער פון לענינ'ען און אנדערע אָנגעזעהענע קאָמוניסטען. איך בין געווען

זיכער, אַזביידע זיינען קאָמוניסטען, אָדער שטאַרק קאָמוניסטיש געשטימט. איך האָב זעהר פאָרזיכטיג גענומען מיט זיי רעדען, און זיי ערקלערט פאַראויס, אַז איך בין ניט קיין קאָמוניסט.

מיין אַלטע באַקאַנטע האָט מיך באַלד בארוהיגט. „מיר זיינען אויך ניט קיין קאָמוניסטען,“ האָט זי מיר ערקלערט. „אין אָנהויב פון דער קאָמוניסטישער איבערקעהרעניש זיינען מיר יאָ געווען קאָמוניסטיש געשטימט. איך וויים ניט פאַרוואָס,“ האָט זי געזאָגט, „אָבער מיר און טויזענטער אַנדערע האָבען געגלויבט, אַז די שטאַרקע קאָמוניסטישע האַנט וועט ברענגען אָרדנונג אין'ם לאַנד, וואָס איז חרוב געוואָרען צוליב דער רעוואָלוציע. שפּעטער זיינען מיר געוואָרען געגנער פון די קאָמוניסטען. מיר האָבען דערזעהן, אַז כאָטש פּאָליציייאיש האָבען די באָלשעוויקעס טאַקע געבראַכט אָרדנונג, האָט מען אָבער פאַר דעם באַצאָהלט אַ צו הויכען פּרייז פון מענשליכע לעבענס. און עקאָנאָמיש וואַקסט ניט אונזער לאַנד, נאָר דער חורבן ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. עס זיינען ניטאָ קיין וואוינונגען, עס איז ניטאָ וואו צו ארבייטען, עס איז ניטאָ וואָס צו קויפען, און צו דעם קומט נאָך צו די שרעקליכע מורא ארויסצוזאָגען אַ געדאַנק, אַ וואָרט פון אומצופרידענהייט, פון קריטיק.

„און איצט“, האָט ראָזע ווייטער גערעדט, „וויסען מיר אַליין ניט וואו מיר זיינען. דאָס איינציגע, וואָס איך קאָן זאָגען באַשטימט, איז, אַז מיר זיינען מיד, און אונזער מידקייט האָט אונז פאַרוואַנדעלט אין טעמפּע מענשען, אויף וועמען עס ווירקט שוין גאָרניט און מען שלעפּט דאָס לעבען אַזוי ווי עס געהט. די רעגירונג איז פּאָליציייאיש צו שטאַרק. דער שפּיאָנאַזש איז גרויס. יעדער איינציגער מענש ביי אונז איז גרייט צו ווערען אַ שפּיאָן, צו מסר'ן אַ פריינט און אַ שכן, אפשר וועט ער דורכדעם קענען קריגען אַ פּלאַץ וואו צו ארבייטען, אָדער ער וועט דורך דעם נושא־חן זיין אין די אויגען פון „נאַטשאַלסטווע“, פון דעם קאָמיסאַר.

„אמאָל איז אַ חבר געווען אַ חבר. מען האָט זיך געקאָנט איינלעבען מיט שכנים, מען איז געווען זיכער מיט דעם קרייז פון נאָהענטע באַקאַנטע, מען האָט פאַר אַ נאָהענטען מענשען ניט גערארפט מורא האָבען. מען האָט קיינעם ניט פאַרדעכטיגט אַז ער איז ניט אָרענטליך אָדער אַ מסור, סיידען עס האָט זיך אַזוי ארויסגעוויזען. היינט אָבער האָבען מיר מורא פאַר יעדען איינעם. דער אָרענט־

ליכסטער, דער איבערגעבענסטער פריינט ווערט פארדעכטיגט, און מען האט פאר איהם מורא: אפשר, טאמער, ווער ווייס?"

* * *

„אונזער איינציגע פערזענליכע טרייסט — האט זי ערקלערט — איז דאס בוך. מיר לייענען. עס איז דא א נייע ליטעראטור. אמת, זי איז ניט אזוי אינטערעסאנט ווי די אמאליגע. זי איז קאָמוניסטיש געפארבט, טענדענציעז. אבער מיר לייענען זי. און הויפּטזעכליך לייענען מיר איבערזעצונגען פון דער אייראפעאישער און אמעריקאנער ליטעראטור. איבערזעצונגען זיינען איצט דא ביי אונז זעהר א סך. אמאל האבען מיר געהאט אן אייגענע אלזייטיגע, רייכע ליטעראטור, און מיר האבען זיך געקאנט באגעהן אהן איבערזעצונגען. היינט איז די אייגענע רוסישע ליטעראטור א שוואכע, דערפאר האבען מיר אזא מאסע איבערזעצונגען."

מיט דעם גרעסטען אינטערעס האב איך אויסגעהערט די רייד פון א אידישער ארבייטער־פרוי, וועלכע האט פאר די לעצטע פינף און צוואנציג יאהר באוואוסטזיניג דורכגעמאכט אלע פעריאדען פון דעם פארפלאנטערטען רוסישען לעבען, א לעבען, וואס איז אפטמאל פול מיט אומגעהויערער באגייסטערונג און צייטענווייז אויך מיט דעם שטארקסטען פעסימיזם, מיט דער טיפסטער פארצווייפלונג.

* * *

זיי האבען זיך געגומען פונאנדערפרעגען וועגען מיין לעבען, וועגען דעם אלגעמיינעם לעבען אין אייראפע און אמעריקע. איך האב זיי דערצעהלט וועגען דעם אינטערנאציאנאלען סאציאליסטישען קאנגרעס, וואס איז ניט לאנג צוריק אפגעהאלטען געווארען אין בריסעל, וועגען דעם לאדזער סטרייק, וועגען דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקע. זיי האבען מיט נייגעריגע אויגען געשלונגען יעדעןווארט, וואס איך האב ארויסגעבראכט. איך האב זיי דערצעהלט וועגען דער ראלע פון דעם „בונד" אין פוילען. ווען איך האב געענדיגט, רופט זי זיך אן מיט א שמייכעל: „וואס פאר אן אונטערשיד צווישען דעם, וואס דו דערצעהלסט, און דעם וואס אונזערע צייטונגען שרייבען! לייענענדיג אלע טאג אונזערע צייטונגען, דוכט זיך אונז, אז קיין סאציאליסטישע באוועגונגען אין אמעריקע און אין אייראפע זיינען כמעט ווי ניטא, און די באוועגונג, וואס איז יא דא, ווערט געפיהרט פון סאציאליסטישע פאר־

רעטער, וועלכע זיינען פארקויפט צו די קאפּיטאַליסטען, אַז אומע־טום איז די קאָמוניסטישע באַוועגונג די שטאַרקסטע, און זי פיהרט דאָס דעם קאַמף פון די אַרבייטער סיי אין אייראָפּע און סיי אין אַמעריקע. און מערקווירדיג, — זאָגט זי, — מיר ווייסען דאָך, אַז אונזערע צייטונגען שרייבען ניט דעם אמת, מיר ווייסען, אַז זיי טראַכטען אפילו אַליין אויס פּאַסירונגען, וועלכע זאָלען זיין גינסטיג פאַר זיי., אויב זיי זיינען ניטאָ. און פונדעסטוועגען לייענען מיר דאָ יעדען טאָג די צייטונגען, און מיר האָבען שוין אויפגעהערט צו צווייפלען און אָנגעהויבען צו גלויבען.“

* * *

מעהר פון אַלץ האָבען זיי זיך אינטערעסירט מיט דער ראָלע, וואָס די פאַרטריבענע רוסישע סאָציאַליסטען שפּילען אין דער אינ־טערנאציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך האָב זיי אַלץ דערצעהלט, און איך האָב געפיהלט, ווי דאנקבאַר זיי זיינען טיף אין הארצען פאַר דער אינפאָרמאַציע, וואָס איך האָב זיי געגעבען וועגען מענשען, וואָס זיינען זיי געווען אַזוי נאָהענט, וועגען אַ באַ־וועגונג, אין וועלכער זיי האָבען זיך אַמאָל אַזוי שטאַרק באַטייליגט, און וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרבונדען מיט זייער יוגענט.

זי זאָגט צו מיר: „איך ווייס ניט, צי איך וואָלט געקאָנט לע־בען אין אויסלאַנד. איך בין אַזוי צוגעוואַקסען מיט דעם רוסי־שען לעבען. אַמאָל, ווען איך האָב געהאַט אַ מעגליכקייט צו פאָהרען קיין אַמעריקע, ווי אַ סך פון מיינע באַקאַנטע האָבען געטאָן, האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב מורא געהאַט פאַר'ן צופּאַסען זיך צו אַ נייעם לאַנד, אַ נייער שפּראַך, צו אַ נייער און טיילווייז פרעמ־דער קולטור. איך ווייס, אַז מאַטעריעל וואָלט איך דאָרטען בעסער געלעבט, אָבער איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם גייסטיגען אומעט און פרעמדקייט, וועגען וואָס איך האָב אַזוי פיל געהערט פון מענ־שען, וועלכע זיינען געווען אין אויסלאַנד, און פון בריף פון אַ סך באַקאַנטע. ווי דאָס לעבען זאָל דאָ ניט זיין שווער, איז דאָס מיין לעבען. עס איז מיין לאַנד, עס איז מיין קולטור, עס איז מיין שפּראַך. יעדעס שטיינדעלע, יעדע גאַס, יעדער פּנים, — אַלץ איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט, אַזוי נאָהענט, אַזוי טייער, אַז איך האָב ביי זיך קיין מאָל ניט געקאָנט באַשליסען צו פאָהרען קיין אויסלאַנד דאָרטען צו פאַרבלייבען. איך וואָלט אָבער וועלען אויף אַ ווייַלע אַרויספאָהרען פון דעם לאַנד, אַ קוק טאָן ווי עס לעבען אַנדערע פעלקער. איך וואָלט

וועלען זיין אין דער גליקליכער לאגע, אין וועלכער דו ביזט, זיך דורכטראָגען דורך די לענדער פון אייראָפּע, א קוק טאָן אויף זייער לעבען, פאַרגלייכען עס מיט אונזערען, און דערנאָך פאָהרען צוריק.״

יענעם אָוועט זיינען מיר אין ערגעץ ניט געגאַנגען. עס איז געווען אַן אָוועט פאַר אונז, פאַר געשפּרעכען וועגען אַמאָל און היינט, וועגען אַלגעמיינע באַקאַנטע אין אַמעריקע און רוסלאַנד. איך בין אין דער שטאָט געשטאַנען פינף טעג. יעדען טאָג האָב איך זיך באַגעגענט מיט איהר און מיט איהר מאַן, יעדעס מאָל איז די באַ־געגעניש געווען אַן אַנגענעהמע, אַ האַרציגע. און האַרציג איז גע־ווען דאָס געזעגענען זיך, ווען איך בין אַוועקגעפאָהרען.

פּריש איז געבליבען ביי מיר דער טיפער איינדרוק פון די לאַנגע געשפּרעכען וועגען רוסלאַנד, וואָס איך האָב געפיהרט מיט ראָזע׳ן און מיט די מענשען, וואָס איך האָב ביי איהר אין הויז באַגעגענט. דאָס איז אַ הויז ניט פון אַנטי־קאָמוניסטען און ניט פון קאָמוניס־טען, אָבער פון געוועזענע רוסישע רעוואָלוציאָנערען. און ריכטיג האָט זי באַצייכענט די איצטיגע צייט פון די עלף יאָהר פון זייער לעבען אין קאָמוניסטישען רוסלאַנד, אַז דאָס איז אַ לעבען פון פּאָ־ליטישער אָפּגעלאָזענקייט, אַ לעבען פון מידקייט און געזעלשאַפט־ליכער טעמפּקייט.

אויפ׳ן וועג צום גרענעץ

לעגין און יעזוס קריסטוס. — דער טעכניקער, וואָס ווערט פאַרפאָלגט, ווייל זיין טאַטע איז אַן אַלטער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער. — מען נעמט מיך אָן פאַר אַ שפּיאָן.

ארויספאָהרענדיג צוריק פון רוסלאַנד, האָב איך ניט געהאַט קיין נעהנטערען וועג דורכצוגעהן דעם גרענעץ, ווי דורך שעפּע־טאָווקע. אויפ׳ן שנעל־צוג, וואָס געהט פון קיעוו קיין שעפּעטאָווקע, האָב איך געדאַרפט וואַרטען דריי טעג. די רייזע מיט׳ן שנעל־צוג נעמט אַכט שטונדען, אָבער איך האָב שוין מעהר ניט געקאָנט וואַר־טען, ווייל דער טערמין פון מיין וויזע איז אויסגעגאַנגען. איך האָב דאַריבער געמוזט פאָהרען מיט אַ צוג, וואָס שלעפּט זיך אַרום צוואַנ־ציג שטונדען און שטעלט זיך אָפּ אויף יעדער קליינער סטאַנציע. דער צוג איז געווען מעהר פאַר פראַכט, איידער פאַר פּאַסאַזשירען, פאַר וועלכע עס זיינען אין צוג געווען נאָר דריי וואַגאָנען. דער צוג האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען אויף יעדער סטאַנציע, כדי אָנצולאָדען פראַכט. קיין שלאָף־וואַגאָן האָט דער צוג ניט פאַרמאָגט, און איך האָב געמוזט אָפּשלאָפען די גאַנצע נאַכט זיצענדיג.

ווען איך בין אריין אין וואַגאָן, זיינען מיט מיר צוזאַמען אריין אַ פּאָר פּויערטעס מיט גרויסע קאָשיקעס. וואַהרשיינלאַך האָבען זיי געפיהרט קיין קיעוו דאָרף־פּראָדוקטען צו פאַרקויפען. און איצט זיינען זיי דאָס געפאָהרען צוריק אַהיים. איך האָב זיך אוועק־געזעצט דערביי אויף אַן איינצעלנעם פּלאַץ לעבען פענסטער. ניט וויים פון זיי איז געזעסען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט אַן אינטעליגענטען פּנים און אַ שעהנער שוואַרצער באָרד. אָנגע־טאָן איז ער געווען אין אַ שוואַרץ העמדעל מיט אַ „סטרעפּ“ און האָט געטראָגען אַ פּאָר לאַנגע שטיוועל. זיין גאַנצער אויסזעהן איז געווען פון אַן אינטעליגענט, אַ קאָמיסאַר.

די פּויערטעס האָבען אָנגעהויבען צו רעדען צווישען זיך וועגען קיעוו, ווי די פּאָליציאַנטען האָבען זיי ארומגעטריבען פון איין פּלאַץ אויפ׳ן צווייטען, ווען זיי זיינען געשטאַנען אין גאַס און האָבען פאַר־

קויפט זייערע ארטיקלען. דער טאָן פון זייער געשפּרעך איז געווען א בייזער. איינע פון די פּויערטעס האָט דעם גאַנצען געשפּרעך ארויפגעפיהרט אויף פּאָליטיק. זי האָט ערקלערט, אז ווען לעניןוואָלט געלעבט, וואָלט איצט אַ סך בעסער געווען. די פּאָליציאַנטעןוואָלטען זיי בעסער באהאַנדעלט. זי האָט גערעדט וועגען לענינ׳עןזעהר הויך און ווארים.

די איבעריגע פּויערטעס האָבען מיט איהר ניט איינגעשטימט. זיי האָבען געהאַלטען אין איין טענה׳ן, אז לענין איז אויך ניט געווען קיין הייליגער, און ער איז ניט געווען בעסער פון די אַנדערע. פאר מיר איז דער שמועס געווען זעהר אינטערעסאַנט, און איך האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. דורך אַזעלכע שמועסען קאָן מען אַלעמאָל אויסגעפינען די אמת׳ע שטימונג פון רוסישען פאָלק. דער יונגערמאַן האָט זיך אויך צוגעהערט צו די פּויערטעס. דערנאָך האָט ער זיך אריינגעמישט אין דעם שמועס און האָט גענומען מיט די פּויערטעס דיסקוטירען.

ער האָט זיי ערקלערט, אז לענין איז אַזוי הייליג ווי קריסטוס. קריסטוס איז געווען גאָטס קינד, און לענין איז דאָס זעלבע. די איצטיגע קאָמיסארען זיינען זיינע אַפּאָסטאָלען (תּלמידים, וואָס פארשפּרייטען זיין לעהרע), וועלכע פיהרען אין רוסלאַנד דורך גאָטס געבאָט, אז מענשען זאָלען לעבען גליקליך, אז עס זאָלען ניט זיין קיין אָרימע און קיין רייכע. ווען ער האָט דאָס געזאָגט, זיינען צוויי פון די דריי פּויערטעס אַנשוויגען געוואָרען, אָבער די, וועלכע האָט פריהער אַזוי ווארעם גערעדט וועגען לענינ׳ן, האָט ניט געוואָלט איינשטימען, אז לענין איז גאָטס זוהן. קריסטוס איז געווען דאָס קינד פון דער הייליגער מאריא, אין דער צייט ווען לענין איז געווען אַ קינד פון איינפאַכע, ניט קיין הייליגע טאַטע־מאַמע. זיינע עלטערן זיינען געווען ווי אַלע מענשען, און דערפאַר גלויבט זי ניט, אז לענין איז גאָטס קינד.

פרעגט ביי איהר דער יונגערמאַן: „איז ניט אמת, אז קריסטוס איז געווען פאר די אָרימע און האָט געהאַסט די רייכע? איז ניט אמת, אז די רייכע האָבען פארטריבען קריסטוס׳ן פון לאַנד? איז ניט אמת, אז זיי האָבען איהם דעם גאַנצען לעבען פארפאָלגט, און ווען זיי האָבען מיט איהם גאָרניט געקאָנט מאַכען, האָבען זיי איהם געטויט? דיזעלבע זאַך איז אויך מיט לענינ׳ען. לענין האָט פארטיידיגט די אָרימע, די רייכע האָבען איהם פארטריבען פון

זיין לאַנד, און שפּעטער האָבען זיי אָנגעשיקט אויף איהם די אידי־שע מיידעל, וועלכע האָט אויף איהם געשאָסען, און פון דעם איז ער געשטאָרבען".

ווען ער איז אַזוי געזעסען און גערעדט צו זיי, האָבען זיי אַלע אויסגעצויגען די העלזער און מיט אָפענע מיילער האָבען זיי איהם זעהר אויפמערקזאַם געהערט. ווען ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט איינע פון די פּויערטעס אַ זאָג געטאָן מיט אַ זעהר זיכערען טאָן, ווענדענדיג זיך צום יונגענמאַן: „דו רעדסט זעהר שעהן, אָבער לענין איז גאָטס קינד ניט געווען, און די קאָמיסאַרען זיינען ניט קיין אַפּאָסטאָלען. קריסטוס און די אַפּאָסטאָלען האָבען אַזוינע אָרימע מענשען, ווי מיר זיינען, ניט געטריבען פון די גאַסען, ווען זיי האָבען עפּעס געוואָלט פאַרקויפען. קריסטוס האָט קיין פּאָלי־ציאַנטען ניט געהאַט. ער איז געווען אַ הייליגער, האָט מענשען נאָר גוטעס געטאָן, האָט פאַר מענשען גאָט געבעטען, אָבער לענין און די קאָמיסאַרען זיינען אַנדערש".

איך האָב זיך צוגעהערט צום מאָדנעם שמועס און האָב ביי זיך געטראַכט: „ווי מאָדנע עס זיינען די מיטלען, ווי קאָמוניזם ווערט געפּריידיגט אין רוסלאַנד".

עס איז שוין פינסטער געוואָרען. איןביידע עקען פון וואַגאָן האָט מען שוין אָנגעצונדען די סטערינאָווע ליכטלאַך, וואָס ברענען גאַנץ טונקעל. זיצענדיג אויף אייער אָרט, קאָנט איהר אפילו אין אַ צייטונג ניט אריינקוקען. אין צווייטען עק וואַגאָן איז געזעסען אַ יונגערמאַן אין אַ יוניפאָרם־היטעל פון אַ טעכניקער. איך בין צוגעגאַנגען אין יענעם ווינקעל און האָב זיך אַוועקגעזעצט. די קליידער אויפ'ן טעכניקער זיינען געווען צוריסען, זיין פּנים איז געווען אויסגעמאַטערט, בלאַס. מיר האָבען זיך איבערגעקוקט איינער מיט'ן צווייטען, און איך האָב איהם געפרעגט וואוהין ער פאָהרט. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער פאָהרט אין דער שטאָט שעפּעט־טאָווקע. ער איז אַהין געשיקט געוואָרען פון דער רעגירונג אויף אַ פאַבריק אַלס טעכניקער. ער האָט מיך אויך געפרעגט פון וואַנען איך קום און וואוהין איך פאָהר. איך האָב איהם דערצעהלט.

די גאַנצע צייט אין וואַגאָן האָבען מיר זעהר פריינדליך גע־שמועסט, אָבער וואַרשיינליך איז ביי אונז ביידען ניט געווען קיין צו־גרויסער חשק צו רעדען וועגען פּאָליטיק און וועגען רוסלאַנד. מיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט אונטערפיהרען אַ

סך־הכל פון אלץ, וואָס איך האָב אין רוסלאַנד געזעהן. אויף יעדער סטאַנציע זיינען מיר צוזאַמען אַרונטער, אַרומגעשפּאַצירט אויפ׳ן וואָקזאַל, ביז וואַנען מען האָט אָנגעלאָדען די באַהן מיט סחורה, און מיר זיינען ווייטער געפאָהרען.

ענדליך זיינען מיר פאַרמאַטערטע אָנגעקומען צו דער סטאַנציע שעפּעטאָווקע. ער האָט געדאַרפט וואַרטען אויף אַ צווייטען באַהן, וועלכע האָט איהם געדאַרפט אָוועקפיהרען אויף דער פאַבריק, וואָס געפינט זיך אַ צוואַנציג מייל פון דעם שטעטעל. איך האָב געדאַרפט וואַרטען אַ פּאָר שטונדען אויף מיין באַהן, וועלכע האָט מיך געדאַרפט אָפּפיהרען צו דער פּוילישער גרענעץ. די שטאָט שעפּעטאָווקע איז ניט ווייט פון וואָקזאַל. צייט האָבען מיר געהאַט גענוג, האָבען מירביידע באַשלאָסען צו געהן אין שטאָט.

אויפ׳ן וועג אין שטאָט, האָט ער מיך צום ערשטען מאָל געפרעגט, ווי מיר געפעלט רוסלאַנד. איך האָב איהם געענטפערט, אַז פאַר די דרייסיג טעג האָב איך אין רוסלאַנד געזעהן אי גוטע, אי שלעכטע זאַכען. דאַן האָט ער מיך געפרעגט, וואו די אַרבייטער לעבען בעסער, אין רוסלאַנד צי אין אַמעריקע? ווען ער האָט מיר געשטעלט די פראַגע, האָט ער באַמערקט אַ שמייכעל אויף מיין פּנים און האָט גלייך ביי מיר אַ פרעג געטאָן, וואָס איך לאַך. האָב איך איהם ערקלערט, אַז מיר וואונדערט, וואָס אַזאַ אינטעליגענטער מענש ווי ער, שטעלט מיר אַזאַ פראַגע. די אַרבייטער אין אַמעריקע לעבען דאָך אַזוי פיל בעסער, אַז עס קאָן גאָר קיין פאַרגלייך ניט זיין.

ווען איך האָב איהם דאָס געזאָגט, איז זיין פּנים געוואָרען ערנסטער און בלאַסער, און ער זאָגט מיר: „יאָ, איך שטעל זיך פאָר, אַז די אַרבייטער לעבען דאָרטען בעסער. אָבער אונזערע צייטונגען שרייבען אַלעמאָל אַזעלכע שרעקליכע זאַכען וועגען דעם לעבען פון די אַרבייטער אין אַמעריקע. כאָטש איך פערזענליך גלויב וויייניג די צייטונגען, דאָך קאָנען זיי אויך מיר איינרעדען, אַז ביי אייך אין אַמעריקע לעבט זיך שלעכט“.

„אונזער לעבען איז אַ שרעקליכער, — האָט ער ווייטער גערעדט. — אָט האָב איך געענדיגט אַ טעכנישע שולע. איך בין אַ גוטער פאַכמאַן, און מען שיקט מיך אַרום פון איין פאַבריק אויף דער צווייטער. איך בין ניט קיין „פּאַרטייאישער“ (געהער ניט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. קיין אַנדער פּאַרטיי איז אין רוסלאַנד ניט ערלויבט) און איך קאָן ניט געהן אין שפּאַן פון דער מאַשין.

דערפאַר קאָן איך אויף קיין פאַבריק זיך ניט איינהאַלטען. קומט מיר טאַקע אויס צו הונגערען. זעהט, — זאָגט ער צו מיר, — ווי איך געה אַרום ווי אַ בעטלער! איך ווער איצט פאַרשיקט אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף, וואו עס שטעהט אַ פאַבריק, און ווער ווייסט ווי לאַנג איך וועל דאָרטען זיין?

„ביז איצט האָב איך געאַרבייט אויף אַ קיעווער פאַבריק. פון מיין אַרבייט איז מען געווען צופרידען, אָבער מיט דער קאָמוניס־טישער „יאַטשייקע" (גרופּע) אויף דער פאַבריק האָב איך זיך ניט געקאָנט איינלעבען, האָט מען מיך אַוועקגעשיקט. איך בין אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען ליידיג, און איצט פאַרשיקט מען מיך אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף. ביי אונז אין לאַנד רעכענט מען זיך אַזוי ווייניג מיט דעם מענשענס פעהיגקייט, מיט זיין אַרבייט. ביי אונז רעכענט מען זיך נאָר מיט דעם, צי ער איז אַ גוטער קאָמוניסט.

„מיין פאָטער, — זאָגט ער צו מיר, — האָט באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען". ער האָט געוואוינט אין אַ שטעטעל אין אוקראַינע. ער האָט זיך פון זיינע פּרינציפּען ניט געוואָלט אַנטזאָגען. פלעגען ביי אונז אין הויז די קאָמוניסטען שטענדיג מאַכען הויז־זוכונגען, ביז וואַנען מען האָט דעם טאַטען פאַרשיקט. ער געפינט זיך איצט אין סיביר. ער האָט אַריבער־גענומען אַהין זיין פאַמיליע, דער מאַמען און די איבעריגע קינדער, און מיך מאַטערט מען דאָ".

אַזוי האָבען מיר געשמועסט די גאַנצע צייט, וואָס מיר זיינען געגאַנגען אין שטעטעל און אויפ'ן וועג צוריק. ווען מיר זיינען גע־קומען צוריק, האָבען מיר נאָך געהאַט צייט אַ גאַנצע שטונדע. האָבען מיר אַרומגעשפּאַצירט אויף דער פּלאַטפאָרמע. דאָ איז צו אונז צוגעגאַנגען אַ „טשעקיסט" (אַ מיטגליד פון דער „גע־פּע־או", די געהיימע פּאָליציי). ער האָט אונז אָפּגעשטעלט און געפרעגט ביי איהם וואוהין ער פאָהרט. דער טעכניקער האָט איהם אָנגערופען דעם דאָרף. האָט איהם דער „טשעקיסט" געפרעגט, צי ער האָט אַ פּאַספּאָרט, און דער טעכניקער האָט איהם געענטפערט, אַז יאָ. דער „טשעקיסט" האָט ביי מיר געפרעגט דאָס זעלביגע. איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך פאָהר קיין אַמעריקע, אַז איך בין אַן אַמע־ריקאַנער בירגער און אַז מיין פּאַספּאָרט געפינט זיך ביי דער „גע־פּע־או" (פּאָליטישע פּאָליציי) אויף דער סטאַנציע, ווייל יעדער אויסלענדער מוז מעלדען זיין פּאַספּאָרט צו דער „גע־פּע־או" אויף

דער גרענעץ־סטאַנציע. און איך פרעג איהם אין שפּאַס, וואָרום ער פאַרלאַנגט מיין פּאַספּאָרט. איז דען מעגליך אַריבערצופאָהרען די רוסישע גרענעץ אָהן אַ פּאַספּאָרט?

דער „טשעקיסט" איז שטאַרק אין כעס געוואָרען און האָט אַ זאָג געטאָן מיט צאָרן: „איהר האָט ניט וואָס צו לאַכען פון מיר, איך ערפיל דאָ מיין רעגירונגס־פליכט און איך האָב אַ רעכט דאָס אייך צו פרעגען". איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך לאַך פון איהם ניט, נאָר איך פרעג דאָס גלאַט אַזוי. אָבער פאַר גרויס כעס אויף מיר האָט ער גלייך געהייסען דעם טעכניקער מיטגעהן מיט איהם אין „גע־פּע־או", און דער טעכניקער איז מיט איהם אַוועק.

ווען איך בין געבליבען אַליין, איז מיר אויפ'ן הארצען גע־וואָרען גאַנץ קאַלעמוטנע. איך האָב אָנגעהויבען צו טראַכטען: ווער וויים, אפשר איז דאָס געוועזן אַן אָנשטעל? אפשר איז דער טעכניקער געפאָהרען מיט מיר דעם גאַנצען וועג אַלס אַ פאַרשטעל־טער שפּיאָן און האָט געוואָלט אויסגעפינען מיינע מיינונגען, און איצט האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מען האָט איהם אַרעס־טירט, כדי ער זאָל אַלעס דערצעהלען וועגען מיר? צי אפשר איז גאָר פאַראַן אַ באַפעהל מיך צו אַרעסטירען אויפ'ן גרענעץ און מען האָט נאָך מיר געשפּיאָנירט, מיט וועמען איך געה אַרום, און דער טעכניקער, מיין צופעליגער באַקאַנטער, וועט פאַלען אַן אומשול־דיגער קרבן?

אַזוי בין איך געשטאַנען אַ צעהן מינוט צייט, קלערענדיג פאַר־וואָס מען האָט דעם טעכניקער אַוועקגעפיהרט אין „גע־פּע־או". אָבער אָט איז דער טעכניקער אַרויסגעקומען. ער געהט צו צו מיר און דערצעהלט, אַז מען האָט ביי איהם געפרעגט פון וואַנען ער קאָן זיך מיט מיר און ווער איך בין. מען האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף זיינע דאָקומענטען און מען האָט איהם אָפּגעלאָזען. ווען דער טעכ־ניקער האָט מיר דאָס דערצעהלט, איז די מורא פאַר אַן אַרעסט ביי מיר נאָך שטאַרקער געוואָרען. איך האָב אַלץ געטראַכט, וואָס עס האָט זיי אינטערעסירט וועך איך בין און וואוהין איך פאָהר און פון וואַנען ער האָט זיך מיט מיר באַקענט? איך בין דאָך ניט לאַנג אַליין געוועזן אין „גע־פּע־או", זיי איבערגעבען מיינע פּאַספּאָרטען, היינט צוליב וואָס האָבען זיי איהם געפרעגט?

ענדליך זיינען אָנגעקומען די גרענעץ־באַאַמטע, און אָט קוקען זיי שוין דורך די זאַכען. מען האָט איבערגעקוקט מיינע זאַכען און

מען האָט אַלץ איבערגעלאָזען, אויסער אייניגע פילמס פון אַ קאָדאַק־קאַמעראַ, וועלכע זיי האָבען צוגענומען.

ווען די גרענעץ־באַאַמטע האָבען איבערגעקוקט מיין באַגאַזש, האָבען זיי אַלע ביכער און פּאַפּירען, וועלכע איך האָב געהאַט מיט זיך, אָפּגעלייגט אָן אַ זייט. שפּעטער האָבען זיי צוגערופען דעם פּאַרטרעטער פון דער גרענעץ־צענזור און ער האָט יעדען בוך און יעדען בריף ביי מיר גענומען דורכקוקען. אויף קיין אַנדערע גרע־נעצען, אויסער די דאָזיגע רוסישע, האָב איך ניט געזעהן אַזאַ זאַך, ווי אַ גרענעץ־צענזור. די דאָזיגע גרענעץ־צענזור איז מיר אַזוי אריינגעקראָכען אין די ביינער, האָט מיך אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב זיך פּשוט מיט איהם גענומען קריגען און אפילו זידלען איהם. אָבער ער האָט זיך געטאָן דאָס זייניגע. דאָס איינציגע, וואָס ער האָט ביי מיר צוגענומען, זיינען געווען די ניט־פּראָדוצירטע פאָטאָ־גראַפיעס פון די רוסישע קאָלאָניעס אין דעם אָדעסער ראַיאָן, ארונ־טערגענומען מיט מיין אייגענער קאַמעראַ.

ווען די גרענעץ־באַאַמטע זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט מיינע זאַכען, האָב איך אַלץ איינגעפּאַקט און מיר זיינען אריין אין וואַגאָן. מיט מיר צוזאַמען זיינען אריין נאָך אַ פינף־זעקס מענשען. דער וואַגאָן איז געווען אַ פּוילישער, כאָטש עס זיינען נאָך אויף איהם געווען די גרענעץ־באַאַמטע פון רוסלאַנד. די רוסישע באַאַמטע פאָהרען מיט'ן וואַגאָן אַרום אַ האַלבען וועג און דערנאָך נעמט דאָס איבער די פּוילישע מאַכט. אין די פּוילישע וואַגאָנען זיינען דאָ באַזונדערע קעמערלאַך אפילו אין דריטען קלאַס. און איך מיט נאָך צוויי פאַמיליעס, אויך אַרויסגעפאָהרענע פון רוסלאַנד, זיינען אריין אין איין קעמערל. זייענדיג אויפגערעגט פון דעם „אָביסק" (ארומ־זוכונג) אויפ'ן גרענעץ, האָב איך זיך שטאַרק צורעדט מיט מיינע שכנים געגען די גרענעץ־פּאַראָנדקעס.

צוערשט האָבען אַלע געשוויגען, אָבער דערנאָך האָט אָנגע־הויבען צו דעבאַטירען מיט מיר אַן ארבייטער, אַ טשעכאָסלאָוואַק. ער האָט געוואוינט אין רוסלאַנד אַ לענגערע צייט, האָט חתונה געהאַט מיט אַ רוסישער פרוי, מיט וועלכער ער איז איצט צוזאַמען געפאָהרען צוריק אהיים. ער האָט פאַרטיידיגט די גרענעץ־באַאַמטע געגען מיינע באַשולדיגונגען. די דעבאַטע איז באַלד איבערגעגאַנגען אויף דער אַלגעמיינער לאַגע אין רוסלאַנד. איך האָב די לאַגע שטאַרק קריטיקירט און ער, פאַרקעהרט, האָט גענומען שטאַרק

פּאַרטיידיגען רוסלאַנד. אונזער דעבאַטע איז געוואָרען אַ גאַנץ וואַרימע.

אָבער באַלד האָב איך דערזעהן, אַז איך בלייב איינער אַליין אין קעמערל. אפילו דער מאַן, מיט וועלכען איך האָב דעבאַטירט, האָט זיך שנעל אַרויסגערוקט פון קעמערל און איז פאַרשוואונדען געוואָרען. אַזוי בין איך געזעסען אין קעמערל איינער אַליין, ביז וואַנען דער צוג איז איבערגענומען געוואָרען פון די פּוילישע גרע־נעץ־באַאַמטע. ווען די רוסישע מאַכט איז אַרונטער, איז אַריינגע־קומען דער מאַן, מיט וועלכען איך האָב דעבאַטירט אין מיין קעמערל.

ער איז פאַרוואונדערט געוואָרען, דערזעהענדיג מיך נאָך אַלץ אין באַהן. ער זאָגט צו מיר: „איצט וועט איהר אונז ענטשול־דיגען. ווען מיר האָבען דערהערט, אַז איהר רעדט אַזוי פראַנק און פריי געגען דער סאָוועט־רעגירונג, האָבען מיר אייך אָנגענומען פאַר אַ שפּיאָן, וואָס פאָהרט צוזאַמען מיט דער רוסישער מאַכט און שפּיאָנירט אויס די שטימונגען און מיינונגען פון די אימיגראַנטען, וועלכע מען האָט ערלויבט צו פאַרלאָזען רוסלאַנד. דעריבער האָבען מיר זיך אַלע אַרויסגערוקט פון אייער קעמערל“. אַזוי ווי ער האָט דאָס מיר געזאָגט, זיינען צוגעקומען אַלע איבעריגע און האָבען זיך אויך ענטשולדיגט, וואָס זיי האָבען מיך אָנגענומען פאַר אַ שפּיאָן. „אין רוסלאַנד“, זאָגען זיי צו מיר, „זיינען מיר אַזוי אָנגעשראָקען, מען האָט אַזוי מורא צו קריטיקירען די רעגירונג, אַז ווען מיר האָבען דערזעהן אַזאַ דרייסטקייט פון אייך, האָבען מיר זיך פאַר אייער דרייסטקייט דערשראָקען“.

דער אַרבייטער, וואָס האָט מיט מיר דעבאַטירט און פאַרטיי־דיגט סאָוועט־רוסלאַנד, זאָגט צו מיר: „איהר ווייסט, פאַרוואָס איך האָב רוסלאַנד פאַרטיידיגט? ווייל איך האָב געוואָלט זיין זיכער, אַז איך וועל קאָנען אַריבערגעהן די גרענעץ. אָבער איצט, אַז איך געפין זיך שוין אין אַן אַנדער לאַנד און האָב פאַר דער רוסישער מאַכט קיין מורא ניט, וויל איך אייך זאָגען, אַז דאָס, וואָס איהר האָט דערצעהלט און וואָס איהר האָט געזעהן, איז נאָר אַ קליינער טראָפּען אין דעם ים פון דער ביטערער ווירקליכקייט אין רוסלאַנד“.

זיין פרוי, וועלכע איז מיט איהם געפאָהרען אין אַ פרעמדען לאַנד, איז געבוירען געוואָרען אין רוסלאַנד. זי האָט רוסלאַנד ליב.

זי מוז אַרויספאָהרען מיט איהר מאַן פון רוסלאַנד נאָר דערפאַר, ווייל לעבען ווייטער אין רוסלאַנד איז געווען אוממעגליך. זיי האָבען מיר דערצעהלט, ווי אַזוי זיי האָט זיך געלעבט אַלס אַר־בייטער. ביידע, אי זי, אי דער מאַן, האָבען געאַרבייט אין אַ פאַבריק, און עס האָט זיי געפעהלט דאָס נויטיגסטע, וואָס אַ מענש דאַרף האָבען.

אונזער באַהן איז צוגעקומען צו דער ערשטער פּוילישער סטאַנ־ציע, און מיר האָבען געדאַרפט דאָ נעמען באַהנען אין פאַר־שיידענע ריכטונגען. ווען זיי האָבען זיך מיט מיר געזעגענט, האָבען זיי מיך ווידער עטליכע מאָל געבעטען ענטשולדיגען זיי, וואָס זיי האָבען מיך אָנגענומען פאַר אַ שפּיאָן. „גלויבט אונז“, האָבען זיי געזאָגט, „אַז מיר זיינען אין דעם ניט געווען שולדיג. מיר האָבען ביז איצט געלעבט אין אַ לאַנד, וואו מען האָט מורא איינער פאַר׳ן צווייטען, וואו ביי מענשען איז ניטאָ קיין שום צוטרוי פון איינעם צום אַנדערען, און דערפאַר האָבען מיר אויך אייך אָנ־גענומען פאַר אַ מענשען, פאַר וועלכען מען דאַרף מורא האָבען און זיך היטען“.

אַ סך-הכל פון מיינע איינדרוקען

וואָס די קאָמוניסטען אין רוסלאַנד האָבען געוואָלט טאָן און וואָס זיי האָבען געטאָן. — אַנדערע לענדער ווערען אויפגעבויט, און נאָר רוסלאַנד ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר חרוב. — די פאַרטריבענע רוסישע אינטעליגענץ. — די ליכטיגע צוקונפט פון רוסלאַנד.

ווען איך בין געקומען אין אַמעריקע פון מיין רייזע אין רוסלאַנד, האָט מיין מאַמע געוואָלט הערען אַ גרוס פון איהר שטעטעלע. איך בין געקומען אַ פרייטאָג־צו־נאַכט צו מיינע עלטערן און האָב זיי דערצעהלט ווענען די מענשען, אויף וועמען זיי האָבען זיך נאָכגעפרעגט. קיין זעהר פרעהליכען גרוס האָב איך זיי ניט געקאָנט אָפּגעבען. אַלע זיינען אָרים, האָבען ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבען. זיי זוכען אַרבייט און קאָנען ניט קריגען, און הונגערען. די קינדער האָבען ניט וואו זיך צו לערנען. ניטאָ דער אַמאָליגער חדר, ניטאָ קיין נייע וועלטליכע שול. ניטאָ וואו צו לערנען די קינדער אַן אַרבייט. ווען מיין מאַמע האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט, זאָגט זי צו מיר: „איך פרעג דיך, מיין זוהן, האָט זיך דיר געלוינט אַזויפיל צו זיצען אין די טורמעס, און איך זאָל אויסוויינען מיינע אויגען, פאַר דער צייט אַלט ווערען פון דעם, וואָס מען האָט דיך געשלעפּט פון איין טורמע אין דער צווייטער, ווייל דו האָסט געוואָלט אַראָפּוואַרפען דעם קיסר און איינפיהרען „ציציליזם“? אָט האָט מען איינגעפיהרט אין רוסלאַנד „ציציליזם“, און מענשען לעבען נאָך ערגער, זיינען נאָך אומגליקליכער ווי אַמאָל. פרעג איך דיך, האָט זיך דאָס געלוינט, מיין זוהן?“

שפּעטער האָב איך גערעדט אויף אַ פאַרזאַמלונג וועגען דער לאַגע פון אידען אין רוסלאַנד. איך האָב געשילדערט זייער שרעקליכע נויט, זייער הונגער און פאַרצווייפלונג. איך האָב דערביי ערקלערט, אַז די אידען איז שלעכט, ניט ווייל די רעגירונג וויל ערגער מאַכען די אידישע לאַגע. פאַרקעהרט, די רעגירונג טוט אַלץ וואָס זי קאָן, כדי דעם אידישען אומגליק צו פאַרקלענערען, לייכטער מאַכען די ליידען פון די אידען. אָבער די רעגירונג איז מאַכטלאָז,

די שלעכטע לאגע פון די אידען איז א רעזולטאט פון דעם שרעק־ליכען קאמוניסטישען „עקספערימענט", וואס די באלשעוויקעס ווילען מאכען אין רוסלאנד. פון דעם קאמוניסטישען עקספערימענט ליידט דאס גאנצע רוסישע פאלק, און מעהר פון אלעמען ליידט פון דעם די אידישע באפעלקערונג אין סאוועט־רוסלאנד.

ווען איך האב אפגערעדט, שטעלט זיך אוועק א געגאסע און פרעגט: „געגאסע כאניו, צוליב וואס האט איהר דאס אלץ דער־צעהלט? דענקט איהר ניט, אז מיט דעם שעדיגט איהר די סא־ציאליסטישע באוועגונג פון אמעריקע? אין רוסלאנד האט מען געוואלט איינפיהרען דעם סאציאליזם, און לויט ווי איהר דער־צעהלט, איז דאס א דורכפאל. אבער אייערע צוהערער און לעזער וועלען דערפון דרינגען, אז דער סאציאליזם איז אינגאנצען א דורכפאל".

מיין מאמען איז מיר געווען שווער צו ערקלערען, אז די קרבנות, וואס אונזער דור האט געבראכט אין קאמף מיט דעם רוסישען צאריזם, זיינען ניט געווען אומזיסט. די רעוואלוציע אין רוסלאנד איז נאך ניט קיין פארענדיגטע. ווען איך בין געווען אין רוסלאנד, האב איך געפיהלט אין יעדען ווינקעלע פון רוסישען לעבען, אז די איצטיגע ארדנונג אין רוסלאנד קאן ניט און וועט ניט פארבלייבען. עס איז שווער איצט צו זאגען, צו וואס די ניט־פארענדיגטע רוסישע רעוואלוציע וועט דערגעהן. אין איין זאך בין איך זיכער, אז ביים באלשעוויזם וועט זי ניט פארבלייבען און צוריק צום צאריזם וועט זי ניט געהן.

עס קאן זיין, אז דער ווייטערדיגער וועג פון דער רוסישער רע־וואלוציע וועט זיין א שווערער, אפשר א בלוטיגער. אבער איהר ענדע וועט זיין א באנייטע און פרייע רוסלאנד. און ווער ווייסט, אפשר איז גאר נאהענט די צייט פון דער פרייער און גליקליכער רוסלאנד, ווען אלע לעבעדיגע, אידעאליסטישע כחות וועלען קאנען פריי שמידען דעם גליק פון דעם רוסישען פאלק. דעמאלסט וועט שוין קיינער ניט זאגען, אז די קרבנות, וואס מיר האבען געבראכט אין קאמף מיט'ן צאריזם, זיינען געווען ארויסגעווארפען.

אבער וואס פאר אן ענטפער דארף מען געבען אויף דער פראגע פון געגאסע, צי דארף א סאציאליסט פארשווייגען דאס, וואס קומט פאר אין רוסלאנד, כדי ניט צו שעדיגען דעם סאציאליזם אין אמעריקע?

אויף דעם דאַרף יעדער סאָציאַליסט ענטפערען: ניין, מען טאָר ניט פארשווייגען. פארקעהרט, די, ביי וועמען דער סאָציאַליזם איז טייער, דארפען ערקלערען אַזוי הויך ווי מעגליך, אַז דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט סאָציאַליזם.

אַלץ וואָס די קאָמוניסטען האָבען אין רוסלאַנד געטאָן אין פארלויף פון די עלף יאָהר, וואָס זיי זיינען ביי דער מאכט, איז דער גרעסטער ווידערשפרוך צום סאָציאַליזם. עס קאָן זיין, אַז די קאָמוניסטען האָבען דערביי געהאַט די בעסטע אבזיכטען. עס קאָן זיין, אַז זיי האָבען אויפריכטיג געוואָלט איינפיהרען דעם סאָציאַליזם. אָבער ווען מען וויל איינפיהרען סאָציאַליזם, איז נאָך ווייניג צו האָבען אַ גוטען ווילען, גוטע אבזיכטען. עס דארפען אויך זיין די נויטיגע באַדינגונגען, די רייפקייט אין ארומיגען לעבען, וועלכע זאָלען מעגליך מאַכען צו פארווירקליכען דעם סאָציאַליזם.

אָבער רוסלאַנד איז איצט ניט דאָס לאַנד פאַר דעם.

דריי הונדערט יאָהר איז דאָס רוסישע פאָלק געווען פארשקלאַפט ביים צאַריזם. אַ פאָלק, וואו נאָך איצט קאָנען ניט לייענען און שרייבען 60 פּראָצענט, און ביי וועמען טראָגען שיך און ניט קיין לאַפּטשעס איז נאָך אַ לוקסוס — אַזאַ פאָלק קאָן ניט איבערנאַכט, אויף סטאַלינ'ס אָדער טראָצקי'ס באַפעהל, ווערען דער טרעגער פון דעם העכסטען מענשליכען אידעאַל, פון סאָציאַליזם.

ווען איך בין ארומגעגאַנגען איבער די רוסישע וואָקזאַלען, האָב איך געזעהן ווי טויזענטער פּויערים און ארבייטער קומען אַהין מיט 10 און 15 שטונדען פריהער, איידער זייער באַהן דאַרף אָוועקגעהן, און זיי ליגען אויפ'ן דיל מיט זייערע פרויען און קינדער, בראַקען אויפ'ן פּלאַץ, וואו זיי שלאָפען — אַזאַ פאָלק, וואָס פארמאָגט נאָך ניט די איינפאַכסטע ציוויליזירטקייט און קולטור, קאָן ניט ווערען דער טרעגער פון אַן אָרדנונג, וואָס קאָן נאָר קומען אַלס רעזולטאַט פון העכסטער ציוויליזאַציע און העכסטער מענשליכער קולטור.

דער סאָציאַליזם וועט קומען אין די לענדער, וואָס זיינען טעכניש און אינדוסטריעל הויך אַנטוויקעלט. די אינדוסטריע דאַרף פארנעמען אַ גרויסען פּלאַץ אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט. אָבער רוסלאַנד איז דאָס אָפּגעשטאַנענסטע לאַנד אין אייראָפּע אויף דעם געביט פון פאַבריקאַציע. און קינסטליך קאָן מען אַ לאַנד ניט

אנטוויקלען. די אנטוויקלונג אין רוסלאַנד מוז זיין דורך אַ לאַנג־זאַמען פּראָצעס.

אין זייער קאַמף איינצופיהרען אין רוסלאַנד דעם קאָמוניזם, האָבען די קאָמוניסטען, אין זייער גרויסער פאַרצווייפלונג, אויפ־געבויט אַ שוידערליכע „טשעקא“, און האָבען זיך גענומען מיט די גרויזאַמסטע מיטלען מאַכען דאָס רוסישע פאָלק קאָמוניסטיש.

צעהנדליגער טויזענטער געגנער האָט מען געשאָסען, גרויזאַם געמאַטערט אין די טורמעס, צעהנדליגער טויזענטער האָט מען פאַר־שיקט אין סיביר. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער פאַר־צווייפעלטער לאַגע, אין וועלכער עס געפינען זיך די קאָמוניסטען, ווייל זיי קאָנען אין רוסלאַנד דעם קאָמוניזם ניט איינפיהרען.

אַ סך מענשען פרעגען מיך: „אָבער, גענאָסע כאַנין, מיינען דען ניט די קאָמוניסטען ערנסט גליקליך צו מאַכען דאָס רוסישע פאָלק? טוען זיי דען ניט אַלץ, כדי צו ברענגען סאָציאַליזם אין רוסלאַנד?“

איך גלויב אַז יע. אָבער דאָס ענדערט ניט די לאַגע. דאָס מאַכט דעם לעבען פון די מענשען אין רוסלאַנד ניט גליקליכער. שטעלט אייך פאָר, אַז ביי אייך איז קראַנק געוואָרען אַ קינד, און איהר רופט אַ דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר מאַכט אַ טעות מיט אַ מעדיצין און פאַר׳סמ׳ט אייער קינד. דער דאָקטאָר האָט געוויס ערנסט געוואָלט ראַטעווען אייער קינד, אָבער קאָן דאָס זיין פאַר אייך אַ טרייסט?

דאָסזעלבע איז מיט די קאָמוניסטען אין רוסלאַנד. פאַר די צרות פון רוסישען פאָלק האָבען זיי על פּי טעות פאַרשריבען אַ מעדיצין, פון וועלכען אַ גאַנץ פאָלק ראַנגעלט זיך צווישען לעבען און טויט. אין זיינע אַנגסטען און מאַטערנישען קאָן זיך דאָס פאָלק ניט טרייסטען מיט דעם, וואָס די קאָמוניסטען האָבען געהאַט גוטע אַבזיכטען איהם צו ראַטעווען. וואָס מעהר די קאָמוניסטען ווילען איהם ראַטעווען, אַלץ אין אַ גרעסערן אומגליק פיהרען זיי איהם אריין.

זיי ווילען איינפיהרען קאָמוניזם אין דאָרף, פאַרזייען ניט די פּויערים די פעלדער. איז ניטאָ קיין ברויט, און דאָס לאַנד הונגערט.

זיי האָבען נאַציאָנאַליזירט די שוואַכע שטאָטישע אינדוסטריע, וואָס קוים וואָס זי האַלט זיך, ארבייט מען אויף דעפיציטען, און דער אויסגעאַרבייטער ארטיקעל קאָסט בראַנד־טייער.

זיי האָבען נאַציאָנאַליזירט דעם האנדעל, זיינען אלע קראָמען אין רוסלאַנד ליידיג, און די באַפעלקערונג געהט ארום באָרוועס און נאַקעט.

פאַר די עלף יאָהר פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט אין רוסלאַנד האָבען זיי נאָך ביז איצט ניט געפונען קיין באַשטימטען וועג, וואָס זאָל זיי ארויספיהרען פון דעם פאַר'כשופ'טען קרייז, אין וועלכען דאָס לאַנד געפינט זיך. דאָס, וואָס מען האָט געטאָן נעכטען, ערקלערט מען פאַר א דורכפאַל און א טעות היינט. די טאָג־טעגליכע טעות'ן מאַכען דאָס לעבען ניט בעסער, נאָר ערגער. אַלע לענדער אין אייראָפּע האָבען זיך זינט נאָך דער מלחמה אויפ־געבויט, זיי זיינען שוין לאַנג ארויף אויף דעם וועג פון א נאָרמאַלען לעבען. דאָס איינציגע לאַנד, וואָס מאַטערט זיך, וואָס ווערט ניט געבויט, נאָר ווערט אַלץ מעהר חרוב, איז רוסלאַנד.

די גרויסע און צאָהלרייכע רוסישע אינטעליגענץ האָט נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע זיך א נעם געטאָן מיט פאַראייניגטע קרעפטען צו אנטוויקלען, קולטורעלער מאַכען דעם שרעקליך אָפּגעשטאַנענעם, פאַרפינסטערטען רוסישען פאָלק, סיי אין דאָרף, סיי אין שטאָט. וואָס האָבען די רוסישע קאָמוניסטען געטאָן?

זיי האָבען פאַרטריבען פון לאַנד די רוסישע אינטעליגענץ, וועלכע האָט פאַר דעם לאַנד געקאָנט זיין אזוי ניצליך, וועלכע האָט געקאָנט מיטהעלפען ארויסצופיהרען דאָס רוסישע פאָלק אויפ'ן ברייטען וועג פון פרייער אנטוויקלונג און מאַכען איהם פאַר א וויכטיגען מיטקעמפער צווישען די אייראָפּעאישע פעלקער פאַר'ן אלגעמיינעם מענשליכען גליק.

ווען איך בין געווען אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, פוילען און אנדערע לענדער, האָב איך אומעטום באַגעגענט די אידעאַליסטישע רוסישע אינטעליגענץ, וואָס איז פון די באָלשעוויקעס פאַרטריבען געוואָרען פון רוסלאַנד. די פאַרטריבענע רוסישע אינטעליגענץ געהט אוים פאַר בענקשאַפט נאָך איהר לאַנד, נאָך איהר היים. זיי וואָלטען געקאָנט זיין א גליק פאַר'ן לאַנד. און ווער פון דער רוסשיער אינ־טעליגענץ איז פון רוסלאַנד פאַרטריבען געוואָרען? אלע! דער דאָקטאָר, דער לעהרער, דער אינזשעניר, דער וויסענשאַפטסמאַן, דער געשולטער פּאָליטיקער, דער בעלעטריסט, דער פעהיגער זשור־נאַליסט — אלע, אלע!

ווען מען באַזוכט רוסלאַנד, פיהלט מען דאָרטען דעם גרויסען

מאנגעל אין אינטעליגענטע קרעפטען. די באָלשעוויקעס האָבען געוואָלט אויף גיך שאַפען אַן אייגענע באָלשעוויסטישע אינטעליגענץ. וואָס האָט זיך פון דעם באַשאַפען? טאַלאַנטלאָזיגקייט, מיטעלמעסיגקייט. פון די יונגע באָלשעוויסטישע „געלעהרטע“, „אַקאַדעמיקער“, לאַכט מען אין די הויפענס. וועה איז צו אַ לאַנד, וואו ניקאָלאַי הורוויטש (דער זוהן פון דעם פאַרשטאָרבענעם יצחק אייזיק הורוויטש), אויף וועמען מען פלעגט אמאָל אין ניו־יאָרק זאָגען, אַז ער איז דער קליינער זוהן פון אַ גרויסען טאַטען, ער דאַרף זיין אַ פּראָפעסאָר אין כאַרקאָווער אוניווערזיטעט. און דער אָנגעזעהענער אַלטער געלעהרטער, פּ. מיליוקאָוו, דאַרף זיין אין גלות!

וועה איז צו אַ לאַנד, וואו מיטעלמעסיגקייט זיצט און פאַרוואַלטעט אַזאַ גרויס ריזיג לאַנג, און אַ וויקטאָר טשערנאָוו דאַרף זיין פון זיין לאַנד פאַרטריבען!

ניין, דאָס, וואָס מיר זעהען אין רוסלאַנד, איז ניט קיין סאָציאַליזם. דאָס איז אַ ווילדע, גרויזאַמע אַזיאַטישע דיקטאַטור, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט.

די סאָציאַליסטען פון אייראָפּא און אַמעריקע דאַרפען דאָס אַרויסזאָגען פאַר דער וועלט אַזוי שאַרף ווי מעגליך, כדי קיינער זאָל ניט קאָנען זאָגען, אַז דאָס איז דער סאָציאַליזם דורכגעפאַלען אין רוסלאַנד. די שונאים פון סאָציאַליזם ווילען פאַר'מיאוס'ן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון דער וועלט, ווייזען זיי אָן אויף רוסלאַנד, — אָט, זעהט, וואָס פאַר אַן אונזין סאָציאַליזם איז! וואָס פאַר אַ דורכפאַל! די סאָציאַליסטען מוזען אָראָפּוואַרפען פון זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די קאָמוניסטישע „אויפטואונגען“ אין רוסלאַנד.

און אַ גרויסען טעות מאַכען די, וואָס דענקען, אַז דאָס, וואָס איך האָב דערצעהלט וועגען רוסלאַנד, ברענגט שאָדען דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אַמעריקע. איך גלויב, אַז פאַרקעהרט. עס איז אַ גליק, וואָס דער פאַשיזם אין איטאַליען ווערט ניט צוגעשריבען צו אונזער חשבון, אַלס אַ לייבליכער קרוב אונזערער. עס איז אונזער אומגליק, וואָס דער באָלשעוויזם אין רוסלאַנד ווערט יאָ צוגעשריבען אויפ'ן חשבון פון סאָציאַליזם. מיר מוזען דעם טעות פאַרריכטען. מיר מוזען זיך פון דעם קאָמוניזם אָפּטרייסלען.

פאָהרענדיג איבער אייראָפּע, האָב איך געזעהן לענדער, וואו

דער סאָציאַליזם ווערט אַ פאַקט אין לעבען פון פאָלק. אפילו אין דער זעהר אָפּגעשטאַנענער פוילען האָב איך געזעהן דעם וואוקס פון אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע וועט מיט דער צייט רייף ווערען, און לאַנגזאַם, אָבער מיט זיכערע טריט געהן צום סאָציאַליזם.

אין דייטשלאַנד וואַקסט דער ארבייטער־קלאַס אין זיין קולטור־רעלער אַנטוויקלונג, און זיין פּאָליטישער באַוואוסטזיין דערהויבט איהם צו אַ הויך, וועלכע וועט איהם מאַכען פּאַסיג איבערצונעמען דאָס לאַנד און איינצופיהרען אַ סאָציאַליסטישע פאַרוואַלטונג.

איהר מעגט זיין ניט איינפאַרשטאַנען מיט אַלץ, וואָס די דייטשע סאָציאַליסטען טוען. זיי מעגען מאַכען אפילו גרויסע טאַקטישע טעות'ן. אָבער זייער סאָציאַליסטישער באַוואוסטזיין וואַקסט.

אין דער קליינער בעלגיע, וועלכע האָט אַזוי שטאַרק געליטען פון קריג, איז ריזיג אויסגעוואַקסען די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיווען אין בעלגיע האָבען זיך אַנטוויקעלט צו אַזא הויך, אַז זיי קאָנען קאָנקורירען מיט פּריוואַט־קאַפּיטאַל. אין בעלגיע וועט קיינער ניט וואַגען צו זאָגען, אַז די ארבייטער זיינען שלעכטע פאַרוואַלטער. אין בעלגיע איז דאָ אַ שטאַרקע פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, און ווען די צייט וועט קומען, וועלען דער בעלגישער, דייטשער און ענגלישער ארבייטער זיין צוגעגרייט צו פאַרוואַלטען זייערע לענדער, און לאַנגזאַם זיי פיהרען צו אַ סאָציאַליסטישען זיג.

איך זאָג „לאַנגזאַם". נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג ניט געשאַפען געוואָרען אין איין טאָג. זי האָט זיך געדאַרפט לאַנגזאַם אַנטוויקלען צו דער היינטיגער הויך, כדי זי זאָל זיך אַליין איבערלעבען.

די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד האָבען געדאַרפט שאַפען נייע מעגליכקייטען איינצופיהרען לאַנגזאַם דעם סאָציאַליזם. אָבער דער באָלשעוויזם אין רוסלאַנד האָט דאָס געשטערט. דער באָלשעוויזם האָט ניט געלאָזט אויסנוצען די מעגליכקייט, וואָס איז געשאַפען געוואָרען פאַר די ארבייטער פון אייראָפּע.

די באָלשעוויסטישע חלומות האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ וועלט־אַוואַנטיורע. און דאָס האָט געבראַכט אומגליקען ניט נאָר פאַר'ן רוסישען ארבייטער, נאָר אויך פאַר די ארבייטער פון דער

גאַנצער וועלט. אויף דעם געלט פון אָרימען, אומגליקליכען פאָלק פון רוסלאַנד האָט מען געפּרואווט מאַכען רעוואָלוציעס אין דייטש־לאַנד, האָט מען געשפּאָלטען די אַרבייטער־באַוועגונג פון דער וועלט, און אַנשטאַט איינינקייט האָט מען געטראָגען האַס.

יע, האַס! איהר דאַרפט זיין אין רוסלאַנד און זעהן, וויפיל האַס די באָלשעוויקעס האָבען איינגעפלאַנצט אין רוסישען פאָלק צו די איבריגע פעלקער פון דער וועלט!

דאָס פאָלק פון רוסלאַנד האָט ניט קיין ברויט. זיינען אין דעם שולדיג ענגלאַנד, אַמעריקע, דייטשלאַנד און אַלע אַנדערע פעלקער,

ניטאָ אין רוסלאַנד קיין שטיוועל, קליידער, הערינג, נאָדלען, טשוועקעס. דאָס פאָלק איז פאַרצווייפעלט, געהט אַרום איבער די געשעפטען פאַרביטערט, צורייצט ווי אַ ווילדע חיה. ווער איז שול־דיג אין דעם? אייראָפּע און אַמעריקע. אַזוי זאָגען די קאָמוניס־טישע רעדנער.

אמת, מען זאָגט ניט, אַז דאָס פאָלק פון דייטשלאַנד אָדער ענגלאַנד איז שולדיג אין דעם אומגליק פון רוסלאַנד. מען זאָגט, אַז די דייטשע און ענגלישע בורזשואַזיע איז שולדיג, ווייל זי וויל ניט געבען קיין הלוואות דער סאָוועטען־רעגירונג. שולדיג אין דעם אומגליק פון רוסלאַנד, — שרייבען די רוסישע קאָמוניסטישע צייר־טונגען, — זיינען די געלע סאָציאַליסטען, ווייל זיי האָבען געשטערט די וועלט־רעוואָלוציע. דאָס זיינען אָבער אַלץ פּשט'לאַך, וואָס דאָס פאָלק פאַרשטעהט אַנדערש. דעם רוס האָט מען איינגערעדט, אַז אין זיין אומגליק איז שולדיג אויסלאַנד. ביי דעם אָפּגעשטאַנענעם רוסישען פויער און אַרבייטער איז אויסלאַנד — דער ניעמעץ (דייטש), דער אַגליטשאַנין (ענגלענדער), און אַז. וו.

און דערפאַר האָט זיך ביי דעם רוסישען פאָלק אָנגעזאַמעלט אַזויפיל האַס צו די איבעריגע פעלקער פון אייראָפּע.

די קאָמוניסטען האָבען אפשר טאַקע געוואָלט פריידיגען פעל־קער־פאַרברידערונג, אָבער באַקומען האָט זיך פון דעם אַ טיפער און פאַרביטערטער האַס צו דער גאַנצער וועלט. די קאָמוניסטען האָבען געוואָלט איינפיהרען אין רוסלאַנד קאָמוניזם, און באַקומען האָט זיך אַ שרעקליכע קאַריקאַטור.

וואָס שנעלער די באָלשעוויקעס וועלען אָפּטרעטען פון דער רוסישער רעגירונג, אַלץ געזינטער וועט זיין פאַר דעם סאָציאַליזם פון דער וועלט, און אַלץ בעסער און געזינטער וועט זיין פאַר דעם

סאָציאַליזם אין רוסלאַנד. רוסלאַנד וועט אויפהערען צו מאַטערען זיך אונטער דעם קאָמוניסטישען עקספּערימענט, און וועט פאַר־היילען די וואונדען, וואָס דער צאַריזם און איצט דער באָלשעוויזם האָבען געמאַכט דעם רוסישען פאָלק.

רוסלאַנד מוז ווערען א פריי לאַנד. זי מוז צוריקבריינגען פון אייראָפּע און אַמעריקע די צוזייטע און צושפרייטע אינטעליגענץ, וועלכע זאָל העלפען בויען א פרייע רוסלאַנד און אַנטוויקלען א פריי רוסיש פאָלק.

רוסלאַנד איז גרויס און רייך אין נאַטור־אוצרות, און די רוסישע נשמה בענקט אזוי שטאַרק נאָך א בעסערען, פרייערען לעבען.

רוסלאַנד האָט נאָך איהר לעצטען וואָרט ניט געזאָגט.

רוסלאַנד וועט נאָך ווערען א פריי לאַנד צווישען די פרייע לענדער פון דער וועלט.